STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03517

PETERZAYL BUKH

Jacob Peterzeil

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעטערזייל־בוך

פעטערזייל בוך

רעדאַגירט: י. זרובבל

פאַרלאַג י. ל. פרץ
ישראל
1963

Peterzail Buch

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

פעטערזייל־בוך
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח' אַלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי", ת"א, טל. 32062

דעם אָנדענק פון אֶליאַ פּעטערזייל —

אויסגעהויכט איר אָטעם דעם 13טן מאַי 1963

דאָס פּעטערזייל־בוך איז שוין געווען אין גאַנצן אויס־געזעצט און אפילו געשטעלט. גרייט צום דרוק. מיר האָבן געיאָגט די לעצטע צייט, ווייל אינצווישן איז קראַנק געוואָרן די פרוי פון יעקב פּעטערזייל, זיין לעבנס־באַגלייטערין אֶ ל י אַ. זי איז געווען אין אַ מסוכנדיקן צושטאַנד, און מיר האָבן געוואָלט זי זאָל זען דאָס פּאַרטיקע בוך, וואָס דער־ציילט כאָטש עטוואָס וועגן איר נאָענטן און טייערן חבר יאַשאַ. זי האָט אינסטינקטיוו די לעצטע חדשים זיך געאיילט, געוואָלט דאָס בוך זאָל דערשיינען וואָס פריער, הגם זי אַליין האָט פונדעסטוועגן געזאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל אַריינ־קומען נאָך און נאָך אַן אַרטיקל, וואָס גיט־צו אַ נייעם שטריך צו יאַשעס פּאָרטרעט, צו זיין כאַראַקטעריסטיק.

זי אַליין האָט געזאַמלט פּרטים פון אומעטום כדי אַרויס־צוברענגען זיין ביאָגראַפיע ווי מעגלעך פולער, עס זאָל רעליעפער אַרויסקומען די פיגור פון דעם ענטוזיאַסטישן, גלויביקן, דינאַמישן טוער פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין פאַרשידענע פאַזן פון זיין טעטיקייט אין כלערליי אומשטענדן און צייטן.

ס׳איז איר נישט באַשערט געווען. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם, און זי איז אויסגעגאַנגען ווען די קאָרעקטור־בלעטער זענען איר געבראַכט געוואָרן.

האַלטן די אַרויסגעבער, אַז זיי וועלן טאָן אָליען איר רעכט און באַשיינען דאָס פּעטערזייל־בוך דערמיט, וואָס זיי וועלן אים ווידמען דער נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגענער אָליען. מיר טוען עס מיט טיפן ווייטיק און מיט אַכטונג צו איר אָנדענק.



יעקב פאטערזיין

פון די אַרויסגעבער:

מיט אַ פאַרדריסלעכער פאַרשפּעטיקונג ברענגען מיר פאַר חברים און פריינט פון פאַרשטאָרבענעם חבר יעקב פּעטערזייל — דאָס פּעטערזייל־בוך.

מיר האָבן געוואָלט געבן אַ ווי ווייט מעגלעך פול בילד פון דעם ליבלינג פון דער באַוועגונג, וואָס האָט פון דער פריסטער יוגנט זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש די שליחותן, צו וועלכע די באַוועגונג האָט אים יעדעס מאָל באַשטימט.

מיר האָבן געבראַכט אַן אויסוואַל פון זיינע אַרטיקלען. ליידער האָט ער נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצוגעבן ווי געהעריק זיין פּובליציסטישער טעטיקייט און נאָר זעלטן איז אים געלונגען אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר זיינע געדאַנקען און מיינונגען. האָבן מיר דאָ געבראַכט בלויז געציילטע, וואָס כאַראַקטעריזירן זיין גרונט־איינשטעלונג און שרייבערישן טעמפּעראַמענט.

מיר האָבן געגעבן אינעם בוך אַ גרעסערע צאָל בריוו פּעטערזיילס, ווייל זיי זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. אין די בריוו איז ער אינגאַנצן מיט זיין אימפּולסיווער נאַטור, פולבלוטיקייט און זעלטענער חברישער איבערגעגעבנ־קייט. אים אינטערעסירן „קלייניקייטן" אין דעם חברס פּריוואַטן און פאַמיליע־לעבן. ער ווייזט אַרויס די גרעסטע זאָרג פאַר דעם חברס געזונט־צושטאַנד, מאַטעריעלער לאַגע און פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי און אין דער געזעלשאַפט. פּעטערזייל האָט ליב געהאַט די פּאַרטיי און ליב געהאַט דעם חבר אידעיש און עמאָציאָנעל. ער האָט ליב געהאַט צו שרייבן, ווייל אין די בריוו האָט ער געגעבן אַ פולערן אויסדרוק זיין אייגענער נאַטור, זיינע נייגונגען און אייגנשאַפטן. מיר האָבן באַוויזן צונויפצוברענגען בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין ברייט צעשפּרייטער קאָרעספּאָנדענץ. אָבער אויך אָט די בריוו צו פאַרשידענע חברים אין פאַרשי־דענע תקופות ברענגען אַרויס דעם פילפאַרביקן נשמה־מענטש און זיין אַקטיווע רעאַגירונג אויף יעדע דערשיינונג אין דער פּאַרטייאישער און אַלגעמיינער ווירקלעכקייט. זיין קאָרעספּאָנדענץ אָטעמט מיט פּאָליטישער לופט און פּאַרטיי־אישער אַטמאָספער. דאָ שפּירט מען ממש אין יעדער שורה די דינאַמישע נאַטור פון דעם אויסגעהאַלטענעם יידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס שטייט אומאויפהערלעך

מיט בײדע פיס אין דער געדיכטעניש פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געשעע־נישן, און בלײַבט נישט גלײַכגילטיק צו קײן שום ריר און קער אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

לסוף האָבן מיר געבראַכט אַן אָפּקלײַב פון אַרטיקלען — אָפּשאַצונגען וועגן דעם נפטר. חברים און פרײַנט פון פאַרשידענע ריכטונגען און אידעאָלאָגישער אײַנשטעלונג האָבן מיטגעאַרבעט מיט פּעטערזײַלן און זיך מיט אים געטראָפן אויף דער בינע פון פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכקייט. נישט אַלץ וואָס איז וועגן אים געשריבן געוואָרן האָבן מיר געקאָנט קריגן. אָבער אויך דאָס געזאַמלטע מאַטעריאַל איז גענוג אויסצוקריסטאַליזירן די הויפּט־שטריכן פון פּעטערזײַלס כאַראַקטער, פון זײַן באַציאונג צו דער אַרבעט, צו מענטשן און צו דעם ייִדישן פּראָבלעם וואָס האָט אים גײַסטיק און פּסיכיש באַשעפטיקט אין זײַן קורץ איבערגעהאַקטן לעבן.

פּעטערזײַל איז צו פרי אַוועק פון אונדז. אָבער זײַן אָנדענק איז געבליבן פריש און וועט לאַנג, לאַנג זײַן אויפגעהיט אין די הערצער פון די וואָס האָבן אים געקענט אָדער לפּחות וועגן אים און זײַן טעטיקייט געהערט.

זיין לעבן -
אָפּשאַצונגען און זכרונות

אַליאַ

זיין לעבנס-גאַנג

אין פאַמיליע-קרייז

יעקב (יאַשעק) איז געבוירן געוואָרן דעם 19טן יוני 1899 אין דער פּוילישער פאַבריק-שטאָט לאָדזש. זיין פאָטער, דוד פּיעטרושקאַ-פּעטערזייל, איז געווען אַ לאָדזשער, און דאָרט האָט געלעבט די משפחה.

יאַשעקס מוטער, אסתר קאָוואַרסקי, האָט געשטאַמט פון דעם ליטווישן שטעטל סוועניציאַן. זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פאַרטרעטונג-געשעפט פון טעקסטיל, אַ סך אַרומגעפאָרן, באַזוכט קונים אין פּוילן און רוסלאַנד.

אין לאָדזש איז יאַשעקס מוטער קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און דאָן געפּאָרן היילן די לונגען קיין סוועניציאַן. אָבער די פרישע לופט און די וועלדער אַרום סוועניציאַן האָבן נישט געקאָנט גובר זיין איר קראַנקהייט. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 28 יאָר, איבערלאָזנדיק דריי קינדער, פון וועלכע יאַשעק, דער בכור, איז אַלט געווען אַכט יאָר. אין איינעם פון זיינע בריוו דערציילט ער, ווי ער האָט זיך צעוויינט אין שול ביים זאָגן צום ערשטן מאָל קדיש.

נאָך דער מוטערס פריצייטיקן טויט פלעגן די דריי קינדער אָפט קומען אויף זומער צו זייערע באָבע-זיידע קיין סוועניציאַן. ביי יאַשעקן זענען פאַרבליבן אויף שטענדיק די וואַרעמסטע דערינערונגען וועגן באָבע-זיידע און וועגן סוועניציאַן בכלל. די פרוכט און אוגערקעס פון זיידנס גאָרטן האָבן איבערגעלאָזט אין זיין זכרון אַ ספּעציעלן טעם. דער זיידע — אַ ייד אַ משכיל — האָט יאַשעקן געלערנט יידיש, געווען נתפּעל פון זיינע פעיקייטן און שטאָלצירט מיטן אייניקל. פון יענע צייטן שטאַמט יאַשעקס צוגעבונדנקייט צו יידיש און זיין ליטווישער אַקצענט. אין זיין היים אין לאָדזש האָט מען גערעדט פּויליש.

בלייבנדיק אַ יונגער אַלמן מיט דריי קינדער, האָט יעקבס פאָטער חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי, און געוווינט אין לאָדזש אויף ווידזעווסקאַ-גאַס (קילינסקי-גאַס) 61. זיין שוואָגער און אַרבעטסגעבער — חייקל יאַנאָווסקי — איז געווען אַ סוחר, אָבער אויך אַ קונסט-ליבהאָבער און מעצענאַט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק, געווען דער גרינדער פון דעם לאָדזשער געזאַנג-פאַראיין „הזמיר", אין זיין דירה פלעגן אָפט פאָרקומען קאָנצערטן. זיין הויז האָט זייער פיל געווירקט אויף יאַשעקס אַנטוויקלונג. אגב, צו זיין ביבליאָטעק פלעגט יאַשעק האָבן אַ פרייען צוגאַנג.

די שול־יאָרן

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די משפּחה פּעטערזייל געלעבט מאַטעריעל נישט שלעכט. זיין צווייטע מוטער האָט געזאָרגט פאַר די קינדער, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין שולן. יעדן זומער פלעגט די פאַמיליע אַרויספאָרן אויף דאַטשע ביי לאָדזש.

יאַשעק האָט זיך גוט געלערנט אין אַ פּריוואַטער פּויליש־רוסישער גימנאַזיע „בראַונס" און זייער פיל געלייענט אין רוסיש און פּויליש. ער פלעגט זיך צוכאַפּן צו די וואָכן־און חודש־זשורנאַלן, וועלכע זיין פאָטער האָט פאַר אים אַבאָנירט.

בעת די זומער־וואַקאַציעס פלעגן די קינדער און חברים־חברות אָפט שפּילן טעאַטער. יאַשעק האָט שטענדיק גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, אַליין געשריבן קאָמעדיעס, מאָנאָלאָגן, געשפּילט, דעקלאַמירט און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג ביי די צושויער.

בעת יאַשעק איז אַלט געוואָרן 12 יאָר האָט דער פאָטער געדונגען פאַר אים אַ לערער פון עברית. אָט איז אַן אויסצוג פון אַ בריוו פון דעם לערער שימשעלעוויץ צו יאַשעקן קיין סווענציאַן.

„משער אני את תענוג אבותיך הזקנים בראותך, יקירי, בתור אדם מעולה, אשר (סלח נא לי, כי אין מהללים אדם בפניו) כל המדות הטובות, שמנו חכמים באדם הגון הנן בך, יקירי, ועל בד רוחק הנדיבה, לבך הטוב, שקידיך ללמודים, זרק אלהים בנשמה יהודית לאהב את עמנו ושפתנו ואת כל היקר לנו. ואף כי תלמיד גמנזיה לא יהודית אתה, הצלחת בחריצותך הכבירה ללמוד את שפתנו, ועוד תוסיף להשתלם בה, ירבו כמוך בישראל לתפארת ולהצלחת עמנו. יברך ה׳ אותך לעלות על במת המדע והשכלה ואחרי כן גם על במת ההצלחה".

(„איך בין זיך משער דעם פאַרגעניגן פון דיינע באָבע־זיידע ווען זיי געפינען אין דיר, מיין טייערער, אַלע מעלות טובות, וועלכע די חכמים האָבן אויסגעפונען ביי אַן אָנשטענדיקן מענטשן. און אַחוץ דעם אידעלן גייסט, דיין גוט האַרץ, דיין פלייסיקייט אין למודים, האָט דיך ג׳ באַשאָנקען אויך מיט אַ יידישער נשמה, ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און זיין שפּראַך און אַלץ וואָס עס איז אונדז טייער. און כאָטש דו ביסט אַ שילער אין אַ נישט־יידישער גימנאַזיע, האָסטו באַוויזן, אַ דאַנק דיין התמדה, זיך אויסצולערנען אונדזער שפּראַך און דו וועסט זיך נאָך פאַר־פולקאָמען אין איר. זאָלן זיך מערן אַזוינע ווי דו ביי יידן, צום רום און דערפאָלג פון אונדזער פאָלק. זאָל ג׳ דיך בענטשן, אַז דו זאָלסט שטייגן אויף די הויכן פון וויסנשאַפט און בילדונג און שפּעטער אויף די הויכן פון גליק").

ד"ר הערצלס צענטער יאָרצייט איז אויסגעפאַלן זומער 1914. דער 15יאָרי־קער יאַשעק האָט אָרגאַניזירט אין סווענציאַן אַ טרויער־אַקאַדעמיע און געזאַמלט

די מוטער — עמאַ קאָוואַרסקי־פּעטערזייל

געלט פאַר ארץ־ישראל. צו יענער צייט האָט ער געגרינדעט אין לאַנד אַ ליטע־ראַרישן גימנאַזיע־קרייז, אין וועלכן מ׳האָט געלייענט און דיסקוטירט ציוניסטישע ליטעראַטור. עס איז נאָך פאַראַן יאַשעקס אַ העפט פון יענער תקופה מיט זיינע דראַמעס, מאָנאָלאָגן און אַרטיקלען אין עברית און רוסיש. אין איין אַרטיקל פּאָלעמיזירט יאַשעק מיט דעם פּאָלטאַוור רב עקיבא ראַבינוביץ, דעם מזרחי־דעלעגאַט צום צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער רב האַלט, אַז ציוניזם דאַרף האָבן נאָר עקאָנאָמישע צילן; יעדע קולטור־טעטיקייט איז איבעריק און שעדלעך, ווייל זי באַדראָט די רעליגיע און שאַפט „קינסטלעכע יידן". עס איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער געפיל אויסער דער נאַציאָנאַלער רעליגיע.

אויף זיין וועג קיין באַזעל האָט הרב רבינוביץ זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע, כדי צו באַטייליקן זיך אין אַ צוגרייטונגס־קאָנפערענץ פון די רוסלענדישע ציוניסטן. צוזאַמען מיט נאָך 9 רבנים האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ ועד רבנים, פאַרשטייער פון אַלע לענדער. און נאָר דער ועד רבנים זאָל האָבן די קאָמפּעטענץ אָנצופירן מיטן גייסטיקן לעבן פון יידישן פאָלק.

יאַשעק פּאָלעמיזירט מיט דעם מזרחי־רב. ער שרייבט, אַז „די ציוניסטן האָבן קיינמאָל נישט באַדראָט די רעליגיע. און אויב די רבנים באַטראַכטן פאַרן גייסט פון פאָלק די אַלע קליינע חוקים, מצוות און איינגעשטעלטע מנהגים, זענען נישט די ציוניסטן קעגן די רבנים, נאָר דאָס לעבן אַליין"... „דער זין פון לעבן איז נישט אָפּצוהיטן די שוין פאַרגליווערטע לעבנס־פאָרמען, נאָר אין זיין עצם־אַנטוויקלונג".

אין איינעם אַ זומער האָט יאַשעק געשאַפן אויך אין סווענציאַן אַ ליטעראַרישן יוגנט־קרייז, דאָס רוב מיידלעך, אַלע כמעט עלטער פון אים. צו יענער צייט זענען די שילער פון די לאָדזשער גימנאַזיעס געווען שטאַרק אויפגערעגט. דעם 3טן מאַי — אין יאָרטאָג פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע — זענען די פּוילישע גימנאַזיסטן געגאַנגען אין די קלויסטערס און די יידישע אין די בתי־מדרשים. דאָרט האָבן די יידישע שילער אָנשטאָט צו זינגען דעם פּוילישן הימן, געזונגען „התקוה". דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל און איין שילער האָט מען אַלס שטראָף באַזייטיקט פון דער פּאַביאַניצער גימנאַזיע. יאַשעקס אַ חברטע דערציילט, אַז די אויפגערעגטע שילער פון פאַרשידענע שולן זענען געגאַנגען צו יאַשעקן זיך באַראַטן. צום סוף האָט נאָך אַ שילער שוין אַליין פאַרלאָזט אַלס פּראָטעסט די פּאַביאַניצער גימנאַזיע.

בעת יאַשעק איז געווען אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע, האָט ער אָרגאַניזירט דאָס יוגנט־הויז. עס איז געווען אָנהייב 1917, ערב דער רוסישער רעוואָלוציע. אין קלוב זענען געקומען נישט נאָר שילער, נאָר אויך סטודענטן. עס האָבן זיך געפירט הייסע דיסקוסיעס — יאַשעקס שוועסטער געדענקט נאָך זיין פייערדיקע דערעפענונגס־רעדע. דעם יוגנט־הויז האָט יאַשעק אָפּגעגעבן זייער פיל צייט און

ענערגיע און דערפאַר באַצאָלט מיט זיין מאַטורע, — ער איז דורכגעפאַלן אויף זיין עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק.

אין פוילישן מיליטער

אין יאָר 1919 איז יעקב געוואָרן מאָביליזירט אין מיליטער פון דעם אומ־אָפּהענגיק געוואָרענעם פוילן. צוליב זיין קורצזיכטיקייט האָט מען אים צוגעטיילט צו אַ פאַרבינדונגס־אָפּטיילונג, ווו ער האָט געשלעפּט שווערע שפּולן טעלעפאָן־דראָט און פאַרלייגט טעלעפאָן־ליניעס. ער איז געווען אין מיליטער 2 יאָר און אַכט מאָנאַטן. אינצווישן — אין 1920 — איז אויסגעבראָכן דער פויליש־סאָוויע־טישער קריג. יאַשעקס אָפּטיילונג איז געשטאַנען אין מינסק. ער האָט שוין דעמאָלט געהערט צו די לינקע פועלי־ציון, נאָך פאַרן מיליטער איז ער אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען אין נאָמען פון זיין פאַרטיי. ער האָט דאַן געגלייבט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט ברענגען אין איר אַנטוויקלונג די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייאונג פאַר אַלע פעלקער און בתוכם אויך פאַרן יידישן פאָלק. זיין גלויבן איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַבסטראַקטע טעאָריע — געדאַנק און טאָט זענען לויט אים געווען איינס. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַ גרופּע פון ציווילע און זעלנער, וועמענס אויפגאַבע איז געווען צו העלפן דער רויטער אַרמיי. אין יאָר 1921 איז יעקב געוואָרן דעמאָביליזירט.

אין וואַרשע

נאָכן צוריקקומען פון מיליטער באַזעצט זיך יעקב אין דער פוילישער הויפּטשטאָט. ער פאַרשרייבט זיך אין דער „וואָלנאַ וושעכניצאַ פּאָלסקאַ" — אַ הויכשול מיט אַ מער ליבעראַלן גייסט, ווי דער מלוכה־אוניווערזיטעט, און שטו־דירט סאָציאָלאָגיע. די מאַטעריעלע לאַגע אין זיין משפּחה האָט זיך פאַרערגערט. יעקבן קומט צו הילף זיין עברית־קענטעניש. ער געפינט אַ צימערל, גיט פּריוואַטע לעקציעס. דאָס דירה־געלט פאַרשלינגט אָבער דעם רוב פון זיינע פאַרדינסטן. ער טראָגט נאָך אַלץ זיין מיליטערישן שינעל, שפּעטער — אַ געצונצטן ברוינעם מאַנטל מיט זיין סטודענטן־היטל. זיין הויפּט־שפּייז איז ברויט מיט גענדזן־שמאַלץ, וואָס מען שיקט פון דער היים. עלטערן פון זיינעם אַ חבר לאַדן אים איין פון צייט צו צייט אויף אַ מיטאָג. די לאַגע ווירקט אָבער נישט אויף זיין גוטער שטימונג. זיין אַרבעטס־טאָג איז אויסגעפילט, איינגעטיילט צווישן דער „וושעכ־ניצאַ" און דער אַרבעטער־היים אויף קאַרמעליצקע 23. ער באַטייליקט זיך אין דעם פּאָליטישן לעבן פון די סטודענטן, שרייבט אַרטיקלען אין דער „טריבונאַ

אַקאַדעמיצקאַ״, טרעט אָפּט אַרויס אויף מיטינגען. אין היץ פון אַ דיסקוסיע אויף אַ בונדישן מיטינג, צערייסט מען אויף אים זיין „באַרימטן״ מאַנטל. יעקב ברענגט פון זיך אַרויס אַזויפיל ענערגיע, אַז אין אָוונט שלאָפט ער אָפּט איין זיצנדיק אויף אַ שטול.

נאָך איידער מיר האָבן זיך באַקענט, פלעג איך זיך צוזאַמענטרעפן מיט אַ גרופּע לינק־געשטימטע סטודענטן און סטודענטקעס און פון זיי האָב איך אָפּט געהערט דעם נאָמען „יאַשעק פּיעטרושקאַ״. צוליב דעם נאָמען און זייערע סודותדיקע רייד האָב איך זיך פאַרגעשטעלט עפּעס אַ פּוילישן אונטערערדישן רעוואָלוציאָנער. גרויס איז געווען מיין פאַרוווּנדערונג, ווען איך האָב פאַר זיך דערזען שפּעטער אַ טיפּיש־יידישן בחור, וועלכער פלעגט אַזוי האַרציק און הילכיק לאַכן פון יעדער קלייניקייט.

זייענדיק טעטיק אין דער יידישער אַקאַדעמישער „סטוזשעכאַ אַקאַדעמיצקאַ״, פאַרט יאַשעק אין יאָר 1924 אַלס דעלעגאַט קיין בערלין צום אַלוועלטלעכן יידישן סטודענטן־קאָנגרעס.

זינט 1924 לעבן מיר צוזאַמען. יעקב ווערט אַ לערער אין די „ציש״א״־שולן. נאָך זיין צוריקקער פון בערלין, באַמיט ער זיך וועגן אונדזער עליה קיין ארץ־ישראל.

אונדזערע ביידנס משפּחות זענען געווען שטאַרק קעגן. אָבער מיר רייסן ביידע איבער אונדזערע שטודיומס און פאָרן אַוועק. יעקב לעבט דאָך מיט באַראָכאָווס טעאָריע: די יידן האָבן צופיל אינטעליגענץ און סוחרים, די אַרבעטערשאַפט איז צו קליין. עס דאַרף און מוז פאַרקומען דער פּראָצעס פון איבערשיכטונג. און וויבאַלד אַזוי — טאָ צו וואָס דאַס שטודירן?

די ערשטע עליה

אין ארץ־ישראל טרעפן מיר זיך אויג אויף אויג מיט דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט. אין לאַנד הערשט אַ קריזיס. קיין אַרבעט קאָן מען נישט געפינען. נאָך לאַנגע באַמיאונגען באַקומט יעקב דורך דעם אַרבעטס־אַמט 2—3 טעג אין וואָך שוואַרץ־אַרבעט ביים בנין. ער האָט נישט קיין פאַך. זיך אויסצולערנען דאָס בוי־פאַך איז אוממעגלעך — עס זענען פאַראַן צו פיל אַרבעטסלאָזע אין אַלע פאַכן. אַזוי לעבן מיר אַפּ 22 חדשים. אויב עס געלינגט יעקבן צו באַקומען דעם אַרבעטס־טאָג, שלעפּט ער אין משך פון 8 שעה צו 12 ציגל מיטאַמאָל אויף דער פּלייצע, אָדער וואַרפט אויף די רושטאָוואַניעס פון האַנט צו האַנט צעבויגענע שווערע עמערס מיט בעטאָן — אַזאַ איז נאָך געווען די בוי־טעכניק אין יענער צייט. שפּעטער, אין דער היים, גיסט מען יאָד אויף די הענט, וועלכע



דער פאָטער — דוד פּעטערזייל

בלוטיקן. ער האָט אויך געאַרבעט ביים איינשטעלן מאַשינען אין דער פאַבריק „לודזיה", ביי פאַבריצירן ציגל, ביי באָדן־מעסטן, — נאָר טראָגן אייזערנע שטאַנגעס און מכשירים.

נאָכן אַרבעטס־טאָג — זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן אַ פריש העמדל און אַוועק אין פאַרטיי־קלוב ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך דערמאָן זיך אַ נאַכט — און אַזעלכע זענען געווען פיל — בשעת די וואַלן אין הסתדרות — בין איך געגאַנגען צוויי אַזיגער פאַרטאָג זוכן אים דורך די לבנה־באַלויכטענע גאַסן פון דעם קליינעם תל־אביב: דער צריף פון פאַרטיי־לאָקאַל איז געווען אין אַן אַראַבישער געגנט, ביי יפו, די צייטן זענען געווען אומרואיקע.

דאַן בין איך קראַנק געוואָרן. דער באַקאַנטער ד"ר מאַנדעלבערג (דער דעפּוטאַט צו דער צווייטער רוסישער דומע) האָט געפונען, אַז עס איז דרינגענדיק נייטיק אַן אָפּעראַציע, אָבער קיין כירורג פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטער אָפּעראַציע איז נאָך אין לאַנד נישט געווען, האָבן מיר געמוזט פאָרן צוריק קיין פוילן. אַליין פאָרן האָב איך נישט געקאָנט. און די מאַנדאַט־באַאַמטע אין ירושלים האָבן אָפּגעזאָגט צו געבן יעקבן אַ צוריק־וויזע, ווייל ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ לינקער אַרבעטער־טוער. עס איז אויך נישט געווען קיין געלט אויף רייזע־הוצאות. האָבן אונדזערע פאַרטיי־חברים צוזאַמענגענומען און פאַרמשכונט וואָס זיי האָבן געקאָנט. אונדזער ביסל אַרעמקייט אַוועקגעשטעלט ביי די חברים און מיט 2 וואַליזקעס זעצן מיר זיך אין אַ דראָזשקע, וואָס פירט אונדז צום יפוער פּאָרט. מיר פאָרן אַרויס מיט אַ ביטער האַרץ, כאָטש מיר זענען זיכער, אַז עס איז נאָר אויף אַ פּאָר חדשים, העכסטנס אַ האַלב יאָר. מיר פאָרן דורך די גאַסן פון תל־אביב און יאַשעק ווייזט מיר מיט שטאָלץ: „אָט דאָ האָב איך געאַרבעט, אָט ביי דעם הויז, ביי יענעם בנין"...

צוריק אין פוילן

פון אַ האַלב יאָר איז געוואָרן זעקס יאָר (פון 1926 ביז 1932), ווייל מיר האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן אויף צוריקצופאָרן קיין ארץ־ישראל. די מאַנדאַט־רעגירונג, און נישט ווייניקער די ציוניסטישע אינסטאַנצן אין פוילן האָבן אונדז געמאַכט שוועריקייטן און געפונען אַלערליי תירוצים, אַבי נישט צו געבן אַ לינקן פועלי־ציוניסט קיין אַריינפאָר־דערלויבעניש.

די זעקס יאָר זענען נישט געווען קיין לייכטע. נישט צו געפינען זיך אין ארץ־ישראל, האָט יאַשעק אויפגענומען ווי אַ שווערן חטא. די איינציקע ברירה איז געווען אָפּגעבן זיך אינגאַנצן דער פאַרטיי און דער אַרבעט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל — און דאָס האָט יאַשעק טאַקע געטאָן.

די מערסטע יאָרן אין פּוילן האָט ער געאַרבעט אַלס פּאַרטיי־פונקציאָנאַר. סיי אין דער פּאַרטיי, סיי אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער). דער געהאַלט איז געווען אַ מינימאַלער. אָבער אויך דעם קליינעם געהאַלט איז אָפט די פּאַרטיי נישט געווען בכוח אויסצוצאָלן. די פּאַרטיי האָט געזוכט מיטלען אויף צו פירן פּאָליטישע אַרבעט, אויך אויף איר צושטייער פאַר ציש״א (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע). אַזוי איז יעקב אין יאָר 1928 געוואָרן אַן אַגענט פון אַ געוויסער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, וועלכע האָט צוגע־זאָגט געבן פאַר אַרבעטס־מענטשן גרעסערע הנחות און גינסטיקערע באַדינגונגען.

זיין פּאַרטיי־אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרומפאָרן איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך. די פּוילישע חברים געדענקען נאָך געוויס פון יענע צייטן „יאַשעקן מיט דער קאַטאַרינקע״. דאָס איז געווען דער צויבער־לאָמפּ, וואָס ער האָט געשלעפּט מיט זיך אויף צו באַגלייטן מיט ליכט־בילדער זיינע פאַרלעזונגען וועגן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אַזאַ רייזע האָט שטענדיק געדויערט 3—4 וואָכן. בשעת וואַל־קאַמפּאַניעס — אַפילו 6—7 וואָכן. דעם רייזע־פּלאַן האָט די פּאַרטיי־אַדמיניסטראַציע צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען אויסנוצן אויף אַ מאַקסימאַלן אופן די רייזע־הוצאות, ד. ה. באַזוכן וואָס מער שטעטלעך.

מערסטנטייל פלעגט מען פאָרן ביינאַכט, דרימלענדיק אין אַ וואַגאָן 3טער קלאַס, אָדער אין אַן אויטאָבוס. די קאָמוניקאַציע איז געווען שלעכט, נישט שטענדיק איז אויך געווען געלט אויף אַ באַן־בילעט. איז ער געפאָרן מיט אַ פורל אָדער אַ שליטן, ווייל אינדערפרי האָט ער שוין באַדאַרפט זיין אין אַ ניי שטעטל. דאָרט האָט אויף אים געוואַרט אַ פּאַרטיי־זיצונג, אַ יוגנט־פאַרזאַמלונג, אַ רעפעראַט, אַ מיטינג, אַמאָל אַפילו אַן עלטערן־פאַרזאַמלונג, אָדער אַ חברים־משפט. דער שליח פון פּאַרטיי־צ.ק. מוז קענען אַלץ און טאָן אַלץ...

דער שליח פון ארץ־ישראל פלעגט זאַמלען יידישע ביכער און אַרויסשיקן קאַסטנס „אהיים״. אָפט פלעגט אויסקומען צו רעדן אונטערן פרייען הימל, אָדער פון באַלקאָנען, ווייל דער סטאַראָסטע האָט נישט דערלויבט געבן דעם פּאַלקס־זאַל די לינקע פועלי־ציון.

שטענדיק איז איבער אים געהאַנגען אַ בייטש: ער מוז שאַפן פאַרזיכערונגען! יעדע „פרייע״ שעה טאַפּטשעט ער, ווינטער און זומער, אין שניי און בלאָטע פון די קליינע שטעטלעך: ער באַזוכט די בעסער־סיטואירטע חברים אויף צו קריגן פון זיי אַן אַסעקוראַציע־קאָנטראַקט. דאָס פלעגט אָנקומען שווער, ווייל אין משך פון די יאָרן איז געוואַקסן דער עקאָנאָמישער קריזיס, און זעלטן וועלכער אַרבעטס־מענטש האָט געקאָנט זיך דערלויבן די פאַרזיכערונג־הוצאות. די פיזישע מי איז געווען איבער זיינע כוחות און די נערוון שטענדיק אָנגעשטרענגט.

און דאָך האָט אים אַלץ פאַרשאַפט פרייד: די שיינקייט פון פּוילישן ווינטער, דאָס שפּאַנען צו פוס, אין הויכע שטיוול, ביי דער זייט פונעם פורל. די ריחות פון די

וועלדער זומער — האָבן פאַרשיכורט דעם שטאָטישן מענטש. און דאָס וויכטיק־סטע: די באַפרידיקונג, וואָס עס פלעגט אים געבן די געלונגענע און באַליבטע אַרבעט.

אין זיינע בריוו צו מיר האָט ער געשריבן: „איך אַרבעט גוט, אינטענסיוו, איך נעם אַרום מיט די הענט אונדזער מאַסן־באַוועגונג. איך בין אויפן פּאַסיקן אָרט"...

„...אויף אַ מיטינג אין בענדין קעגן פאַרווערן די עליה דורך דער מאַנדאַט־מאַכט האָב איך גערעדט פון אַ באַלקאָן. די צוהערער זענען זיך נישט פונאַנדער־געגאַנגען, כאָטש עס האָט שטאַרק גערעגנט"...

אין קרייז פון פאַמיליע. דער צווייטער רעכטס — יעקב פעטערזייל. (1916)

„אין סאָסנאָוויץ גערעדט אין אַן איבערגעפּאַקטן זאַל, ווירקלעך זייער גוט. איך מיין, אַז איך בין נאָך צו עפּעס פעיק"...

נאָך יעדער רונד־רייזע פלעגט יעקב צוריקקומען אַהיים אויף 2—3 טעג און אָפּשלאָפן 24 שעה אָן אויפהער.

אַזוי האָבן אויסגעזען זיינע „נאָרמאַלע" אַרבעטס־טעג. פאַר וואַלן צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, אָדער צום פוילישן סיים איז ער אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין אַרבעט. צום ביישפּיל אין כעלם, לובלין א. אַ.

איינמאָל אין לובלין, נאָך 6 וואָכן וואַל־קאַמפּאַניע, רייסט ער זיך צוריקפאָרן אַהיים. אָבער עס איז נישטאָ קיין געלט אויף אַ באַן־בילעט, גיט ער די חברים צו פאַרמשכונען זיין חתונה־רינג. מער האָט ער דעם רינג נישט געזען.

די זיצונגען פאַרציען זיך אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דער אויטאָ־בוס פאָרט אָפּ פרי פאַרטאָג. שלאָפט יאַשעק אַ פּאָר שעה ביי אַ חבר, נישט זעלטן מיטן חבר אין איין בעט.

אין בריוו שרייבט ער: „דאָס ערגסטע איז דאָס פעלן פון אַ רואיקן ווינקל, ווו מ׳זאָל קאָנען באַהאַלטן זיך אויף אַ שעה. עס פעלן האָטעלן אין די שטעטלעך. מ׳קאָן זיך אויך נישט דערלויבן אַ האָטעל״...

...„עס ווילט זיך וויינען פון אויפרעגונג און בענקשאַפט און אַרום מיר איז אַ גערודער. איך קאָן נישט האָבן קיין טענות צו די חברים: מיר באַזוכן זיי אַזוי זעלטן, מוזן זיי זיך אויסרעדן; און די דירות זענען אָרעמע און ענגע. ווי שרעקלעך איז צו לעבן שטענדיק אין אַזעלכע שטעטלעך! די „מומע״ (אַן עפּנט־לעכער קלאַזעט) איז דאָ די גרעסטע דערגרייכונג פון ציוויליזאַציע. אַן אַ שפּאַס, אונדזער אָרעם ארץ־ישראל באַדייט שוין היינט פאַר דער קליינשטעטלדיקער יוגנט אַ שפּרונג אויף אַ העכערן שטאַפּל פון מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור״...

...„בעת איך זע די פּוילישע כאַטעס, מיט שטרוי געדעקטע, אָפּטמאָל 20 קילאָמעטער פון אַ שאָסיי, די „פּוילישע״ וועגן אין אַ צושטאַנד ווי מיט 100 יאָר צוריק, בין איך שטאָלץ אויף אונדזערע דערגרייכונגען אין ארץ־שראל. איך גלייב דאָן שטאַרק אין איר שנעלן פאַרשריט״.

וואַרטנדיק אויף באַן־סטאַציעס און אין קרעטשמעס אויף אַן אויטאָבוס, שרייבט ער באַריכטן, אַרטיקלען, לייענט. איבערלייענענדיק בעבעלס אויטאָביאָ־גראַפיע, שרייבט ער: „איך בין מקנא דעם קאָלאָסאַלן העלד פון אַרבעט און קאַמף, וועלכן עס שאַפט דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט. אין מיין עלטער איז ער שוין געווען אַ פירער פון צענדליקער טויזנטער אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אַ דעפּו־טאַט. אפשר וואָלט איך געטויגט אויף עפּעס בעסערס, ווען נישט די קללה פון דעם גלות־לעבן. עס איז אויך אָנגענעם צו דערוויסן זיך, אַז אויך בעבעל, אונטער־וועגס, פלעגט נישט אַלע מאָל שלאָפן אין האָטעלן, נאָר אַממיינסטן אין שמוציקע, געשטיקטע קעמערלעך״...

צוויי מאָל רייסט ער איבער זיין פּאַרטיי־אַרבעט: אין 1927, ווען מ׳האָט אים גערופן אויף מיליטערישע איבונגען, און אין 1930, ווען ער איז געפאָרן קיין בערלין, אויפן קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

אין 1928 איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער א״ישראלדיקער פּאַרטיי. דאָס איז געווען פאַר יעקבן אַ שווערער קלאַפּ. ער האָט נישט געזען קיין גענוגנ־דיקע באַרעכטיקונג פאַר דער שפּאַלטונג. דאָך האָט ער אויף אַ זיצונג פון צ.ק.

אַריינגעטראָגן אַ פֿאָרשלאַג אָפּזאָגן זיך פֿון די זומער־פּעריעס, וואָס האָבן געקומט אַלע פּאַרטיי־אָנגעשטעלטע, און דורכפֿירן אַ הילפֿס־אַקציע פֿאַר דער א״ידיקער פּאַרטיי. דער פֿאָרשלאַג איז דורכגעפֿאַלן, אָבער יעקב האָט אים פֿאַר זיך אויסגעפֿירט — און אונדזער חלום וועגן אַ חודש אַפּרו איז צו נישט געוואָרן.

דערווייל ווערט דער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילן אַלץ שטאַרקער. עס איז אוממעגלעך צו באַקומען נייע פֿאַרזיכערונגען. כאַפּט יעקב איבער דעם אָטעם. ער אַרבעט כמעט אַ יאָר אויף אַ ברעטער־סקלאַד מיט מײַן פֿאָטער. דער קריזיס פֿילט זיך אויך דאָ. די סטאָליאַרעס שטייען נישט אין דער ריי נאָך ברעטער. יעקב האָט פֿרייע צייט אויף לייענען און שרייבן אַרטיקלען פֿאַר פּאַרטיי־ און קאָאָפּעראַציע־פּרעסע.

קאָאָפּעראַציע איז שטענדיק געווען יעקבס צווייטע שוואַכקייט נאָך דער פּאָליטי־שער אַרבעט. קאָאָפּעראַציע אין אַלע אירע פֿאָרמען און גילגולים: צי דאָס איז געווען די בוי־קאָאָפּעראַציע (דאָס וואָרט „שכון״ איז נאָך נישט געווען באַקאַנט); די פּראָדוצירקאָאָפּעראַטיוון, די בשותּפֿותדיקע קיכן, וועשערייען, אַלץ, וואָס האָט באַדאַרפֿט באַפֿרייען די פּרוי פֿון דעם עול פֿון שטוב־אַרבעט, האָט אַרויס־גערופֿן ביי יאַשעקן נישט נאָר אינטערעס, נאָר אויך דעם חשק צו פֿאַרווירק־לעכן אין לעבן.

פֿון דער זייט איז טאַקע געקומען פֿאַר אונדז די ישועה.

קיין פּוילן איז דאַן געקומען אויף אַ באַזוך בערל כצנלסון. אין קאָאָפּעראַציע־זשורנאַלן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף יאַשעקס אַרטיקלען וועגן קאָאָפּעראַטיווע פּראָבלעמען. ער האָט זיך געטראָפֿן מיט יעקבן, דערציילט, אַז אין ארץ־ישראל פֿעלן קאָאָפּעראַטיווע טוער. געגעבן אים אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו די הסתּד־רותישע קאָאָפּעראַטיוון. ערשט דאַן האָבן מיר ענדלעך באַקומען סערטיפֿיקאַטן און אין יאָר 1932 געקאָנט צוריקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

צוריק אין דער היים

דאָס אַריינקומען אין לאַנד איז אונדז נישט אָנגעקומען לייכט. די ענגלישע אימיגראַציע־באַאַמטע האָבן שוין פֿון יפֿוער פֿאָרט צוריקגעשיקט לינקע טוער, וואָס זענען געווען ביי זיי אויף אַ שוואַרצער ליסטע. יעקב איז דעריבער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל אַליין, און ערשט, ווען ער האָט צו וויסן געגעבן, אַז אים איז געלונגען אַריינצוקומען בשלום, האָב איך אַלץ ליקווידירט אין וואַרשע און מיטן פֿיר־יאָריקן זון עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דאָ האָבן אויף אונדז געוואַרט די ערשטע אַנטוישונגען.

צו יענער צייט האָבן זיך די באַציאונגען צווישן דער הערשנדיקער אין

יעקב און אַליאַ פעטערזייל (1925)

הסתדרות מפא״י און די לינקע פוע״צ פאַרשאַרפט. יעקב האָט זיך איבערצייגט, אַז אין די קאָאָפּעראַטיוון פון הסתדרות וועט ער נישט באַקומען קיין אַרבעט. מיר האָבן געדונגען אין תל־אביב אַ צימער ביי אַ משפחה, געקויפט צוויי קושעט־קעס, אַ קיכטישל, אַ פּרימוס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה פון זוכן אַרבעט.

אין 1933 האָט יאַשעק באַקומען צופעליקע, צייטווייליקע אַרבעט אין פאַר־שידענע ערטער. דער דראַנג צו אָרגאַניזירן און צו בויען האָט אים נישט אָפּגע־לאָזט. די הסתדרות האָט געבויט דירות פאַר אירע פּקידים. אַן איינפאַכער אַרבעטער אָבער האָט נישט געקאָנט חלומען וועגן אַזאַ טייערער דירה. פלעגט ער צאָלן הויכע דירה־געלט, ווייל דירות האָבן אויסגעפעלט. יעקב האָט אָרגאַני־זירט אַ גרופּע חברים, דאָס רוב בוי־אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן, וועלכע האָבן צוליבן קריזיס געאַרבעט נאָר 2—3 טעג אין דער וואָך. זיין פּלאַן איז געבויט געוועז אויף דעם, זיי זאָלן אין די פרייע טעג אויסבויען בשותפות ביליקע דירות פאַר זיך. צוזאַמען האָט מען געקויפט אַ ביליקן פּלאַץ, יעקב האָט איינגע־קויפט בוי־מאַטעריאַלן אויף קרעדיט, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. אין 1934 זענען שוין די ערשטע 12 פאַמיליעס אַריין אין זייערע דירות, דאָס הויז אויף רח׳ זרובבל 10 האָט באַקומען דעם נאָמען „מעונות פועלים 10״. נאָכדעם האָט יעקבס איניציאַטיוו איבערגענומען די פּאַרטיי — און די בוי־געזעלשאַפט „מעונות פועלים״ איז געוואָרן אַ יש.

דעמאָלט האָט אויך יעקב באַקומען אַרבעט ביים בוי פון 4 אַרבעטער־הייזער אין רמת גן.

אין שליחות פון „אנטיפא״

אין 1936 איז יעקב געפאָרן מיט דעם אַראַבישן חבר דזשאַרזש נאַסאַר אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע „אַנטיפאַ״ קיין בריסל צום אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאָנגרעס. ער שרייבט מיר פון דאָרטן:

„דאָס איז געווען די פאַראַנטוואָרטלעכסטע וואָך אין מיין 22־יאָריקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איך האָב פון זיך אַרויסגעגעבן בוכשטעבלעך אַלץ, וואָס איך האָב געקענט. די גרעסערע בעלגישע און פראַנצויזישע צייטונגען האָבן געגעבן נאָטיצן. מען דערציילט, אַז איך בין געווען בלאָס און די הענט האָבן מיר געציטערט. דאָס איז נישט געווען אַזוי צוליב דער טרעמע פאַר די 4—5 טויזנט צוהערער (ביי מיר פאַסירט עס נישט), דאָס איז געווען אַ געפיל אַן אין און איינציקער אין זיין אַרט, אַז מיר טרעטן אַרויס אין נאָמען פון לאַנד, אין נאָמען פון די ביידע פעלקער. דאָס איז געווען די וויזיע פון דער צוקונפט,

ווען מיר ווילן דעראָבערן ממשותדיק דאָס דאָזיקע רעכט. מען האָט אונדז אויפֿ־גענומען מיט שטורמישער אָוואַציע"...

..."מיר זענען געווען די סענסאַציע פֿון קאָנגרעס. מיר האָבן געהאַט צענד־ליקער געשפּרעכן מיט זשורנאַליסטן, מיט די דעלעגאַטן פֿון די וויטסטע לענדער. מיר האָבן זיך דערוואָרבן עטלעכע פֿריינט פֿון אויסערגעוויינלעכער אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. מיר האָבן צוזאַמענגערופֿן אַ באַראַטונג פֿון די דעלעגאַטן פֿון די קאָלאָניאַלע פֿעלקער. מיר האָבן מיט זיי צוזאַמען פֿאַרעפֿנט־לעכט אַ געמיינזאַמע רעזאָלוציע וועגן דער אַקציע פֿאַרן שלום צווישן די קאָלאָ־ניאַלע פֿעלקער און גלייכצייטיק אַ דעקלאַראַציע פֿון סימפּאַטיע פֿאַר אונדז אין נאָמען פֿון די זעלביקע דעלעגאַטן".

אין דעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט די ח"ח מענאַכאָווסקי פֿון צפֿון־אַמעריקע און פֿאַרשטייער פֿון אונדזערע פּאַרטייען אין פֿראַנקרייך. יעקב האָט רעדאַגירט אַ מעמאָראַנדום אין פֿראַנצויזיש, וועלכן ער האָט פֿאַרטיילט אויף דעם קאָנגרעס.

פֿון בריסעל זענען זיי געפֿאָרן קיין פּאַריז צום אַלוועלטלעכן קאָנגרעס קעגן אימפּעריאַליזם. ער שרייבט: "די וואָך אין פּאַריז האָט אונדז געבראַכט וויכטיקע דערפֿאָלגן. עס האָבן גערעדט: זרובבל, איך, דזשאָרזש צוויי מאָל. עס האָט זיך אַנטוויקלט זייער אַ מערקווירדיקע דיסקוסיע. אַן אַראַבער, אַ פֿאַרשטייער פֿון דער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער ליגע, האָט איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט אַלע פּראָגראַם־אויפֿרופֿן פֿון דער פּראַקציע. אַ נעגער און אַן אַראַבער, אַ סאָציאַליסט, האָבן, בעיקר אונטערן איינדרוק פֿון דזשאָרזשס רעדע, פּאַרטיידיקט אונדזער שטעלונג. אַ יעווסעק האָט נישט געהאַט קיין מוט צו רעדן וועגן "אַן אויפֿשטאַנד" אין א"י און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר אימיגראַציע־רעכט, אמת, אַ באַגרענעצטע. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו שאַפֿן אַ שטענדיקע קאָמיסיע פֿאַר דער ייִדיש־אַראַבישער פֿאַרשטענדיקונג.

יאַשעק האָט נאָך פֿאַר דעם דורכגעפֿירט אין לאַנד ממשותדיקע אַקציעס פֿון געלט־זאַמלונגען און ערשטע־הילף־מאַטעריאַלן, רפֿואות און מכשירים, פֿאַר דער שפּאַנישער רעוואָלוציע. אויפֿן בריסעלער קאָנגרעס, האָט ער באַגריסט די אָנוועזנ־דיקע שפּאַנישע דעלעגאַטן: פּאַסיאָנאַריאַ און דאָמינגאָ. פֿון דאָרטן פֿאָרן זיי ביידע צוזאַמען מיט חבר זרובבל קיין פּוילן. זיי טרעטן אַרויס אין די גרעסערע שטעט און זענען ווידער די סענסאַציע פֿון טאָג נישט נאָר אין די ציוניסטישע קרייזן, נאָר אויך אין די פּוילישע.

אין לאַנד וואַרט מען שוין מיט אומגעדולד אויף יעקבס צוריקקער. די אראַ־בישע אומרוען פֿון 1936 האָבן פֿאַרשאַרפֿט דעם געלט־קריזיס. די בוי־געזעלשאַפֿט "מעונות פּועלים" מוז אָפּשטעלן דעם בוי פֿון די 4 רמת־גנער אַרבעטער־הייזער. אָבער יעקב איז פֿול מיט אַרבעטס־לוסט. ער פֿאַרענדיקט זיין רייזע אין פּוילן און

שרייבט פון אונטערוועגס: „איך בענק נאָכן לאַנד, צו אונדזער קליינער באַוועגונג, וואָס איז פול מיט פאַרמעסט, איניציאַטיוו און מסירות נפש. איך גיי אַרום איבערן קאָרידאָר פון וואגאָן און אין מיין קאָפּ ווימלט מיט פּלענער פון וויטערדיקער ארבעט: ווירטשאַפטלעכער, פּאָליטישער, קולטורעלער. גענוג צו וואַנדערן איבער דער וועלט. אַהיים, אַהיים!".

נאָכן קומען אהיים שפּאַנט ער זיך ווידער איין אין אויפבוי פון די רמת־גנער הייזער, אין דער אומדאַנקבאַרער אַרבעט פון וועקסלען, קרעדיטן און צאָלונגען. און צוזאמען מיט די חברים טייכמאַן און בוקס דערפירט ער ביי די אומגינסטיקע באַדינגונגען דעם בוי צום גליקלעכן סוף. 100 אַרבעטער־פאַמיליעס באַקומען ביליקע דירות. — אָבער לאַנגע יאָרן געדענקט ער נאָך די שלאָפלאָזע נעכט, ווען ער האָט נישט געוווסט ווי צו באַצאָלן די אַרבעטער זייער טאָג־לוין. אין איינעם פון די 4 הייזער ווערט אויפגעשטעלט די פאַרטיי־דרוקעריי. און יעקב חלומט שוין וועגן אַ „באָראָכאָוו־הויז".

די דערגרייכונגען פון „מעונות פועלים" ברעכן אַדורך די וואַנט פון דער איזאָלאַציע אין הסתדרות, דער חבר רמז באַזוכט די רמת־גנער הייזער און רופט זיך אָפּ מיט אָנערקענונג וועגן זיי.

מען לייגט פאַר יעקבן אַ האַלבן (!) פּאָסטן אין דער חברת „שכון" אין ירושלים. זיין בענקשאַפט נאָך אַ ברייטערן ווירטשאַפטלעכן אַרבעטס־פעלד ברענגט דערצו, אַז ער נעמט אָן דעם פּאָסטן. און אין יאָר 1936 פאָרן מיר אַריבער קיין ירושלים.

אין ירושלים. די יידיש־אַראַבישע ליגע

מיר דינגען מיט שותפים אַ דירה פון 4 צימערן (די מאַנדאַט־באַאַמטע זענען קעגן בויען קליינע דירות). פאַר זיך לאָזן מיר איבער איין צימער, אַ קיך. צו דער דירה געהערט אַ קליין הויפל מיט אַ מחסן. דאָס הויפל ווערט פאַרוואַנדלט אין א גאָרטן; דאָס קעמערל ווערט יעקבס ארבעטס־צימער. דאָרט ווערט אין יאָר 1938 געבוירן די „ליגע פאַר דער יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג". אַרום אָט דעם צימערל זאמלט זיך א גרופּע מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן און אָנשויאונגען. אַחוץ די פאַרטיי־חברים קומען אויך: קאַלוואַריסקי, דער פּיליאָריקער קעמפער פאַר דער דערנענטערונג צווישן יידן און אראַבער, דער העברעישער שרייבער רבי בנימין, פון „בני ברית", ד"ר ערנסט סימון, חברים פון השומר הצעיר, פון דער פראַקציע, אַראַבישע חברים, סימפּאַטיקער פון דער פאַרטיי. אויך חברים פון מפא"י, ווי ד"ר טהאָן א. אַ. אין דער צייט פון די אומרוען (1939) ווערן דאָ געשריבן אויפרופן צו דער באַפעלקערונג, ווי „לא תרצח", אַרויסגעגעבן בראָשורן („על פרשת דרכינו" א. אַ.), געדרוקט אַרטיקלען. די טעטיקייט פון דער ליגע פאַרצווייגט זיך, יעקב ווערט שוין איר אָפיציעלער סעקרעטאַר.



י. פעטערזייל מיט אַן אייניקל (1955)

דער 21סטער ציוניסטישער קאָנגרעס

אין יאָר 1939 פאָרט יעקב קיין זשענעווע אַלס דעלעגאַט צום 21סטן ציוניס־טישן קאָנגרעס. דאָרט טרעפן זיך די ארץ־ישראלדיקע פּאַרטיי־דעלעגאַטן דאָס לעצטע מאָל מיט די חברים פון פּוילן. זיי גלייבן נישט אין דער נאָענטקייט פון קריג, אָבער יעקב שרייבט דעם 22סטן אויגוסט:

„מיר לעבן אויפן קאָנגרעס אונטערן צייכן פון אַן אָנגעשטרענגטער לאַגע. עס גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען. עס זענען דאָ פאַרשלאָגן איבער־צורייסן תיכף דעם קאָנגרעס"... ...„איך בין אין צוויי קאָמיסיעס: פאַר אימיגראַציע און בודזשעט... היינט בין איך אַרויסגעטראָטן אין דער אימיגראַציע־קאָמיסיע. זרובבל האַלט, אַז זייער גוט...

דעם 25סטן אויגוסט שרייבט ער: „לאַנגע יאָרן וועל איך געדענקען דעם נעכטי־קן טאָג. צוויי אַזייגער פאַרטאָג איז דער קאָנגרעס פאַרענדיקט געוואָרן. מען האָט געפירט באַראַטונגען אונטערן צייכן פון דער דערנענטערונג פון מלחמה. די דעלעגאַטן פון פוילן און ארץ־ישראל ארבעטן, מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן אָפּגע־שניטן ווערן פון זייערע פאַמיליעס... מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט... אין דער אראבישער פראגע איז אריינגעטראָגן געוואָרן א געמיינזאמער פאַרשלאַג פון אונדז און דעם השומר הצעיר, אונטערגעשטיצט פון א ריי אנדערע דעלעגאטן. דאָס איז אין א גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון מיין ארבעט פאר דעם לעצטן יאָר".

פון מאַרסעל שרייבט ער: „אויף דער באַן־סטאַציע פילט מען די מאָבי־ליזאציע אויף טריט און שריט. איך האָב געזען אומפאַרגעסלעכע אָפּשייד־סצענעס, און אין מוח נאָגט א וואָרעם פון צווייפל: וואָס באַדייט די נייע ווענדונג אין דער סאָוויעטישער פּאָליטיק? אירע ערשטע רעזולטאַטן מערקט מען שוין אין פראַנק־רייך: די איזאָלירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, די העצע פון דער בור־זשואזיע און די ספקות אין די ארבעטער־רייען".

קוים באַווייזן די דעלעגאטן צוריקקומען צו זייערע משפחות, ברעכט שוין אויס די מלחמה.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

שוין בשעת דעם אביסינישן קריג האָבן די בענק אין ארץ־ישראל אָפּגע־שטעלט דאָס געבן הלוואות. איצט שטעלן זיי לגמרי אָפּ אַלע בוי־קרעדיטן. די חברת „שכון" ווערט צייטווייליק ליקווידירט. אלע פּלענער און צוגרייטונגען צו אַ פאַרצווייגטער בוי־אַרבעט וועלכע יעקב האָט באַוויזן פאַר דעם יאָר, ווערן

אָפּגעלייגט. איז יעקב ווידער ארבעטסלאָז, ריכטיקער געזאָגט, פאַרדינסטלאָז, אַרבעט פעלט נישט. אַלע טעג, אָווּנטן און אָפט נעכט, זענען פאַרנומען מיט פּאַרטיי־אַרבעט, אין דער יידיש־אַראַבישער ליגע, אין דער נייער ליגע V (הילף פאַרן ראַטנפאַרבאַנד). ער איז פאַרנומען אפילו מער ווי שטענדיק. ער מוז פאַרטרעטן אויך די אַרטיקע חברים, ווי קובלאַנאָוו און אַנדערע, וועלכע זענען פרייוויליק אַוועק אין דער יידישער בריגאַדע פון ענגלישן מיליטער.

עס שלענגלען זיך אַדורך די ערשטע ידיעות וועגן פאַרניכטונג פון די יידן. מען גלייבט נאָך נישט אינגאַנצן, אָבער זיי לאָזן שוין נישט רוען, זיי מאָנען און פאָדערן.

יעקבס געזונט פאַרערגערט זיך. די אונטערזוכונגען אין שפּיטאָל ווייזן אַרויס אַ האַרץ־פעלער. „ביי אַ רואיק לעבן און גוטע באַדינגונגען קאָן מען מיט דעם „אַלט ווערן" — זאָגט מיר זיין דאָקטאָר.

די פּאַרטיי־חברים באַמיען זיך וועגן ארבעט פאַר אים אין דער הסתדרות. מען זאָגט צו. מען רעדט וועגן ארבעט ביי אַפּראָוויזאַציע, וועגן אַ פּאָסטן פון אַ סעקרעטאר פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע. דערווייל קריגט ער עבודת דחק פאַר 6 פונט אַ חודש.

אינצווישן זוכט זיין אומרואיקער גייסט נערונג. אין איינער פון די שלאָפלאָזע נעכט וואַרפט ער אָן אַ פּלאַן פון אויפבויען אין מוצא ביי ירושלים אַ ישוב, ווו די ירושלימער אַרבעטער זאָלן באַקומען ביליקע קליינע הייזער, אויך אַרבעט אויפן אָרט. ער קריגט דעם באָדן, מען בויט שוין כבישים. מען פירט אונטער־האַנדלונגען וועגן בויען די הייזער פון אַ ביליקן שטיין, וואָס איז דאָ אין די אַרומיקע בערג. אָבער די מאַנדאַט־רעגירונג האָט אירע סטראַטעגישע פּלענער, און דער ישוב ביי דעם כביש איז איר נישט אויף דער האַנט. די פּלענער בלייבן הענגען אין דער לופט... עס ווערט ביי יעקבן געבוירן נאָך אַ פּלאַן: עס פעלן אַפּרו־הייזער אין לאַנד. צו די ווינציקע, וואָס זענען פאַראַן, האָט אַ פּשוטער אַרבעטער נישט געקאָנט צוקומען צוליב זייער טייערקייט. חלומט יאַשעק וועגן אַפּרו־הייזער אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות: יעדער אַרבעטער זאָל קאָנען ווערן אַן אַקציאָנער אין אַזאַ הויז; באַצאָלן איינמאָליק 25 פונט און האָבן יעדעס יאָר דאָס רעכט אויף אַפּרו פאַר אַ ביליקן פּרייז.

דאָס זענען פּלענער; די ווירקלעכקייט איז אינטענסיווע פּאַרטיי־אַרבעט: ער איז דאָך אַרבעטסלאָז!

יאָר 1942. ער איז שוין ווידער אין תל־אביב. שלאָפט ביי דעם חבר ניר אין זיין ביוראָ, מאַכט זיך אַליין, מעשה־סטודענט פרישטיק און אָווּנטברויט. ער אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. ער פאָרט אַרום: קיין חיפה, נשר, פּתח־תקוה, כפר־סבא, תל־יוסף און נאָך און נאָך... דאָ באַמיט ער זיך צו ראַטע־ווען פון אונטערגאַנג די קבוצה אין כפר־סבא, דאָרט איז ער דער הויפּט־איבער־

צייגער, דאָ זענען וואַלן צו דער עיריה. ער פרייט זיך: מען גייט אויף אַ געמיינ־זאַמער רשימה מיט השומר הצעיר. בליץ־שנעל מוז ער צוגרייטן דעם צוזאַמענפּאָר פון דער ליגע V — עס קומט די סאָוויעטישע דעלעגאַציע. ער רעדט אויף מיטינ־גען, ער איז אין קאָמיסיעס, אויף קאָנפערענצן, זיצונגען, אין דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע — דער באַקאַנטער לעבנסשטייגער!

חברים באַמיִען זיך נאָך אַלץ וועגן ארבעט פאר אים. אין אוניווערזיטעט, אין המשביר; אָבער יעקב שטעקט שוין טיף אין פּאַרטייאישן ווירבל.

און אין הסתדרות לאָזן זיך אויס אלע באמיאונגען און צוזאָגן צו א שטעלע אין דער קראנקן־קאסע.

ער דאַרף זיך באקענען מיט דער ארבעט אין א קליניק אין תל־אביב. ער שרייבט: „איך קוק זיך צו צו דער אדמיניסטראַציע. די ארבעט איז גאָרנישט אזוי קאָמפּליצירט. אָבער דער טעמפּאָ איז מוראדיק. די מענטשן פאַרמאָגן אייזערנע נערוון. ווי קום איך צו די פאראַנטוואָרטלעכע, געוויסנהאפטע פקידים. איך זיץ ביז שפּעט אין דער נאכט אויף זיצונגען און באַוויז צו שלאָפן נאָר עטלעכע שעה”.

נישטאָ קיין ברירה. ער ווערט אין 1942 אַ פּקיד אין דער קראנקן־קאסע אין ירושלים. ער זיצט ביי אַ פענצטערל, גיט אַרויס נומערלעך, פאַרשרייבט די קראַנקע.

ער ארבעט מיט א משוגענעם טעמפּאָ. ביי זיין פענצטערל איז קיינמאָל נישטאָ קיין „תור”. ער ווייס, אז עס זענען פאר אים פארלוירענע יאָרן — און דאָך איז ער דווקא „דער פאראַנטוואָרטלעכער און געוויסנהאפטער” פּקיד.

עטלעכע מאָל ווערט אים ביים פענצטערל שלעכט און מען ברענגט אים אהיים. זיין דאָקטאָר לייגט אים אַריין אין בעט, באַרויִקט מיך: „איך מיין נישט, אַז עס איז דאָ א לעבנסגעפאַר, אָבער אזא מענטשן קאָן מען נאָר אויף אזא אופן צווינגען צו רוען”.

ווי קאָן יעקב רוען? עס קומען אָן די איוב־ידיעות וועגן דעם יידישן אומקום. מען ברענגט פון דער סוכנות די דעפּעשע פון די פּוילישע חברים, ווו ס'איז געשריבן: „מיר קעמפן פאַר דעם כבוד פון יידישן פאָלק” און די אונטערשריפטן זענען: בוקסבוים, רינגעלבלום, זאַגאָן.

אויף די פראָנטן פון דער בריטישער אימפעריע זענען מפּלות נאָך מפּלות. און אין זיין משפחה: די עלטערן זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, די שוועסטער אַרויסגעשיקט קיין סיביר, ווו עס שטאַרבט פון שווינדזוכט איר 14־יאָריקע טאָכטער. די ברידער באַהאַלטן זיך אויס פון די נאַציס אין פראַנקרייך. יעקב שיקט זיי פּעקלעך, באַמיט זיך (אָן דערפּאָלג) וועגן סערטיפיקאַטן קיין ארץ־ישראל, שיקט פאַרצווייפלטע דעפּעשעס וועגן וויזעס קיין אמעריקע, קיין סאַן־דאָמינגאָ.

אויף דער באַן־סטאַציע קאָלושקי, אויפן וועג קיין וואַרשע
אַ באַגעגעניש מיט אַ דעלעגאַציע יידן פון לאָדזש (1948)

אין יאָר 1944 פירט מען יעקבן איבער צו אַ „לייכטערער״ אַרבעט: 8 שעה אין טאָג פירט ער חשבונות פון די שפּיטאָלן, ער האָט נישט קיין באַזונדערן ווינקל, עס איז נאָך דאָס קליינע ענגע ביורא פון קופת חולים אויף רחוב בן־יהודה. אַרום איז אַ שטענדיקער טומל פון ענינים, געשפּרעכן, סקאַנדאַלן. זיינע נערוון פאַרטראָגן עס קוים. ער הייבט אָן צו אָרגאַניזירן פּאָפּולערע פאַרטראָגן פון דאָק־טוירים וועגן מעדיצין און היגיענע. בשעת די וואַלן צו דער קהילה דערפילט ער זיך ווידער שלעכט. דער פּסק־דין פון דעם שפּיטאָל איז: נישט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך, נישט צו זיצן שפּעט אויף זיצונגען. דעם 15טן יאַנואַר 1945 שרייבט ער פון אַפּרו־הויז אין נוה־הלל:

„עס איז שווער איבערצולעבן אַזאַ גרויסן און אומעטיקן טאָג. אַזאַ שפע פון דערינערונגען, געפילן און געדאַנקען! עס האָט געשלאָגן די וויכטיקע היסטאָרישע שעה פאַר פּוילן, אָבער אָן יידן. איך זע פאַר מיינע אויגן אונדזער געמיינזאַם לעבן אין פּוילן, מיין טעטיקייט, אונדזער פּאַרטיי, די יוגנט. טיף דערשיטערט מיך די זאָרג, צי מיר וועלן געפינען די פאַרבינדונג מיט די עטלעכע הונדערט טויזנט איבערגעבליבענע יידן, מיט די רעשטלעך פון אונדזער פּאַרטיי. און וואָס וועט זיין מיט מיר? צי וועט מיר סטייען כוחות אויף צו טאָן נאָך עטלעכע יאָר שעפערישע אַרבעט? איך רעזיגניר שוין פון די גרויסע פּלענער פון פּאָליטישער טעטיקייט. אָבער נישט וועגעטירן! 40—50 שעה אַ וואָך אַרבעטן כדי איבערלאָזן נאָך זיך אַ שפור״.

אומזיסטע מורא! ער מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם אָנטייל אין די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אָבער ער הייבט שוין אָן אַ נייע אַרבעט: „די ילקוטי פּועלי ציון״ — די „זאַמלונג פון מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דעם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק״. ער אַרבעט אָוונטן, שבתים, יום־טובים... דעם פּאַרטיקן מאַטעריאַל שיקט ער קיין תל־אביב, צו די חברים, וועלכע בילדן מיט אים צוזאַ־מען די רעדאַקציע. אָבער עס איז דאָ נאָך אַ רעדאַקטאָר, וואָס זיין נאָמען שטייט נישט אין די ביכער, דאָס איז די ארץ־ישראלדיקע יוגנט. נישט קיין טויטן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע זאַמלט ער — דער פּועלי־ציון־געדאַנק מוז און דאַרף ווייטער לעבן און ווירקן.

דערפאַר איז אַזוי גרויס זיין פרייד, אַז ער געפינט אין די אַלטע צייטונגען אַרטיקלען — „פּערל״ פון דעם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק. ער לאַדט איין אַהיים יוגנטלעכע און סטודענטן; ער לייענט פאַר זיי טיילן פון בוך און אָבסערווירט, ווי אַזוי זיי רעאַגירן, צי זיי איז אַלץ פאַרשטענדלעך, צי עס איז פאַר זיי אינטע־רעסאַנט?

די גאַנצע טעכנישע אַרבעט — די דרוקעריי, קאָרעקטורן, אַפילו דעם ביכער־פאַרקויף מאַכט ער אַליין — די איינקאַסירטע געלטער דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן אַ ווייטערדיק בוך. יעקב איז באַפרייט פון זיצונגען שפּעט אין דער נאַכט. אָבער

דאָס פּאַרטיי־לעבן קומט צו אים אהיים. די חברים־דעלעגאַטן פון דער „אסיפת הנבחרים״ באזוכן אים, אינפאָרמירן און באַראַטן זיך מיט אים. די ירושלימער חברים באזוכן אים כמעט יעדן טאָג. די קורצע און זאכלעכע באַראַטונגען מיט די ירושלימער חברים גיבן אַ ריכטונג דער טעטיקייט פון דער ירושלימער אָרגאַניזאציע. עס געפינען זיך א פּאָר חברים, וועלכע שפּאַנען זיך איין און העלפן ביי דער טעכנישער ארבעט.

אין דער תקופה פון באַפרייאונגס־קריג. די פּאַראייניקונג

1947. דאָס גורל־יאָר פאַר דעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

אין חודש נאָוועמבער איז יעקב אויף זיין אורלויב אין גבעת ברנר. ער רוט זיך אויס אויף זיין שטייגער: ער שטודירט ביכער, אויף וואָס ער האָט קיין צייט נישט דאָס גאַנצע יאָר. דעם גייסטיקן געגוס רייסן איבער די געשעענישן. נאָך דער נאַכט פון 28סטן נאָוועמבער, שרייבט ער:

„האַלב איינס ביינאַכט האָט מיך אויפגעוועקט אַ ליאַרעם אין קיבוץ. מען האָט געהערט דעם רעזולטאט פון דער אָפּשטימונג אין אונאָ... שפּעטער האָט מען אויפגעוועקט אַלע קורגעסט און מען האָט זיך געלאָזט גיין דורכן קיבוץ מיט געזאנג און אויסגעשרייען. מען האָט ארויסגעשלעפּט פון די בעטן די יוגנט און די עלטערע קינדער...

...„איך בין גליקלעך, אַז מיר האָבן דערלעבט דעם מאָמענט. כאָטש דווקא איצט דראָען אונדז אַזויפיל געפאַרן. איך שטרעב מיט מיין גאנצער נשמה צונויפנעמען אַלע מיינע כוחות און פעיקייטן און אויסנוצן זיי פאַר דער זאך״.

...„מאָרגן רייס איך איבער מיין זיצן דאָ, אין דעם „גן־עדן פון די נאַראַנים״. דער שכל זאָגט, אַז איך וואָלט באַדאַרפט אויסזיצן, כאָטשבי צוליב דעם, איך זאָל נישט האָבן צו זיך שפּעטער קיין טענות, אויב עס וועלן נישט סטייען כוחות. צי כ׳וועל אויסהאַלטן? איך האָב נישט מורא פאַר ארבעט, נאָר פאַר דער שטענדיקער אויפרעגונג. ס׳איז שווער צו בלייבן רואיק, ווען בלויז דער נעכטיקער טאָג האָט געבראַכט 11 קרבנות. באַזונדערס טוט וויי, ווען דער גורל טרעפט נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע איך בין פאַרבונדן מיט דערינערונגען, דורך דער באַוועגונג״.

פאַר דער פּאַרטיי איז דאָס יאָר 1947 אויך אַ גורל־יאָר. עס פאַרווירקלעכט זיך יעקבס פּיליאַריקער חלום: עס קומט פאַר די פאַראייניקונג מיט די יצחקיסטן, שפּעטער מיט אחדות־העבודה און השומר הצעיר. ער שרייבט מיר:

„עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון דער פאַראייניקונג. דערווייל איז דאָ גענוג ערגערנישן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז פון סאַמע אָנהייב וועט מען אונדז אָוועק־

שטעלן אין נייע באַדינגונגען: ווי אַ נישטיקע מינדערהייט, אָן איינפלוס און באַדייטונג. איך פאַרליר אַ סך כוחות, צוליב די אַזוי גערופענע נישטיקע ענינים".

די פּאַרטיי רופט אים אַרויס קיין תל־אביב, ווו ער וואַרפט זיך אריין אין דער צוגרייטונגס־אַרבעט צו דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ. פון קופת חולים באַקומט ער אַ יאָר אורלויב. ער וואָלט סיזוי נישט געקאָנט אויסזיצן דאָרט אין אַזאַ צייט. ער פאַרענטפערט זיך אין אַ בריוו צו מיר: „עס איז נישט לייכט צו זיין אַ פרוי און אַ מאַמע פון זעלנער. איך טו אָבער מיין פליכט. איך בין אויך אַ מין זעלנער, הגם איך בין שוין נישט פעיק צו טראָגן געווער".

אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פוילן

דער קריג אין לאַנד האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט. יעדן טאָג זענען דאָ נייע קאמפן און נייע קרבנות. שוין א סך קינדער פון חברים און באַקאַנטע האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אויף די שלאַכטפעלדער, אויף שמירה, אין קאָנוואָיען פון די פאַנצער־אויטאָס. די משפחה איז צעטיילט: יעקב איז אין תל־אביב, איך אין ירושלים, אונדזער זון אין פלמ"ח.

דעם 2טן יאַנואַר 1948 שרייבט ער מיר: „די דינגענישן צווישן אחדות־העבודה און השומר הצעיר זענען גליקלעך פאַרענדיקט. סוף כל סוף וועט היינט פאַרקומען

די פּאַראייניקונגס־קאָנפערענץ פון היסטאָרישער באַדייטונג. צי געדענקסטו, ווי פּונקט מיט זיבן יאָר צוריק האָב איך אָנגעשריבן מיינע טעזן וועגן דער פּאַריי־ניקונג פון דעם לינקן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פליגל? איך האָב נישט געקאָנט וויסן, אַז אויך אַ באַדייטנדיקער טייל פון מפא״י וועט גיין מיט אונדז״.

„פאַרן איינשלאָפן האָב איך איבערגעלייענט די פּאַראייניקונגס־פּלאַטפאָרם. עס איז נישטאָ אין דעם קיין פּיצל גוזמא. עס איז אַ גרויסע באַלוינונג פאַר דער מי פון גאַנצן לעבן״.

עס לאָקט אים דאָס ברייטע פעלד פאַר טעטיקייט אין דער פּאַראייניקטער מפ״ם. עס גייט ארויס דאָס בוך „מבלפור עד בוין״. עס ווערט וואַרעם אויפגע־נומען אין די הסתדרות־קרייזן און אין דער פּאַרטיי. אממערסטן פארשאפט יעקבן פרייד די מיינונג פון זיין זון. „איך האָב געאַרבעט איבערן בוך מיטן געדאַנק וועגן דיר און דיין דור״, שרייבט ער.

אויף רח׳ יצחק אלחנן, ווו ער האָט אַ צימער, איז אַ שטענדיקער ״עוצר״. די גאַס ווערט באַשאָסן פון די אראבישע סנייפּערס פון יפו. נעכטיקט יעקב ווו עס לאָזט זיך. איך באַקום אַ דערלויבעניש צו פאָרן פון ירושלים קיין תל־אביב. מען פאָרט אין געפּאַנצערטע אויטאָבוסן, יעדעס מאָל מיט אַנדערע זאַמדן און די רייזע דויערט 8 שעה (אַנשטאָט אנדערהאלבן).

אונדזער פרייד פון זיין צוזאַמען איז אָבער קורץ. עס פאַרשפּרייט זיך די שוידערלעכע ידיעה וועגן אויפרייסן די צענטראַלע גאַס בן יהודה אין ירושלים, גאָר נאָענט פון וועלכער ס׳זענען די דירות אונדזערע און פון אונדזערע משפחות. איך פאָר צוריק קיין ירושלים.

מיר באַקומען א ידיעה, אַז אונדזער זון האָט מען אריבערגעשיקט קיין נוה־אילן, וואָס ליגט אויפן שפּיץ בארג, אויפן וועג קיין ירושלים. 20 יונגע בחורים און מיידלעך פון פראַנקרייך — דאָס איז דער גאַנצער קבוץ. זיי באַקומען איצט צו הילף 10 פּלמ״חניקעס. זיי דאַרפן פון אויבן באַשיצן אַ טייל וועג קיין ירושלים. מיר לעבן אין שרעק. מערץ 1948 ווערט אונדזער בן יחיד פאַרוווּנדעט אין די קאַמפן פאַר דעם וועג. יעקב דערוויסט זיך וועגן דעם ערשט פון די צייטונגען.

יעקב רייסט זיך קיין ירושלים. אָבער דער רינג אַרום דער שטאָט ווערט אַלץ ענגער! דער אַראַבישער לעגיאָן באַהערשט דעם וועג, און די אויטאָ־קאַראַ־וואַנען מיט שפּייז און געווער הערן אויף צו קורסירן. זעלטן וועלכער בריוו קומט אָן. שבועות 1948 שרייבט יעקב: „אַן אומעטיקער יום־טוב, דער אומע־טיקסטער אין מיין לעבן... זינט איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איר קריגט בלויז 100 גראַם ברויט אַ טאָג, קאָן איך ווידער נישט געפינען קיין רו... ביז מיט אַ שעה צוריק האָב איך געהאָפט, אַז מאָרגן וועל איך גלייך שיקן אַ פּעקל, אָדער אַליין קומען, און איצט זעט אויס, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד וועט בכלל פּלאַצן״.

וואָס ווייטער, איז אַלץ שווערער. אין תל־אביב ווייס מען וועגן הונגער, מאַנגל אין וואַסער און ליכט, וועגן באָמבאַרדירונגען אין ירושלים. יעדן טאָג פאַלן פריינט, נאָענטע, חברים.

יעקב ווערט צוזאַמענגעבראָכן. „מיין האַרץ און נערוון זענען צו שוואַך אויף אויסצוהאַלטן אַזויפיל קלעפּ", שרייבט ער. „קודם כל איז עס נישט לויט מיין סטיל צוריקציען זיך פאַר שווערקייטן... בין איך דען שוין צו אַלט אויסצוהאַלטן אויף מיין פּאָסטן אין אַ קריזיס־צייט ?". אָבער אין נאָך אַ בריוו : „ווי שטאַרק האָב איך ליב אונדזער לענדעלע, כ׳בין שטאָלץ מיט אונדזער ווערק. אַלץ איז כדאי, אַלץ איז כדאי צו שטעלן אין קאָן, אַבי אָפּצוראַטעווען, אַבי פאַרצוזעצן !".

ער שטעלט אַוועק אין צ. ק. די פראַגע וועגן זיין צוריקקער קיין ירושלים. קיינער וואָגט נישט אַנטקעגנשטעלן זיך. מען בעט נאָר יעקבן, ער זאָל אָפּוואַרטן ביז סוף 1948.

די שליחות אין פּוילן

אין חודש סעפּטעמבער 1948 איז אַנטשטאַנען אַ נייער פּראָיעקט : פאָרן קיין פּוילן, אַלס פּרעסע־אַטאַשע ביי דער ישראלדיקער געזאַנדשאַפט. היות מפ״ם איז נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה אַריין אין דער קאָאַליציע־רעגירונג, האָט זי באַקומען רעכט אויף עטלעכע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער אין פּוילן. חבר ברזילי איז געוואָרן געזאַנדטער, די חברים אוכמאַני און דגן — סעקרעטאַרן פון דער געזאַנדשאַפט און יעקב איז געוואָרן דער פּרעסע־אַטאַשע.

די קאַמפן האָבן אויפגעהערט — עס איז ווידער וואַפנשטילשטאַנד. פון גאַנצן לאַנד שיקט מען פּראָדוקטן אין דעם אויסגעהונגערטן ירושלים, אפילו קינדער אין קינדערגאָרטן שפּילן זיך אין מאַכן פּעקלעך פאַר ירושלים. יעקב קומט ענדלעך אַהיים. עס איז אונדז נישט לייכט אָנגעקומען דער באַשלוס איבערצולאָזן דעם זון אין לאַנד נאָך אַ צווייטער נישט געלונגענער אָפּעראַציע פון זיין פאַר־וואונדעטער האַנט. די שליחות איז א צייטווייליקע, פאַרויסגעזען אויף אַ יאָר צוויי.

יעקב דעצידירט זיך. מיר זענען מיט איינמאָל אין אַ גאָר נייער לאַגע. מיר באַקומען געלט אויף אויסקליידונג. מיר נייען נייע קליידונג. יעקב מוז אפילו אויפנייען זיך אַ פראַק, א סמאָקינג. דעם 16טן סעפּטעמבער 1948 פליען מיר אַרויס קיין פּראָג ; פון דאָרטן פאָרן מיר מיט דער באַן קיין פּוילן.

אויף דער סטאַציע קאַלושקי איז די ערשטע באַגעגעניש מיט די פּוילישע יידן. עס איז אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע. די סטאַציע איז פול מיט יידן. די מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט גייען אַרויס פון וואַגאָן. יידן וואַרפן זיך צו זיי. מען דריקט די הענט, מען קושט זיך. אַלטע יידן וויינען פון פרייד און שטאָלץ,

אַז נאָך 2000 יאָר זעט מען פאָרשטייער פון אַ יידישער מדינה. און אפשר דערמאָנען זיי זיך אין די צייטן פון העכסטער דערנידעריקונג, אין די מיליאָנען, וואָס האָבן די פרייד נישט דערלעבט. דער צוג פאָרט ווייטער, אויך אויף אַנדערע סטאַציעס באגעגנט מען אונדז מיט אָוואציעס.

נאָכן קומען קיין ווארשע שרייבט יעקב: „אַכט טעג זענען מיר אין ווארשע. מיר האָבן אַ סך איבערגעלעבט פאַר דער קורצער צייט. פון איין זייט דער שווערער אומעט צוליב אונדזער גרויסן בראָך און חורבן, פון דער צווייטער זייט —

וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע סטודענטן אין אַנטווערפּן (1922)

דער שטאָלץ צוליבן כבוד, צו וועלכן עס האָט זוכה געווען די ערשטע פאָרשטייער־שאַפט פון אונדזער מדינה אין דעם נייעם פוילן".

מיט די צוויי קעגנזעצלעכע געפילן האָט ער געלעבט אין וואַרשע פולע צוויי יאָר.

די ערשטע אַכט חדשים האָבן מיר געוווינט אין האָטעל „בריסטאָל". אין אַ צימער איז געווען דאָס ביוראָ פון דעם פּרעסע־אַטאַשע, אין צווייטן האָבן מיר געוווינט.

לויט זיין שטייגער, האָט יעקב גלייך פון די ערשטע חדשים אַנטוויקלט אַ

ברויזנדיקע טעטיקייט. זיין אַרבעט איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: 1) אָנקניפּן באַציאונגען מיט פאַרשטייער פון דער קולטור און פּאָליטיק פון דעם נייעם פּוילן. 2) געפינען דעם וועג צו די בערך 80 טויזנט איבערגעבליבענע פּוילישע יידן און פאַרבינדן זיי מיט דער יידישער מדינה.

אין אָנהייב האָט ער געהאַט אַ באַפרידיקונג פון זיינע טרעפונגען און גע־שפּרעכן מיט די פּוילישע פּאָליטישע טוער. דאָס נייע פּוילן האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר דעם נייעם ישראל. אין נאָוועמבער 1949, מיט דער אַנטשטייאונג פון דער נייער קאָאַליציע־רעגירונג אין ישראל און איר איינשטעלונג צו דעם קריג אין קאָריע, האָט מען דערפילט אַ קאַלטקייט אין די באַציאונגען, זיי זענען געוואָרן „דיפּלאָמאַטישע". אַלס איינעם פון די סימפּטאָמען פון אָט דער ענדערונג קאָן מען פאַרציכענען אַזאַ פאַקט:

פאַראינטערעסירט דורך יעקבס אינפאָרמאַציע־ביולעטינען, וועלכע ער האָט רעגולער אַרויסגעגעבן אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט דאָס בילדונגס־מיניס־טעריום אים געבעטן צו האַלטן אַ פּאָר פאָרטראַגן וועגן די קבוצים אין ישראל. יעקב האָט געגעבן זיין הסכמה. דאַן האָט מען אין דעם מיניסטעריום לחלוטין פאַרגעסן וועגן דעם גאַנצן ענין.

דאַקעגן די באַציאונגען מיט די יידן האָבן יעקבן פאַרשאַפט אַ סך פרייד. ער האָט זיך געטראָפן מיט יידישע שרייבער און אַרטיסטן אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין קראָקע. ער האָט זיי אינפאָרמירט וועגן לעבן און איינאָרדנונגס־מעגלעכקייטן אין לאַנד, צוגעגעבן מוט, געהאָלפן מיט בריוו און עצות. כ׳געדענק זיינע שמועסן מיט דזשיגאַן און שומאַכער, מיט די רעזשיסערן פון דער פילם־געזעלשאַפט „גבע", מיט אידאַ קאַמינסקאַ, מיט מעלמאַנען. די פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען נאָך געבליבן אין פּוילן, האָבן יעקבן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. אויף וויפל די באַדינגונגען האָבן עס דערלויבט, איז ער די גאַנצע צוויי יאָר געווען אין קאָנטאַקט מיט זיי.

זיין טעטיקייט האָט זיך נאָך פאַרברייטערט, ווען מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ דירה פון 5 צימערן. דריי פון זיי האָבן באַדאַרפט ווערן דער קולטור־צענטער פאַר די פּוילישע יידן, מיט אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל.

אין אַ בריוו צו די קרובים אין ישראל, שרייבט ער אין נאָוועמבער 1949:

„איך אַרבעט אַ סך. די טיר ביי מיר פאַרמאַכט זיך נישט. מענטשן קומען, פרעגן עצות וועגן ישראל. אַמאָל באַוווּנדער איך: זיי פאַרלאָזן דאָ דירות, פּאָסטנס, קאַריערע צוליב דעם טיפן דראַנג צו קומען אין אָן אייגן לאַנד, דערציען די קינדער אין יידישן גייסט. עטלעכע שעה אין טאָג נעמען ביי מיר צו די דאָזיקע באַזוכן. יעדע וואָך גיב איך אַרויס אַ ביולעטין אויף פּויליש. איצט גרייט איך אַ נייע אויסשטעלונג וועגן באַפרייאונגס־קריג. אַרבעט פעלט נישט. מאָרגן פאָרט אַרויס דער ערשטער צוג עולים. זאָל זיין מיט מזל!"

אין דעצעמבער שרייבט ער: „מיר לעבן איצט אין אַ טומל און כסדרדיקער באַוועגונג. די שכנות פון מיין ביוראָ מיט דער דירה האָט אויך שלעכטע זייטן. מענטשן קומען און גייען. נישט ווייניק מוזן מיר אויפנעמען ביי זיך. וואָס זאָל מען אָבער טאָן? ביי די יידן אין די מוחות, אין די הערצער, קומט פאָר אַ גאַנצע איבערקערעניש: פאָרן אָדער נישט פאָרן? אין אַזאַ צייט קאָן איך נישט פאַרמאַכן די טיר פאַר קיין שום ייד. מען קאָן זיך נישט פירן, ווי אין נאָרמאַלע, רואיקע צייטן און אָפּהיטן די אַמט-שעהן".

אין יאָר 1949 האָט די געזאַנדשאַפט געפייערט דעם ערשטן יום העצמאות. אַחוץ דער פּייערלעכער אַקאַדעמיע, אויף וועלכער ס'איז אַרויסגעטראָטן יעקב פאַר אַן ערך טויזנט פּאָליאַקן און יידן — איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע פאַר די דיפּלאָמאַטן, מיניסטאָרן און הויכע פּערזענלעכקייטן.

יעקב שרייבט דעם זעלבן טאָג צום זון: „מיט אַ יאָר צוריק, ווען איך בין געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן אין מוזעאום דיזענהאָף זוכה געווען אָנוועזנד צו זיין בעת דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, האָב איך געוווסט, אַז עס וועט זיין אַ בלוטיק יאָר, אָבער כלל נישט געווען זיכער, אַז עס וועט געקרוינט ווערן מיט אַ נצחון. איצט מעגן מיר אלע, וואָס האָבן מיט זייער בלוט און שוויס געהאָלפן לייגן דעם פעסטן פונדאַמענט פון דער מדינה, זיין שטאָלץ צוליב דער פאַרגאַנגענהייט און זיין טיף אומרואיק און באַזאָרגט צוליב דער צוקונפט. דו, מיין טייערער, ביסט, ווי אונדזער גאַנצע יוגנט, צווישן די ריכטיקע מחותנים אויף דער גרויסער שמחה".

דאָס יאָר 1950 בלייבט ער אין פּוילן נאָך געצוווּנגענערהייט. פונקט ווי זיינע חברים, איז ער נישט מסכים מיט דער אויסערן-פּאָליטיק פון אונדזער נייער רעגירונג; ער קאָן זי נישט שטיצן — ער הערט אויף אַרויסגעבן די ביולעטינען. ער וויל זיך אָנגעבן אין דעמיסיע. אָבער ער איז שוין טיף פאַרבונדן מיט די טויזנטער און טויזנטער, וועלכע פאָרן אָפּ דאָס יאָר קיין ישראל. ער קאָן זיי נישט פאַרלאָזן אין זייער גורל-שעה.

ערשט אין סעפּטעמבער 1950 פאָרן מיר צוריק אַהיים. דאָס מאָל פאָרן מיר נישט ווי דיפּלאָמאַטן, נאָר מיט אַן עולים-טראַנספּאָרט.

אין דער היים. ילקוטי פּועלי־ציון

מיר זענען אין דער היים. דער יום-טוב פון צוריקקער, די פרייד פון זען דאָס לאַנד אַזוי אויפגעבליט נאָכן קריג — איז גרויס. אויך דאָס גייט פאַרביי. עס הייבן זיך אָן די וואָכעדיקע טעג.

דאָס אויסערן-מיניסטעריום שיקט-צו יעקבן אַ שיינעם דאַנק-בריוו פאַר זיין

מסירות־נפשדיקער אַרבעט. אָבער וועגן באַשעפטיקן אים טראַכט מען נישט: מען קען זיינע פּאָליטישע איינשטעלונגען. ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס זענען אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר שוין באַזעצט געוואָרן. עס בלייבט ווידער די קופּת־חולים. פון איר צענטראַלע קומט אַ פאָרשלאַג, יעקב זאָל אַריבערפאָרן קיין תל־אביב. אָרגאַניזירן אויך דאָ לעקציעס וועגן מעדיצין און היגיענע. עס פאַר־ביטערט יעקבן, דאָך איז נישטאָ קיין ברירה. מיר דינגען אַ צימער אויף אַ יאָר — און פאָרן אַריבער קיין תל־אביב.

י. פעטערזייל, י. ברזילי, ע. אוכמני ביים געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע (1949)

דאָס ערגסטע איז די לאַגע אין דער פּאַרטיי. עס הייבן זיך אָן שטאַרקע רייבונגען און אַ פאַרביטערטער קאַמף אינערהאַלב דעם מפ״ם. איינע פון די פראַגן, אַרום וועלכער עס גייט דער קאַמף, איז די באַציאונג צום ראַטנפאַרבאַנד. יעקב טרעט אַרויס עטלעכע מאָל און דערמאָנט די מאָסקווער פּראָצעסן און דעם גורל פון די יידישע שרייבער. די אָנפירנדיקע חברים פון השומר הצעיר זענען אין תוך מסכים מיט אים, אָבער אונטער דער ווירקונג פון ד״ר סנה און זיין גרופּע איז די פאָדערונג פון דער צייט: נישט זאָגן דעם אמת עפנטלעך, נישט שרייבן וועגן דעם, מען זאָל נישט געבן קיין שטאָף די „פיינט פון דער רעוואָלוציע״.

יעקב ווערט פאַרשריען אַלס דער „אַנטי־סטאַליניסט“ און אָפּגערוקט פון דער פּאָליטישער אַרבעט.

עס רעגט אים אויף ביז גאָר די שטרעבונג פון דעם דאָזיקן טייל פון מפ״ם צו באַהערשן די אַנדערש־מיינענדיקע, דאָס גרינגשעצן זיי. אָבער ער איז אַן אַנטשיידנדיקער קעגנער פון אַ נייער שפּאַלטונג.

ער נעמט אויף די לאַגע מיט ווערדע. ער קערט זיך אום צוריק קיין ירושלים און נעמט זיך פון ס'ניי צו די „ילקוטים“: אין יאָר 1954 גייט אַרויס דאָס בוך „פון בריטישן מאַנדאַט ביז דער יידישער מדינה“. דאַן נאָכאַנאַנד די צוויי ביכער „המאבק בזירה הבין־לאומית הפרולטרית“. ער זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון דער קלענסטער פּאַרטייאישער שליחות, אַפילו ווען מען שיקט אים דעם 1טן מאַי ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפענעם ישוב רעדן פאַר 20 מענטשן.

דאַן קומט דער בראָך: דער פּלוצימדיקער טויט פון זיינע נאָענטסטע חברים און פריינט: יוסף ראָזען און יצחק לעוו.

ער אַרבעט דעמאָלט איבער אַ נייעם ילקוט־בוך: „די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד“. ער וואַרפט עס אינמיטן אַוועק און נעמט זיך צו די ביכער וועגן יוסף ראָזען און יצחק לעוו.

די לעצטע קראַנקהייט

דערווייל איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין מפ״ם. אויך די פּועלי־ציון־פראַקציע שפּאַלט זיך. ער בלייבט מיט אחדות־העבודה. עס קומען פאָר די וואַלן צו דער כנסת. יעקב הייבט אָן ווידער פאָרן קיין תל־אביב אויף זיצונגען. ער קען די מיינונג פון זיין דאָקטאָר: אָדער ירושלים, אָדער תל־אביב — נישט אַרומפאָרן, נישט בייטן דעם קלימאַט, די הויך איבערן ים. ווען מען דערמאָנט אים דאָס, זאָגט ער: „אָבער איך פיל זיך דאָך גוט“. די פרייד פון צוריקקער, נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס, צו דער פּאָליטישער טעטיקייט, צו פילן זיך אין אויפבלי פון געדאַנק און אַרבעטס־פעיקייט, פאַרשיכורט יעקבן.

ער דאַרף פאָרן קיין פּאַריז אויף דער קאָנפערענץ קעגן דער באַוואָפענונג פון מערב־דייטשלאַנד. אין די שווערע חמסין־טעג פאָרט ער אַרום צווישן תל־אביב און ירושלים. זיין דאָקטאָר איז שוין לאַנג קראַנק. ער היילט זיך ביי אַן אַנדערן, וועלכער קען אים נישט און נעמט נישט אָן זיין קראַנקהייט ווי געהעריק. יעקב קריגט אַ האַרץ־אָנפאַל. נאָכן מאַכן אַן עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַם, זאָגט זיין דאָקטאָר: „שנוים לפי גיל“, און פאַרווערט אים גאָרנישט.

אַ טאָג פאַרן סוף טרעפט מיט אים אַ צווייטער אָנפאַל. אויך דאַן פאַרווערט

אים נישט דער דאָקטאָר דאָס פליען קיין פּאַריז. „אַזעלכע מענטשן פאָרן און קומען צוריק", זאָגט ער צו מיר אין זיין אַנוועזנהייט.

אויף דעם מצבה־שטיין האָט מען אויסגעקריצט: „בן יקיר לפועלי־ציון שמאל".

יעקב פעטערזייל צו זיין אייביקער רו

פון אינדערפרי זענען הונדערטער חברים און פריינט פון אַלע עקן לאַנד דורכגעגאַנגען פאַרן נפטרס מיטה אין „אביחיל"־שפּיטאָל.

אין שפּיץ פון דער לוויה זענען געטראָגן געוואָרן קרענץ פון מרכז אחדות־העבודה—פּועלי־ציון, וועלט־פאַרבאַנד, מעונות־הפועלים א' תל־אביב, פּאַרטיי־סניפים פון ירושלים און פתח־תקוה און ירושלימער סניף פון מפ"ם. הינטער זיי איז געטראָגן געוואָרן דער קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם דורך די חברים: י. זרבבל, י. בן־אהרון, א. ציזלינג, י. באַנקאָווער, א. ארעסט, ד. טאַבאַטשניק און ב. פּרס. אין די ערשטע רייען פון דער לוויה איז געגאַנגען די משפחה און נאָך איר — הונדערטער חברים און פריינט, צווישן זיי די מיטגלידער פון מרכז אחדות־העבודה—פּועלי־ציון: מ. ערעם, אלוף משה כרמל, ב. רעפּעטור, א. עבאס און אַנדערע.

צווישן די באַגלייטער האָבן זיך אויך געפונען מיטגלידער פון מועצת פועלי ירושלים בראש מיטן סעקרעטאַר מ. ברעם, פון קופּת־חולים, בראש מיט בן־אפרים און דעם לאַנד־סעקרעטאַריאַט. עס האָבן באַגלייט שרייבער און זשורנאַליסטן, צווישן זיי: ז. אַבראַמאָוויטש, ד"ר י. קרוק, ר' בנימין, מלך ראַוויטש, מיטגלידער פון סניף מפ"ם מיט קובלאַנאָוו און ארזי און הונדערטער אַרבעטער, וואָס האָבן רעזיגנירט פון זייער אַרבעטס־טאָג, כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם פאַר־שטאָרבענעם חבר און לערער.

בעת דער לוויה איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די באַוועגונג אין שטאָט. אויפן וועג פון דער לוויה זענען געשלאָסן געוואָרן די געוועלבער. די פּאָליציי האָט זיך באַמיט צו היטן די אָרדענונג אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן.

פאַרן שפּיטאָל „אביחיל" האָט דעם נפטר געזעגנט י. זרבבל מיט אַ שטיקנ־דיקער שטים און זיך איינגעבראָכן אין געוויין.

צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: „פעטערזייל האָט די לעצטע יאָרן זיך געווידמעט אַ הייליקער אַרבעט, אויפצוזאַמלען די שטראַלן פון דעם גרויסן ליכט, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אַריינגעטראָגן אין דער פינצטערניש פון די יידישע תפוצות. ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען ביי יעדער אויפגאַבע, וואָס ס'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די באַוועגונג אין פּוילן און אין ישראל, אויף דער יידישער גאַס און אויף אינטערנאַציאָנאַלע טריבונעס.

אַ דאַנק אים זענען אויפגעהיט אַ סך הונדערטער רעדעס, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן דורך מענטשן פון דער באַוועגונג, אין שריפט צי בעל פה, אין שווערע און טראַגישע נסיונות אויף דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע״.

זרבבל האָט זיך ווייטער אָפּגעשטעלט אויף דער מיפּולער אַרבעט פון דעם פאַרשטאַרבענעם ביים אויפזאַמלען וויכטיקע ווערטן פון דער באַוועגונג.

ער האָט געזאָלט אַרויספאָרן אין שליחות פון דער באַוועגונג קיין פאַריז, כדי צו ברענגען פאַר דער קאָנפערענץ דעם צאָרן און אויפבּרויז צוליב אונדזער פאַרגעסן און דעם שלום־מאַכן פון דער „פּראָגרעסיווער״ וועלט מיטן אויפשטעלן די דייטשע ווערמאַכט.

ביים הויז פון דער פאַרטיי אויף רח׳ יפו האָט דעם נפטר געזעגנט אברהם אַרעסט, אין נאָמען פון ירושלימער פאַרטיי־סניף. ער האָט גערעדט וועגן גרויסן צושטייער פון פאַרשטאַרבענעם ביים אויפשטעלן און באַזירן די אָרגאַניזאַציע אין דער הויפּטשטאָט, וועגן זיינע וואַרעמע און לעבעדיקע באַציאונגען מיט חברים און זיין אינטענסיווער אַקטיוויטעט.

אין נאָמען פון סניף האָט אַרעסט פאַרזיכערט אויסצופירן פעטערזיילס צוואה: „זייט ממשיך די אַרבעט אָן מיר״.

ביי דעם בנין פון ירושלימער אַרבעטער־ראַט, ווו פעטערזייל האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט ווי אַ חבר פון ועד־הפועל, ווי אַ מיטגליד פון דער אָנפירונג פון הסתדרות־שיכון און אַנדערע פונקציעס, האָט מספּיד געווען דער סעקרעטאַר פון דער מועצה מ. ברעם.

ער האָט אָנגעוויזן אויף פעטערזיילס גרויסע פאַרדינסטן ביים באַזירן די הסתדרות אין ירושלים און אויף זיינע איידעלע אייגנשאַפטן בעת וויכוחים מיט קעגנער.

פון דאָרט איז די לוויה אָפּגעפאָרן אין אויטאָבוסן און אויטאָס צום בית־הקברות.

אויפן קבר זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן די בלומען־קרענץ. בן־אפרים האָט אין נאָמען פון מרכז פון קופת־חולים אַרויסגעבראַכט די אויסערגעוויינלעך גוטע באַציאונג, וואָס דער פאַרשטאַרבענער האָט אַרויסגעוויזן צו אינטערעסאַנטן און זיין זאָרג פאַר אַנטוויקלען און אויסברייטערן די אינסטיטוציע.

יצחק בלזר האָט אויסגעדריקט דעם צער און טרויער אין נאָמען פון די חברים פונעם אַרבעטס־ראַט.

י. דגן (מפ״ם), דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט אין פּוילן, בשעת פעטערזייל האָט געדינט אַלס דער קולטור־אַטאַשע, האָט דער־מאָנט פּרשיות פון דער שליחות, וואָס דער פאַרשטאַרבענער האָט בשלימות דערפילט.

אין נאָמען פון פּאַרטיי־צענטער האָט מספּיד געווען בן־אהרן, וועלכער האָט אָנגעהויבן:

„ווער איז צו דיר גלייך, טייערער, אין ריינקייט פון האַרץ, אין יושר, אין ליבן דעם אמת, אין שנאה צו פאַלשקייט און אין מוטיקייט". ער האָט גערעדט וועגן פעטערזיילס התלהבות און ברען אין דער פּאַרטייאישער שליחות, אין זיינע באַגעגענישן מיט די חברים פון די מזרח־עדות. בן־אהרן האָט פאַרענדיקט מיט דער הבטחה, אַז די פאָן וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון פעטערזיילס הענט, גייט אַריבער צו די פאַרזעצער פון וועג, וואָס וועלן וויסן צו שטיין אויף דער וואַך.

עס האָבן נאָך מספּיד געווען די חברטע פרומה און דניאל לייבל. מיטן געזאַנג פון דער פּועלי־ציון־„שבועה" האָבן די חברים פאַרלאָזט דעם קבר.

צענטראַל־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון אין ישראל (1946)
ערשטער רעכטס (צווייטע ריי) — י. פעטערזייל

י. זרבבל

אויך פעטערזייל איז אַוועק!

איז שוין אויך פעטערזייל נישטאָ!

אַוועק פלוצים, ווי מיט אַ יאָר צוריק זיינע נאָענטע חברים, יוסף און יצחק. אַוועק גראָד אין מאָמענט ווען ער איז אויפגערופן געוואָרן צו אחריותדיקער שליחות — ברענגען דעם צאָרנדיקן אויסגעשריי פון דער באַוועגונג פאַר אַן אַלוועלטלעכן יידישן פּאָרום קעגן אויפלעבן די דייטשע ווערמאַכט.

האָט דער טויט זיך אונטערגעאיילט און דאָס קוואַלנדיקע לעבן האָט, צו אונדזער אַלעמענס אויפטרייסלענדיקער שטוינונג, אויפגעהערט.

*

בלויז 56 יאָר איז פעטערזייל אַלט געווען אינעם פרימאָרגן, ווען ער האָט דערשפּירט, אַז „דער סוף קומט", און דאָס רוב יאָרן האָט זיין לעבן געקוואַלט, געפלאָסן אומרואיק, זיך געכוואַליעט און געריסן שפּרודלדיק ערגעץ ווייטער און ווייטער.

ער איז געווען לויט דער נאַטור באַרופן צו שליחות: אַ שטראַלנדיקער מוסטער פון געטריישאַפט און איינגעבוירענער עכטקייט, איז ער געווען ווי געבוירן צו טראָגן מיט זיך אמת און ליבע אומעטום, ווו ער האָט זיך געווענדעט און ווו זיין פּאַרטיי־פליכט האָט אים געשיקט.

יונגערהייט איז ער אַריין אין דער פּאַרטיי, און זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון יונגער עקזאַלטאַציע, פלאַמיקער קרבנות־גרייטקייט און ריירנדיקער חברישער פריינטשאַפט.

יעקב יונגער — אין פלוג איז עס געווען אַ פּסיידאָנים. פעטערזייל איז אויפגעטראָטן יאָרן נאָך יאָרן ווי אַ יונגער ענטוזיאַסט מיט שיינענדיקע אויגן, מיט יוגנטלעכן ברען, מיט שטענדיקן נייגער אין גאַנצן מהות, ווי ער וואָלט כסדר זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס איז טאַקע דער אמת פון דער באַוועגונג אין שייכות מיטן אמת פון לעבן, וואָס האָט זיך אַלץ מער אויפגעוויקלט פאַר זיין גאָרנדיקן דורשטיקן גייסט.

אַ פלאַמיקער רעדנער פון „גאַנצן האַרצן" מיט אַן אויסדרוק פון נישט

געקינצלטער תמימותדיקייט, האָט ער געוועקט ביי די צוהערער גלויבן, אַז „ער מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת״; אָבער ער האָט זיך נישט באַנוגנט, נאָר אייפעריק זיך באַמיט צו איבערצייגן מיט פאַקטן און אַרגומענטן, וועלכע ער האָט געזאַמלט פון ערשטן מקור.

ער האָט זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן פּוילן, זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט דער יידישער גאַס, אַריינגעדרונגען אין איר עלנט און נויט, זיך אָנגעשטעקט מיט איר בענקשאַפט און חלומות, און זיין לעבנס־ציל איז געוואָרן: ברענגען אָט דער גאַס ליכט און גליק.

ער האָט געהאָלפן אַקטיוו בויען די באַראַכאָוויסטישע יוגנט־באַוועגונג, אָפּגעבנדיק אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער אויסערשול־בילדונג פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו קריגן עלעמענטאַרע בילדונג אין שול גופא. האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם יוסף ראָזען און מיטן טראַגיש־אומגעקומענעם עמנואל רינגעלבלום.

נישט געווען קיין בעסערער מיטאַרבעטער פאַר יצחק לעוו ביים פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק וועגן אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע, סיי אין שריפט און סיי אין פּראַקטישער טעטיקייט.

פעטערזיילס גייסט האָט נישט סובל געווען קיין מנוחה און ער איז קיינמאָל נישט געווען באַפרידיקט. נאָך און נאָך מער און מער האָט ער פאַרלאַנגט פון זיך אַליין און ער האָט זיך געריסן קיין ארץ־ישראל, געוואָלט צוליגן אַ האַנט צו דעם אויפבוי פון לאַנד פון דער באַוועגונג; ווער נאָך ווי ער האָט עס אויפגענומען מיט אַזאַ אַנטציקונג דעם פּראָצעס פון אויפבלי: אַלץ בליט און וואַקסט דאָ אַזוי שנעל, ביי דיר אויף די אויגן. סאַראַ שיינקייט, סאַראַ פּראַכט. איז יעקב יונגער ממש אַרויס פון די כלים און מיט טרערן פון פריידן און גליק האָט ער געכאַפּט התפעלות פון יעדן אויפשפּראָץ און אויסוווקס אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט.

*

ליידער איז פון פעטערזיילן געראַבעט געוואָרן די מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך אין זיין נאַטירלעכער סטיכיע פון גרינטלעכער אַרבעט, פון פאָרשן, בויען און אויפשטעלן. אין די ספּעציפישע פאַרהעלטענישן פון ארץ־ישראל און אויך אין הסתדרות איז ער געצוווּנגען געוואָרן אַוועקצופּטרן זיין שאַפערישן פּאַטאָס און פילזייטיקע קענטענישן אויף סתמיקער טעכנישער קליינלעכער טעטיקייט, הגם אויך דאָ האָט ער, דער ענטוזיאַסט, באַוויזן אַרויסצוברענגען אַזוי פיל טאַקט, ליבע, איבערגעגעבנקייט און מענטשנפריינטשאַפט, אַז ער איז געוואָרן פאַר אַלע אַרומיקע אַ מוסטער און אַ ביישפּיל, ווי אַזוי אַ געזעלשאַפטלעכער

„באַאַמטער" דאַרף זיך אויפפירן בנוגע „קליענטן", בנוגע חברים און אַוודאי און אוודאי צו דער אַרבעט גופא.

האָט ער געוווּנען אָנערקענונג, אַכטונג און ליבע מצד אַלע.

אָבער דאָס האָט נישט געענדערט זיין לאַגע, האָט ער אין דער שטיל באַוויינט די כוחות און וויזיעס, וואָס גייען אין ניוועץ.

די פּאַרטיי האָט געוווּסט צו שאַצן פּעטערזיילן און זי האָט נישט געקווענקלט אָנצוטרויען אים די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטע שליחותן. די וועלט־באַוועגונג פּועלי־ציון האָט אין אים געפונען אַ טרייען סעקרעטאַר, אַן ערלעכן שליח און אַ פלאַמיקן טריבון אויך אויף אינטערנאַציאָנאַלע טריבונעס. אויף קאָנגרעסן קעגן אַנטיסעמיטיזם און אימפּעריאַליזם, אויף ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־טורס, האָט פּעטערזייל, אַליין און מיט אַנדערע חברים, געטראָגן דאָס פלאַמיקע וואָרט פון פּועלי־ציון, מיט שטאָלץ און מאָראַלישער קראַפט פאָרמולירט אונדזער אמת וועגן דער יידישער פראַגע אין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט די גרונט־פּראָב־



פון לינקס: י. פּעטערזייל, י. זרובבל, א. קובלאַנאָוו

לעמען, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט צו לייזן אויף זיין וועג פון קלאַסן־קאַמף און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

דאָס איז געווען אַ טיפער אמת פון זיין געמיט. מיט דעם פייער פון זיין גלייביקער נשמה האָט פּעטערזייל דאָ אין ארץ־ישראל זיך אָפּגעגעבן דעם פונאַנדערבוי און רעאַליזירונג פון דעם פּרינציפּ וועגן יידיש־אַראַבישער סאָלי־

דאַריטעט און צוזאַמענאַרבעט. אין וואָרט, אין שריפט און אין טאָג־טעגלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט פעטערזייל, אין חברישער פאַרשטענדעניש מיט דעם פאַרשטאָרבענעם קאַלוואַריסקי, געבויט אָזאַ אָרגאַניזאַציע און אָנגעקוואָלן פון איר יעדן שריט פאָרויס.

פעטערזייל האָט זוכה געווען צו דערלעבן דעם אויפקום פון דער מדינת ישראל. ער האָט אויך דערלעבט, אַז זיין אומגליקלעך געבורט־לאַנד, פוילן, זאָל אויסגעלייזט ווערן און זיך דערהייבן צו אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפובליק. און אָט איז ער, דער אַמאָליקער פשוטער זעלנער אינעם פוילן פון שליאַכטשיצעס פון גאַליקער יידן־שנאה און „מה יפית״־דערנידערונגען באַגליקט געוואָרן צו זיין דער פרעסע־אַטאַשע פון אומאָפּהענגיקן ישראל אינעם נייעם פוילן.

עס האָבן געברענט און זיך געסמאַליעט די פליגל פון יונגער־פעטערזייל אינעם חורבן פון פוילישן יידנטום, וואָס איז אָוועק מיטן פייער פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע; אָבער עס זענען ביי פעטערזיילן אויסגעוואַקסן פרישע, נייע פליגל אַ דאַנק דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה. ווערן זיינע ביולעטינען, ווי זיינע מינדלעכע אויפקלערונגען, פאַרוואַנדלט אין הייסער פראָפּאַגאַנדע. פאַר דער נייער פוילישער אינטעליגענץ זענען זיינע כלומרשט כראָניק־ידיעות אָנגעזאַפּט מיטן טוי פון אויפשפּראָצנדיקן לעבן און עס אָטעמט פון זיי דער גייסט פון העלדישן קאַמף פאַר שוץ און זעלבשטענדיקייט.

און פונדעסטוועגן מוז געזאָגט ווערן: אַלע שליחותן און אַרבעטן אין נאָמען פון דער באַוועגונג זענען פעטערזיילן געווען ליב און טייער; אומעטום און שטענדיק האָט ער אויף זיין פאָסטן מאַניפעסטירט זיינע אייגנשאַפטן פון טריי־שאַפט און איבערגעגעבנקייט.

אָבער צום העכסטן שפּיץ פון זיין באַרג־שטייגונג איז פעטערזייל צוגעקומען אין דער לעצטער שליחות זיינער, וועלכע איז געוואָרן אויך אין עצם זיין הויפּט לעבנס־ווערק — די היסטאָרישע זאַמלביכער פון דער פועלי ציון־באַוועגונג, וואָס דערשיינען זינט עטלעכע יאָר אין עברית און אין יידיש, ווי ילקוטי פועלי ציון.

*

ס׳האָט זיך שוין פון לאַנג געפילט אַ באַדערפעניש און נייטיקייט צונויפצו־זאַמלען די פונקען פון פועלי־ציוניזם, וואָס האָבן באַלד 50 יאָר געגליט אין אַלע תפוצות ישראל, געוואָרעמט הערצער, געצונדן מוחות און אויסגעבילדעט דעם עמוד האש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, צו לייכטן איר אויפן וועג צו איר היסטאָרישן באַפרייאונגס־ווערק.

די 50 יאָר האָבן כולל געווען די שטורעמדיקסטע תקופה אין לעבן פון פעלקער און מדינות. אויפשטאַנדן און איבערקערענישן, פאַשיזם און נאַציזם, נצחון פון אָקטאָבער און אויפמאַרש פון אונטערדריקטע פעלקער קעגן קאָלאָניאַלער

הערשאַפט און אימפעריאַליסטישער גוואַלד. אומוואַנדלונגען אין יידישן לעבן, גירושים און פּאָגראָמען, אומקום פון 6 מיליאָן און אויפקום פון אַן אייגענער מדינה; מעכטיקער אויפבּרויז פון אידעישע שטראָמען אין דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, פאַרמירונג פון פּאַרטייען; אין בלוט און פייער האָט זיך פאָרמירט און צעמענטירט די פועלי־ציוניסטישע תורה פון געדאַנק און טאַט, אין גלות און אין ארץ־ישראל, קלאַסן־קאַמף אין יידישן לעבן, פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט אויפן שטח פון אייגענעם לאַנד און אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַזאַ ממש פאַרבלענדנדיקע פילפאַרביקייט, אַ סימפאָניע פון קלאַנגען און ניואַנסן, אַזאַ מעכטיקע אויפגעברויזטקייט און צעזונגענקייט. וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיווקייט און אַ שפע אידעאַליסטישע מסירות נפש, רעאַליסטישע פּראַקטישקייט און רעוואָ־לוציאָנערער פּאַטאָס, גאונות פון יחידים און ענטוזיאַזם פון מאַסן, ווי קאָן מען לאָזן הפקר די עטישע קנינס, גייסטיקע ווערטן, אַזאַ נשמה־לויטערקייט און קאָלעקטיווע שאַפערישקייט?!

זענען עס דאָך היינט נישט מער קיין אַבסטראַקטע באַגריפן און אמתן פון געשלאָסענע צימערן; פון אונטערערד שפּאַרן זיי אַרויס מיט גוואַלדיקער קראַפט, באַצווינגען דאָס לעבן, ווערן פלייש און בלוט פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמאַציעס, נאַטירלעכע גלידער פון איר רייפן אידעישן אָרגאַניזם.

דער יונגער דור, די שפּעטער געקומענע, וויסן נישט דעם דערנער־וועג; זיי זענען נישט דורכגעגאַנגען, בלאָנדזשענדיק, דעם גייסטיקן לאַבירינט, וווּ ס׳האָט זיך געפּלאָגט און געבלוטיקט דער יידישער פּראָלעטאַרישער געדאַנק אין משך פון די 50 יאָר זינט דעם פּאַלטאַוועך גרינדונגס־צוזאַמענפאָר. זיי האָבן נאָך נישט אַריינגעקוקט אין דער לאַבאָראַטאָריע וווּ ער האָט זיך געשליפן און געלייטערט ביז ער האָט זיך פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט אין זיין פולן גלאַנץ און אָנערקענטער פּראַכט.

אַט די לאַבאָראַטאָרישע זאַמל־אַרבעט האָט פאַרכאַפּט די עקזאַלטירטע פאַנ־טאַזיע פון דעם פועלי־ציוניסטישן חסיד פּעטערזייל, און ער האָט זיך איר איבערגעגעבן בלב ונפש.

*

לאַנגע חדשים, טעג און נעכט, זינט עטלעכע יאָר האָט פּעטערזייל זיך פאַר־גראָבן אין „שמות“, גענישטערט אין צייטונגען און זשורנאַלן, דורכגעבלעטערט יאָרגענג, געזאַמלט אַרטיקל צו אַרטיקל, נאָטירט און סעגרעגירט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס, מאַניפעסטן און רעדעס, זיך פּאַרטיפט אין געשיכטלעכע דערשיינונגען, אַריינגעדרונגען אין געפּלאָנטער פון

געשעענישן, ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט קלאָר און שאַרף די שטעלונג פון פועלי־ציון, זייער טעאָרעטישן אַנאַליז און פּראַקטישע רעאַגירונג.

פעטערזייל האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט פאַרעפנטלעכן דעם מאמר פון אַמאָל, ווי ער שטייט און גייט, אַ פאַרפּיקסירטער אין די אַנאַלן פון דער געשיכטע, נאָר ער האָט מוסיף געווען אַן אַריינפיר, אַ באַמערקונג און אַן אויפקלערונג, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט יענע צייט און אומשטענדן, ווען און פאַרוואָס ס׳איז געשריבן געוואָרן, און וואָס איז געווען די פעולה און די ווירקונג זיינע.

פועלי־ציון־דעלעגאַטן פון ארץ־ישראל צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע (1939)
פון לינקס: מ. ערעם, י. פעטערזייל, אלכסנדר, י. זרובבל, י. ראָזען, מ. טײַכמאַן

דאָס איז נישט געווען קיין „טרוקענע״ ניכטערע אַרבעט פון אַ „ספּעץ״, אַ מומחה, וואָס פאַרצייכנט „אָביעקטיוו״, מתנגדיש, ווי אים וואָלט נישט אָנגעגאַנגען דער ענין. אונדזער פריוויליקער היסטאָריקער־לאַבאָראַנט האָט דאָ אַרויסגעבראַכט זיין הייסע ליידנשאַפט, צאַרטע ליבע און פרומע פיעטעט, התלהבות און פלאַטער פון אַן איבערצייגטן און גלויביקן גלייכצייטיק.

די שטומע אותיות האָבן צו אים גערעדט, די אַלטע בלעטער האָבן באַקומען לשון, און מיט יעדן אַריינבליק אין זיי און פאַרטיפונג האָט זיך דער לאַבאָראַנט איבערצייגט אַלץ מער, אַז די פּראָבלעמאַטיק איז נישט פאַרשווונדן, נאָר די צייט האָט זי בולטער צוגעשפּיצט און אָנגעגאָסן מיט אַקטועלקייט: ס׳האָט זיך פאַר אים אין לויף פון דער אַרבעט אַנטפּלעקט דער דערציערישער זין פון די זאַמלביכער, זייער חשיבות און פּאָליטישער באַדייט פאַרן קאַמף, וואָס גייט נאָך אָן ווייטער. עס זענען נייטיק צום לעבן אָט די עטישע ווערטן, אָט די מאָראַלישע

שטאַנדהאַפטיקייט, אַט די געטריישאַפט צום אידעאַל, און די פעיקייט צו מסירת נפש אין דעם געשיכטלעכן געראַנגל פאַר דער אידעע. מ׳קאָן, און דאָס מיינט, אַז מ׳דאַרף פון עבר לערנען בנוגע דעם היינט און מאָרגן, ווי צו אָריענטירן זיך אין אַנטשפּרעכנדיקע סיטואַציעס און ווי צו האַנדלען אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק.

*

פּעטערזייל האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער אַרבעט פון אונדזערע „ילקוטים". דאָ איז ער נתגלה געוואָרן אין זיין נאַטירלעכער שיינקייט און אמתדיקייט: אַן אויסערגעוויינלעכער כוח פון התמדה און קפּדנישע פּינקטלעכקייט, אויפריכטיקע נטיה צו גרינטלעכקייט, זאָרג פאַר יעדן פּרט, דרך־ארץ פאַרן געדאַנק, שטוינונג און באַוווּנדערונג פאַר דער העלער לויטערקייט פונעם אידעאַל, און צוגעבונדנקייט צו דער באַוועגונג, ווי צו אַן אייגענער האַרציקער מאַמע, וואָס האָט דיר לעבן געגעבן.

אַ גרויסן טייל פון אַט דער פּוילוערטיקער אַרבעט זיינער האָט פּעטערזייל געטאָן צוזאַמען מיט יוסף ראָזען, און ביידע זיי האָבן עס באַטראַכט און אויסגעפּילט ווי אַ הייליקע שליחות, וואָס דאַרף ראַטעווען אוצרות און אויסלייזן די נשמה פון אַ דור.

נאָך דעם פּלוצימדיקן טויט פון יוסף ראָזען און יצחק לעוו האָט פּעטערזייל זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין אַרבעט מיט נאָך מער ברען. ער האָט אינגאַנצן געזאָטן. מען דאַרף זיך איילן. די אַרבעט מוז גיין מער אינטענסיוו. ס׳איז אויך צוגעקומען אַ פרישע אויפגאַבע: די בלוט־טריפנדיקע וווּנד האָט געמאָנט פון דער באַוועגונג תיכף ומיד צו טאָן זייער רעכט די נפטרים. דער טויט ווייסט נישט פון קיין לעגאַליזירטער ריי. ער רייסט אַרויס פון דער באַוועגונג די לעבעדיקע שטיקער, דעם מאַרך און די מוסקולן אירע. איז נישט שייך צו וואַרטן. די באַוועגונג איז אַריינגעטאָן מיט לייב און גייסט אין שלאַכטן. זי קאָן נישט מוותר זיין אויף קעמפער; זייער אָרט טאָר נישט בלייבן ליידיק, זייער שטים מוז דערהערט ווערן פון קבר אַרויס. זייער רוף וועט מונטערן און פעסטיקן די, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים פורעמען די ווירקלעכקייט ווייטער.

און פּעטערזייל נעמט אויף זיך די נייע, מאָראַליש און פּסיכיש שווערסטע אויפגאַבע. ס׳איז פּסיכיש און מאָראַליש איבער די כוחות פון אַ מענטש צו גריבלען זיך אין תכריכים פון אַ נאָענטן טייערן חבר, וועמענס לעבנס־אָטעם דו שפּירסט נאָך אויף זיך, בעת יעדע שורה און יעדער אויסדרוק פון זייערע ווערק פּראָטעסטירן קעגן דער אַכזריות פון טויט, קעגן דעם אומרעכט פון גורל כלפּי דער באַוועגונג, וואָס האָט זוכה געווען צום טריומף פון אירע אידעען אין דער ווירקלעכקייט פונעם געוועט, פון געהרגעטן יידישן פאָלק.

פעטערזייל־בוך

פעטערזייל האָט זיכער געטרערט און געבלוטיקט אויף די עמודים פון ראָזענס און לעווס ווערק, ווען ער האָט אַזוי באַשיימפּערלעך געשפּירט, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקן אוצר זיי האָבן געשענקט דער באַוועגונג, און וויפל קאָנסטרוקטיווע שאַפערישקייט זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין.

ערשט איין טאָג פאַר זיין טויט האָט פּעטערזייל פאַרענדיקט דעם הויפּט־טייל פון יוספס זאַמלבוך און ס׳האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער מוז זיך מיט דעם שיידן, ווען אויך בלויז אויף אַ קורצער צייט, צוליב זיין נייער שליחות צו דער יידישער וועלט־קאָנפערענץ.

אָבער ער האָט זיך געפרייט מיט אָט דער שליחות, ווייל דאָס וואָרט האָט געברענט זיין גומען. ער, דער געבוירענער טריבון, האָט זיך געריסן צו יענער וועלט־טריבונע, כדי אָנצושטעקן אויך אַנדערע מיטן צער און צאָרן, הלמאי די כלומרשט „ציוויליזירטע״ וועלט פאַרגעסט אַזוי גיך די מעשים תעתועים פון דער נאַצי־חיה און וואָס מיר אַליין שווייגן פאַרברעכעריש ביים אָנרוקנדיקן נייעם גרויל.

בלויז אַ פאַר וואָכן, אַזוי האָט ער זיך איינגערעדט, און כ׳וועל קאָנען צוגרייטן דאָס צווייטע בוך, פון יצחק לעוו.

ניין, דאָס איז אים שוין נישט באַשערט געווען.

נישט אָנגעשריבן דעם אַריינפיר צו יוספס בוך. נישט אויפגעשטעלט דאָס בוך לעוו. ס׳איז מיט ברוטאַלקייט אויפגעשוומען אַ נייע אויפגאַבע: אַ בוך פּעטערזייל.

אַן אויפגעשרויפטער, אין זיין פולער דינאַמיק, האָט פּעטערזייל זיך געגרייט צום אָפּפלי. און ער איז געפאַלן — אַן איבערגעבערענטער, אַן אונטערגעשניטענער.

*

ביי זיין קבר שטיי איך אַן איינגעבראָכענער און אַ חברטע רעדט צו מיר אַ פאַרוויינטע; ניין, נישט קיין בלעטער פאַלן לעצטנס ביי אונדז, נאָר גאַנצע צווייגן.

אמת. צווייגן ווערן אויסגעריסן. לאָמיר היטן דעם בוים, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע צווייגן.

„נייוועלט״, 17.6.55

נ. ניר

דער ריינער מענטש און חבר

איך געדענק פּעטערזיילן בערך פינף און דרייסיק יאָר, נאָך פון די סטודענטישע קרייזן פון פּועלי־ציון אין לאָדזש און וואַרשע.

זייער גיך האָט ער זיך אַרויסגעהויבן אַלס איינער פון די בעסטע רעדנער צווישן אונדז. מיט זיין אויסערגעוויינלעכער דיקציע און לאָגישן געדאַנקענגאַנג האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זיינע צוהערער.

אין ארץ־ישראל האָב איך אים געטראָפן אין יוני 1925 אַרבעטן אויף די רושטאָוואַניעס אין לב תל־אביב. צוליב זיין שוואַכן געזונט האָט ער אין צוויי יאָר אַרום געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אומגעקערט זיך ערשט אין יאָר 1933. דאָ, ווי אין וואַרשע, האָט אים באַזונדערס געצויגן די אַרבעט צווישן דער יוגנט, דער געביט פון קאָאָפּעראַציע און די פּאַרטייאישע פּרעסע. קיין שום אַרבעט איז פאַר אים נישט געווען צו שווער. ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן שוואַרצער און ווייסער אַרבעט אין דער באַוועגונג.

דאָס איז טאַקע ער געקומען אין יאָר 1934 מיטן געדאַנק, אַז מיר, פּועלי־ציון, דאַרפן נישט זיין אָנגעוויזן דווקא אויף דער הסתדרות און מיר קאָנען אויך אַליין בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער. „בשותפותדיקע הייזער" זענען נאָך דעמאָלט געווען אין אָנהייב, על פּי רוב, אַן ענין פון הסתדרותישער אַריסטאָקראַטיע, פון בעסער־סיטואירטע אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אויף שטענדיקע אַרבעטס־פּלעצער. מ'האָט על פּי רוב געבויט דריי־צימערדיקע דירות און די פינאַנסיעלע באַדינגונגען זענען געווען שווערע, ווייל די היפּאָטעק איז געווען פאַרטיילט בלויז אויף 8—10 יאָר. אַזוינס האָט אַ פּשוטער תל־אביבער אַרבעטער קוים געקאָנט אויסטראָגן, צוליב דער סעזאָן־אַרבעט און אָפטער אַרבעטסלאָזיקייט; האָבן מיר געוואָלט פּרוון גיין מיט אייגענע וועגן — אַ צוויי־צימערדיקע דירה און אַ היפּאָטעק אויף 20 יאָר. אַחוץ דעם האָבן מיר טאַקע געוואָלט, אַז די בשותפותדיקע הייזער זאָלן זיין מער ווי בלויז אַ דירה פאַר חברים. מיר האָבן געוואָלט, אַז די הייזער זאָלן אַריינטראָגן מער קאָלעקטיווקייט אין לעבן פון די אַרבעטער. באַזונדערס האָט פּעטערזייל געווידמעט אַ סך געדאַנק דעם דאָזיקן פּלאַן, ווי אַזוי די בשותפותדיקע הייזער זאָלן ווערן דערציאונגס־אינסטיטוציעס פאַר די אַרבעטער און זייערע משפּחות.

און אַט, אין יאָר 1934, האָבן 18 אונדזערע חברים זיך פאַרשריבן אין אַ הסתדרותישן שיכון אין חולון און געפאָדערט, אַז זייערע הייזער זאָלן זיין צוזאַמען אין איין פּערטל, ווי עס איז געגעבן געוואָרן דעם הפועל־המזרחי. אָבער אונדז, פּועלי־ציון, האָט מען דאָס אָפּגעזאָגט. איז פעטערזייל געקומען מיטן געדאַנק אָפּצונעמען דאָס געלט פון דער הסתדרות און זיך פאַרמעסטן צו בויען אייגענע קאָאָפּעראַטיווע הייזער.

אין משך פון צוויי טעג זענען דורך פעטערזיילס איניציאַטיוו געקויפט געוואָרן די ערשטע צען דונאַם אין רמת־גן און אַ פּלאַץ אין תל־אביב, אויף זרבבל־גאַס, און עס איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „מעונות פועלים". פעטערזייל האָט גענומען אויף זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַסט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. באַלד איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס הויז אויף זרבבל־גאַס — מעונות פועלים א', דערנאָך — די דריי בלאָקן אין רמת־גן, איצט גבעתיים, און שפּעטער נאָך — דאָס הויז אויף אליעזר בן־יהודה — מוענות פועלים ג'. צענדליקער חברים האָבן צו פאַרדאַנקען פעטערזיילן, וואָס אַ דאַנק אים זענען זיי אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קאָאָפּעראַטיוון און געקאָנט צוקומען צו אייגענע דירות. די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורכן קריזיס פון יאָר 1937, אָבער די „מעונות פועלים" האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר דער אויסגעברייטערטער בוי־אַרבעט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, פון יאָר 1945, וואָס האָט באַקומען אַ גרויסן שוווּנג אַ דאַנק דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם שמואל טייכמאַן.

פיל ענערגיע און צייט האָט פעטערזייל געווידמעט אין די דרייסיקער יאָרן דער אידעע פון אַנטיפאַשיזם און פון יידיש־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט. ער איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע חברים אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „אַנטיפאַ", וואָס מיר האָבן געגרינדעט אין יאָר 1935. ער האָט זיך אין אונדזער נאָמען באַטייליקט אין דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל אין יאָר 1938, צוזאַמען מיטן חבר דזשאָרזש נאַסאַר.

אין יענע יאָרן האָט זיך געגרינדעט די ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער געמיינזאַמקייט, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אַחוץ אונדז, אַ סך פּערזענלעכקייטן אין ירושלים, דער עיקר פונעם קרייז פון „ברית־שלום", ווי ר' בנימין, ד"ר ערנסט סימון, ד"ר הירש, ד"ר מאַגנעס. פעטערזייל איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביי פעטערזיילן די קראַנקהייט. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט אָפּגעבן אַזוי פיל צייט דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. שוין דעמאָלט איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז פעטערזייל זאָל זיך ווידמען דער עיקר די „ילקוטים פון פּועלי־ציון", זאַמלונגען פון דאָקומענטן און אַרטיקלען פון פּועלי־ציון, וואָס זאָלן פאָרשטעלן די געשיכטע פון פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק. מיטן גאַנצן ברען

און איבערגעגעבנקייט האָט זיך פּעטערזייל אַריינגעוואָרפן אין דער צוגרייטונג פון דער דאָזיקער אַרבעט, און אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק זיין ענערגיע זענען אַרויס אין די פּערציקער יאָרן די ערשטע צוויי בענד פון די „ילקוטים".

אין די יאָרן 1948—1950 איז פּעטערזייל געשיקט געוואָרן קיין פּוילן אַלס קולטור־אַטאַשע ביי דער ישראל־באַטשאַפט אין וואַרשע, און די חברים פון פּוילן קאָנען זיך נישט גענוג אָנדערציילן וועגן זיין געטרייער און איבערגעגעבענער אַרבעט דאָרט.

די לעצטע יאָרן איז ער געזעסן אין ירושלים, געאַרבעט אין קופּת חולים, אָבער די גאַנצע צייט געווידמעט די ילקוטים. צוליב זיין קראַנקהייט איז ער געווען אָפּגעריסן פון דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטייאישער אַרבעט, אָבער געשטאַנען אין נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט איר, און צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען געוויטיקט איבער דער אַנטוויקלונג אין מפ"ם, ווו מיר האָבן זיך געפילט ווי געבונדענע די לעצטע יאָרן.

קומענדיק קיין ירושלים צו די זיצונגען פון דער סוכנות יעדן מאָנטיק, פלעג איך אַלע מאָל אַריינגיין צו פּעטערזיילן. ער פלעגט מיך תמיד אויפנעמען מיט זיין גאַנצער האַרציקייט, ביז איך האָב אים נישט אויסדערציילט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון דער פאַרגאַנגענער וואָך; צו יעדער פראַגע פלעגט ער אַרויסזאָגן זיין מיינונג, און מיך פאַרפליכטן צו ברענגען זי צו די איבעריקע חברים. דערביי האָט ער זיך אַלעמאָל געקלאָגט, אַז די טעכנישע אַרבעט אין קופּת־חולים הרגעט אים אַוועק, ער קאָן זיך נישט גענוג ווידמען די ילקוטים, ווי ער וואָלט געוואָלט. און דאָך האָט ער אין דער דאָזיקער תקופה צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים פון דער רעדאַקציע, און באַזונדערס יוסף ראָזען, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1954 און אָנהייב 1955 נאָך צוויי בענדער פון די ילקוטים און צונויפגעשטעלט די יידישע איבערזעצונג פון איין באַנד, וואָס איז דערשינען אין אַרגענטינע.

ווען ס'האָבן זיך געשאַפן די נייטיקע באַדינגונגען, האָבן מיר פאַרגעלייגט פּעטערזיילן, אַז מיר ווען אים „אויסלייזן" אויף איין יאָר ביי קופּת־חולים, כדי ער זאָל קאָנען אינגאַנצן זיין צייט ווידמען די ילקוטים. דער געדאַנק האָט אים באַגייסטערט און צוויי וואָכן פאַר זיין טויט האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז ממש גליקלעך, וואָס ער קאָן איצט רואיק אַרבעטן. זיין צימער איז געווען פאַר־וואָרפן מיט אַלטע צייטונגען און ביכער. ער האָט געזאַמלט פאַר אונדזער אַרכיוו אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט געפינען און איז געווען גליקלעך, אַז ער האָט ערגעץ־ווו געפונען אַן אַרטיקל פון דעם, אָדער יענעם חבר. נישט איין מאָל פלעגט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטישער התפעלות מיר דערציילן, וואָס פאַר אַ „בריליאַנטל" ער האָט געפונען אין די אַלטע יאָרגענג „אַרבעטער־צייטונג" און אין „נייוועלט" פון דעם אָדער יענעם חבר. לעצטנס האָט ער אויף זיך גענומען



אין סאַנאַטאָריע „ארזה״. פון רעכטס: י. פּעטערזייל, מוליע, י. זרובבל, נ. ניר

די אויפגאַבע צו זאַמלען אַלע מאַטעריאַלן אויף אַרויסצוגעבן צוויי בענד שריפטן פון יוסף ראַזען און יצחק לעוו. ער האָט שוין געהאַט כמעט פאַרענדיקט דעם באַנד וועגן יוסף ראַזען, און זיין פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן.

די לעצטע חדשים איז ער אַ ביסל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט אין ירושלים און געפילט זיך, ווי אויפגעלעבט; עס איז אים שווער געווען, ער האָט אָבער געטאָן אַלץ פאַר אונדזער דערפאָלג ביי די וואַלן צו דער הסתדרות. זעלטן ווער איז געווען אַזוי גליקלעך ווי ער מיטן אויסגאַנג פון די הסתדרות־וואַלן הן אין ירושלים און הן אין גאַנצן לאַנד. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ באַגייסטערטער, און ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די פּאַרטיי שיקט אים אַלס איר פאַרשטייער אויף דער יידישער קאָנפערענץ קעגן דער באַוואָפענונג פון דייטשלאַנד, האָט ער געשיינט, אויסגעזען יינגער אויף אַ צענדליק יאָרן. ער האָט זיך פיזיש געפילט גוט.

און פלוצים, אין מיטן פון די הכנות האָט געטראָפן דאָס אומגליק.

מיטוואָך, דעם 8טן יוני, איז ער נאָך אַרויסגעטראָטן אויף אַן אַזכרה־פאַר־זאַמלונג און געהאַלטן אַ גלענצנדיקן פאַרטראַג וועגן יוספן אַלס פובליציסט. דאָנערשטיק, דעם 9טן יוני, האָט ער נאָך אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי, און שוין דעם 13טן יוני איז ער נישט געווען...

דעם טאָג בין איך געקומען קיין ירושלים האַלב צען אַזייגער. איך האָב געדאַרפט ברענגען פעטערזיילן אַ טעלעגראַמע פון בלומעלן, מיט אַן איינלאַדונג צו דער קאָנפערענץ, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו גיין צו אים איינס אַזייגער, נאָך דער זיצונג. אין דער אַגענץ האָב איך געבראַכט הונדערט ילקוטים פאַר דער סוכנות, לויט דער באַשטעלונג פונעם אויפקלערונגס־דעפּאַרטאַמענט. איבערגעגעבן די ביכער דעם חבר ארעסט, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל באַזאָרגן, איך זאָל תיכף באַקומען דעם טשעק, כדי דאָס צו קאָנען ברענגען ווי אַ מתנה פעטערזיילן. איז ארעסט אַוועק דערליידיקן דעם ענין, אָבער תיכף קערט ער זיך צוריק און זאָגט אומגעריכט: „פעטערזייל מת“. איך בין געבליבן פאַרגליווערט. ווען איך בין באַלד אָנגעקומען צום הויז פון די פעטערזיילס, האָב איך אים געפונען אויפן בעט, נאָך אָפּגעדעקט, נאָך וואַרעם, אַ ביסל בלייך. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געשלאָפן.

זיין פסיידאָנים איז אַמאָל געווען „יעקב יונגער“ — אַקוראַט צוגעפּאַסט צו אים. ער איז אַלעמאָל געווען יונג, קיינמאָל איז ער נישט אַלט געוואָרן. דער טויט, זאָגט מען, איז גרויזאַם, אָבער נישט ווייניקער גרויזאַם איז דאָס לעבן.

אָט גייען אַרום אויף דער ליכטיקער וועלט שיינע יונגע מענטשן פול מיט טעמפּעראַמענט, פול מיט גלויבן אין מענטש און מענטשלעכן אידעאַל, און דאָ שטויסט זיך אָן זייער גלויבן אויף אַזוי פיל שלעכטס אַרום און אין מענטשן.

ביסלעכווייז הייבט זיך אָן אויסוועפּן דער גלויבן אין מענטשן, און צוזאַמען מיטן גלויבן אין מענטש וועפּן זיך אויס די אידעאַלן... עס זענען אָבער דאָ יחידים, וואָס זענען פאַרפּאַנצערט פאַרן שלעכטס. זיי גייען גלייך פאַרויס, פאַרקוקט נאָר אויפן עמוד האש פונעם אידעאַל. די ברויזנדיקעווירקלעכקייט פון אַרום ווירקט אויף זיי נישט. זיי בלייבן ביזן טויט טריי דעם אידעאַל. זייער גלויבן אין מענטש איז אומבאַרירבאַר.

אַזעלכער איז געווען פעטערזייל. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, ווי קאָן מען עס נישט גלייבן אַ מענטשן. קיין וואָרט פון נישט אמת איז פון זיין מויל קיינמאָל נישט אַרויס, פאַרוואָס־זשע זאָל דער צווייטער זאָגן אַ ליגן? ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט חושד געווען. אדרבא, פלעגט ער הערן עפּעס שלעכטס וועגן אַ מענטשן, האָט ער אַלץ געטייטשט צום גוטן, אַזוי, ווי ער אַליין איז געווען. האָבן חברים טיילמאָל געטראַכט וועגן אים, אַז ער איז נאַיוו. ער איז אָבער נישט געווען נאַיוו. געליטן האָט ער שטיל. געפּרייט האָט ער זיך צוזאַמען מיט אַנדערע, אַפילו מיט יעדן קליינעם דערפאָלג. דאָס איז געווען זיין באַזונדערע לעבנס־חכמה.

ריין, ווי קרישטאָל, האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבנס־וועג, און ריין, ווי קרישטאָל, האָט ער אים פאַרענדיקט. זיין אויפריכטיקע ליבע צו יעדן איינציקן חבר, די גרייטקייט זיך איבערצונעמען מיט די צרות פון יעדן איינציקן, האָט אים געמאַכט באַליבט נישט נאָר ביי חברים, נאָר ביי אַלע, וואָס זענען מיט אים געקומען אין באַרירונג. ער איז אפשר געווען דער איינציקער מענטש אין דער פּאַרטיי, וואָס נישט נאָר קיין שונאים נישט געהאַט, נאָר אדרבא, עס איז נישט געווען קיין איינציקער, וואָס האָט אים נישט ליב געהאַט.

ער האָט נאָך געקאָנט לעבן און לעבן. און אָט איז ער אַוועק, נאָך איינער פון אונדזער משפחה. מיר האָט זיך אַלעמאָל געדאַכט, אַז ער וועט בלייבן פון אונדז דער לעצטער, אַז ער וועט פאַרענדיקן אין שריפט די געשיכטע פון פּועלי־ציון. און אָט איז ער אַוועק, די איבערגעבליבענע קומט אויס צו שרייבן וועגן אים. אַוועק אַ סך פאַר דער צייט, ער, דער ריינער, דער שיינער מענטש און חבר.

ד״ר רפאל מאהלר

יעקב פטרזייל

(דברים באזכרה מטעם מועצת פועלי ירושלים)

מלאה שנה מאותו יום בוער כתנור, היום המר והנמהר, שבו נסתלק מאתנו החבר יעקב פטרזייל היקר, ועדיין גדול הצער והאבל בכל חוגי חבריו וידידיו, מחבביו ומוקיריו. עדיין הנפש פנימה מתמרדת מלהשלים עם הרעיון, שהאבדה הגדולה היא אבדה לנצח, לעולמים. דומה כאילו זה אך אתמול ראינוהו ונהנינו מזיו פניו, המפיקות חדות־חיים ושמחת־עבודה. כאילו רק אתמול האירו לנו עיניו השחורות היפות, הקורנות אור וחיבה, אהבת־אדם ללא סייג וללא גבול. כמין אח גדול אוהב וחביב התהלך בינינו, בעל לב חם של אם רחמניה ורגיש כילד רך. כולנו אהבנו אותו, כל מי שזכה לבוא במחיצתו, בטח בידידותו וחברותו הנאמנה, התחמם לאור נפשו העדינה והאצילה.

יד הגורל הקשה היתה במפלגת פועלי־ציון, תנועת שומרי משמרת הבורוכו־ביזם הנאמנים, ובמשך שנה ומחצה חטפה מן המחנה ארבעה ממנהיגיו הותיקים והדגולים: יוסף רוזן, יצחק לב, יעקב פטרזייל ויצחק יצחקי. החברים לרעיון ולמאבק גם במותם לא נפרדו, אך כל אחד בפני עצמו היה גם אישיות מובהקת ומפורשת: יוסף רוזן, נין ונכד למגיד ר׳ דוד ממאקוב, ירש מאביו־זקנו את כל הקנאות הלוהטת והפאתוס המוסרי העמוק, במלחמת הקודש ביריביו, מחבלי כרם בית ישראל; יצחק לב, בן המלמד בווארשה, היה כעין גלגול של לאסאל ברחוב קרמליצקה ונובוליפקי, וכדמות אותו האביר הסוציאליסטי בפרלמנט הגרמני, היה מופיע בעיריית הבירה של פולין ותובע בנאומיו הנלהבים את עלבון הפרולטרים המדוכאים, וביניהם דלי הדלים, הפועלים והעמלים היהודים; יצחק יצחקי, הנסיך הפרולטרי במלכות ארץ־ישראל העובדת, איחד בנפשו תכונות של בורוכוב התיאורטיקן שנתגלגל לחלוץ, עם תכונות לוחם ללא חת את מלחמת העמדות היום־יומית, לוחם, מיסודו של קרל ליבקנכט; יעקב פטרזייל גילה בנפשו הזכה ניצוצות של נשמת ר׳ לוי יצחק מברדיצ׳ב, הסלחן, הרחום והרחמן, ושל ר׳ משה ליב מסאסוב, הכונס, באהבת ישראל עזה, את היתומים המוזנחים וחופף את ראשיהם. אך הגלגול ההיסטורי של קרבת נשמות



בעצרת שנתקיימה בוורשה, במלאת שנתיים להחלטת האומות המאוחדות על הקמת מדינת ישראל (1949)

אינו חזרה גרידא, חוק החיים וההיסטוריה היא ההתקדמות. יעקב פטרזייל הסלח והרחום, הטוב והמטיב, בן המאה העשרים, לא יכול למצוא את שלות רוחו במעשי־צדק וחסד אישיים. המופלא בתכונת רוחו הוא המיזוג המיוחד במינו של אוהב אדם ולוחם, איש הלב והמוח, כשם שאיחד בנפשו את מעלות איש הסיף והספר. משחר נעוריו היו חייו שרשרת אחת, בלתי מנותקת של מאבק ללא הפוגה, של מאמץ עבודה ללא ליאות, ובמאבק ומאמץ זה מסר את נפשו.

כמה מגוונת בשלל צבעיה, מלאת תוכן וטעם, היא הכרוניקה הקצרה של חייו, שנקטפו ללא עת. כבר בגימנסיה בלודז׳ עיר מולדתו, היה פעיל בחוג תלמידים שהדריך אותם בתורת הציונות הסוציאליסטית. בטרם נכנס לאוניבר־סיטה, שירת שלוש שנים בצבא הפולני. בשירותו זה בצבא קשורה אפיזודה, שיש בה להעיד יותר ממאה ספרים על דמותו ורוחו של הסוציאליסט היהודי הצעיר. יעקב פטרזייל הרך והרגיש, האיסטניס ואנין־הדעת, לא היסס, בעמדו עם הצבא הפולני בעיר מינסק בבילורוסיה, לפעול בארגון המהפכני בצבא, שתפקידו היה לספק ידיעות לצבא האדום. ואין צריך לומר, שבפעולה זו כרוכה היתה סכנת מוות, מוות בעינויים.

כבר בימי לימודיו באוניברסיטה בוורשה התבלט פטרזייל כאחד המנהיגים של הנוער העובד היהודי והסטודנטים היהודים; באותן השנים היה חבר הועד המרכזי של נוער פועלי־ציון שמאל („יוגנט״), חבר מערכת „יוגנט פאָן״ ו„פרייע יוגנט״, ושל בטאון הסטודנטים „טריבונה אקאדמיצקה״. בשנת 1924 עלה עם רעייתו, אולה, לארץ ישראל, ושנתיים עברו עליו בגלגולים קשים בעבודת בנין ובעבודה „שחורה״ בבתי־חרושת. בשנת 1926 נאלץ, בגלל מצב בריאותה של רעייתו, לחזור לפולין לזמן־מה. הקושי לקבל סרטיפיקט (כחבר פועלי־ציון שמאל) גרם, שישיבתו בפולין נמשכה שש שנים. בתקופה זו היה פעיל ביחוד בתנועת הנוער ובתנועה הקואופרטיבית, ופרסם מאמרים רבים בעתונות המפלגה. היתה לי הזכות לעבוד יחד עם פטרזייל בועד המרכזי של תנועת הנוער ובמערכת הירחון של התנועה. למרות מצבו החמרי הקשה ביותר, לא התאונן מעולם על תנאי חייו והיה שופע אופטימיזם וחדוה. את דבר ארץ־ישראל העובדת היה מביא בהרצאותיו המסודרות בשיטה (היה מוליך אתו פנס קסם) לעיירות הנידחות בפולין, ויש שהיה מתרוצץ חודש תמים בנסיעות מבלי לחזור הביתה להינפש. ושוב בולט כאן פרט, המגלה את כל מסירות נפשו למפלגה והזדהות חייו עם התנועה ללא כל שיעור של חישובים אישיים: בימי המשבר במפלגה, אחר הפילוג בתנועה בארץ־ישראל, הציע פטרזייל, שכל עובדי המפלגה יותרו על חודש החופש בשנה ויקדישו את זמנם לעבודת הסברה. הצעתו זו לא נתקבלה, אבל פטרזייל עצמו קיים מה שדרש, ועבד בחודש החופש עד אפיסת הכוחות.

בשנת 1932 חזר פטרזייל ארצה עם בני־ביתו, ושוב התחילה פרשת יסורים וסבל בחייו העמלים. במשך שנים רבות, עד לעצם מלחמת העולם השניה סבל

דוחק ועוני ולא זכה לקבל אלא עבודת דחק ארעית (בשכר של שבע לירות לחודש). באותה תקופה עצמה מסר את מיטב כוחותיו לפעולת המפלגה בארץ, שהיה אחד ממנהיגיה: היה חבר המערכת „נייוועלט" ו„דרך הפועל", עתונים, שבהם פרסם מאמרים לעשרות. הוא היה מן המיסדים של הארגון „אנטיפא" המסונף ל„ליגה למלחמה בפשיזם" שמרכזה בפאריס, ובשליחות „אנטיפא" השתתף בשנת 1934 יחד עם החבר ג'ורג' נאצאר בקונגרס השלום בבריסל ובקונגרס למלחמה בגזענות ואנטישמיות בפאריס. האינטרנציונליזם ללא פשרה והאהבה הלוהטת לעם ולארץ פעמו בלבו ברגש אחד חזק ללא הפרדה, והתגלמות זו של שתי האהבות בנפשו היתה דוגמה ומופת חותך לאמיתתה וצדקתה של הציונות הסוציאליסטית המהפכנית. לא היה הדבר אלא בטבע אישיותו, שהוא היה המארגן ורוח החיים של ה„ליגה להתקרבות יהודית—ערבית". יחד עם רוברט ולטש, חיים מרגלית—קלווריסקי, ר' בנימין ופרופ' ארנסט סימון, ערך את המאסף מטעם הליגה, „על פרשת דרכינו", שיצא בשנת 1939.

המאפיין ביותר את תכונת נפשו של מנהיג סוציאליסטי יהודי, כאחד המנהיגים של ארץ־ישראל העובדת, היתה נטייתו המובהקת למעשים קונסט־רוקטיביים, לבנין, שהרי עם כל להט נפשו של לוחם, היה פטרזייל כמין פרוייקציה של אדם העתיד, האדם הסוציאליסטי, החי בחברה סוציאליסטית, שהיא כולה בנין. תכונת נפשו זו באה לידי ביטוי נפלא ביחסו לחברים וידידים: הוא, פטרזייל, לא זו בלבד שהשתתף בצער חבריו, שמח בשמחתם, אלא היה מזדהה אתם ממש הזדהות נפשית בצער וביגון, כבעתותי חדוה. הוא היה יותר מאדם השואף לסוציאליזם, הוא חי את הסוציאליזם, פשוטו כמשמעו, בתכונת נפשו זו מתבאר גם תחום פעולתו המיוחד החביב עליו, הקמת שיכונים לפועלים. בעל מעוף ובעל חלומות היה, לא כאותו מנחם מנדל, הבונה ארמונות באויר, אלא כחברו וידידו עמנואל רינגלבלום, ההיסטוריון הדגול, גבור הגיטו בווארשה, היה אף הוא מלא יזמה ומרץ בתכנון תכניות של ממש. רינגלבלום, שהיו מלגלגים עליו לפני המלחמה, שהוא בעל הזיה בתכניותיו, הקים לעצמו יד ושם לדורות, במפעלו הנועז, הקמת ארכיון השואה והמרד בלב הגיטו האיום. פטרזייל, בעל החלומות הציוניים—הסוציאליסטיים, לא מנעוהו תנאי חייו הקשים, מלהקים במרצו, עקשנותו ומסירות־נפשו את מעונות הפועלים, מעונות א' ב' ג', בתל־אביב, ולהתחיל בהקמת השיכון במוצא, על יד ירושלים.

רב־ערך ורב־תוכן הוא העזבון הספרותי של פטרזייל, המפוזר במאמריו למאות בעתונים ומאספים ובחוברות מיוחדות. דוגמה לבקיאותו הרבה בבעיות הסטאטיסטיקה והכלכלה, היא חוברת ביידיש: „ארץ־ישראל בימי מלחמת העולם השניה", שהופיעה בשנת 1941. מאמריו בבעיה האגררית בארץ, החושפים את ספסרות הקרקעות בידי הבורגנות, לא איבדו את כל האקטואליות שלהם

אף בימינו. אך גולת הכותרת של עבודתו הספרותית, הם „ילקוטי פועלי־ציון", אספי תעודות לתולדות תנועת הפועלים היהודית, שמהם הספיק להוציא ארבעה כרכים: „המהפכה הראשונה והשניה ברוסיה", „מבלפור עד בווין"; „המאבק בזירה הפרולטרית הבינלאומית" (חלק ראשון ושני) עד לשנת 1947. דומה, כאילו בילקוטים אלה מצא פטרזייל תיקון למיטב כשרונותיו של מארגן ובעל מחשבה, כאן מצא לו מקום לגלות את בקיאותו הרבה. ילקוטים אלה הערוכים בידי פטרזייל בשקידה לדוגמה, ובאהבה רבה לנושא, הם תרומה רבה לתולדות תנועת הפועלים היהודית. מבחינת הדיוק המדעי והסגנון המדעי (ההקדמות, הסקירות וההערות נכתבו על־ידי העורך, פטרזייל) עולים הילקוטים האלה על כמה קבצי מקורות, מדעיים כביכול, שיצאו לאור בארץ בעשרות השנים האחרונות. יזכר כאן, שכמה פרופסורים באוניברסיטה בירושלים זכו לאותה איצטלה רק בעד הוצאת קבצי מקורות, שאפילו לא היה להם שבח הראשונות, שהרי חזרו ונדפסו מקבצים והוצאות קודמות. והללו, המלומדים הגדולים, לא טרחו אפילו להסביר בהערות את המקומות הסתומים, ומה גם לכתוב סקירות והקדמות לכל פרק ופרק, כפי שעשה פטרזייל בילקוטיו. מאז שנת 1925, כשיצאו במוסקבה הילקוטים בשם „דער יידישער ארבעטער" („הפועל היהודי"), בעריכתם של ראפס ו־קירז'נץ, לא נעשתה עבודה יסודית ורבת־משקל כזו של פטרזייל בילקוטיו בתחום ההיסטוריה של תנועת הפועלים היהודים. והרי ערכם של הילקוטים של פטרזייל אינו מצטמצם בתחום החשיבות המדעית: בריב הגדול, שאנחנו, תנועת הציונות הסוציאליסטית המהפכנית, עומדים בו עם תנועת המהפכה העולמית, אין ערוך לילקוטים, כנשק מדיני בהוכחת האמת שלנו.

נחלה עשירה הנחיל לנו פטרזייל היקר במפעל חייו הקשים והיפים. מבחינת הפרסום המקובל היה פטרזייל קונה לו ללא ספק שם ותהילה רב־יתר, אילו היה מתרכז בתחום עבודה מדעית על נושאים כלכליים־סטאטיסטיים, אך פטרזייל לא היה נאמן לעצמו, אילו היה משתמט ממילוי חובותיו של לוחם מפלגתי, כדי לעשות לביתו, לפרסום שמו בכונה תחילה. זהו כל סוד הקסם שבאישיותו, שלא יכול לסרב בשום תקופה בחייו להתגייס לתפקיד, שהוטל עליו מטעם המפלגה, כי חייל היה, חייל ארץ־ישראל העובדת.

מובטחת לו, לפטרזייל, השארת הנפש, לא פחות בדרך חייו, חיים למופת ולדוגמה, משהיא גלויה לעין בפרי רוחו, שראה אור. ואנחנו, ידידיו וחבריו לרעיון, נמשיך במאבק עד לנצחון והגשמת חזונו, חזון עם ישראל, מקובץ מגלויותיו, חי לבטח ובאושר השויון הסוציאליסטי על אדמתו. במאבק זה יהיה לנו פטרזייל הבלתי־נשכח לדוגמה ולמראה עינים. זה שכר חייו וזה זכרו לעולם.

ע. א. סימון

יעקב פטרזייל

(דברים באספת אבל)

הכרתי את פטרזייל בתקופת מלחמת האזרחים בספרד. הוא נגש אלי מטעם הועד לעזרת ספרד הרפובליקנית. היה בין המעטים, יחסית, שעמד על טיבה של מלחמה זו והכיר אותה כתמרון ראשון למלחמת העולם השניה. מבטו החריף הבחין בדיוק בחזיתות שעמדו זו מול זו. יתר על כן: הוא היה בדעה, שזו אחת ההזדמנויות שבה ה„אינטליגנציה", אותם אנשים הנקראים „אנשי הרוח", יעמדו במבחן. בפה מלא תבע מהם, להצטרף לועד העזרה. בין הנתבעים הייתי גם אני, ונעניתי לו ולענין.

עם רצונו העז לעזור למלחמתה של ספרד הרפובליקנית נגד המרידה הריאקציונית ידע גם את גבולותיה הנאותים של עזרה זו. הוא צידד במשלוח כסף וביחוד אמבולנסים ומכשירי רפואה — והצלחנו אז להפעיל את ההסתדרות בכיוון זה — אך התנגד לכך, שצעירים מישראל יצאו את הארץ ויצטרפו בגופם אל הבריגדה הבינלאומית, עם כל הערכתו החיובית לה ולמלחמת הגבורה שלה. לבו אמר לו, שמקומו של צעיר מישראל הוא בארץ־ישראל ושאנחנו זקוקים לכל אחד ואחד.

בין התפקידים החיוניים, שראה פטרזייל לצעירינו בארץ, היה השלום בין שני עמיה, אחד הקרובים ביותר ללבו. חז"ל אמרו „הרוצה לשקר, ירחיק עדותו", ופטרזייל, הישר באדם, לא ביקש להרחיק את עדותו הפוליטית, בשום פרשה, ובודאי לא בפשרת הסוציאליזם הבינלאומי. אם העקרון הבינלאומי עומד בתקפו לגבי ספרד הרחוקה, הרי מכל שכן לגבי ארץ־ישראל הקרובה, הקרובה מאד. לפיכך שמח, שהיה יכול לעזור להקמת „הליגה להתקרבות ושיתוף יהודי־ערבי" וליצג את מפלגתו, מפלגת פועלי־ציון, בועד המרכזי. בהרמוניה אישית שלמה, הגם לא בלי חילוקי־דעות עניניים, עבד שם ביחד עם באי־כוח „השומר־הצעיר" ו„איחוד" מיסודו של הד"ר י.ל. מאגנס ז"ל. ארגונים אלה היו מיוצגים ב„ליגה" באורח קולקטיבי, אך גם כמה חברי מפא"י ואנשים בלתי מפלגתיים נמנו עליה אישית. ה„ליגה" נלחמה מלחמה ציבורית גלויה וישרה ולא השיגה את מטרתה הנעלה: חזרת עם ישראל לארץ מולדתו ההולכת ונבנית בתנאי שלום ואחוות עמים. עם הקמת המדינה ועם יצירת „מפלגת הפועלים המאוחדת" היתה הליגה צריכה להתחסל. כל חבריה הצטערו על כך, אבל מובטחני שיעקב פטרזייל הגדיל. מאז, נפגשנו לעתים רחוקות יותר, אבל יחסי הידידות, שנקשרו

בינינו, לא נתרופפו גם אחר כך. שמחתי על שליחותו לווארשה, מקום שם עבד כנספח דיפלומטי וכמנהל מחלקת העתונות בצירות שלנו. לאחר כשנתיים חזר ולכאורה הבריא ונתאושש. חשבתי שלאחר שליחות חשובה זו תחכה לו עבודה בעלת ערך ציבורי רב במדינה החדשה, ואולי גם הוא היה סבור כך. אך הדבר לא בא. הוא חזר אל עבודתו האפורה, בלשכת קבלת החולים במרפאת השינים בקופת־חולים, שלא היתה הולמת כלל ועיקר את כשרונותיו הגדולים ועלתה על כוחותיו הגופניים. כמו־כן חזר אל דירתו הפשוטה ולא שינה את סגנון חייו הפועלי החלוצי כמלוא הנימה. בזמן שאחרים „עלו לגדולה", נשאר הוא חבר פשוט, ואולי בכך גדולתו האמיתית.

נאמר בצדק, שהיה טיפוס עממי, אך מותר להוסיף: טיפוס חסידי. אינני יודע הרבה על מוצאו ואם יצא מחוגי „מתנגדים" או חסידים, ולא בכך העיקר. בנשמתו היה בוער ניצוץ חסידי, שהתגבר על כל הקליפות של החיים היום־יומיים. בירושתו הרוחנית של ישראל סבא לובשות תכונות יסוד צורות אידיאולוגיות שונות, בלי להשתנות בגופן. אותו איש פטרזייל, שהיה מגדיר את עצמו בודאי כ„אפיקורס" מבחינת תודעתו, היה אחד החסידים המועטים, שאני, איש המסורת הדתית, זכיתי להיפגש אתם בחיי. דבקותו באמיתו הפנימית, התלהבותו בקיומה של כל מצוה, קלה כחמורה, אהבת ישראל ואהבת האדם שבו, החמימות המיוחדת שאפפה את דמותו העדינה ושהטביעה את חותמה על כל פגישה אתו — כל אלה היו תכונותיו של חסיד אמיתי.

אך לא רק חסיד היה, גם גבור היה. חברנו בועד המרכזי של ה„ליגה", אהרונצ׳יק כהן, איש קיבוץ השומר־הצעיר, שער העמקים, אמר לי פעם עליו ועל חבריו: „אנשים אלה מפועלי־ציון שמאל הם ממש גבורים. מוכנים הם לכתת את רגליהם מעיר לעיר וממושבה למושבה, כדי להרצות הרצאות אידיאו־לוגיות בפני קומץ קטן של אנשים, וכאילו לא איכפת להם אם מקשיבים להם שני אלפים או שני מנינים". אביא את הדברים בשם אומרם, ואולי יעזרו להביא קצת גאולה לעולמנו היהודי, המחולק והמשוסע.

חסיד חילוני זה היה גבור לא צבאי. בודאי ידע גם להילחם מלחמה של ממש בשעת החירום, אבל הוא לא שש אלי קרב. גבורתו היתה מסוג אחד, מסוג אומץ הלב האזרחי, שאיננו נופל כלל ועיקר מאחיו שבמדים, ואולי אף עולה עליו. כי הרי אומץ לבו של החייל נתמך, בדרך כלל, על־ידי רוחו הקולקטיבית של הגדוד כולו, בעוד שאומץ הלב האזרחי דורש את הכרעת היחיד ואת הפעלת מצפונו הפרטי.

נעים זמירות ישראל קורא לנפש האדם בשלושה מקומות בספר התהילים בשם „יחידה". ליעקב פטרזייל היתה „יחידה", נשמה אצילה, שקשרה אותו עם כל אדם בעל רצון טוב והמיחדת לו מקום לא נשכח אצל כל מכריו אוהביו, ואי־אפשר היה להיות בין מכריו בלי להימנות גם בין אוהביו.

יאָסל חריף

אָן פעטערזיילן

איבער דרייסיק זומערדיקע לויטערע טעג, לויטערע, ווי זיין נשמה, לויטער, ווי ער אַליין, ווי זיין פאַרשטאַנד.

יעדן טאָג פלעגט ער זיך באַנייען צו זיין אַרבעט. זיין וואָרט, גערעדט און געשריבן, האָט געגלעט ווי אַ וואַרעמע פרילינג-זון.

אָנקלייב פון מענטש. אַזאַ מענטש. אַזאַ מענטש ווי ער, יעקב, איז געווען, ווערט מען נישט מיט אַמאָל. אַזוי צו געוועלטיקן איבער זיך דאַרף מען דער־וואַקסן, אויסוואַקסן.

ער איז געווען ווי אין ווונדערלעכע פאָלקס-מעשיות — איש תמיד היה... אַלץ איז ביי אים געווען לפנים משורת הדין. אויך דער דין איבער דער באַוועג־גונג. ווייל ער און די באַוועגונג איז געווען איינס.

ער איז געווען פון יענע זעלנער, וואָס קעמפן נאָך מיט אָפענע ווונדן אויפן קריגס־פעלד. נישט באַנוצט קיינמאָל קיין פאַנצער. ער איז געווען פון די, וואָס שמייכלען פאַלנדיק, פון די, וואָס בלייבן באַשיידן וואַקסנדיק... קאָן זיין, אַז זיין האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן פון גרויס חדוה גאָר, אַ חדוה וואָס שפּייזט זיך אַפילו אין צער. אַפילו טראַכטן שלעכטס האָט ער דאָך נישט געקאָנט.

זיין וואַרעם בלוט האָט געכוואַליעט צום ברעג, צו אַ נייעם טאָג, וואָס ער האָט אין אים געגלייבט מיט אַלע פעדעם פון זיין צאַרטער נשמה. געזען דעם ברעג, נישט דערשווומען, כאָטש שוין געשפּירט זיין אָטעם.

דאָס בייז האָט נישט קיין שליטה געהאַט איבער אים, און געשטאָרבן איז ער גלייבנדיק, אַז ער האָט שוין דורכגעמאַכט דעם גרעסטן טייל וועג. אין מיטן גאַנג איז ער געפאַלן, נישט פילנדיק, אַז זיין טראָט האָט אויפגעהערט טרעטן.

זיין גלויבן איז געווען פון יענער לויטערקייט, ווו סודות התורה ווערן נתגלה, ווו דער מענטש בענטשט זיין אייגן ווערק און ווערט עס מיט קיין שום עשירות נישט פאַרוועקסלען. דאָס וואָס ער באַזיצט איז זיינס און אַלעמענס. איז דאָס האַרץ נישט קיין געצייג פאַר אייגענע תאוות, נאָר אַ ציסטערנע־פאַס פריידן און צערן פאַר אַלעמען. נישט געווען ביי אים קיין מחיצה צווישן פריוואַט און געזעלשאַפטלעך.

ווי אן אקערער, זייער און שניטער צווישן מאסן, האט אים דער המון נישט געשראקן, נאר מיטגעריסן. נישט אין א טאגע פון א תלמיד־חכם, מיט א שמינית שבשמינית פון גדלות, איז ער ארומגעגאנגען צווישן אונדז, נאר אין ארבעטס־מלבושים, צווישן המון האט ער דעם סאמע תכלית געפונען.

פעטערזייל האט געוווסט, אז דארט ווו עס וואקסט זענען פאראן ווילדגראזן, בייזע גראזן, וואס וואקסן א סך מאל לייכטער און שענער איידער די עצם פרוכט. און דאך זענען די דאזיקע „שיינקייטן" סם און מען דארף זיי רייסן אן רחמנות. צווישן די מאסן, און דאס זעלבע אין דער מדינה.

פונקט ווי עס איז אים געווען טייער יעדעס בלעטל, וואס איז אמאל געשריבן געווארן דורך פועלי־ציון, און יעדעס אויפריכטיקע ווארט, וואס איז געזאגט געווארן, איז אים געווען טייער יעדער חבר וואס שטעלט אונטער אן אקסל אין קאמף, יעדער לויט זיין יכולת, יעדער לויט זיינע כוחות. דעריבער האט ער פארלאנגט מער פון זיך, ווי פון אנדערע. ער האט געקענט זיינע כוחות און נישט געזשאלעוועט קיין אנשטרענגונג. וואס מער ער האט געלייגט אויף זיין רוקן, אלץ מער האט זיך זיין רוקן אויסגעגלייכט. א שיף מיט א שטארקער טראג־קראפט. כאטש, דאכט זיך, אזא סענטימענטאלער, און דאך, הארט ווען עס האנדלט זיך וועגן א דין.

ברעכט זיך דאס הארץ אין צווייען, ווען מען פילט, אז פעטערזייל איז מער נישטא, נישטא די שיינקייט פון דעם בוים, וואס איז אזוי אויסגעוואקסן איבער אלע זיינע שטורעמס און זיך נישט איינגעבראכן.

אט שרייבט מיר א חבר פון פאריז: מיר האבן אים דערווארט יעדן טאג, און פלוצלינג — נישטא! יא, פעטערזיילן האט מען דערווארט, ווי איינעם פון דער משפחה, וואס וועט ברענגען מיט זיך וועגן וואס מען קאן נישט שרייבן אין א בריוו, אין א מאמר — נ ש מ ה. ווי א קינד פון דער באוועגונג, האט ער אומעטום געבראכט א פערזענלעכן גרוס פון בראשית און פון רייפקייט. דעריבער אזא גרויסע אלגעמיינע ליבע צו אים. און געוויס וועט מען זיך דארפן אומקערן צו פעטערזיילס פריוואטן לעבן. פעטערזייל אלס מאן, אלס פאטער, אלס זיידע און חבר, פעטערזיילס טיש, זיין שמייכל און גלעט, — צו קורץ איז פאר דעם א צייטונגס־מאמר. וועט מען זיך דארפן אנגארטלען און טאן לגבי אים דאס, וואס ער האט געטאן מיט אנדערע, אן אמתן חסד של אמת, ארויסברענגען אים אין זיין גאנצער שיינקייט: דעם יידישן מענטש, דעם ציונסט, דעם סאציאליסט.

די ראם, אין וועלכע ער האט געלעבט, איז פאר אים נישט ענג געווען. ער האט אין דעם געזען זיין גאנץ לעבן. נישט געווען אזא שווערע שליחות, וואס פעטערזייל וואלט אויף זיך נישט גענומען. פאר דער פארטיי איז אים גארנישט געווען צו שווער; ער האט נישט געדארפט קיין אנדערע פארגעלטונג, ווי די שליחות אליין.

איז געקומען דער אכזריותדיקער טויט, אָבער אויך ער האָט נישט געקאָנט אויסלעשן דעם שמייכל אויף פּעטערזיילס ליבן פּנים. פּאָלקסגלויבן זאָגט: ווען אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע שטאַרבט און דאָס פּנים איז געווענדט צו דער שטוב, איז עס אַ סימן, אַז ער וועט ווייטער זאָרגן פאַר אַלעמען. אַזוי האָב איך געזען פּעטערזיילן, מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויפן פּנים צו דער שטוב, וואָס איז געווען אַלעמענס, אַזוי ווי זיין גייסטיקע שטוב.

דורך טרערן און פרייד וועלן מיר אַלעמאָל זיך טובלען אין דער שטראַלנ־דיקער, אומפאַרגעסלעכער געשטאַלט פון אונדזער יעקב פּעטערזייל.

ל. שמעוני

געפאַלן אין מיטן דער אַרבעט

שוין שלושים. די האַנט ציטערט נאָך, די פעדער ווייגט צוזאַמען מיטן האַרצן: קאָן מען שוין שרייבן וועגן יאשא פעטערזייל, ווי אַ שוכן עפר?

אַט ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען, ביסטו געזעסן מיט אים צוזאַמען אויף דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע, זיין לעצטע זיצונג. דערנאָך האָסטו זיך מיט אים אַרומגענומען און געזעגנט. ער האָט דאָך געזאָלט אַרויספאָרן קיין פּאַריז אין שליחות און... דאָ איז ער גאָר אַוועק אויף נישט צוריקצוקומען. אַזוי פּלוצים, אַזוי גרויזאַם און אומגעריכט! זיין געשטאַלט טוט זיך נישט אָפּ פון די אויגן. זיין קינדעריש געלעכטער קלינגט נאָך אין די אויערן, און ווי שיין ער האָט דעמאָלט אויסגעזען, די פּאָר טעג פאַר דער פטירה, אויף יענער זיצונג אין תל־אביב — אַן אויסגערוטער, אַ שטראַלנדיקער, מיט אַ רויטלעכן קאָליר אין פּנים, דאָס זעקס און פופציק יאָריקע קינד!

אַט זיצט ער צוגעשפּיצט מיט אַלע חושים ביים אויסהערן אַ רעפעראַט, נישט צו פאַרלירן אַ קלאַנג. אַט זיצט ער, מיט איין האַנט אויפגעהויבן די ברילן און לייענט לאַכנדיק אַ צוגעשיקט צעטעלע... אַט איז ער מיר מכבד מיט אַ העלפט פון זיין פרישטיק און בייזערט זיך גאָר אויף מיר, הלמאי איך בין אין אַזאַ חמימה געפאָרן אויף דער זיצונג!... און אַט איז ער אויסגעלאָשן, אויסגעלאָשן אַ ליכט אין אונדזער לעבן, געשטאָרבן אַזאַ גוטסקייט און האַרציקייט, זיך אָפּגעשטעלט אַזאַ טיף־פילנדיק און ליבנדיק האַרץ, אַזאַ תמימות און איידלקייט. ווי קאָן מען מיט אַ פעדער איבערגעבן דאָס גוטס און שיינס פון יעקב פעטערזיילן, ווי קאָן מען?

אין דער אומגליקלעכער צאָל פון די לעצטע 13 חדשים איז ער דער פינפ־טער, דער יינגסטער צעדערבוים, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער אַלטער פועלי־ציון־משפחה: יוסף ראָזען, יצחק לעוו, מוליע עדעלמאַן, שמואל טייכמאַן און יעקב־יאשאַ פעטערזייל. ניין! נישט בלעטער פאַלן, נישט צווייגן ברעכן זיך, פלאַמען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט און פאַרצוקן אונדזערע ארזים איינס נאָך איינס...

*

באַקענט האָבן מיר זיך דורך בריוו, אונטערוועגס קיין ארץ־ישראל. סוף 1924 פון בערלין האָב איך געשיקט קיין וואַרשע, פון דער „פרייער יוגנט״, אַ ריי רעפּאָרטאַזשן פון די ליטווישע תפיסות, — מיינע לעצטע דירות אין דער אומגע־קומענער, געוועזענער היים — ליטע. נאָכן ערשטן אַרטיקל איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו מיט גרויסע, לענגלעכע, שפּיציקע אותיות, אַזאַ „קלינגען־שריפט״, אַ בריוו מיט אַזויפיל חברשאַפט, טרייסט און תמימות — וואָס וואַרעמט נאָך ביז היינט, 31 יאָר שפּעטער. אין 6—7 וואָכן אַרום, האָבן מיר זיך שוין אַרומגענומען ווי אַלטע באַקאַנטע אין זיין היים אין תל־אביב, דוכט זיך אויף דער יהודה הלוי־גאַס. און פון יענעם זומער 1925, ביז דריי טעג פאַר זיין פּטירה, פלעגן מיר זיך אַרומנעמען ביי יעדער באַגעגעניש, און אַזוי זיך טיילן מיט דער טיפער פריינט־שאַפט, וואָס האָט געזוכט אויסדרוק...

יאָשאַ איז נישט געווען בלויז אַ פּאַרטיי־חבר, ער איז גלייכצייטיק געווען אַ פריינט און לערער, אַ מדריך. נישט איינמאָל פלעגט ער מיך צוימען און האַמע־ווען, אין שטורעם פון פּאָליטישע וויכוחים און מחלוקתן, וואָס פלעגן גליען ווי חמסינען אין יענע צייטן. אַז פּעטערזייל פלעגט אַראָפּנעמען די ברילן און אויפ־שטעלן אויף דיר זיינע גוטע, מילדע קינדערישע אויגן און אַ געשריי טאָן: גענוג! ביסטו געווען פּאַרטיק, אָפּגעקילט, קאַפּיטולירט... און זאָל קיינעם נישט איינפאַלן אַ שמץ מחשבה, אַז פּעטערזייל איז געווען אַ וותרן, אַ נאָכגיביקער אין אידעישע, אָדער פּרינציפּיעלע ענינים. חלילה! ער פלעגט נישט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד; ער האָט אָבער געקאָנט בענדיקן מיט זיין תמימותדיקער טיפער איבער־צייגונג, מיט זיין ענטוזיאַזם, זיין גלויבן. אַרומנעמען און נישט אָפּלאָזן... נישט איינמאָל פלעגט ווער אים בעת ריתחה נאָכגעבן, כדי אים נישט מצער צו זיין, אָדער פּוגע זיין זיין גלויבן. מוותר זיין, וויסנדיק, אַז מיט דעם איז די „מערכה״ נישט פאַרענדיקט. פּעטערזייל וועט שוין נישט רוען ביז ער וועט נאָכאַמאָל דורכדיסקוטירן אין גערדאַנק די זעלבע סוגיא, כדי שפּעטער מודה זיין, אויב ער איז דערגאַנגען, אַז מ י ר זענען גערעכט.

*

מיט זיין אַוועקגיין האָט ישראל פאַרלוירן אַ גרויסן פּאַטריאָט, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַן ערשטראַנגיקן געטרייען מסירת־נפשדיקן טוער, אַ זעל־טענעם מענטש, וואָס איז געווען נישט נאָר „ספרא וסייפא״, נאָר אויך אַן אינטע־לעקט, אַ נישט־בויגזאַמער קעמפער און פּראַקטישער טוער, וואָס האָט מיט זיך סימבאָליזירט דעם שענסטן אויסדרוק פון געוויסן, אויפריכטיקייט, ערלעכקייט מיט מסירת־נפש אָן אַ גרענעץ. אַ מענטש, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו

גרונטעווען, צו לייזן ממשותדיק יעדעס פּראָבלעם פון אַלגעמיינעם כאַראַק־טער. אין פעטערזיילן האָט אויך די אַראַבישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פאַרלוירן אַ גרויסן פריינט, אַן איבערגעגעבענעם קעמפער פאַר אירע רעכט און גלייכקייט.

ער איז דאָך געווען דער הערלעכער פּראָטאָטיפּ און דערהויבענער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישער חלוץ־פּיאָנער, וואָס איז געקומען בויען דאָס לאַנד מיט 30 יאָר צוריק בגופו ובנפשו, מיט אַ התלהבות, וואָס פלעגט באַשטראַלן און באַגייסטערן יעדן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין זיין מחיצה.

פעטערזייל איז נישט געווען קיין קינד פון דער אָרעמקייט. נישט אָפּשטאַמיק פון אַרבעטער. נאָר צוליב אידעאַליזם האָט ער אין פוילן אַוועקגעוואָרפן דעם אוני־



י. פעטערזייל ביי בוי־אַרבעט אין תל־אביב (1925)

ווערזיטעט, וועלכן ער האָט אויסגעביטן אויף דער פועלי־ציון־פּאַרטיי. אין ישראל האָב איך געהאַט די זכיה צו באַנדאַזשירן די ערשטע וווּנדן אויף זיינע פיס. וווּנדן פון שווערער פיזישער פּראַצע.

אין יאָר 1925 האָבן מיר דריי: י. פעטערזייל, דניאל לייבל און איך, מיט נאָך עטלעכע חברים געאַרבעט צוזאַמעןביים מעסטן די מדבר־פעלדער, ווו ס'ליגט היינט צוויי דריטל פון תל־אביב. אין היצן און וואָלקנס באַרכאַש־פליגעלעך, שלעפּן ווייטע מרחקים די שווערע אינסטרומענטן, לאַטעס, שטעקנס,

קירקעס, 5־קילאָדיקע האַמערס, און שווערע בינטלעך אייזנס, אָנגעגליטע אויף דער הייסער זון, דערנאָך די אייזנס אַריינקלאַפּן אין דער זומערדיקער פעלדזנ־האַרטער ערד. אַ ביטערער נסיון פאַר מענטשן, וואָס האָבן אין לעבן געהאַט צו טאָן נאָר מיט פעדער און טינט... פעטערזייל האָט מיט דער זעלבער התלהבות רעפערירט, דיסקוטירט, געשריבן און — פיזיש געאַרבעט, פריער מיט אונדז, דערנאָך ביי בנינים, אויף כבישים, ביים שלעפּן שטיינער און עמערס בעטאָן.

עס דערמאָנט זיך, ווי פעטערזייל מיט יאָסל עקספּעדיטאָר פלעגן אין יאָר 1926 „פאַבריצירן" ציגל, זאַמד־בלאָקן, געמישט זיפּזיף, זאַמד, שאָטער, צעמענט, געשלעפּט, געפורעמט, געטריקנט, דאָס איז פאַר אים געווען אַ מלאכת קודש, בגופו ובנפשו, מיט לייב און לעבן, אַליין מיט אייגענעם שוויס אָנטייל נעמען און בויען דאָס טייערע לאַנד.

משפּחה־צרות און קראַנקהייטן האָבן אים געצוווּנגען צייטווייליק אַרויס־צופאָרן קיין פּוילן. ס'איז אַ גרויסער פאַרדראָס, וואָס ס'האָט זיך ביי מיר נישט אָפּגעהיט יענער באַרג בריוו פון פעטערזיילן, וואָס האָט געשטראָמט צו מיר מיט דער אָנסופיקער פאָדערונג, צו שיקן, שיקן אים אינפאָרמאַציעס מיט פּרטי־פּרטים וועגן גאַנג אין ארץ־ישראל און מיט ידיעות, אָפּשאַצונגען, כאַראַק־טעריסטיק פון יידישע צרות אין פּוילן און כדומה. זיינע בריוו וואָלטן היינט געווען היסטאָרישע דאָקומענטן, געשריבן פון אַ מענטשן מיט אַן אַנאַליטישן שכל און ווייטן קוק, מיט אַ מאַרקסיסטיש־באָראָכאָוויסטישן קריטעריום. באַ־זונדערס איז נישט צו פאַרגעסן זיין פאַרסירן די „אומלעגאַלע עליה", דורך דער אָפענער שפּאַרע פון דער טוריסטיק, בעת דעם חרם פון די „פּאַלעסטינע־אַמטן" און אָפּזאָג צו געבן סערטיפיקאַטן לינקע פּועלי־ציון.

לייענט זיינע אַרטיקלען (געחתמעט „יונגער") פון יענער תקופה אין די „פרייע יוגנט" און וואַרשעווער „אַרבעטער־צייטונג", וועט איר אים זען אין יעדער שורה און פילן זיין אָטעם און קאַמף, איר וועט זען זיין פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט פאַר מאַסן־דערציאונג, פאַר מאַסן אויפצוקלערן אונדזערע ענינים קעגן די ווילדע אַנטי־ציוניסטישע אַקציעס פון יענער תקופה אין פּוילן מצד „בונד", יעווסעקציע וכדומה. פאַרגעסט נישט יענע יאָרן פון קריזיס און ירידה, פון אַרבעטלאָזיקייט, פאַרווירונג, מיטן בלוטיקן זומער 1929. פאַרגעסט נישט דעם ענין בירָאָבידזשאַן, וואָס האָט געריסן שטיקער די ערשטע תקופה, און לייענט היינט פעטערזיילס דעמאָלטיקע צאַרנדיקע און גלייכצייטיק טיף אויפקלערנדיקע דערציערישע שריפטן, וועט איר דערפילן זיין מאָראַלישע הויך, וואָג און השפּעה אויף דער באָראָכאָוו־יוגנט אין פּוילן, וואָס האָט אויפן וועג צו עליה געטראָפן פאַרמאַכטע טירן, באַוואַכטע פון בריטישע זשאַנדאַרמען, און — סערטיפיקאַטן־סוחרים.

פעטערזיילס טרייקייט און אחריות־געפיל פאַר דער פּאַרטיי אין יעדער

אויפגאַבע, וואָס די פּאַרטיי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, איז געווען אָן אַ גרענעץ און אָן חשבון: אַ שליחות, צי אַ פּאַרטרעטונג, אַ שריפטלעכע אַרבעט, אַ פּלאַנירונג, פּראָיעקטן פון פּלאַטפאָרמעס, פּאָרשלאָגן, רעזאָלוציעס — אַלץ פלעגט ער אויספילן בשלימות, מיט ערנסט, מיט עקסטאַז און שמחה; וואָס ער פלעגט זיך אונטערנעמען, פלעגט ער אויספירן אויפן בעסטן אופן, ביז זיין געזונט איז אַרונטערגעריסן געוואָרן, זיין פילנדיק האַרץ האָט גענומען רעוואָלטירן פון צופיל התלהבות און ברען...

*

אַ גרויסער חלק פון דער באַראָכאָוויסטישער אידעאָלאָגיע, איז געוואָרן אַ נחלת רבים פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווי ס'איז געוואָרן דער מאַרקסיזם. דער באָראָכאָוויזם האָט זיך גענומען רעאַליזירן אין ארץ־ישראל, און די באָראָ־כאָוויסטישע פּראָגנאָזן וועגן דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק זענען געוואָרן פאַקטן. ס'איז נייטיק געווען אַ סך זעלבסטקריטיק, אחריות, ווילן און היסטאָרישער חוש נישט צו בלייבן אידעיש הינטערשטעליק כלפּי דעם גאַנג פון יידישן לעבן, באַזונדערס אין שטורעם פון ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. — פּעטערזייל איז דעמאָלט געווען פון די ערשטע, וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַרן „מה יאמרו". ער איז געווען פון די אַקטיווסטע, וואָס האָט מיט זיין וואָרט און פען, בעיקר מיט זיין האַרץ און גלויבן, געהאָלפן איבערצייגן די פּאַרטיי־מאַסע צו בייטן פריערדיקע „גאַנגען" — אַזוי אויך וועגן אומקערן זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. גיין צום ציוניסטישן קאָנגרעס און פאָנדן. ער, פּעטערזייל, האָט בחוש געפילט דעם חורבן, וואָס דערנענטערט זיך און זיין רוף איז געווען: „לאָמיר שוין אָנהייבן די רעטונג־אַרבעט — ראַטעווען די יידן פאַר עליה", ראַטעווען די פּאַרטיי־מאַסן, צו נישט מאַכן דעם סערטיפיקאַטן־חרם!

און ווי גערעכט ער איז געווען!

אַ דאַנק אים איז אויך געבראָכן געוואָרן דעמאָלט מיין קאָנסערוואַטיזם, מיין אָרטאָדאָקסאַלער וועג בנוגע דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, החלוץ, פאָנדן וכדומה.

פּעטערזייל איז געווען דער גרויסער ענטוזיאַסט פון די פאַראייניקונגען, איינער פון די הויפּט־טרייב־קרעפטן צו זיי. אין זיין תמימותדיקייט און ערלעכקייט, האָט ער לכתחילה געטאָן אַלץ פאַר דער פולשטענדיקער צוניפשמעלצונג פון די פאַראייניקטע אַרבעטער־גופים אין מפ"ם. און אויב דער ווייטערדיקער גאַנג אין מפ"ם האָט איינעם פּערזענלעך חרוב געמאַכט אַלע „וועלטן", איז עס זיכער געווען א י ם, דעם טייערן יאַשאַ־יעקב פּעטערזייל, דעם גלויביקן אויפריכטיקן מענטש.

*

פעטערזייל איז די לעצטע יאָרן געוואָרן דער נעסטאָר, דער כותב־העתים, דער געטרייער איינזאַמלער פון דער צעזייטער און צעשפּרייטער פּועלי־ציוניס־טישער שריפטלעכער און גייסטיקער ירושה, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך 50 יאָר צייט דערצויגן צענדליקער טויזנטער אַקטיווע יידישע אַרבעטער־קעמפער, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, חלוצים, בויער און שעפער פון ארץ־ישראל גופא.

פעטערזייל האָט בשעתו מיט יוסף ראָזען און יצחק לעוו געפונען ממש זיין לעבנס־אויפגאַבע אין אָט דער אַרבעט (מיט זיי — ייבדלו לחיים — זרבבל, אלכסנדר און ז. אַבראַמאָוויטש). פעטערזייל איז ווי ניי באַפליגלט געוואָרן, פאַרגעסן אַלע מיחושים און שוואַכקייטן, און מיט זיין נאַטירלעכער התלהבות זיך געוואָרפן צו דער אַרבעט. ער איז, ווי אָנגעלאָדן געוואָרן מיט לעבנס־ווילן, אויפגעבליט און נישט אויפגעהערט טענהן, אַז אָט דער מאַטעריאַל פון די „ילקוטי פועלי ציון״ איז נישט עפּעס אַן אַרכיוואַריש־היסטאָרישער מאַטעריאַל פאַר פאָרשער און גריבלער, ניין! „דאָס איז לעבעדיקע תורה אויף לאַנגע יאָרן צו לערנען, ווי אַזוי צו קעמפן, ווי זיך צו ראַנגלען, און ווי אידעאָלאָגיש צו באַשטיין פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן״.

באַוויזן האָט פעטערזייל צו זען פאַר זיין לעבן 4 בענדער „ילקוטים״ אין העברעיש און איינעם אין יידיש — אַ לעבעדיקער אוניווערזיטעט פאַר יעדן אויפריכטיקן ארבעטער, פאַר יעדן ציוניסט־סאָציאַליסט, אַ וועגוויזער, ווי זיך נישט צו פאַרלייקענען אין אַרומיקן שטורעם, ווי נישט צו „פאַרגעסן״ אינעם ביטערן קלאַסן־קאַמף, די זעלבשטענדיקייט, ווי נישט צו פאַרבויגן גאָרנישט פון די באַראַכאָוויסטישע אמתן און נאַציאָנאַלע אינטערעסן אויף די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַרענעס, ווי נישט נתפעל צו ווערן פאַר אַ ווונק און צוקערלעקעכל, אַבי זיך „צונויפשמעלצן״. ער האָט ממש געברענט פאַרן געדאַנק „פאַראייניקונג״, אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען „צעשמאָלצן״ צו ווערן.

אין די „ילקוטים״ שנירלט זיך דער סינטעז פון ציוניזם־סאָציאַליזם — ייד און מענטש, נישט ווי עפּעס אַ צונויפקלעפּעכץ דורך עטאַפּן — נאָר ווי אַן אידעישע מאָנאָליטישקייט, — אַ גאַנצקייט.

אינמיטן איז יעקב פעטערזייל געפאַלן. אינמיטן זיין הייליקער אַרבעט אויסגעלאָשן און אַוועק מיט זיין נישט פאַרענדיקט געזאַנג אין הארצן.

אויסגעלאָשן אַ ליכט.

חיים וואַרזאַגער

יעקב פעטערזייל, ווי איך געדענק אים

אין „נייוועלט" פון 17טן יוני, אויפן סאַמע פראָנט פון דער צייטונג, אויף לינקס, איז פאַראַן אַ בילד געראַמט אין שוואַרצן און דאָרטן — אין דעם שוואַרצן רעמל — יעקב פעטערזייל. גלייך ווי כ'האָב דאָס בילד באַמערקט — אין דעם אויגנבליק — האָב איך געפילט, ווי אַ מישעניש אין מוח. אַ קאָפּ־שווינדל, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט האַסטיק און שווער. דער אינסטינקט זאָגט אונטער: באַהערש זיך, שטאַרק זיך, אָבער שווער קומט אָן צו באַהערשן דאָס צעשטורעמטע געמיט, דורך די פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך זע איך די שוואַרצע שריפט איבערן בילד: „יעקב פעטערזייל צו זיין אייביקער רו".

איז דאָס אמת? אַזאַ וויסטע בשורה?! אָבער, אַזוי שרייבט דאָך אונדזער „נייוועלט", און אַז זי שרייבט, ווייסט זי דאָך...

כ'עפן די אויגן און גראָב זיי איין טיף אין דעם בילד, ווי כ'וואָלט זוכן דעם באַשייד צו דער טרויעריקער ידיעה. אָבער קיין באַשייד קומט נישט. איך קוק אין זיינע קלוגע ליכטיקע אויגן, אויף זיין פנים, אויף זיין שטענדיק מענטשלעך־ליכטיקן אָבער געניוג פאַרבאָרגענעם שמייכל. איך זוך אַן אָנדייט אויף דער פאַרשווינדונג זיינער, און קיין ענטפער קומט נישט. ער איז שוין שטום, ער רעדט שוין נישט מער! מען רעדט וועגן אים, וועגן זיין געווען, וועגן זיין שטורמישן און רעוואָלוציאָנערן גאַנג, וועגן זיין דרך פאַר אויפריכטן און געזונט מאַכן דאָס אייגענע פאָלק, דאָס יידישע אַרבעטער־פאָלק אין די בערג און טאָלן, ווו עס האָבן געטראָטן אונדזערע אַמאָליקע נביאים און ווו עס בויען אונדזערע היינטיקע חלוצים.

אָבער — אָבער די לעצטע לאָפּעטעס ערד פאַרדעקן די רעשטן פון דעם געטרייען יידישן זון און הילכן־אָפּ אין דעם פאַרוויינטן חלל דאָס געזאַנג פון דער פועלי־ציון־שבועה.

און אָט אַ צווייט בילד פון מיין לערער און פירער. ער זיצט אין צענטער פון אַ גרופּע פועלי־ציון אין כעלם. צוויי חברטעס פון רעכטס און לינקס, מאָטעק עברי, דער פועלי־ציוניסטישער לאָוניק, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך

זיינע פּאָליטישע קעגנער, הינטער די זיצנדיקע שטייען נאָך צווײ חברים און דער זיבעטער — בין איך.

געווען איז דאָס דעם 24סטן מערץ פון יאָר 1929 — פינף און צוואַנציק יאָר מיט דריי חדשים, דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב אים געזען. אַזאַ מהלך — אַ פערטל יאָרהונדערט — און דאָך ווי דער זעלבער. דער זעלבער, גאָרנישט געענדערט, חבר פּעטערזייל. דאָס זעלבע ליכטיקע פּנים, דער זעלבער הויכער שטערן און פולע טשופּרינע און דער זעלבער איינגעהאַלטענער שמייכל, וואָס זאָגט־אויס פון האַרציקייט, פון טיפער ליבע צו מיטמענטשן און, אין דער זעלבער צייט, פון אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט צו לערנען יענעם און אַליין דינען דעם אידעאַל ביז די העכסטע קרבנות.

פון יענער צייט געדענק איך אים ווי ער איז געווען אין זיין פולער גייסטי־קער אויסשטראַלונג. פאַר אונדז, יוגנטלעכע, איז ער דאָך געווען אַ לערער, אַ פירער, אָבער אויך אַ חבר. ווי עכט עס קלינגט דאָס וואָרט חבר, ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען יעקב פּעטערזייל. וואָרט און טאָט איז פאַר אים געווען איין גאַנצע האַרמאָניע. האָט ער געלערנט וועמען דעם פּועלי־ציוניזם, איז ער אַליין גרייט געווען אים מקיים זיין. מקיים זיין באהבה. מקיים זיין אין פּאָליטישן קאַמף און אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין זיין פּערזענלעכן טעגלעכן פירן און שטייגער. באַראַכאָוויזם איז פאַר אים געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישע פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, נייערט אַ רעאַלער לעבנס־איינשטעל און לעבנס־באַנעם. ער איז געווען אַ גאַנצער אינטעגראַלער מענטש און ייד. דואַליזם איז אים געווען פרעמד. ער האָט אים נישט פאַרטראָגן און פון דעם זיין הייסע ליבע צו מענטש, צו חבר און צו דער באַוועגונג.

אַ מענטש מיט אַ סך יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, אַ פירנדיקע פּערזענ־לעכקייט פון ערשטער מדרגה אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, באַזונדערס ביי דער יוגנט, איז דאָך נישט געווען צו באַמערקן קיין אונטערשייד צווישן אים און דעם דורכשניטלעכן חבר פון די שורות. ער האָט מיט זיין האַרציקער מענטש־לעכער באַציאונג אָפּגעמעקט אַלע מחיצות און דיסטאַנסן. אויסגעמישט זיך מיט די מאַסן, מיטן המון, אָבער נישט כדי אַראָפּנידערן און „אַסימילירן" זיך מיטן „געשמאַק" פון המון און זיינע גאַנץ שוואַכע קולטור־השגות, נייערט צו לערנען זיי — די ברייטע פאָלקס־מאַסן — און זיי דערהייבן צו גרויסע מענטשלעכע און יידישע טאַטן. דאָס איז געווען דער גרונטיקער שטריך אין פּעטערזיילס פּערזענ־לעכן לעבן, די מוטער פון זיטלעכקייט און מאָראַלישער ריינקייט.

געקומען קיין כעלם איז חבר פּעטערזייל אין נאָמען פון דער ציש"אָ־צענטראַלע אין וואַרשע דורכצופירן אַן אַקציע צו פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן די איינציקע יידישע פאָלקס־שול וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט ביי אונדז. אָבער די אַקציע וואָס דער ציש"אָ־דעלעגאַט האָט געפירט, האָט געהאַט אויך אַ פּאָליטישן און

מאָראַלישן ווערט. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר די לעגיטימע רעכט פון די יידישע מאַסן צו געניסן פון בילדונג און קולטור אין דער אייגענער מוטער־שפּראַך, אין יידיש: אַ קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע הצטרכותן פון די דריי מיליאָן יידן אין דעם רעאַקציאָנערן פּריצישן פּוילן.

און איך געדענק ווי אין איינעם אַ ווינטער־טאָג, אַ שניי ביז איבער די קני און דערצו אַ פראָסט פון איבער 20 גראַד, האָט פּעטערזייל אָרגאַניזירט, צוזאַמען מיט די לערער פון דער שול, אַ דעמאָנסטראַציע פון די שול־קינדער איבער די הויפּט־גאַסן פון כעלם. קינדער קליינע און גרעסערע, איינגעוויקלט אין זייערע צעריסענע אָפּגעטראָגענע בגדים, האָבן מיט טראַנספּאַרענטן אין די הענטלעך געררופן צום געוויסן די פּוילישע מאַכטהאָבער: געמאָנט רעכט פאַר זייער נאַציאָנאַלער אויסבילדונג. פאָרויס פון יענעם קינדער־מאַרש איז געגאַנגען זייער חבר און געטרייער פּאַטער — יעקב פּעטערזייל.

דריי יאָר שפּעטער האָט דאָס אַרבעטנדיקע כעלם זיך פאַרמאָסטן בויען אַן אייגענעם שול־בנין — די פּרוכט פון חבר פּעטערזיילס מי. לײַדער איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן דאָרט אָפּגעמעקט געוואָרן און אַלץ איז אַוועק אין פייער און בלוט. אָבער צו יענער צייט איז דאָס געווען אַן אויפטו פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַרן יידישן לעבן אין פּוילן.

פּעטערזייל איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין כעלם. ער פלעגט קומען צו יעדער גרעסער׳ער פּאָליטישער אַרבעט פון דעם ראַיאָן און אָפּזיין גאַנצע וואָכן און אַפילו חדשים. אין מערץ 1928, בעת די וואַלן צום דריטן סיים, ווען אונדזער באַוועגונג האָט געשלאָסן אַ וואַל־אָפּמאַך מיט דער אוקראַינישער פּויערים־פּאַרטיי „סעל־ראָב", איז דעמאָלט געקומען אַ גרעסערע דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט: יעקב קענער, יוסף ראָזען און פּעטערזייל. אויף זיינע פּלייצעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער גאַנצער עול פון דעם גרויסן פּאָליטישן פאַרמעסט, וואָס די פּאַרטיי האָט געהאַט פאַרגענומען.

און די כעלמער יידישע באַפעלקערונג האָט דעם חבר פּעטערזייל געהאַלטן פאַר אירס אַ מיטבירגער. ווען די פּועלי־ציון־פראַקציע אין שטאָטראַט האָט נעדאַרפט אַרויסשטעלן אַן אייגענע קאַנדידאַטור און שטאָט־פּרעזידענט, האָט זי טאַקע אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון יעקב פּעטערזייל. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז כעלם זאָל האָבן, אויב נישט קיין שטאָט־פּרעזידענט, איז אַ וויצע־פּרעזידענט, אַ ייד און אַ פּועלי־ציון דערצו.

אין סאַמע קאַמף פון יענע גרויסע פּאָליטישע אַרבעטן, וואָס איז שוין היינט געשיכטע, וועלכע ער אַליין האָט זיך אונטערגענומען שרייבן, אין די לעצטע יאָרן פון זיין פאַרבנרייך לעבן, אין יענעם „שטורעם און דראַנג־פּעריאָד", האָט פּעטערזייל געהאַט נאָך אַן אַרבעט: ער האָט געזוכט די יידישע יוגנט. זי געזוכט נישט נאָר צו שיקן אויף די קאַמף־טריבונעס און אויף פּאָליטישער פּאַרטיי־

אַרבעט, נייערט צו שיקן אין די הויכשולן. דער ציל איז ביי אים געווען צוגרייטן אַן אייגענע יידישע אינטעליגענץ, אַן אַרבעטער־ און פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס זאָל דינען דעם יידישן פאָלק און זיינע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אינטערעסן.

געשיקט האָט ער די יוגנט לערנען און גרייטן זיך צו גרויסע און שווערע צייטן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט מיט שנעלע טריט, צייטן, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט און פאַרלאַנגען נאָך היינט, צו פירן דעם קאַמף פאַרן יידישן קיום, פאַר זיין המשך און פאַר זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

היינט שטייען מיר, מיר, זיינע תלמידים און חברים, און באַוויינען זיין פריי־צייטיקן טויט.

דער טויט האָט אָבער צוגענומען נאָר די שטערבלעכע רעשטן זיינע, דער גייסט, זיין אינהאַלטרייך לעבן, זיין לעבנס־דרך איז געבליבן. און דאָס איז אונדז טייער און הייליק. זיינע שפּורן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דעם שאַפנדיקן און בויענדיקן ארץ־ישראל, אין די לעצטע 20 יאָר, וועלן זיכער קלעקן פאַר נייע מחנות יידישע קינדער און דורות נאָך אונדז צו גיין אין זיינע וועגן און דינען דעם אידעאַל, פאַר וועלכן ער האָט זיך, זיין לעבן, געבראַכט פאַר אַ קרבן.

ווי איך געדענק אים און ווי איך זע אים פאַר מיינע אויגן, אין מיין דמיון איצט, אַזוי וועט ער אויף אייביק בלייבן אין אונדזער געדעכעניש.

כבוד זיין אָנדענק.



פון רעכטס: מ. פעדערמאַן (קאַנאַדע), ל. חיין, י. זרובבל, י. פעטערזייל, מוליע, י. לעוו (1948)

רחל הערמאַן

יוגנט־זכרונות

דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב זיך באַקענט מיט „יאַשעקן" — אַזוי האָט ער ביי אונדז געהייסן אין לאָדזש — בין איך געווען זייער יונג. מיר זענען אַלע געווען 17—18־יעריקע יוגנטלעכע. פון דעם קרייז, וואָס יאַשעק האָט געשאַפן, בין איך געבליבן די איינציקע ביים לעבן. די אַנדערע נאָענטע און טייערע זענען געשטאָרבן נישט מיט אַ נאַטירלעכן טויט — זיי זענען אומגעקומען אין די נאַצישע לאַגערן, אָדער אין די סיבירער סטעפּעס. פיל איך פאַר מיין חוב צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ליכטיקער, תמיד שטראַלנדיקער, אַזוי מענטשלעך־וואַרעמער געשטאַלט פון יעקב פּעטערזייל.

שוין אין די יוגנט־יאָרן זיינע האָט זיך פול און אמתדיק מאַניפעסטירט די פּערזענלעכקייט, ווי זי איז געבליבן זיין גאַנץ לעבן; שוין דאַן האָט זיך קלאָר אויסקריסטאַליזירט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַלער אידעאַל, וועלכן ער איז טריי געבליבן, נישט אין ווערטער, נאָר אין מעשים, טאָג נאָך טאָג, חדשים און יאָרן, ביז צו זיין לעצטער שעה. ווער עס האָט געקענט יעקבן אין יענע ווייטע יאָרן, קאָן מיט פולער, טיפער זיכערקייט דערקלערן, אַז זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט איז געווען געשאַפן פון איין מאָנאָליטן כוח, און, אַז זיין לעבן, זיין אַקטיוויקייט איז געווען אַבסאָלוט אָן אָפּשפּיגלונג פון זיין אינערלעכער סובסטאַנץ, אָן שום שאָטן און שפּאַלטונג.

געווען איז דאָס אין יאָר 1918, אין דער גרויסער, פולסירנדיקער פּוילישער שטאָט לאָדזש. פּוילן איז געוואָרן אַ פרייע, אומאָפּהענגיקע רעפּובליק. לאָדזש, וואָס האָט זיך ביז דער מלחמה 1914—1918 געפונען אונטער דעם צאַרישן שטיוול, האָט אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די פּראָ־לעטאַרישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע וועט נישט מער ווערן אונטערדריקט. אין דעם גרויסן טעקסטיל־צענטער, ווו יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן האָבן אַקומו־לירט אַ גרויסן טייל פון דער וואַקסנדיקער פּראָדוקציע, ווו ס'איז אָבער אויך געווען אַ גרויסע פּראָלעטאַרישע אָרעמקייט, האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע דערשיי־נונג: יוגנטלעכע פון דעם יידישן מיטלשטאַנד, ווי אויך פון דער יידישער בורזשואַזיע, האָבן באַלד נאָך דער מלחמה געפילט, אַז זיי מוזן עפּעס טאָן, עפּעס

בויען, עפּעס שאַפן, אַז זיי מוזן האָבן אַ ציל, אַן אידעאַל, אַ וועג אין לעבן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַלע מינים גייסטיקע זוכענישן ביי דער יוגנט. די רוסישע שפּראַך איז אונדז נישט געווען פרעמד, אויך נישט די רוסישע ליטעראַטור. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט ביי אונדז אינטערעס. מאָדנע איז געווען, אַז דאָס באַפרייטע פּוילן האָט ביי דער יידישער בירגערלעכער יוגנט, ווי אויך נישט ביי דער פּראָלעטאַרישער יידישער יוגנט, נישט דערוועקט קיין כוואַליע פון ענטוזיאַזם. אַלע האָבן אין זייער אונטערבאַוווסטזיין זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן דין וחשבון, אַז דאָס פאָלק איז באמת הערויש אין זיינע גוואַלטיקע היסטאָרישע קאַמפן פאַר זיין פרייהייט, נאָר אין מאָמענט ווען די פרייהייט ווערט רעאַליזירט, באַקומט העגנט און פיס און וואָרצלען — ווערט דאָס פּוילישע קליינבירגערטום אַנטיסעמיטיש און טרייבט צו עקסצעסן און פּאָגראָמען. אָט אין דער תקופה פון זוכן אַ וועג איז פּלוצים דערשינען צווישן אונדז יאַשעק פּעטערזייל מיט אַ גוואַלטיקן שטראָם ענערגיע און האָט מוטיק אויסגערופן: „לאָמיר אָרגאַניזירן אַ קרייז, לאָמיר, די אינטעלעקטועלע יידישע יוגנט, זיך באַקענען פון איין זייט מיט הערצלען, אחד־העם, מיטן יידישן סאָציאַליזם, מיט מאַרקסן — און פון דער אַנדערער זייט — מיט פּאַלעסטינע, מיט די מעגלעכקייטן פונעם לאַנד. יאַשעק האָט נישט נאָר געוואָרפן לאָזונגען. ער האָט צוזאַמענגערופן מיידלעך און יינגלעך און טאַקע געשאַפן אַ קרייז. ער האָט אויסגעזוכט פון אונטער דער ערד ביכער, זיי געגעבן אונדז צו לייענען. מיר האָבן זיך גענומען שטודירן און צוגרייטן רעפעראַטן.

וואָס איז געווען אַזוי באמת שיין אין יעקבס נאַטור, איז נישט בלויז די שפּרודלדיקע ענערגיע, וואָס האָט געזוכט צו פאַרוואַנדלען אַ פּרוכטבאַרע מחשבה אין אַ טואונג, נאָר אויך די אַכטונג צום מענטשן, די אַכטונג צו דער גייסטיקער זוכעניש פון אַ צווייטן.

יונג איז ער געווען, יונג, ווי מיר אַלע. נאָרמאַל האָט ער געדאַרפט וועלן אונדז אַלעמען אָנוואָרפן זיין מיינונג, זיין וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז ביי אים געווען שוין אויסקריסטאַליזירט. ער איז געווען אין יענער תקופה שוין אַ לינקער פּועלי־ציוניסט. האָט ער געקאָנט וועלן אונדז מיט פּראָפּאַגאַנדע און אַנדערע מיטלען איבערצייגן, אַז ס'איז דאָ בלויז איין וועג, ז י י ן וועג. ער האָט דאָס געקענט לייכט טאָן, ווייל מיר אַלע, ווען ער האָט אַרום זיך צונויפגעקליבן, האָבן ערשט געזוכט, זיך געוואַקלט, און נאָך נישט געזען קלאָר פאַר זיך קיין וועג. זיכער זענען אונדזערע בליקן געווען געריכטעט צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַ סך פון אונדז האָבן שפּעטער אויסגעקליבן אָט־אָ דעם וועג, און ביטער פאַר אים באַצאָלט. זיי זענען געוואָרן אויפגעפרעסן פונעם אייגענעם גאָט.

איך געדענק, ווי ביי דער ערשטער זיצונג פון אונדזער קרייז האָט יאַשעק מיט זיין גוטן, וואַרעמען שמייכל געזאָגט: „מיר וועלן לערנען — לערנען מאַרק־

סיזם, לעניניזם און ציוניזם. לייענען מאַרקסן און הערצלען, פּלעכאַנאָוון און לענינען, אחד־העם און נאָרדוי, און שפּעטער וועלן מיר זען וועלכן וועג וועט יעדער פון אונדז אויסקלייבן. געוויס זענען אַלע געווען מסכים צו לערנען. יעטוועדער האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין די פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך פאַר אונדז גע־שטעלט. יאַשעקס פאָרשלאָג איז געווען אַ ברייטהאַרציקער, ווי זיין נשמה איז עס געווען.

איך געדענק, ווי אַמאָל — אַ שבת נאָכמיטאָג איז עס געווען — האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין דער דירה פון יאַשעקס עלטערן. ער האָט איינגעלאַדן פּאַרטרעטער פון „בונד" און פון די „טעריטאָריאַליסטן", ווי אויך אַ יידישן קאָמוניזירנדיקן סטודענט. יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, און דאָ האָט יאַשעק צום ערשטן מאָל אָפן און קלאָר, אין דעם שטורעם פון דער דיסקוסיע אַנטפּלעקט פאַר אונדז זיין אידעאַל: ניין, נישט מער ווי אַ נאַציאָנאַלע מינ־דערהייט, וואָס קען זיך אַריינגליטשן פּלוצים אין אַ סכנה, נישט אָפּהענגיק פון אונדזערע כוחות פרעמדע פעלקער, אויף פרעמדע טעריטאָריעס — נאָר בויען אַן אמת סאָציאַליסטיש לאַנד — אונדזער לאַנד, פּאַלעסטינע. פונדעסטוועגן האָט ער צום סוף צוגעגעבן: יעטוועדער איינער איז פריי צו זוכן זיינע וועגן.

ווער האָט געהערט צו יאַשעקס קרייז? דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון יוגנטלעכע, וואָס זענען געקומען פון בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע קרייזן. צו זיי האָט געהערט רוזשיאַ שמולעוויטש, אַ באַגאַבטע שילערין פון אַ רעגירונגס־גימנאַזיע, האַלב אַסימילירט, וואָס זייענדיק אונטער דער השפּעה פון יאַשעקן אין אונזער קרייז, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן זייער שיינע לידער. לירישע און נאַציאָנאַלע. איר פּאָעמע „הכותל־המערבי" איז געווען אָפּט, זייער אָפּט פון מיר פערזענלעך רעציטירט אויף יוגנטלעכע אונטערנעמונגען. זי איז שפּעטער אַוועק אויף קאָמוניסטישע וועגן און איז אומגעקומען ערגעצוווּ אין אַ סיבירער תפיסה.

איטקאַ האָראָוויטש איז געקומען פון אַ וואָלינער דאָרף קיין לאָדזש. זי האָט פאַרמאָגט אַ ברענענדיקן טעמפּעראַמענט, אומגעוויינלעך לעבעדיק, אינטעליגענט. זי האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער סביבה. אין די שפּעטערע יאָרן איז זי גע־פאָרן שטודירן קיין וואַרשע, דערנאָך קיין ווין. אין די ווינער קאָמוניסטישע קרייזן האָט זי געשפּילט אַ ראָלע. אויך זי איז אומגעקומען אין אַ תפיסה אין רוסלאַנד.

מאָניעק מאָושאָוויטש איז געווען אַ נאָענטער פריינט יאַשעקס. זיי האָבן געקענט ביידע וואַנדערן און וואַנדערן שעהלאַנג איבער די גאַסן פון לאָדזש. מאָניעק איז געווען אַ שילער פון דער לאָדזשער העברעישער גימנאַזיע. ער האָט געשטאַמט פון אַ קליינבירגערלעכער סביבה. געהאַט ציוניסטישע טענדענצן — איז אָבער קיין מאָל נישט געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער איז געקומען נאָך פּאַריז

און חתונה געהאַט. ער איז לײדער אין יאָר 1942 געוואָרן דעפּאָרטירט פון פראַנקרייך מיט זיין הערלעך טעכטערל.

צו די חברים פון מאָוושאָוויטש, תלמידים פון דער יידישער גימנאַזיע, האָט געהערט אפרים גאָלדשטיין — אַ באַגאַבטער, אַ רירעוודיקער; אויך ער איז אַוועק צו די קאָמוניסטן — און איז אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד. נאָך אַנדערע, ווי לעבענזאָן, גרינבלאַט — אַ דור, וואָס איז אומגעקומען אָדער ביי היטלערן, אָדער ביי סטאַלינען.

יאַשעק איז געווען צווישן אונדז דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט גע־בראָכן אויף טויזנט ברעקלעך, ווי מיר אַלע. ער איז געבליבן טריי — זיך אַליין — טריי זיין יוגנטלעכן חלום און זיין יונגן, הערלעכן, אמתדיקן, פולסירנדיקן אידעאַל.

אונדזער קרייז פלעגט זיך צונויפקומען צוויי מאָל אַ וואָך. דאָרט איז באמת, לויט יאַשעקס אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, געוואָרן געלערנט, געזוכט און געפאָרשט. איינמאָל קומט ער אַ שטראַלנדיקער. „איך האָב אַ נייעם געדאַנק, מיר וועלן עפענען אַ יוגנט־היים, אַ קלוב, אַרומנעמען די גאַנצע יידישע יוגנט, וואָס וויל וויסן, וואָס וויל לערנען; יעדער וועט קאָנען דאָרט האַלטן רעפעראַטן. יעדער וועט קאָנען זיך פריי אַרויסזאָגן. מיר וועלן אויך עפענען אַ בופעט, און אַ באַ־שיידענעם שאָך־קלוב". יאַשעק האָט רעאַליזירט זיין פּראָיעקט. מיט רעפעראַטן זענען דאָרט געקומען מולע איידעלמאַן (פּועלי־ציון), ליכטענשטיין (בונד), דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן (ציוניסט) און אַ סך, אַ סך אַנדערע. אויך יוגנטלעכע. די סביבה איז געווען אַ חברישע, אַ גוטע, אַ וואַרעמע. יאַשעק איז געווען די נשמה, דער איניציאַטאָר און דער בויער...

רבקה גורפיין

על יעקב — צרור זכרונות

פגישתנו הראשונה עם יעקב היתה במטוס שהטיס אותנו לפולין, „ההרפתקה הגדולה", — כך השכילה להגדיר תקופה זו רעייתו העדינה, תיבדל לחיים. דמותו הרעננה והלבבית העלתה ראשית כול על הדעת חיים רבי־הצלחות, כה שפע האיש אמון וטוב לב, כה פתוח היה לקלוט ולהתרשם ולהשפיע מרוחב דעתו ויחסו הטוב על כל מי שנקלע בתחומו. הוא היה בלתי נגוע בכל הרע והמכוער שבמציאות, מחוסן ומוגן בפניהם באורח בלתי מובן. לא שמר איבות ולא נטר אכזבות ולא החשיד אפילו במקום שהצדיק חשדים. חיוכו הלבבי הסוה עקביות ללא חת של לוחם פוליטי ותיק, עקביות שעלתה במחיר רב ובויתורים לא מעט. מעניין — הרי הוא היה מנהיג ונועד להיות רשם תולדות מפלגתו ובכל זאת ראה את עצמו כחייל מהשורה, מצניע לכת וחסר יומרה.

בפולין עשה את עבודתו תוך הרגשת שליחות. לכאורה „אטאשה" לעניני תרבות — למעשה איש יהודי רגיש ונבון אשר הפך ליועצם הבלתי רשמי של עשרות ומאות יהודים שבורים ורצוצים אשר התדפקו על דלתי חדרו ומצאו שם תמיד אוזן קשבת, לב רגיש, עצה ותושיה. יהודי פולין הדואבים ומהססים ידעו היטיב את כתבתו והיו מגיעים אליו ממרחקים, מערי השדה וממקום ריכוזם בשלונסק (שלזיה). לפעמים הגיעו פשוט כדי להשמיע באזניו מה שעבר עליהם ואת הסבכים החדשים שנקלעו לתוכם, לעתים כדי למסור בידיו את ההכרעה על המשך דרכם. ואותו האדם הרך והלבבי, אשר בודאי לא אחת התקשה לפתור את בעיותיו הוא — השכיל לפזר ספיקות, למצוא מוצא, לעודד את הזקוקים לכך ולהתוות דרך לאנשים שלא העזו בכוח עצמם ומתוך בחירה לערוך מהפכות בחייהם ולעלות ארצה. אותה שעה ראינו את יעקב ועיניו נוצצות מאושר נדיר, אושר של עשיה למען הזולת. האם למעשה לא הרצון לעזור לאשרם של אחרים הוא שהיה המצע היסודי של כל פעולתו הפוליטית? האם לא ההומאניזם העמוק שלו הוא־הוא שהשריש אותו בחלום הסוציאליזם?

אינני יודעת רבות על מה שקדם לפולין ועל מה שבא אחר כך — ובכל זאת הנני קרובה להשערה, כי היתה זו אחת התקופות הטובות שבחיי יעקב. הוא היה נחוץ לאנשים והם נזקקו לו וידיו היו מלאות עבודה. באיזו חרדת קודש היה

מוציא את הביולטינים שהכילו הד של המתרחש בארץ... מדינתנו היתה בראשית צעדיה ואנו הזדהינו אתה בלב שלם, ללא כל הסתייגות. היה טוב להיות נציגה של ישראל ההירואית, טוב היה לקלוט את הצעדים של הרך שנולד ולשדרם לעולם אשר חזה את פלא תקומתנו תוך אהדה והתפעלות. יעקב לא רק שידע לעלוץ, להתלהב ולקדוח בשמחת העשיה — הוא אף ידע להעבירה לזולת.

לא שכל שהותנו וחיינו בפולין שלאחר האיומה במלחמות לא היוו סבך אחד גדול שבו התלבטנו קשות. במרחק לא גדול מדירותינו השתרעו החורבות המחרידות של הגטו הווארשאי, מרחבים גדולים של איים ומשואות. בצדק חשבנו תדיר בנסענו ברכבת ברחבי פולין, כי באותה הדרך בדיוק הסיעו לפני שנים מועטות רכבות אחרות את בני עמנו לכבשנים. לא אחת בערה האדמה תחת כפות רגלינו והאויר הרווי עשן קרובינו, זה האויר שהיה לבית קברות, התניק אותנו. הרגשנו בדידות גדולה ורגש אשמה על כל רגע של הנאה. מסביב עמל עם על בנין סוציאליזם תוך עוני ומחסור, אף תוך הרבה אי־הבנה ואפילו שנאה — ולנו דוקא היה הדבר קרוב ומובן. אלא שאדמה זו והעם הזה חזו בנעשה בהורינו, בקרובינו, במיליוני יהודים. הסתירה היתה כבדה וכמעט ללא פתרון. יעקב חי אתנו יחד את הסתירה הזו ולא היתה ברירה גם לו כמו לכולנו, אלא למלא בתוך סתירה זו את שליחותנו היהודית־ציונית.

הפיצוי היה עליית יהודים גדולה ומאורגנת להפליא ולכל עובד בצירות ישראל בפולין היה בעליה זו חלק משלו. מי שלא ראה את יעקב מתרוצץ בתחנת הרכבת, לוחץ ידים, מחלק חיוכים, נפרד מעולים בכל רכבת שעשתה את הדרך במישרין מווארשה לוונציה — החמיץ לראות אדם מאושר אושר מלא. כל רכבת כזו הסיעה רבים מבני טיפוחיו, אנשים שהוא הפיח בהם רוח חיים והעזה לקראת פרק חיים חדש, תוך גבורה אפורה ואלמונית...

ראינו את יעקב גם בביתו, במשפחתו. כמה חמימות ורוך שפעו הליכותיו. כמה אהבה העניק לאנשים הקרובים לו, לרעייתו ולבנו. כל היפה והטוב והגואל הטמון בחיי משפחה מאושרים נזדקרו לעיני כל מי שנקלע לביתו. כל הריעות האמיתית, זו שהיא חלומם החשאי של כל לב אנושי, נתגשמה בבית הזה.

תמים היה האיש, על אף כל נסיונותיו, לא נזהר מיסורים. זכורתני, כמה ידע יעקב להסתבך תדיר באיזה ענינים משפחתיים רחוקים, כמה קשיים הוסיף לעצמו ולחייו, קשיים נפשיים וחמריים — בטיפולו בקרובים למיניהם שגילה פה ושם. מה לא עשה למענם — כמה התרוצץ ועזר ועודד — לא אחת ולא שתים הרחק מעבר ליכלתו בלי לצפות לתמורה, כדרכו.

איש התרבות היה. בודאי רבים מתושבי לודז׳ היהודים של ראשית שנת 1949 זוכרים את ההתפעמות שאחזה בהם באחד הערבים כאשר הופענו יחד לפניהם ומסרנו דרישת שלום מישראל הנאבקת ועומדת על נפשה. יעקב להט

ולהב כולו, הבריק והקסים את שומעיו שכלל לא ידעו איך להודות לו על החויה העמוקה שהעניק להם. הוא חי הרבה וחי עמוק ולמד כל החיים ואהב את הספר ואת התיאטרון נוסף לאהבתו את האנשים. הנני נזכרת: לעת קריאה היה מסיר את משקפיו מעיניו אשר בהיותן בלתי מוגנות, גילו את כל טהרם ותומם...

איש רעים היה. עדיין שמורים אתי אילו חפצים קטנים — מה נעשה ועמידתם מול החדלון גדולה מזו של חייו של אדם — ועליהם רשומים דברי ידידות בכתבו הגדול והברור של יעקב.

אופטימיסט היה ומבורך בכשרון הנדיר לשמוח בכל הטוב שבחיים, בכל היפה שבעולם. האם גם לא ידע את הצער הגדול הטמון בשניהם? הוא ידע, אך בנפשו נבע מקור של טוב אנושי פשוט, של קרינה אנושית חמה והיא המתיקה את הכל.

ביום ירושלמי חם ליווינו אותו לבית הקברות שהיה כולו אדמה צחיחה, ללא עץ וללא צל. חשבתי בנפשי: מה רבה הסתירה בין הלב הנטמן פה כרגע, אשר בכל סערות החיים ידע לשמור על עדינותו, על חומו, על שפעתו — לבין מקום מנוחה זה שבו ישכון לעולמים.

נאום בפתיחת תערוכת ההסתדרות, שנערכה ע"י י. פטרזייל בצירות ישראל בפולין (1949)

מנשה טשרניקר

למותו של חבר דגול

(שבעה לפטירתו של יעקב פטרזייל)

כואב הלב על מותו הפתאומי של החבר פטרזייל. הוא הסתלק מאתנו בעת ההכנות לנסיעתו לפאריס. ואף־על־פי שחשש למצב בריאותו, היה בטוח שיתגבר ויוכל למלא את שליחותו.

היה חבר טוב ורע נאמן לכל מי שרכש את אמונו. בחשבי עליו אני נזכר ב„משולח" של י. ל. פרץ, הרואה ודואג רק לשליחות הקדושה שנמסרה לידיו. גם כשהוא מרגיש דקירה בחזהו ושם את ידו עליו, הריהו מפרש זאת לעצמו שהוא אינו אלא ממשש את הניירות הנמצאים בבגדו. הענין שנמסר לידי הח' פטרזייל זה שנים, נהפך בעיניו לדבר שבקדושה ולו מסר כל רגע פנוי: ללקט ולאסוף ולהציל מן השכחה את הפנינים של המחשבה הפועלי־ציונית — לאספם למען דברי־הימים ולמען הנוער, היודע מעט מאד על העבר היהודי הקשה והאפל. פועלי־ציון שמאל היוו אז מחנה מלוכד, אשר הלם בכל כבדו הרעיוני במחנה האנטיציוני שבגולה היהודית. הם החדירו את דבר ארץ־ישראל העובדת אל תוך שכבות העם העובד, צירפו לבנה ללבנה ובכך סייעו גם להקמת מפעלנו כאן.

יעקב פטרזייל נמנה עם העסקנים המעולים והנאמנים ביותר במפעלו של הפועל היהודי. לידיו מסר מכון רינגלבלום את עבודת ה„ילקוטים". הוא עבד בתנאים קשים מאד. כל היום עמל לפרנסתו ובלילות ובשבתות התמסר כולו לעבודת הליקוט והכתיבה. שנים רבות ישב וכתב בתנאי דיור בלתי נוחים לעבודה רוחנית, ואף־על־פי־כן היה מלא חדוה. על שכמו של הח' פטרזייל רבצה גם הדאגה המנהלתית של הוצאת־ספרים זו. המגע עם המדפיסים, עם הכורך, כתיבת־מכתבים מסועפת — הכול נטל על עצמו. כמה שמח כשלאחרונה שחררוהו החברים מהעבודות היומיומיות למען יוכל להתמסר ביתר שאת למלאכת הילקוטים.

אהוב על כולם היה יעקב פטרזייל. הוא ורעייתו הנאמנה, החברה אולה, פתחו את ביתם לרווחה לפני כל חבר וחברה. מצאנו שם פינה למנוחה, לעצה ואוזן קשבת

לחבר שבא לתנות את המרירות שבלב. תמיד היה נכון לעזור לחבר ולהקל ככל האפשר על מצוקתו.

הכרנו את הח׳ פטרזייל בשנות העשרים בפלונסק, כאשר בא לשם בשליחות המפלגה. מאז שמח תמיד לקראתנו ועזר כמיטב יכלתו. קורן משמחה היה רץ לקראת ילדי החברים, מחבקם ושואל על חייהם ועל לימודיהם. באותם רגעים היה נהפך גם הוא לילד.

כואב הלב על מותו החטוף. את זכרו נשמור לעד.

מנוס גולדברג

בחוג משפחתו

לא זכיתי לשהות במחיצתו הקרובה של יעקב בתנועה, אבל היו לי הזכות והאושר להיות במחיצתו במשפחה, כאב של חתנו, כסבא של נכדנו המשותף.

כל מה שכלול במושג „אבהות", היה בו במידה כזו שקשה לתארה. ומדי בואו במגע עם בני המשפחה היה כולו שופע רוך ואהבה, כולו קורן חדוה ואושר, ואם כוסו אי־פעם שמי הבית ענן, היה נמוג מיד עם הופעתו של יעקב.

מרגע הכרותנו הראשון העתיר על בני משפחתנו שפע של ידידות ומסירות וקשר אותנו בעבותות משפחה הדוקים.

כזרם מים אדירים הפורצים בבת אחת את כל הסכרים, כך פרצו כל הרגשות הללו אצל יעקב עם הולדתו של הנכד והאושר והשמחה געשו בו ללא מצרים. שיכור אהבה לפעוט המחייך בתוך עריסתו, היה מתהלך בינינו כלא מן העולם הזה.

בפעם האחרונה ראיתי את יעקב בתקופה שנדמה לי כי לא אטעה אם אכנה אותה אחת המאושרות ביותר בחייו.

הוא היה אז ראשו ורובו נתון בתוך עריכת ה„ילקוטים" ובתוך חדות היצירה שנתלוותה לכך. על ידו היה נכדנו סיני, שבא אליו לירושלים להתארח לזמן ממושך. שניהם היו מוקפים דאגתה וטיפולה של אוליה.

היתה זאת אידיליה שאינני יכול להיזכר בה אלא מתוך געגועים עזים ומתוך כאב גדול.

אלה מאתנו שפגשו אז את יעקב כשהוא מוביל את נכדו בעגלתו, או משחק אתו בחצר, בודאי ימצאו את דברי חיוורים מכדי לתאר את התמונה ההיא לאמיתה. מה מאושר נראה היה אז!

על ויקטור הוגו נאמר, שהוא ידע את אמנות הסבאות יותר מאמנות השירה והסיפור. אמן מסוג זה היה יעקב.

בחזהו פעם לב גדול וחם, שדומה היה תמיד כעולה על גדותיו מרוב אהבה. באהבה זו הציף את רעייתו, את בנו, את נכדו, את בני משפחתו, את כל הסובבים אותו.

לנכדיו אבדה סבאות זו, לרעייתו — ידיד ורע נעורים, לדני — אב יקר שידע לכבד את דעת הזולת, ולכולנו אבדה דמות ספוגה ערכים הומאניטאריים, שיכולה היתה לשאת בגאוה את התואר הנעלה „אדם".

*

הדברים הללו נאמרו ביום השלושים לפטירתו של יעקב. מאז חלפו שנים. הנך מביט אחורה לאותה תקופה שבה היה יעקב אתנו כאל חלום נפלא שנגוז, וצער וכאב צובט תוקפים אותך, כמה קצרה היתה אותה תקופה.

הנך מביט על ילדינו, על הנכדים, נכדינו ונכדיהם של יעקב ואוליה, המהווים בשבילנו מקור כה עשיר של נחת ואושר ואתה שואל: מדוע ניטל כל זה מיעקב? מדוע נשללה מהם אהבתו, מסירותו והדרכתו? בכל מאורע חגיגי ושמחה בחיק משפחתנו החמה מתעוררת המשאלה, שאין לה לדאבוננו הגדול, כל שחר: לו היה יעקב אתנו כאן! והוא כל־כך חסר לנו בכל הזדמנות...

אבל נחמה גדולה אחת מקננת בלבנו והיא: שסגולותיו של יעקב ותכונותיו לא אבדו. הם קיימים בזרעו בשפע.

פניהם הקורנות אהבה וידידות של נכדיו הן בבואה נאמנה של יעקב ז״ל. העושר הנפשי הטבוע בהם, הערכים האנושיים שמקננים בהם הם ערובה נאמנה שלא יביישו את שמו הטוב של סבם. ויחסו של יעקב לאדם, סובלנותו כלפי דעתם של אחרים, רוחב לבו והבנת הזולת, ימצאו בהם את ההמשך.

ד״ר יוסף קרוק

יעקב פעטערזייל — דער היסטאָריקער און דער מענטש

יעקב פעטערזייל, דער ערלעכער מענטש און דער מוטיקער קעמפער, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט אַלס יונגער טיפּ פון דער יידישער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען צו יונג, אַז ער זאָל קאָנען געהערן צו די פּיאָנערן און גרינדער. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט ער פּערזענלעך נישט געקענט נחמן סירקין און בער באָראָכאָוון. און דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, — פאַקטיש האָט ער אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין אַ ברייטן מאַסשטאַב ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, — האָט ער דאָך זיך אַזוי טיף אינטעלעקטועל און אַזוי פיין הומאַניסטיש אַריינגעלעבט אין דער ערשטער פּיאָנער־תקופה און אירע גרינדער, אַז אין דעם גייסט פון דער קלאַסישער גרינדונגס־תקופה האָט ער געקאָנט ממשיך זיין זייער אַרבעט און ווייטער פירן זייער ליניע. איך בין זיכער, אַז באָראָכאָוו וואָלט שטאַרק געשעצט זיין אַרבעט.

„קבלו את העולים החדשים בסבר פנים, ברוחב לב, בזרועות פתוחות". הוא לא טיפל ב„בעיית העולים". הוא ממש ליוה אותם בספקותיהם ובציפיותיהם. הוא עודד את רוחם. הוא דאג להם, הוא אהב אותם. הוא חיפש דרכים בהיותו בפולין כיצד להקל על חבלי קליטתם בארץ, כיצד לחסוך מהם אכזבות. הוא הרגיש עצמו אחראי להם.

עם שובנו ארצה מן השליחות בפולין נתפרדה החבילה: איש־איש לעבודתו ולפינת־חייו. תמיד נפגשנו בידידות. יש לי הרושם, שבימי המתיחות, שנשתררה במפ"ם ערב הפילוג — נמנענו מלהיפגש. רצינו לחסוך כל אחד לעצמו ולזולתו את כאב הפירוד הצפוי. בשני המחנות גם יחד היו שני סוגי חברים: אלה, שהפילוג כאילו הסיר מועקה מעל לבם ואלה, שהפילוג כאילו הטיל מועקה נוספת על לבם.

פטרזייל היה שייך לסוג השני של חברים. הוא כאב את הפילוג, כאב צורב ונוקב, הוא ראה בו משגה וחטא, העלול להתנקם בשני המחנות. הוא לא חיפש את ה„אשם". הפילוג לא שחררו מכבלים ולא הביאו אל המנוחה ואל הנחלה. „אילו היה הדבר בידי הייתי מנסה להחזיר את הגלגל אחורנית — אמר לי פעם — אולם אין הדבר לפי כוחי".

העליתי צרור זכרונות מקוטעים על ידידי פטרזייל, זכרונות מעוגנים בעניני ציבור ובפעילות ציבורית. ויש רצון להוסיף עוד מלים אחדות על הצירוף הנדיר של תכונות אופי שחברו יחדיו באישיותו של פטרזייל:

ספונטניות טבעית. כל שמץ של מלאכותיות היה זר לרוחו; „עשיית רושם מתוכננת" היתה מחוץ לתחום השגתו.

יושר לב. ישר עם עצמו ועם הזולת. שונא תככים, דרכי הערמה,

התחכמות, התחמקות, תכססנות. היה גלוי לב עם יריביו ועם ידידיו. האמין בבני־אדם עד תמימות.

טוב לב, פשוטו כמשמעו. בימינו פיתחו בני־אדם „טכניקה" משוכללת של יחסי־אנוש. אין הם „חלילה" פונים עורף לאדם במצוקתו, בכשלונו, בבדידותו. הם רק „איכשהו" אינם נתקלים בו „במקרה". ואילו את פטרזייל מצא „איכשהו" האדם בצערו ובספקותיו ולא „במקרה", ועל טוב לבו ובינת לבו אפשר היה לסמוך.

בימי אפנת־ההתגנדרות בשקיעת אמונות, בשחיקת אידיאות, בדהיית דגלים טוב היה להימצא במחיצתו של פטרזיל, המאמין באידיאה בהכרה עמוקה ובתום לבב ונאמן לדגלו משחר ימיו ועד יומו האחרון.

ישראל גור

חבר למופת

יעקב פטרזייל ז״ל דמה לאחד „שלא מעלמא הדין״ בחיינו המפלגתיים. הוא היה איש הפאתוס המוסרי והרגשי, וללא קיצוב. את הפעולה הקטנה ביותר, השיגרתית ביותר, השכיל להעלות למרום ההתרגשות. כשהיה קם לומר את דבריו בפגישה או באספה — היה תמיד מקצה מקום בראש לכמה מלים נישאות על עצם הפגישה, על עצם הישיבה בצוותא.

היה לו, לפטרזייל, יחס שירי למפלגה, כי זו לא היתה בשבילו בית מבשל לריזולוציות, כי אם בית גבוה מעל גבוה שפעלם של חברים מפכה בו, בית המצטרף ממאות ואלפי פרטים, וכל פרט הוא בעל שם ויחוד. את הפרטים הללו היה נוהג להקביל תמיד במאור פנים חברי ובשתי ידים חובקות ונאמנות.

לפאתוס שלו היה „כיסוי״, לפי שהאמין בדבריו בכל התום והכנות: הוא היה איש המתח התנועתי הגבוה, ומתח זה לא רפה גם כשדמה האיש לשבר כלי, כשהחולי מכביד עליו את אכפו.

שנותיו האחרונות השביעוהו תמרורים. הגיעו ימים שלאיש כמוהו — עם עבר של עשרות שנות פעילות ציונית־סוציאליסטית — לא נמצא כר לפעילות מפלגתית. עובדה זו, וכן יריקת השמאלנים למעיינות הציונות — העכירו את רוחו. אך גם בצד לא יכול היה לעמוד, ומדי פעם בפעם היה מתלקח באספות הסניף ומשיב מלחמה שערה למתנכרים ולמשתלטים.

חידוש עצמאותה של מפלגתנו השיב גם לפטרזייל את עדנתו. הוא נכנס לפעולה בסניף. פעולתו המפלגתית הפעם היתה לו חדוה יוצרת, ובחדוה זו הדביק גם אחרים. עם זאת הבחנתי בו לא אחת קוצר רוח, כמי שזמנו קצר. הוא חי בשנה האחרונה עם השעון ביד — אין זאת כי הרגיש כי מלאך רע אורב לפתחו ועליו לסיים את המלאכה הספרותית שהתחיל בה. שנותיו האחרונות היו קודש, כידוע, להוצאת ילקוט פועלי־ציון.

ולא סיים האיש את מלאכתו.

יהי זכרו ברוך ומנחה לחברות מופתית.

חיים פינקלשטיין

אַ בוים איז אויסגעריסן געוואָרן

אַ פראָסט גייט דורך דורך די ביינער. די האַנט ציטערט און אַ ווייטיק שלאָגט אין מוח.

ווי איז דאָס מעגלעך? האָט זיך טאַקע איובס גאַנצער ביטערער מזל אויסגעגאָסן אויף אונדז?

איין קלאַפּ נאָכן צווייטן, איינער נאָכן צווייטן, אָן אויפהער.

שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, שווער צו פועלן, אַז עס ווערט אַזוי ליידיק, אַזוי פּוסט.

אָט נאָר וואָס, ווי לאַנג איז דאָס געווען, איז געוואקסן אזאַ וווּנדערלעכער גאָרטן. וואָס איז אין דעם גאָרטן נישט געווען? און אָט ווערן אויסגעהאַקט, אָן רחמנות, איין בוים נאָכן צווייטן. ווערט מוראדיק שיטער אונדזער גאָרטן. און ווי שיטער און אומעטיק דער גאָרטן, אַזוי טרויעריק און קאַלט ווערט אויף דער נשמה.

*

יעקב פּעטערזייל איז געווען אַן אויסטערלישער מענטש. אַ מענטש — אַ קינד.

ווי אַ קינד האָט ער זיין גאַנץ לעבן גערעדט. אַזוי תמימותדיק, אַזוי נאַיוו און אויפריכטיק. ווי אַ קינד האָט ער געגלויבט, אַזוי ערלעך און מיט כוונה. ווי אַ קינד האָט ער ליב געהאַט, אָן אַ גרענעץ און אָן אַ חשבון. ליב געהאַט מיט דער גאַנצער נשמה, מיטן גאַנצן האַרצן. און געטריי איז ער געווען, ווי זעלטן מענטשן קאָנען געטריי און איבערגעגעבן זיין.

און אָט דאָס גרויסע קינד האָט פאַרמאָגט אַ גרויס האַרץ און אַ שאַרפן אַנאַליטיש־דענקענדיקן מוח. ער האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון אַ תלמיד חכם. דאָס גשמיותדיקע האָט ביי אים פאַרנומען דעם קלענסטן פּלאַץ. דאַקעגן איז זיין קאָפּ געווען פאַרטאָן אין רוחניות, אין העכערע וועלטן פון געדאַנקען און אידעען.

ער האָט ליב געהאַט מענטשן. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור. ער האָט לייכט געקאָנט באַגייסטערט ווערן פון אַלץ, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען גוט

און שיין. ער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט צו פרייען זיך מיטן צווייטנס דערפאָלג, און אָפּט אַפּילו אַריינפאַלן אין התפעלות, פיל מער ווי דער באַטרעפנדיקער אַליין.

צי ער האָט אויך געקאָנט זיין אין כעס, ווייס איך נישט. אויף קיין שנאה צו עמעצן איז אין זיין גרויס האַרץ זיכער קיין פּלאַץ נישט געווען. אין ערגסטן פאַל, האָט ער געקאָנט האָבן מיטלייד, אַפּילו צום קעגנער, צום שונא. און דערפאַר איז ער אויך שטענדיק געווען גרייט צו העלפן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אין זיין הילף געניטיקט, וואָס האָט זיין טרייסט און שטיצע באַדאַרפט.

איך געדענק אַ באַזוך אין שפּיטאָל, הינטער תל־אביב.

פּעטערזייל האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ קראַנקע חברטע, איז ער געלאָפן צו זען. אָבער אויפן וועג האָט ער באַמערקט נאָך באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. איז ער געלאָפן פון איינעם צום צווייטן, כמעט געשוועבט. פאַר יעדן האָט ער געהאַט אַ וואָרט, אַ שמייכל. פאַר יעדן האָט ער עפּעס דערליידיקט, מיט יעדן זיך באַשעפטיקט. צו אים האָבן זיך געצויגן בליקן און הענט פון אַלע זייטן. און דוכט זיך, אַז די קראַנקע איז לייכטער געוואָרן. זיין גוטסקייט, זיין וואַרעמקייט האָט געהאָלפן זייערע ווייטיקן שטילער צו מאַכן.

*

פאַראַן אַ סך גוטע מענטשן אויף דער וועלט. אָבער מענטשן מיט אַזוי פיל מענטשלעכע מעלות, ווי פּעטערזייל; מענטשן מיט אַזוי פיל גוטסקייט און ערלעכקייט; מיט אַזעלכע עטישע ריינע נשמות; מענטשן, וואָס זאָלן אַזוי דענקען און גלייכצייטיק פילן, דורכנעמען זיך און באַגייסטערן זיך, ווי ער, זענען נישטאָ קיין סך.

דערפאַר האָט מען פּעטערזיילן אַזוי געשעצט און ליב געהאַט.

דוכט זיך, אַז אַלע וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים ליב געהאַט; אויך קעגנער האָבן אים ליב געהאַט.

מענטשן ווי פּעטערזייל, פון דעם כאַראַקטער, זענען תמיד אַבסאָלוט, תמיד גאַנץ. אַזעלכע מענטשן קאָנען נישט זיין פאַרעווע, לעבלעך. זיי קאָנען זיך נישט באַפרידיקן מיט שטיקלעך, מיט ברעקלעך. די מענטשן צינדן זיך אָן און ברענען אָן אויפהער. זיי האָבן ליב מיט דער גאַנצער נשמה, און דאָס, וואָס זיי טוען, טוען זיי בלב ובנפש.

אַזוי האָט פּעטערזייל ליב געהאַט די פּאַרטיי, אַזוי האָט ער געגלייבט אין איר און אַזוי האָט ער זיך איר איבערגעגעבן — פול און גאַנץ.

אַזוי איז ער אויך געווען לגבי ישראל — דאָס לאַנד, די מדינה, און אַזוי איז ער אויך געווען לגבי ישראל — דאָס פאָלק.

אין ישראל זענען פאַראַן אַ סך פאַרליבטע אינעם לאַנד. אָבער פּעטערזייל איז געווען מער ווי פאַרליבט. ער האָט אָנגעקוואָלן פון אַלץ: פון יעדן

ביימעלע, פון יעדן גרעזעלע, פון יעדן שטיין. אַ פּשיטא שוין פון אַ קינד. פון אַ מענטש. אים איז אַלץ געווען טייער, אַלץ איז אים געווען אייגן, אַלץ איז געווען זיינס. מיט אַלץ האָט ער זיך איבערנעמען געקענט.

*

צו דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז פעטערזייל געקומען ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. אָבער זייער גיך איז ער, אַ דאַנק זיינע אייגנשאַפטן, אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך צווישן די ערשטקלאַסיקע און וויכטיקסטע כוחות פון דער פּאַרטיי.

אין דעם פּעריאָד, אין דעם פּוילישן, האָב איך אים געקענט מער פון דער ווייטנס ווי פון דער נאָענט. איך האָב אים געקענט ווי אַ פּלאַמיקן רעדנער, ווי אַ פעיקן שרייבער, ווי אַ טוער אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי, ביי דער יוגנט, אין רעדאַקציעס, אין קאָאָפּעראַטיווע און אין ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען.

נעענטער האָב איך אים דערקענט בעת מיינע באַזוכן אין ישראל.

איך האָב אים געזען אַ צוזאַמענגעוואַקסענעם, אַן אידענטיפיצירטן מיט דער פּאַרטיי, מיט איר אידעע, מיט איר אַרבעט, מיט איר אינהאַלט און נשמה. און זינט דעמאָלט איז אין מיינע אויגן פעטערזייל און פּועלי־ציון־פּאַרטיי אַ סינאָנים, אַן אומצעטיילבאַרער באַגריף. אין אים האָט די פּאַרטיי געלעבט און ער האָט געלעבט אין דער פּאַרטיי.

ער האָט נישט נאָר פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע אמטן, און נישט בלויז ווען ער איז געשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי אין וויכטיקע שליחותן, האָט ער געטראָגן איר וואָרט מוטיק און ווירדיק. ער האָט יעדן טאָג און יעדע שעה פון טאָג געלעבט ווי אַ פּועלי־ציון. ער איז שטענדיק געווען ווירדיק, שטענדיק אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך נישט געדאַרפט באַמיען די פּאַרטיי־מצוות אָפּצוהיטן. זיי האָבן געלעבט אין אים, ער האָט זיי געטראָגן אין זיך.

*

די פּועלי־ציון־פּאַרטיי, ווי אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין איר מהות, ווי די פאָרגייערין פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און אַרבעטנדיקן פאָלק, האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטן. זי האָט געהאַט אירע עליות און אירע ירידות. און יעקב פעטערזייל איז אַלעמאָל מיטגעגאַנגען פון די ערשטע, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, קיינמאָל איז ער נישט געשטרויכלט געוואָרן. נישט דעמאָלט, ווען די פּאַרטיי האָט זיך אויפן וועג צו איר אידעישן נצחון פאַראייניקט מיט אַנדערע כוחות, און נישט דעמאָלט ווען זי האָט זיך מיט געוויסע צעשיידט. ער איז אַלעמאָל געבליבן גאַנץ און פעסט אין זיין גלויבן. קיין שום קאַמף איז אים דעריבער

נישט געווען שווער; ווייל דער קאַמף פאַר אַן אידעאַל, אויב נאָר מען גלייבט אין אים, אויב מען פילט אים, דערהייבט און באַפליגלט דעם מענטש.

וואָס איז געווען פּעטערזיילס ראָל אין דעם קאַמף?

איך וואָלט געזאָגט: ער האָט געטראָגן דעם אַרסענאַל פון דער באַראַכאָוויס־טישער לערע. ער האָט געטראָגן דעם גרויסן אידעישן באַגאַזש, די רייכע ליטע־ראַטור פון דער פּועלי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

פּעטערזייל האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן פּיעטעט פאַר דער דאָזיקער ליטע־ראַטור. ער האָט אָפּגעהיט יעדעס וואָרט, יעדע שורה. ער האָט געקליבן יעדן אַרטיקל, יעדע בראָשור יעדן געדאַנק.

דאָס איז געווען זיין אוצר.

דערפאַר איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די לעצטע יאָרן האָט פּעטערזייל זיך אָפּגעגעבן מיט אַזאַ־פיל התמדה צונויפצוזאַמלען דעם גאַנצן געשריבענעם פּועלי־ציון־מאַטעריאַל, כדי אים צו באַאַרבעטן, אויסקלערן און אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט אין בוך־פאָרם.

פריער האָט ער די דאָזיקע גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט — די אויסגאַבן פון די פּועלי־ציון זאַמלביכער, די „ילקוטי פועלי ציון" אין העברעיש און אין יידיש געטאָן צוזאַמען מיט זיין לאַנגיאָריקן ליבן חבר און פריינט יוסף ראָזען. דאָס לעצטע יאָר, זינט ראָזען איז אַזוי אומדערוואַרט אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן, האָט פּעטערזייל די אַרבעט געטאָן אַליין.

און געטאָן האָט ער דאָס אויף זיין שטייגער, מיט הייליקן צאָרן און אחריות. ווי אַ טויכער וואָס זוכט פּערל אויפן גרונט פונעם ים, אַזוי פלעגט פּעטערזייל זיך אַראָפּלאָזן אין דער סאַמע טיף, ביזן גרונט פון דער רייכער אָנגעזאַמלטער פּועלי־ציון־ליטעראַטור. זוכן, נישטערן. און ווי נאָר ער האָט עפּעס געפונען, אַזוי פלעגט ער אַרויסשווימען פון הינטערן באַרג אָנגעזאַמלטע פּאַפּירן, ביכער, צייטונגען, דאָקומענטן און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט די לאַכנדיקע קינדערישע אויגן און מיט אַ פולער שטימע, אַ צעשטראַלטער פון פרייד פלעגט ער לאָזן וויסן:

נאָך אַ פּערל געפונען!

און אַזוי האָט ער געקליבן אַ פּערל צו אַ פּערל, און זיי אַרויפגעצויגן אויף די דינינקע נישט זעבאַרע פעדעם פון דער יידישער באַפרייאונגס־געשיכטע.

און אין מיטן פון אָט דער אַרבעט, ביים פאַראייביקן אונדזער אייגענע גרויסע תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, זענען די פּערל אַרויס־געפאַלן פון פּעטערזיילס האַנט.

ער אַליין איז פּלוצים, אומגעריכט, אין דער אייביקייט אַוועק.

אַ גרויסער, צעוואַקסענער, צעבליטער בוים איז אַרויסגעריסן געוואָרן...

*

ווער וועט פאָרזעצן אָט די הייליקע אַרבעט?
געוויס וועט זי פאָרגעזעצט ווערן.
און אין דעם איז די טרייסט.

אַזוי ווי די אַרבעט וועט קיינמאָל נישט פאַרענדיקט ווערן, אַזוי וועט פעטערזיילס ליכטיקער אָנדענק קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

מיט דער פועלי־ציון־דעלעגאַציע פון פוילן אויף דער צענטער וועלט־קאָנפערענץ
עס שטייען פון רעכטס: י. לעוו, לאָלאַ קובלאַ, י. פעטערזייל, י. סטאָלאַרסקי, י. וואָראָנסקי
עס זיצן: ש. זאַגאַן, י. בוקסבוים, מוליע, א. קובלאַנאָוו (ירושלים, 1937)

משה ערעם

דאָס פלאַמיקע האַרץ פון דער באַוועגונג

אויך איצטער, 7 יאָר נאָך זיין טויט, איז פונקט אַזוי שווער צו נעמען די פען אין האַנט און שרייבן וועגן יעקבן, ווי אין יענעם שוואַרצן טאָג, וואָס האָט אים אַרויסגעריסן פון אונדזערע שורות. אין דער וווּנדערלעכער פּלעיאַדע פון חברים, מיט וועלכע דו האָסט געהאַט די גרויסע זכיה און גליק צו שפּאַנען יאָרן־לאַנג צוזאַמען, האַנט ביי האַנט, האַרץ צו האַרץ, און דעם גרויסן אומגליק צו פאַרלירן אַזוי פיל פון זיי, איז יעקב געווען געחתמעט מיט אַ באַזונדערן צייכן פון יונגשאַפט, וואָס האָט פון אים אַרויסגעקוואָלן מיט אַן אויסטערלישער פרישקייט. יעקב אַליין פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט דעם פּסיידאָנים: יעקב יונגער. מסתמא צוליב עניוות: „אני הקטן", אָבער נישט ווילנדיק האָט ער געטראָפן אין סאַמע פינטל פון זיין אייגנשאַפט. ווייל געווען איז ער, יעקב, מער ווי יונג. אין זיין עמאָציע, אין זיין רעאַגירן אויף געשעענישן, אין זיין באַציאונג צו דערשיינונגען איז ער געווען אוממיטלבאַר ווי אַ קינד. פול מיט תמימותדיקער, רירנדיקער התפעלות פון יעדער דערגרייכונג אין לאַנד, פון יעדן אויפטו, פון יעדן נצחון אין אידעישן געראַנגל. מיט דער זעלבער אימפולסיווקייט האָט ער אויפגענומען נעגאַטיווע דערשיינונגען: אויפגערודערט און אויפגעציטערט און נישט געקאָנט זיך באַרויקן.

מיר אַלע האָבן געקענט אָט די „שוואַכקייט" יעקבס, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַזוי דורכזיכטיק זיין גרויס האַרץ. ער איז געווען און פאַרבליבן אין זכרון, ווי דער ליבלינג פון דער צעזייטער און צעשפּרייטער פועלי־ציון־משפחה.

*

אָבער פונקט ווי ער איז געווען, יעקב, אימפּולסיוו אין זיינע געפילן, אַזוי איז ער געווען דער היפּך אין זיין אַרט דענקען: פונדאַמענטאַל, מיושבדיק, אויסערסט שטרענג און קפדנותדיק צו זיך אַליין, ביי אויפנעמען און באַהאַנדלען אַ פּראָבלעם, אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג. דערגרונטעוועוען זיך צו די וואָרצלען, זען אַ זאַך אין איר אַנטוויקלונג, אין איר פולן אַספּעקט איז געווען פאַר אים אַן עלעמענטאַרע מצווה פון פּאָליטישן געוויסן. דאָס געפיל פלעגט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דעם ניכטערן אַנאַליז, פאַר דער האַרבער אינטעלעקטועלער שפּאַנונג, פאַר גרינדלעך שטודירן די טעמע, וואָס האָט אים אינטערעסירט.

און אינטערעסירט האָט ער זיך מיט אַן אַ שיער ענינים, וואָס גראָד די



אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַרשע

עמאָציע האָט אים אונטערגעטראָגן און גלייך איבערגעגעבן אין רשות פון שכל און אַנאַליטישן דראַנג. פון אָט דער אינטערעסן־פילפאַרביקייט דאַרף מען אָבער אויסשיילן 4 עיקר־קאָמפּלעקסן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט יעקבן: יוגנט, קאָאָפּעראַציע, יידיש־אַראַבישע פראַגע און קאָדיפיקאַציע פון דער פּועלי־ציון־תורה. ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט מיט לייב און לעבן.

*

יאָרן לאַנג איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון דער באָראָכאָוו־יוגנט אין פּוילן און אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון „פרייע יוגנט" — איינע פון די בעסטע און ערנסטע וואָכן־שריפטן, וואָס יעקב קענער, בפרט יוסף ראָזען — זיינע רעדאַקטאָרן — האָבן אויפגעהויבן אויף אַן אומפאַרגלייכלעכער הויך. טויזנטער יוגנטלעכע פּראָלעטאַריער אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון פּוילן האָבן באַקומען זייער אידעישע פּייער־טבילה פון דעם יוגנטלעכן פלאַם, וואָס האָט אַרויסגעהויכט פון יעקבס דבקות. ער האָט געריררט הערצער און געשליפן רויע מוחות, וואָס האָבן דורשטיק אויפגענומען די תורה פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערהייבונג.

נישט אַזוי לייכט איז געווען דער וועג פון אַ באָראָכאָוו־יוגנט־שליח אין די שוין אָקופּירטע פעלדער פון דער יעווסעקציע און יוגנט־בונד, וואָס האָבן אָפּעררירט אין דיסקוסיעס מיט דעם לייכטן געווער פון אומגעצוימטער דעמאַגאָגיע און העצע קעגן פּועלי־ציוניזם. יעקב האָט פּשוט אָרגאַניש נישט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי דערלויבן זיך מענטשן אויסקירעווען אַן אידעישן קאַמף אין אַ פאַרשייטער קאַמפּאַניע צו פאַרטעמפּן צילבאַוווסט דעם געדאַנק פון דער יונגער אוידיטאָריע. און דווקא זיין איינגעבוירענע תמימות האָט אים געהאָלפן דערפאָלגרייך צו אַנט־וואָפּענען די קעגנער. פון אים, פון זיין אַרט רעדן האָט געווייעט מיט אַזאַ ערלעכ־קייט, אויפריכטיקייט, אַז יעדער מאָטיווירטער אַרגומענט האָט באַקומען וואָג און קראַפט איינצוברעכן דעם כישוף פון דער ביליקער פּראָזעאָלאָגיע. פאַראַן שעפער פון ווערטער, וואָס גייען אַוועק מיטן רויך, און פאַראַן שעפער, וואָס זייערע ווערטער ברענגען אַרויס ווערטן.

צו אָט דעם טיפּ שעפער האָט געהערט יעקב פּעטערזייל — יעקב יונגער.

*

נאָך אין פּוילן האָט יעקבן צוגעצויגן, מיט אַ באַזונדערן אינטערעס, דאָס געביט פון קאָאָפּעראַציע, הן איר טעאָרעטישער, הן איר פּראַקטישער אַספּעקט. יעקב האָט דעם ענין געגומען ערנסט און גרינדלעך, ווי זיין שטייגער איז. ער האָט שטודירט קאָאָפּעראַציע אַלזייטיק, אין אַלע אירע צווייגן, און נאָר דער גורל פון אַ פּועלי־ציון־טוער, פון אַ פאַרטיי־טוער, וועלכער האָט געמוזט זיין פאַרטאָן

מיט אַלע זיינע חושים אין כלערליי געביטן פון פּאַרטיי־אַרבעט, האָט ביי אים צוגענומען די מעגלעכקייט אויסצווואַקסן צו אַ מדרגה פון אַן ערשטראַנגיקן, אָנערקענטן קאָאָפּעראַטאָר.

יעקב איז געקומען צו דער קאָאָפּעראַציע נישט נאָר פון אַן אינערלעכער נייגונג, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דורך זיין פּאָליטישן אני־מאמין, אלס פּועלי־ציוניסט. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען ריידן מיט אים אויף אָט דער טעמע. ווי אַ סך פון אונדז, אפשר די גרעסטע מערהייט, האָט ער געגלייבט באמונה שלמה, אַז סאָציאַליסטישע פאַרווירקלעכונג אין דער וועלט קלאַפּט שוין אין טיר און די קאָלאָניאַלע לענדער קאָנען און וועלן אַ דאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דורכמאַכן דעם וועג צו סאָציאַליזם, איבערשפּרינגענדיק די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּאַזע (אגב, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון 30—40 יאָר האָט זיך אָט דער פּראָגנאָז פון קאָמאינטערן באַשטעטיקט. אַ ריי לענדער אין אַזיע און אַפריקע זענען שוין מחוץ דעם קאַפּיטאַליסטישן קרייז). די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע קאָנצעפּציע, וואָס האָט דאָמינירט אין דער אידעאָלאָגיע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפט און אויפגעהויבן די פאָן פון „קאָנסטרוקטיוויסטישן סאָציאַליזם“, איז געווען פאַר אים אַ באַשטעטיקונג פון אָט דעם וועלט־פּראָצעס. אָוודאי האָט זיין פּאָליטישע, פּועלי־ציוניסטישע ליניע אָפּגעוואָרפן דעם אוטאָפּיסטישן צוגאַנג, אַז קאָנסטרוק־טיוויזם מאַכט איבעריק דעם קלאַסן־קאַמף; אָבער ער האָט אויפגענומען מיטן גאַנצן ברען דעם קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ אין דעם בוי פון דער ארץ־ישראלדי־קער ווירטשאַפט און באַטראַכט עס מיט רעכט ווי אַן אומבאַדינגטן אייגנאַרטיקן גאַנג פון דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד, אַרויסגערופן פון די ספּעציפישע היס־טאָרישע באַדינגונגען.

דעריבער איז פאַר אים געווען יעדער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו, יעדער פאַרבראַוכס־קאָאָפּעראַטיוו, יעדער וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוו, ווער רעדט שוין די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע — דער קיבוץ און דער מושב עובדים — סטרוקטורעלע באַזעס פאַר דעם קומענדיקן סאָציאַליסטישן ווירטשאַפטס־בנין, פּאָזיציעס אין דעם פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט. גלייכצייטיק האָט ער, נאַטירלעך, רעאַל אָפּגעשאַצט אויך דעם פּראַקטישן ווערט פון קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונ־גען, ווי אַן אינסטרומענט לייכטער צו מאַכן, פּראָסט־פּשוט, דעם קיום פון דער אַרבעטער־משפּחה. אין דעם פּרט האָט באַזונדערס צוגעצויגן זיין אויפמערק־זאַמקייט דאָס וווינונגס־פּראָבלעם, די פּלאָג פון שכר דירה, וואָס האָט אויסגע־מאַכט איבער 20% פון דעם מאָגערן בודזשעט פון דער אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט. די הסתדרות האָט שוין לאַנג געאַרבעט אויף אָט דעם געביט און אויפגעשטעלט אַ ריי הייזער־בלאָקן אין פאַרשידענע שטעט. אָבער פּועלי־ציון־חברים, די פּועלי־ציון־פּעריפעריע און אפילו סתם אַרבעטער האָבן נאָך געהאַט אַ קנאַפּן צוטריט צו אָט דער קאָאָפּעראַטיווער וווינונגס־נעץ, וואָס האָט זיך

אָנגעשפּאַרט בעיקר אויף אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון פון אָנגעשטעלטע, אָדער אַרבעטער אויף סטאַבילע ארבעטס־פּלעצער. דערצו האָט נאָך יעקב געהאַט אַ באַזונדערע אַמביציע: אַרויספירן די פּאַרטיי אויפן געביט פון זעלבשטענדיקער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט, וואָס זאָל צעמענטירן די חברים אין פּעריפעריע אויך פּאַרטייאיש.

נאַטירלעך האָט אָט די איניציאַטיוו קיין שום פינאַנסיעלע געזעלשאַפטלעכע הילף נישט געקאָנט דערוואַרטן. איר איינציקער פאַרמעגן איז געווען: אַ גרופּע איניציאַטאָרן־„משוגעים", מיט יעקב פּעטערזייל, שמואל טייכמאַן בראש. שפּעטער איז צוגעקומען פּנחס שניאורסאָן. זייער בטחון האָבן זיי געשעפּט אין דער גרייטקייט פון חברים איינצושפּאַנען זיך אין דער אַרבעט. אַזוי איז אויפגעקומען דאָס ווערק פון מעונות פּועלים, וואָס האָט במשך עטלעכע יאָר, עטאַפּנווייז, אויפגעשטעלט אַ ריי קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין תל־אביב און רמת־גן. די פאַר־וואַלטונג פון מעונות הפּועלים האָט באַוויזן, אַז אויך אָן די פּאַטענטירטע בוי־אָרגאַניזאַציעס קאָן מען אויפשטעלן אַ קאָאָפּעראַטיווע בוי־נעץ, ביליקער און רעיעלער. ליידער האָט דער פאַרמעסט נישט געהאַט קיין המשך: דער אויפשטייג פון די פרייזן אויף באָדן, דער מאַנגל פון אומזאַץ־קאַפּיטאַל, דער קנאַפּער אינ־טערעס, וואָס די פּאַרטיי (מפ"ם) האָט דאַן אַרויסגעוויזן צו דער אַרבעט און דער דרוק פון דער הסתדרותישער וווינונגס־קאָאָפּעראַציע האָבן געצוווּנגען איינצו־גלידערן מעונות פּועלים אין דער אַלגעמיינער הסתדרות־נעץ. יעקב פּעטערזייל איז אַוועק אַקערן אַנדערע פעלדער, וואָס האָבן אים שוין לאַנג געלאָקט.

ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער פריינטשאַפט

צווישן אַלע אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן פון פּועלי־ציון האָט דאָס יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם פּלאַץ. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר יידיש־אַראַבישער דערנענטערונג, אויפן יסוד פון פולער פאַרשטענדעניש און אָנערקענונג פאַר די נאַציאָנאַלע אַספּירציעס פוןביידע פעלקער. די פּאַרטיי האָט עקשנותדיק געקעמפט פאַר אַריינגעמען די אַראַ־בישע אַרבעטער אין הסתדרות, פאַר זייער רעכט אויף אַרבעט און גלייכע אַרבעטס־באַדינגונגען מיט דעם יידישן אַרבעטער. די שורות פון דער פּאַרטיי און באַראָכאָוו־יוגנט זענען געווען אָפן פאַר אַראַבישע חברים, וועלכע האָבן אויסגעפורעמט אַ געטרייען און איבערגעגעבענעם קאָדער פון אַקטיווע טוער.

גלייך נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין יאָר 1929, איז לויט דער איניציאַ־טיוו פון דער פּאַרטיי געשאַפן געוואָרן די ליגע „אחוות פּועלים" מיט דער באַטייליקונג פון פּראָפעסאָר ד"ר מאַגנעס, דעם אָנפירער פון ירושלימער אוני־

ווערזיטעט, ד״ר הוגאָ בערגמאַן, דעם לייטער פון דער נאַציאָנאַלער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, ה. ענצא סירעני, פון קבוץ גבעת ברנר, ד״ר י. קאַלוואַריסקי, ד״ר ערנסט סימאָן, נתן חפשי פון נהלל און אַ ריי אַנדערע אָנגעזעענע פירער פון דער אינטעליגענץ. „אחוות פועלים״ איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויפגענומען דרייסט און אָפן דעם קאַמף פאַר פּאָליטישער באַהאַנדלונג פון דעם יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם, פאַר געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן ביידע פעלקער און אַריבערוואַרפן אַ בריק פון סאָלידאַרער און קעגנזייטיקער אַרבעט.

פועלי־ציון־דעלעגאַציע אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל (בערלין 1931). י. פעטערזייל — צווייטע ריי, ערשטער רעכטס

יעקב איז דאַן נישט געווען אין לאַנד, אָבער פון זיינע בריוו און אַרטיקלען האָט זיך געטראָגן זיין באַגייסטערטע שטימע און ברכה.

שפּעטער, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן „אַנטיפאַ״ — די ליגע קעגן פאַשיזם און קריג — האָט יעקב זוכה געווען צו זען דעם המשך פון „אחוות פועלים״ אין אַן אַנדערן אַקטועלן גלגול. צו זען, צו באַטייליקן זיך אַקטיוו און אויך צו באַוווּנדערן. ווייל „אַנטיפאַ״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1934 האָט נישט איבערגעריסן איר קיום מיט דעם אויסברוך פון די געשעענישן אין יאָר 1936, האָט נישט אויפגעהערט צו זייען קערנער פון יידיש־אַראַבישער פריינט־

שאַפט אין די מבול־טעג פון בלוט, העצע און שנאה, האָט ווידער געזאַמלט אונטער איר פאָן גרופן געטרייע אַראַבישע מיטגלידער, נישט געקוקט אויף דער סכנה פון טויט, וואָס האָט זיי געדראָט. און ווען דאָס פייער האָט זיך איינגע־שטילט, איז געקומען דער דריטער גלגול: די ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער פריינט־שאַפט, שוין מיט דער באַטייליקונג פון „השומר הצעיר", וואָס האָט זיך אָפּגע־זאָגט פריער צו באַטייליקן זיך אין „אחוות פועלים" און „אַנטיפאַ".

יעקב איז אַריין מיטן גאַנצן ברען אין דער אַרבעט: געהאָלפן אַריינציען נייע מענטשן און גרופן; אַוועקגעשטעלט דעם פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט; אַקטיווי־זירט די גרופּע פון „ברית־שלום", מיט ר׳ בנימין בראש, הגם נישט אויפגע־געבן אויף קיין איין מאָמענט די דיסקוסיע מיט זייערע איינשטעלונגען, מיט זייער נטיה צו זוכן יידיש־אַראַבישע פאַרשטענדיקונג דורך פשרות על חשבון פון די ציוניסטישע אַספּיראַציעס. יעקב האָט געוווּסט דעם סוד פון שלמות: אידעישער שלמות און שלמות אין געוויסן. פאַר אים איז „ברית שלום" געווען אַ געוווּנטשענער פּאַרטנער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אירע פּאַרטרעטער — מענטשן פון הויכן אינטעלעקטועלן און עטישן גראַד — זענען מוטיק געשוווּמען אַלע יאָרן קעגן שטראָם פון שאָוויניזם און נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם. אָבער ווען מיט דער הילף פון „השומר הצעיר" איז די ליגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויפלאַגע פון „ברית שלום" מיט אַלע אירע שטעלונגען, האָט יעקב דערפילט אַן אַנטוישונג. בפרט ווען דער וועלט־קריג האָט אַרויסגערוקט נייע פּראָבלעמען פון אַקטיוון אָנטייל אינעם קריג, און ס׳האָט זיך אויף דעם באָדן אַנגעצייכנט אַ קאַרדינאַלער קאָנפליקט מיט די פּאַציפיסטישע נטיות פון די שותפים אין דער ליגע. די אינטענסיווע פּאָליטישע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי בשעתן קריג האָט אַלץ מער פאַרכאַפּט יעקבן, און דאָן איז ביי אים אויך רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז ס׳איז געקומען די צייט אונטערצונעמען אַ נײַ ווערק — אָנהייבן די קאָדיפיקאַ־ציע פון דער פועלי־ציון־תורה.

ילקוטי פועלי־ציון

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך יעקב — און נישט ער אַליין, נאָר מיר אַלע — לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, אויף אַ זיצונג האָט ער געגעבן אַרויסגע־בראַכט צוויי הויפּט־טעמים, וואָס האָבן אים באַוויגן אויפצוהייבן דעם ענין, ווי אַ דרינגענדיקע אַקטועלע אויפגאַבע. א. סומירן דעם אידעישן געראַנגל פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער אויספאַרמירונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פון איר רעוואָלוציאָנערן ציוניסטיש־פּראָלעטאַרישן פליגל בפרט. ב. באַוואָפענען די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט,

די ארץ־ישראל־יוגנט, אויף דעם נייעם עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג, מיט דעם שאַרפן אידעישן געווער פון דעם פועלי־ציוניסטישן אַרסענאַל.

יעקב האָט געהאַט דעם טיפסטן גלויבן און באַוווסטזיין, אַז רעוואָלוציאָנערער פועלי־ציוניזם איז דער היסטאָרישער וועגווייזער פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט ווייל אַלץ וואָס ער האָט געלערנט איז געווען ריכטיק, אומ־פעלערבאַר, נאָר ווייל ער האָט געלערנט צו דענקען און טראַכטן זעלבשטענדיק, מוטיק, ווייל ער האָט געלערנט שווימען קעגן שטראָם, נישט צופּאַסן זיך, נישט שלום מאַכן מיטן היינט, ווייל ער האָט געלערנט זוכן דעם אמת, קעמפן פאַרן אמת און נישט פאַלן כורעים פאַר פסקנות פון אויבן.

אָט די אייגנשאַפטן פון דער פועלי־ציוניסטישער פּאָליטישער זשורנאַליסטיק, פון דעם פועלי־ציוניסטישן ליידנשאַפטלעכן וואָרט, האָט יעקב געוואָלט אַריינ־וועבן אין דער פּאָליטישער דערציאונג פון דער אַרבעטערשאַפט, פון דעם יונגן אַרבעטער־דור. אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער געדאַנק און דער אויפטו פון „ילקוטי פועלי ציון". יעקב האָט פאַרלאָזן זיין אַרבעט אין קופת חולים און אַרויפגעוואָל־גערט אויף זיך, מיט זיין אויסטערלישער התלהבות, דעם עול פון דער אַרבעט. מען האָט באַדאַרפט סיסטעמאַטיזירן די טעמאַטיק, אָפּקלייבן דעם צעזייטן און צעשפּרייטן מאַטעריאַל, דורכבלעטערן די פועלי־ציוניסטישע וועלט־פּרעסע פון אַ סך יאָרגענג און אויפבויען אַ בנין, וואָס זאָל איינשליסן אַלע פּרקים פון דעם פועלי־ציוניסטישן אידעישן גרעאַנגל.

ס'איז גאָר שווער אָפּצושאַצן וויפל מי, ענערגיע און ברען יעקב האָט אַריינ־געלייגט אין דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן „מפעל חיי" — מיין לעבנס־ווערק. געוויס, אַפילו זיין וווּנדערלעכע אַרבעטזאַמקייט וואָלט נישט געקאָנט רעאַליזירן דאָס ווערק אָן דער הילף פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון ז. אברמוביץ, י. זרובבל און יוסף ראָזען — און ער, יעקב. און ס'איז, באמת, געווען אַ קאָלעגיע פון מוסטערהאַפטער חברשאַפט. אָבער דער אויספירער איז געווען, נאָך אַלעמען, איינער אין פעלד — יעקב פעטערזייל. פון מאַכן די קאַרטאָטעק, גריבלען זיך אין די ציַיטונגען און זשורנאַלן, אין אַ גרויסן טייל פון דער איבערזעצונג (אַ טייל פון מאַטעריאַל האָבן איבערגעזעצט יוסף ראָזען, שמעון ארם און ג. חנוביץ), ביז צו מאַכן די קאָרעקטור און האָבן צו טאָן מיט די דרוקערייען.

און אָט איז געקומען דער געבענטשטער שניט: ס'איז דערשינען אין 1947 דער ערשטער באַנד „ילקוטי פועלי ציון": „די ערשטע און צווייטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד" („המהפכה הראשונה והשניה ברוסיה"). נאָכדעם: „פון בריטישן מאַנדאַט ביז צו דער יידישער מדינה", אין עברית: „מבלפור עד בווין". נאָך אַ לענגערן איבעררייס — דער דריטער באַנד: „המאבק בזירה הפרולטרית הבין לאומית" („דער געראַנגל אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום"). יעקב האָט פיבערהאַפט געאַרבעט אויף דעם צווייטן באַנד פון „המאבק בזירה הבין לאומית",

וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען די תקופה פון 1928—1947, פון דער גוואַלד־ליקווידאַציע פון פּועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד ביז צו דער אויפלייזונג פון קאָמאינטערן און שאַפונג פון קאָמאינפאָרם.

און נישט נאָר, — גלייכצייטיק האָט ער געגרייט מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם באַנד: „פּועלי־ציון אין ראַטנפאַרבאַנד" און פּלאַנירט נאָך אַ באַנד: „פּועלי־ציון און דאָס יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם".

דער פּלוצימדיקער און דערשיטערנדיקער טויט פון יעקבן האָט געמאַכט אַ תל פון די פּלענער. ס'איז נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל זיך קאָנען איינשפּאַנען און ווערן דער ממשיך פון יעקבס ווערק. ליגן פאַריתומט נאָטיצן, אינדעקסן און שוין פאַרטיקער מאַטעריאַל; ליגן איינגעגראָבן אין אַרכיוו אָן אַ שיער צעוואָר־פענע מאַטעריאַלן: אַרטיקלען, געשריבן מיט בלוט פון האַרצן, מיט העכסטער גייסטיקער שפּאַנונג, מיט אַזוי פיל שאַרפקייט פון אַנאַליטישער פליסיקייט, אַרטיקלען, וואָס זענען נישט בלויז באַלערנדיקע פּרקים פון געשיכטע, פון דעם אוועקגעגאַנגענעם נעכטן, נאָר — אויך גליענדיקע פונקען, צו באַלייכטן די פאַרפּלאָנטערטע וועגן פון מאָרגן.

צום טיפן ווייטיק און צער, וואָס לאָזט דיך נישט אָפּ אויך איצטער, 7 יאָר נאָכדעם ווי עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס גרויסע, יונגע פלאַמיקע האַרץ פון יעקבן, קומט צו דער גרויסער צער פון דעם אומפאַרענדיקטן פּועלי־ציון־מאָנו־מענט, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן בויען.

די שטומע מצבה אויף זיין קבר אין ירושלים מאָנט און אַפּעלירט: זאָל קומען, זאָל געגעבן ווערן דער המשך פון זיין לעצטן לעבנס־ווערק, ווי דער אמתער פירוש פון דעם געבעט: תהא נשמתו צרורה בצרור החיים — זאָל יעקבס נשמה און גייסט איינגעוויקלט ווערן אין דעם קנויל פון לעבן, פון דער פּועלי־ציוניסטישער לעבנס־תורה, וואָס האָט געגליט אין אים ביז זיין לעצטן אָטעם.

פון זיין פעדער

[אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען]

צו דער 11טער יאָרצײַט פֿון בער באָראָכאָװ

באַהאָפטן מיט באָראָכאָװס גײַסטיקער װעלט אין יעדער שעה פֿון אונדזער אַרבעט און קאַמף, לאָמיר הײַליקן די עלפֿטע יאָרצײַט פֿון זײַן ערדישן טויט דורך פֿאַרטיפֿן זיך אין די אײביק־יונגע געדאַנקען און אידעאַלן פֿון אונדזער גרויסן לערער און פֿירער.

היינט־צו־טאָג װאָגט שוין קיינער נישט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער װעלט צו לײקענען די אומגעהויערע װיכטיקייט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אָבער באָראָכאָװן געהערט דער היסטאָרישער פֿאַרדינסט, װאָס ער האָט דער ערשטער באַלויכטן דעם קנויל נאַציאָנאַלע קאַמפֿן מיטן שײַן פֿון מאַרקסיזם; דער ערשטער אָראָפּגעריסן דעם „גײַסטיקן" שלייער פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און אויפֿגעדעקט איר מאַטעריעלן תּוך. ער װײַזט אָן, אַז די נאַציע איז דער עיקר אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרגאַניזם, װאָס האָט זיך אַנטװיקלט און לעבט אין באַזונדערע פּראָדוקציע־באַדינגונגען. דער באַזונדערער קולטור־רעלער פּרצוף פֿון דער נאַציע איז בלויז אַ פּראָדוקט פֿון די באַזונדערע געאָגראַ־פֿישע און װירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, אין װעלכע די נאַציע לעבט. עס זענען נישטאָ קיין אײנהייטלעכע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון אַלע קלאַסן אין דער נאַציע. די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון יעדן קלאַס פֿאַלן פֿולשטענדיק צונויף מיט זײַנע קלאַסן־אינטערעסן. דער נאַציאָנאַלער קלאַסן־אינטערעס פֿון פּראָלעטאַריאַט, װעלכער קעמפֿט פֿאַר זײַן מאַכט, כּדי צו פֿאַרװירקלעכן דעם סאָציאַליזם, פֿאָדערט צו באַזײַטיקן יעדע שטערונג פֿאַר דער פֿאַרברייטערונג און פֿאַרפֿעס־טיקונג פֿון זײַנע אַרבעטס־ און קאַמף־פּאָזיציעס.

װען אין דער ערשטער אויף דער װעלט אַרבעטער־ און פּויערים־מלוכה זענען באַפֿרײַט געװאָרן די פֿעלקער, װעלכע זענען געװען אונטערדריקט דורכן צאַריזם, האָט די אַרבעטער־מאַכט געזאָרגט נישט נאָר פֿאַר דער גלײַכבאַרעכ־טיקונג פֿון די שפּראַכן פֿון די אַמאָל אונטערדריקטע פֿעלקער, נישט נאָר פֿאַר דער באַפֿרידיקונג פֿון זײערע נאַציאָנאַלע קולטור־ און בילדונגס־באַדערפֿענישן. די אַרבעטער־מאַכט האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די נאַציאָנאַלע פֿרײַהייט מוז זיך שטיצן אויף אַ פֿעסטן עקאָנאָמישן יסוד. זי האָט דעריבער געזאָרגט נישט בלויז פֿאַר דער דערפֿינדונג פֿון אַ נאַציאָנאַלן אלף־בית פֿאַר די אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער, נאָר זי האָט קודם־כּל געזאָרגט פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַן אינדוסטריע, פֿאַר דער

שאַפונג פון אַ פעסטן פּראָלעטאַריאַט, וואָס זאָל איינהאַלטן די אַרבעטער־מאַכט און איינפירן דעם סאָציאַליזם אין די גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע.

באַראָכאָווס לערע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז געווען פאַר אים דער פונדאַמענט פאַר זיין וויכטיקסטן לעבנס־ווערק, פאַר דעם מאַרקסיסטיש באַגרינדעטן פועלי־ציוניזם. באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט איז אַריבער, זינט באַראָכאָוו האָט אונדז געגעבן דעם עקאָנאָמישן שליסל צו פאַרשטיין די יידן־פראַגע. פאַר דער דאָזיקער רייכער אין געשעענישן צייט האָט די יידישע ווירקלעכקייט געליפערט איין באַווייז נאָכן צווייטן, וואָס באַשטעטיקט באַשיימפערלעך באַראָכאָווס אויספאָרשונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם יידישן פאָלק.

געפאַלן איז דער צאַריזם, צערונען זענען געוואָרן די יוגנט־חלומות פון „בונד״, אַז מיט דער אָפּשאַפונג פון די צאַרישע אַנטיסעמיטישע געזעצן וועלן ממילא, פון זיך אַליין, אויסגעהיילט ווערן אַלע קרענקלעכע עקאָנאָמישע דערשיינונגען אין יידישן לעבן. אין ראַטנפאַרבאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן כמעט דאָס אַלץ, וואָס דער „בונד״ האָט באַטראַכט אַלס די פולע לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אָבער נישט געקוקט אויף די יידישע שולן, טעאַטערן, אַפילו יידישע געריכטן און יידישע מיליץ, זענען די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד דאָך געבליבן וייט פון דער ווירקלעכער סאָציאַליסטישער בויאונג. אין פייער פון דער רעוואָלוציע איז פאַרברענט געוואָרן די גאַנצע קולטור־שאַלעכץ, אין וועלכער דער בונד און שפּעטער די יעווסעקציע האָבן איינגעוויקלט דעם קערן פון דער יידן־פראַגע. די שרעקלעכע נויט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, וועלכע האָט פאַרלוירן דעם רוב פון אירע פריערדיקע קליינבירגערלעכע פרנסות, די שוואַכקייט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָבן ענדלעך געעפנט די אויגן דער יעווסעקציע, וועלכע האָט געהאַט געזירשנט דעם בונדישן קוק אויף דער יידן־פראַגע, ווי אויף אַ פראַגע פון שפּראַך און קולטור. די יעווסעקציע האָט געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן ענדערן די פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן און זי איז געצוווּנגען געווען אָנהייבן זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזאַציע.

אויף אונדזערע אויגן ווערט מקוים באַראָכאָווס פּראָגנאָז, זיין וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע פאָרויסזעונג וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן. פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער איז דער וויכטיקסטער פאַרמלחמהדיקער צענטער פון דער יידישער איינוואַנדערונג — די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. די איצטיקע שטאַרק באַגרענעצטע יידישע איינוואַנדערונג קיין מערב־אייראָפּע האָט דעם זעלבן גרויסן חסרון, וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק די אימיגראַציע קיין אַמעריקע: דער יידישער אַרבעטער בלייבט דאָרט ווייטער שטעקן אין דער באַקליידונגס־אינדוסטריע, וויט פון דער לאַנדווירטשאַפט און גרויס־אינדוסטריע, די וואַנדערונג מעבר לים קיין דרום־אַמעריקע (אַרגענטינע, בראַזיל) ליידט באַזונדערס שטאַרק פון נאָך איין קללה, מיט וועלכער ס׳איז געשטראָפט

די צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט יידישע וואַנדערונג: עס קומט פאַר אַ פאַרוואַנדלונג פון יידישע פּראָלעטאַריער אין קרעמער און קליינהענדלער. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז די ראַדיקאַלע געזונטמאַכונג פון דעם יידישן לעבן קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך דעם איבערגאַנג פון די יידישע מאַסן צו לאַנד־ווירטשאַפט און גרויס־אינדוסטרי — דורך דער דאָרפישער און שטאָטישער קאָלאָניזאַציע.

די נייע יידישע קאָלאָניזאַציע אין קרים און דרום־אוקראַינע האָט נאָך אַ דריי־יאָריקער דערפאַרונג באַוויזן די אוממעגלעכקייט פון אַ ברייטער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין יענע ערטער. געטריבן דורך דער נויט פון די יידישע מאַסן האָט זיך די יעווסעקציע דערקייקלט ביז צום רוף: „צו אַ יידיש לאַנד". די קאָלאָניזאַציע האָט די גרעסטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג בלויז דעמאָלט, ווען זי ווערט געפירט קאָנצענטרירט, מאַסנווייז, אויף איין דורכויסיקן שטח ערד, אויף אַ טעריטאָריע. ביראָבידזשאַן איז אַ זיג פון דעם געדאַנק וועגן טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אָבער ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט נישט די אָביעקטיווע באַדינגונגען אויף צו ווערן די טעריטאָריע פאַר די יידישע מאַסן.

דער פּאַלעסטיניזם, די קרוין פון באַראָכאָווס געדאַנקען־אוצר, איז בייגע־שטאַנען אַ שווערן נסיון פאַר די לעצטע דריי יאָר. אַלע פאַרביסענע שונאים פון דעם פּאַלעסטיניזם אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס האָבן זיך געריבן די הענט פאַר שמחה און חוזק געמאַכט פון באַראָכאָווס פאַרויסזאָגונג, אַז פּאַלעסטינע וועט זיין דער צוקונפטיקער יידישער טעריטאָריאַלער צענטער. איצט איז דער קריזיס אין פּאַלעסטינע שוין באַלד פאַרענדיקט. פון די אַכט טויזנט אַרבעטס־לאָזע זענען געבליבן בלויז אנדערהאַלבן טויזנט. פאַר די קריזיס־יאָרן איז דאָך די צאָל איינגעוואַנדערטע יידן קיין ארץ־ישראל מיט אַ דריי טויזנט גרעסער ווי די צאָל אויסגעוואַנדערטע. די פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטסלאָזע איז אַלזאָ צו פאַרדאַנקען דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטרי און לאַנדווירטשאַפט. די פאַרברענטע אָנהענגער פון ביראָבידזשאַן וואָלטן געמעגט זיך ווינטשן אַזאַ מין מאַסן־דראַנג צו פאָרן אין דעם ניי־אַנטדעקטן „יידישן לאַנד", ווי עס לאָזט זיך שפּירן בנוגע פּאַלעסטינע שוין איצט, ווען עס צייכענען זיך נאָר אָן די ערשטע מעגלעכקייטן פאַר אַ נייער איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע.

די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע גיבן אַ קלאַפּ אויף דעם צעירי־ציוניזם. די שנעלע פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד מאַכט אַ תל פון די קליינבירגערלעכע איינרעדענישן וועגן דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל אויפן חשבון פון דעם יידישן גביר. די אונ־טערהאַנדלונגען וועגן דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ האָבן אויפגעדעקט די הוילע קלאַסן־פאַרלאַנגען פון דער יידישער בורזשואַזיע צו שאַפן פאַר זיך אַ קאַפּיטאַליסטישע, בורזשואַזע נאַציאָנאַלע היים. דער טייוולאָ־

נישער פּלאַן פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם צו פּראָוואָצירן יידיש־אַראַבישע קאַמפן (לעצטנס אַרום דעם כותל מערבי), די ברוטאַלע אָפּשאַפונג פון דעם דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט אין תל־אביב, וואַרפן אַ העל ליכט אויף דער סאָציאַ־ליסטישקייט פון די צעירי־ציוניסטישע מיטגלידער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע טוליען זיך אונטער די פליגל פון דער ענגלישער אָקופּאַציע מיט נאַרישן צוטרוי צו דער „גערעכטיקייט" פון דער פעלקער־ליגע. דעם פּאַלעסטינער פּראָלעטאַריאַט געהערט די באַפרייענדיקע ראָל ביי דער פאַרווירקלעכונג פון פּאַלעסטיניזם. ערשט דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף וועט שאַפן די פולשטענדיקע פרייהייט און אַלע מעגלעכקייטן פאַר דער גרויסער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג און מאַסן־קאָלאָניזאַציע און פאַרן אויפבוי פון סאָציאַליסטישן פּאַלעסטינע.

באָראָכאָווס גרונט־געדאַנקען איז — שטאַרקן אויף אַלע וועגן דעם קלאַסן־כוח פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און אַזוי אַרום פאַרגרינגערן זיין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. איז דעריבער באָראָכאָוו דער עקאָנאָמיסט, דער סאָציאָלאָג, דער פּאָליטישער קעמפער געוואָרן אויך דער פילאָלאָג, דער יידישער שפּראַך־פאָרשער. באָראָכאָוו האָט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון דעם גייסטיקן וואָפן, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאַר די לעבעדיקע פאָלקס־שפּראַך און קולטור פאַר דעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט. און ער איז געוואָרן דער פאָטער פון דער יידישער שפּראַך־קענטעניש. דאָס בלוט פון די פּועלי־ציון־חברים, וואָס איז לעצטנס פאַרגאָסן געוואָרן אין תל־אביב דורך די העברעיסטישע פאַשיסטן, איז נאָך איין קרבן אויפן מזבח פון באָראָכאָווס אידעאַלן.

באָראָכאָוו האָט זיך קיינמאָל נישט באַהאַלטן אין די ד' אמות פון זיין קאַבינעט. זיינע אידעאַלן האָט ער געדינט מיט מסירת נפש אָן גרענעץ. דער טעאָרעטיקער איז גלייכצייטיק געווען דער אָרגאַניזאַטאָר, דער קעמפער, דער פירער. באָראָכאָווס ירושה באַשטייט פון צוויי גלייכווערטיקע חלקים: די קאַמפס־שיטה — דער באָראָכאָוויזם, און די קעמפער־מחנה — די פּועלי־ציון־באַוועגונג. יאָר־יערלעך ווערט גרעסער די מחנה פון באָראָכאָווס תלמידים; יאָר־יערלעך קומען צו נייע „יוגנט"־מחנות, וואָס נעמען אויף מיט יראת הכבוד די ירושה פון בער באָראָכאָוון און שווערן זיך צו היטן און צו קעמפן פאַר דער פאַרווירקלע־כונג פונעם באָראָכאָוויזם.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, דעצעמבער 1928

קרים, ביראָבידזשאַן און פּאַלעסטינע

אין דעם לאַנגיאָריקן וויכוח צווישן פּועלי־ציון און „בונד" וועגן דעם תּוך פֿון דער יידישער פֿראַגע איז די יעווסעקציע געווען געצוווּנגען רעכט צו געבן דעם באָראָכאָוויזם. די נויט פֿון דער יידישער מאַסע אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט סוף כּל סוף אַרויסגעקלאַפּט פֿון די יעווסעקישע מוחות די פֿאָרשטעלונג, וואָס זי האָט געירשנט פֿון „בונד", אַז די נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן פֿון די יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס שעפּן זיך אויס מיט די פֿראַגן פֿון יידישער שפּראַך און קולטור. די דערפֿאַרונג פֿון דער אַרבעטער־מלוכה, וואָס האָט צעריסן די קייטן, מיט וועלכע דער צאַריזם האָט געשמידט די פֿעלקער פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד, האָט געצוווּנגען די יעווסעקציע זיך אָפּצוזאָגן פֿון נאָך איין בונדישער איינרעדעניש. די יעווסעקציע איז געווען געצוווּנגען צו זוכן די רעאַלע מעגלעכקייטן פֿאַר יידישער ערד־איינאָרדענונג און אינדוסטריאַליזירונג. זי האָט געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן באַפֿרידיקן אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופֿן דעם דראַנג פֿון די יידישע מאַסן צו בייטן די אָפּגעלעבטע פֿאָרמען און די פֿאַרעלטערטע יסודות פֿון זייער עקאָנאָמיש לעבן. נאָך אַ לאַנגן לייקענען אין דער נויטווענדיקייט פֿון אַזאַ אַרבעט, האָט די יעווסעקציע סוף־כּל־סוף זיך גענומען מיט עטלעכע יאָר צוריק צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע.

די פּועלי־ציון האָט באַגריסט די דאָזיקע נייע ווענדונג אין דער יעווסעקישער פּאָליטיק, כאָטש דער ערב־רב פֿון אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַסימילאַטאָרן און געוועזענע מיטגלידער פֿון פֿאַרשידענע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט עפֿנטלעך זיך מודה זיין אין דער קאַפּיטולאַציע פֿאַר דעם פּועלי־ציוניזם. די פּועלי־ציון האָט אָפּגעשאַצט די גרויסע באַדייטונג פֿון דער יידישער ערד־איינאָרדענונג און אינדוסטריאַליזירונג פֿאַר דער טיילווייזער געזונטמאַכונג פֿונעם יידישן מאַסן־לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. די פּועלי־ציון אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע און אַרגענטינע האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פֿינאַנסיעלער הילפֿס־טעטיקייט פֿאַר דעם דאָזיקן גרויסן איבערבוי־ווערק.

די פּועלי־ציון האָט אָבער באַצייטנס געוואָרנט פֿאַר איבערגעטריבענע אילוזיעס אין שייכות מיט דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין קרים און אוקראַינע. קודם־כּל האָבן מיר, אויפֿן סמך פֿון סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, באַוויזן, אַז פֿרייע ערד־שטחים זענען אין די דאָזיקע געגנטן פֿאַראַן ווייניק, אַז בעלנים אויף דעם פֿאַראַנענעם באָדן זענען דאָ איבערגענוג צווישן דער היימישער אוקראַינישער און טאָטערישער באַפֿעלקערונג. די פּועלי־ציון האָט דעריבער לכתּחילה פֿאָרויסגעזאָגט, אַז עס איז לחלוטין אוממעגלעך צו פֿאַרווירקלעכן אין קרים און אוקראַינע

דעם אָנגעמערקטן פּלאַן פון דער יעווסעקציע, צו באַזעצן 100.000 פאַמיליעס אויף ערד.

*

די יעווסעקעס האָבן אַפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזאַציע — נאָך אַלץ נישט געוואָלט הערן פון דעם „טריפהנעם" טעריטאָריאַליזם. די יורשים פון דער טעמפּער בונדישער שנאת־ציון האָבן זיך געוועהרט פאַרן געשפּענסט פון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די אוקראַינישע, מיט יידישן שווייס באַפרוכפּערטע סטעפּעס. נאָך מיט אַ יאָר צוריק איז דער טעריטאָריאַליזם געווען פאַר דער יעווסעקציע אַ נאַציאָנאַליסטישער קאָנטררעוואָלוציאָנערער לאָזונג. אַ יידישע טעריטאָריע איז פאַר זיי געווען אַן אוטאָפּישער נישט־דערגרייכבאַרער ציל.

פּלוצים הערן מיר פון דער יעווסעקציע גאָר נייע ווערטער; אומדערוואַרט פאַר אירע צאַן־קדשים, האָט דאָס צענטראַל־ביוראָ פון דער יעווסעקציע אָנגענומען „אויף איין פוס" דאָס טעריטאָריאַליסטישע פּראָגראַם. אין דער באַגרינדונג פון זייער נייער שטעלונג בנוגע דער יידישער פראַגע האָבן די פירער פון דער יעווסעקציע ענדלעך מודה געווען, אַז די מעגלעכקייט פאַר יידישער ערד־איינאָרדענונג אין קרים און אוקראַינע ווערט שוין אינגיכן אויסגעשעפּט, אָבער די נויט פון די יידישע מאַסן בלייבט נאָך גאָר גרויס, און זייער דראַנג צו פּראָדוקטיוויזירונג איז נאָך ווייט נישט באַפרידיקט.

די יעווסעקציע האָט סוף־כל־סוף איינגעזען די גרויסע מעלות פון דער קאָנצענטרירטער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אויף איין גרויסן און דורכויסיקן שטח באָדן, און האָט פאַרגעלייגט דעם „קאָמזעט" (דעם ספּעציעלן אַמט פון ראַטן־מלוכה פאַר די אָרגאַניזירונג־און אינדוסטריאַליזירונג־ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג צו מאַכן דעם בירָאבידזשאַנער קאַנט אין סיביר פאַר דער יידישער טעריטאָריע). דעם באַשלוס פון „קאָמזעט" אויסצוטיילן בירָאבידזשאַן פאַר דער יידישער קאָנצענטרירטער מאַסן־קאָלאָניזאַציע האָט די יעווסעקציע אָנגענומען ווי תורת־משה פון באַרג סיני, בלינד, אָן דעם מינדסטן פּרווו זעלבשטענדיק צו פאָרשן די רעאַלע אויסזיכטן פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט, און געוואָרפן דעם לאָזונג פון אַ „יידיש־לאַנד".

פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער יעווסעקציע חזרן איבער ד"ר הערצלס באַרימט ווערטל: „אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין לעגענדע". און זיי מאַכן זיך לעכערלעך מיט דעם „עכט־מאַרקסיסטישן" פירוש, אַז דער אונטערשיד צווישן זיי און ד"ר הערצל באַשטייט אין דעם, וואָס דער ציוניסטישער פירער האָט עס נישט געמיינט ערנסט, דאַקעגן די יעווסעקציע נעמט די זאַך גאַנץ ערנסט...

אונטער צוואַנג פון לעבן האָט די יעווסעקציע אויפגעגומען נאָך איין וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון דעם פּועלי־ציוניזם. אַחוץ דעם „בונד" ווערט שוין היינט, אַלזאָ, דער טעריטאָריאַליזם אָנערקענט דורך דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. בלויז אין די לעצטע בונדישע פּאַרטן האָט זיך פאַרפּאַנצערט דער אָפּאָרטוניזם בנוגע דעם יידישן לעבן, פונקט ווי דעם אַלגעמיינעם לעבן.

*

אונדזערע קעגנער איז נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה אין קאַמף קעגן דעם זיגרייך־מאַרשירנדיקן פּועלי־ציוניזם: זיי פאַרמיאוסן פּאַלעסטינע אין די אויגן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, מיט דער שטילער האָפענונג אַזוי אַרום צו צעקלאַפּן די פּועלי־ציון. מיט אַ באַזונדערער הנאה, בפרט במשך פון די לעצטע דריי יאָר פון קריזיס אין ארץ־ישראל, שטרייכן אונטער דער „בונד" און די יעווסעקציע די חסרונות פון דער געאָגראַפישער לאַגע און פון די נאַטור־אייגנשאַפטן פון לאַנד. זיי פאַרשווייגן אַלע פּאָזיטיווע דערגרייכונגען, זיי פאַרשוייגן אויך די אמתע סיבות פון די שוועריקייטן; דערפאַר כאַפּן זיי אויף מיט צופרידנקייט יעדע ידיעה וועגן דער מינדסטער שטערונג אין דער ווירטשאַפטלעכער אויפלעבונג פון פּאַלעסטינע און צעלייגן אויף טעלערלעך דעם מינדסטן שאָטן אין סאָציאַלן לעבן פונעם דאָרטיקן ישוב.

דער פּריש־געבאַקענער פּלאַן פון דער יעווסעקציע צו שאַפן אַ יידיש לאַנד אין דעם ביראָבידזשאַנער קאַנט אין סיביר, מאַכט צו נישט די כלומרשט אָביעקטיווע באַווייזן, אַז פּאַלעסטינע איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ מאַסן־איינוואַנדערונג און מאַסן־קאָלאָניזאַציע. די, וואָס האָבן יאָרנלאַנג זיך באַמיט אויפצווייזן כלעריי נאַטירלעכע און עקאָנאָמישע חסרונות פון פּאַלעסטינע, וואָס זענען נישט מיד געוואָרן יאָר־יערלעך איבערצוחזרן די נביאות וועגן נאָענטן באַנקראָט פון דעם פּאַלעסטיניזם, זענען ביטער געשטראָפט געוואָרן דורכן גרויזאַמען פאַר זיי לעבן. די יעווסעקציע איז געצוווּנגען צו נעמען אויף אירע פּלייצעס דעם יאָך פון קאָלאָניזירן אַ לאַנד, וואָס זיינע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען אָן אַ פאַרגליך ערגער ווי אין פּאַלעסטינע.

עס האָט אונדז שוין געגרילצט אין די אויערן די באַקאַנטע איינרעדעניש, אַז די לאַגע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן קאָן פאַרבעסערט ווערן איינציק און אַליין אין דעם אָרט, וווּ זיי וווינען היינט־צו־טאָג, אַז די ברייטע פאָלקס־מאַסע וועט נישט זוכן קיין גליקן אין דעם וויטן אַזיאַטישן פּאַלעסטינע. איצט האָבן מיר דערלעבט אַ נחת־רוח: דער פירער פון דער יעווסעקציע, טשעמערינסקי, מאַכט חוזק פון די קליינבירגערלעכע פּחדנים, וואָס זענען צוגעבונדן צו זייער געבורט־ און וווין־אָרט און שרעקן זיך פאַר דער איבערוואַנדערונג אין דעם וויטן סיבירער קאַנט, וואָס ליגט ניין טויזנט קילאָמעטער ווייט פון דעם איצטיקן

יידישן מאַסן־ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד. אויב דער וועג פון מינסק קיין ביראָ־בידזשאַן דויערט, מיט אַן איבערוואַנדערער־צוג, גאַנצע דרייסיק טעג, קאָן מען די רייזע פון דעם זעלבן מינסק קיין תל־אביב דורכמאַכן מיט אַ געוויינלעכן פּאַסאַזשיר־צוג און מיט אַ געוויינלעכער עמיגראַנטן־שיף אין צען־צוועלף טעג. ביראָבידזשאַן געפינט זיך ניין הונדערט קילאָמעטער ווייט פון דעם נאָענטסטן האַפן אויפן ברעג פון שטילן אָקעאַן, זיבעציק קילאָמעטער ווייט פון דער סיבירער באַן־ליניע, אינגאַנצן אין אַ זייט פון די גרויסע יבשה־ און ים־וועגן, וואָס שפּילט אַזאַ גוואַלדיקע ראָל פאַר אַריינציען אַ לאַנד אין דעם קרייז פון דער היינטיקער וועלט־ווירטשאַפט. פּאַלעסטינע, דאַקעגן, ליגט האַרט ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, אויף דער שוועל פון דריי וועלט־טיילן: אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז פאַרבונדן דורך אייזנבאַן אָדער שיף־פאַרקער. פּאַלעסטינע ליגט, אַלזאָ, באַדייטנדיק נענטער צו די גרויסע יידישע מאַסן־ישובים אין מזרח־אייראָפּע, און איר געאָגראַפישע לאַגע איז בלי שום ספק גינסטיקער פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, ווי דאָס איז דער פאַל מיט ביראָבידזשאַן.

מען דאַרף זיך דערמאָנען די בויך־סברות וועגן דעם, אַז אַן אייראָפּעישער ייד וועט זיך נישט צופּאַסן צו דעם וואַרעמען פּאַלעסטינער קלימאַט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער איבערוואַנדערער אין ביראָבידזשאַן וועט ליידן סיי פון היץ זומער־צייט און סיי פון די שטאַרקע פרעסט אין ווינטער.

מיר אַלע געדענקען די רחמנות־מינע, מיט וועלכער די שונאי־ציון אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס האָבן גערעדט וועגן די יידישע יונגעלייט, וואָס פיבערן ביים אויסטריקענען די זומפּן אין פּאַלעסטינע; מיר הערן נאָך היינט גאַנץ אָפט פון זיי גוזמאדיקע דערציילונגען וועגן די כלומרשט ריזיקע זומפּיקע געגנטן אין פּאַלעסטינע. דער גורל מאַכט אַ ביטערן שפּאַס פון אונדזערע קעגנער. איצט אַגיטירט די יעווסעקציע פאַר קאָלאָניזירן ביראָבידזשאַן, וווּ עס וועט זיין נייטיק אויסצוטריקענען גאַנצע דרייסיק פּראָצענט פון דעם באָדן, וואָס איז באַשטימט פאַר לאַנדווירטשאַפט. איצט דערציילן שוין די יעווסעקישע שרייבער, אַז ביי אַ געהעריקער רעגולירונג פון דעם פונאַנדערגעגאָסענעם טייך אָדער קוואַל קאָן מען די קללה פאַרוואַנדלען אין אַ ברכה, און אַ זומפּ קאָן שפּעטער ווערן אַ בליענדיקע פרוכטבאַרע געגנט. פאַר קיין שום פרייז אין דער וועלט וואָלטן מיר נישט אַרויסבאַקומען פון אונדזערע פאַרבלענדעטע קעגנער אַן ענלעכע מיינונג בנוגע די זומפּן אין פּאַלעסטינע. וועלן זיי נאָך אָבער איצט האָבן די חוצפּה ווייטער צו רעדן וועגן די גוואַלדיקע נאַטור־שוועריקייטן אויפן וועג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע? דאָס וועט זיין אַ שווער שטיקל אַרבעט פאַר די טעריטאָריאַליסטן פון דעם ביראָבידזשאַנער חדר.

איצט נעמען שוין אָן די פירער פון דער יעווסעקציע אַלצדינג פאַר ליב. אמת, זאָגן זיי, ביראָבידזשאַן איז נישט קיין גן־עדן, עס וועט אויסקומען האָרעווען

שווער און ביטער, עס וועט נייטיק זיין אַריינלייגן ריזיקע געלט־סומען, כדי בייקומען, למשל, אַזאַ מין שוועריקייט, ווי פּטור ווערן פון די גיפטיקע פליגן, וואָס טויטן זומערצייט בהמות און מאַכן אוממעגלעך די פיצוכט אין ביראָבידזשאַן. די יידישע מאַסן האָבן אָבער נישט קיין אַנדערע ברירה, טענהן איצט די חסידים פון ביראָבידזשאַן. זיי טאָרן זיך נישט אָפּשרעקן, למשל, פאַר דעם, וואָס די רויערד אין דער ניי־אַנטדעקטער פאַר די יידן סיבירער מדינה איז גוואַלדיק שווער אויפצואַקערן און מען מוז זיך אַזש באַנוצן מיט דריי פּאָר פערד אין איין שפּאַן. עס איז נישטאָ קיין אויסוואַל פאַר די יידישע האָרעפּאַשניקעס אין ראַטנ־פאַרבאַנד. פרייער באַדן איז פאַראַן קנאַפּ אין פאַרגלייך מיטן ערד־הונגער פון מיליאָנען ערדלאָזע פּויערים אין רוסלאַנד. די יידישע מאַסן מוזן זיך צוויילן מיט דעם איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט. מיט דער שאַפונג פון אַ געדיכטן, קאָנצענ־טרירטן אויף איין טעריטאָריע יידישן מאַסן־ישוב; אונדז דראָט די סכנה צו פאַרשפּעטיקן — וואָרענען איצט די יעווסעקישע טעריטאָריאַליסטן. אדרבה, פאַרגלייכט אַליין דאָס אַלץ מיט דעם, וואָס בונדיסטן און יעווסעקעס האָבן שטענדיק געטענהט וועגן דער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, און זעט, ווי דאָס לעבן איז זיך אין זיי נוקם. זאָלן זיי פּרווון דאָס אַלץ, וואָס זיי זאָגן וועגן ביראָ־בידזשאַן, אָנווענדן אויך אויף פּאַלעסטינע!

מיר האָבן שטענדיק געוווסט, אַז פּאַלעסטינע פליסט נישט מיט האָניק און מילך, אַז עס זענען פאַראַן לענדער, וואָס שטייגן וויט אַריבער ארץ־ישראל מיט דער פּרוכטבאַרקייט פון באָדן און מיט קולטור־אוצרות. די יידישע מאַסן האָבן אָבער גוואַלדיק פאַרשפּעטיקט אין זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דער דראַנג צו קאָנצענטרירטער איינוואַנדערונג איז ביי זיי אויפגעקומען אין אַ צייט, ווען די לענדער, וואָס זענען אַמיינסטן צוגעפּאַסט פאַר קאָלאָניזאַציע, זענען שוין לאַנג באַזעצט דורך די טעריטאָריאַלע פעלקער. דער אומפאַרמיידלעכער ראַדיקאַלער איבערבוי פונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן קאָן נישט פאַרקומען אין די ביז איצטיקע וווין־לענדער אין מזרח־אייראָפּע און אין די הויך־קאַפּי־טאַליסטישע נייע איינוואַנדערונג־לענדער אין אַמעריקע. ס'איז מקוים געוואָרן באַראָכאָווס פאָרויסזעונג, אַז די יידישע וואַנדערונג מוז זיך פאַרקערעווען אין אַ נאָך שוואַך אַנטוויקלט און ווייניק באַפעלקערט לאַנד. אָבער אַפילו פון אַן אויבנאויפיקן פאַרגלייך צווישן די צוויי אַזיאַטישע לענדער, ביראָבידזשאַן און פּאַלעסטינע, זעט מען בולט די געאָגראַפישע מעלות פון פּאַלעסטינע.

ווען באָראָכאָוו האָט פעסטגעשטעלט, אַז די צוקונפטיקע וועגן פון דער יידישער עמיגראַציע פירן אומפאַרמיידלעך קיין פּאַלעסטינע, האָט ער עס באַגרינ־דעט נישט בלויז מיט ריין־געאָגראַפישע באַווייזן. אַלס מאַרקסיסט האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז וועגן גאַנג פון אַ מאַסן־וואַנדערונג דעצידירן אַחוץ געאָגראַפישע אויך עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען.

די עקספּעדיציע, וואָס איר באַריכט איז פול מיט באַגייסטערטע שבחים פאַר דעם דאָזיקן קאַנט, האָט נישט געקאָנט אָנווייזן דעם מינדסטן סימן פון אַ סטיכישער יידישער איבערוואַנדערונג אין דעם ניי-אַנטדעקטן „יידישן לאַנד"; דאַקעגן זעען מיר אַ כסדר-וואַקסנדיקן דראַנג ביי די יידישע וואַנדערער-מאַסן קיין פּאַלעסטינע, און ביי דער קלענסטער מעגלעכקייט ברעכן זיי אַדורך די פעסטע מויער פון פּאָליטישע גזירות און עקאָנאָמישע שוועריקייטן ביים אַריינקומען און ביים איינאָרדענען זיך אין ארץ-ישראל. במשך פון די לעצטע אַכט יאָר האָט דער ארץ-ישראלדיקער ישוב אויסגעהאַלטן דעם פייער-פּרווו פון צוויי ווירטשאַפטלעכע קריזיסן און דעם שווערן פּאָליטישן דרוק פון דער ענגלישער אָקופּאַציע-מאַכט. פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט איז דער יידישער ישוב אויסגעוואַקסן אין צוויי און אַ האַלב מאָל און באַטרעפט שוין אַ פינפט חלק פון דער גאַנצער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג; די יידישע אַרבעטערשאַפט, ווידער, איז במשך פון דער צייט פופצן מאָל גרעסער געוואָרן לויט דער צאָל און אַן אַן ערך שטאַרקער געוואַקסן לויט איר סאָציאַל-עקאָנאָמישער וואָג און פּאָליטישן כוח.

בירָאָבידזשאַן איז אַ מדבר אין זין פון יידישן ישוב. די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער האָבן זיך דאָרט באַוויזן ערשט מיט דריי חדשים צוריק. בירָאָבידזשאַן וועט נאָך מוזן דורכמאַכן אַ גאַנץ ווייטן מהלך פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, איידער עס וועט באַקומען כאָטש אַ קליינעם טייל פון דער צוציאונגקראַפט פאַר דער מאַסן-איינוואַנדערונג, וואָס עס פאַרמאָגט שוין היינט-צו-טאָג פּאַלעסטינע.

באַראַכאָוו האָט נאָך אָנגעוויזן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע וועט אין די פולשטענדיק נישט אַנטוויקלטע לענדער, מיט פּרימיטיווער לאַנדווירטשאַפט, אָנטרעפן אויף שוועריקייטן, וואָס דער שטאָטישער יידישער איינוואַנדערער וועט קוים גובר זיין. באַראַכאָוו האָט אונטערגעשטראָכן די עקאָנאָמישע מעלות פון פּאַלעסטינע פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג אַלס האַלב-אַגראַר-לאַנד, וואָס איז צוגעפּאַסט סיי פאַר דער אינטענסיווער פּלאַנצונג-לאַנדווירטשאַפט, סיי פאַר דער אינדוסטריע. אויפן קאָנקרעטן פאַרגלייך צווישן בירָאָבידזשאַן און פּאַלעסטינע ווערט ביז גאָר פאַרשטענדלעך באַראָכאָווס אָנווייזונג אויף פּאַלעסטינע אַלס דעם צוקונפטיקן יידישן צענטער. בירָאָבידזשאַן פאַרמאָגט נישט קיין איין איינציקע שטאָט, קיין איין איינציקע פאַבריק; די לאַנדווירטשאַפט פון די פאַר טויזנט באַזיצנדיקע קאָלאָניסטן — כינעזער און קאָזאַקן — שטייט אויף אַ נידעריקער טעכנישער און עקאָנאָמישער מדרגה. פּאַלעסטינע דאַקעגן פאַרמאָגט שוין היינט-צו-טאָג אַ יידישע שטאָט נעבן אַ יידישן דאָרף. די פּאַלעסטינער אינטענסיווע לאַנדווירטשאַפט איז שוין ווייט אַוועק פון דעם פּשוטן אַקערבוי, וואָס פאָדערט פון דעם ערד-אַרבעטער נישט אינטעליגענץ, פאַך-קענטעניש און אָרגאַניזיר-

פעיקייט, נאָר דער עיקר פיזישע אַרבעטס־קראַפט. אין פּאַלעסטינע איז אויסגע־וואַקסן פאַר די לעצטע יאָרן אַ יונגע אינדוסטרי, וואָס וועט ערשט רעכט אויפ־בליען אַ דאַנק דער עלעקטריפיצירונג פון לאַנד, דעם אויפבוי פון חיפהער פּאָרט און דער עקספּלואַטאַציע פון ים־המלח. אין פאַרגלייך מיט בירָאָבידזשאַן באַזיצט פּאַלעסטינע אַ באַדייטנדיק אַנטוויקלטע ווירטשאַפט. קאָן דען זיין אַ ספק, אין וועלכן פון די צוויי לענדער עס וואָלט געשטראָמט די יידישע עמיגראַציע ביי פרייער אויסוואַנדערונג פון ראַטנפאַרבאַנד און ביי אומבאַגרענעצטער איינוואַנ־דערונג קיין פּאַלעסטינע?

לויט ביז גאָר איבערטריבענע השערות פון דער יעווסעקציע דאַרף בירָא־בידזשאַן נאָך לאַנגע יאָרן פון ריזיקער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אַריינגעמען ביז אַ מיליאָן יידישע נפשות. דאָס באַדייט, אַז אפילו לויט דער מיינונג פון דער יעווסעקציע קומט בירָאָבידזשאַן לחלוטין נישט אין באַטראַכט אַלס אַן איינוואַנ־דערונגס־לאַנד פאַר די יידישע מאַסן מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד. די דערפאַ־רונגען פון דעם יידישן מאַסן־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר די לעצטע צען יאָר באַווייזן באַשיימפערלעך, אַז דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מוז סוף־כל־סוף נעמען אויף זיך די גרויסע היסטאָרישע שליחות צו שאַפן דעם קאָנצענטרירטן אויף אַ טעריטאָריע יידישן מאַסן־ישוב אַלס אַ באַזע פאַר דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, אַלס אַ פונדאַמענט פאַר דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער ווירט־שאַפט און קולטור אין דער יידישער פאָלקס־סביבה. צי קאָן אָבער די יעווסעקציע אָנווייזן אַ בירָאָבידזשאַן פאַר די יידישע מאַסן אין פּוילן, רומעניע, ליטע, אין גאָר דער וועלט? צי וועלן די יעווסעקעס האָבן די חוצפה אונדז הייסן וואַרטן, ביז וואַנען זיי וועלן זיך מיישב זיין און אַרויסשיקן אַן עקספּעדיציע, אַ שטייגער, אין די פינסקער זומפּן, כדי דאָרט צו זוכן אַ ניי „יידיש לאַנד" פאַר די יידישע מאַסן פון פּוילן? די יידישע אַרבעטערשאַפט קאָן אָבער אויף די אויספאָרשונגען פון אַזעלכע „עקספּעדיציעס" נישט וואַרטן און ד אַ ר ף נישט וואַרטן. די דער־פאַרונגען פון די לעצטע יאָרן מאַכן פאַר זיי פאַרשטענדלעך מער די נויטווענדי־קייט פון טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע, און ס ט י כ י ש געפינען זיי דעם וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון טעריטאָריאַליזם. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז פּאַלעסטינע איז באַרופן דורך דעם סטיכישן גאַנג פון דער יידישער וואַנדערונג צו ווערן דער טעריטאָריאַלער צענטער פון דעם יידישן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־פאָלק.

די דערפאַרונגען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד באַווייזן אונדז נישט נאָר, אַז דער טעריטאָריאַליזם איז פאַר די יידישע מאַסן אַ נויטווענ־דיקייט — זיי באַווייזן אויך, אַז בלויז פון דער אַרבעטער־מאַכט קאָן דער יידישער אַרבעטער־קלאַס דערוואַרטן הילף און שטיצע ביים פאַרווירקלעכן זיין גרויסע באַפרייאונגס־אויפגאַבע. די ראַטן־רעגירונג האָט געגעבן אומזיסט באָדן פאַר דער

יידישער קאָלאָניזאַציע אין אייראָפּעישן רוסלאַנד, זי האָט אויסגעטיילט און פאַרפעסטיקט פאַר דעם דאָזיקן ציל די ביראָבידזשאַנער געגנט אין סיביר. די אַרבעטער־מלוכה פּירט איבער כמעט אומזיסט די איבערוואַנדערער מיט זייער האָב־און־גוטס אין די נייע וווינערטער, שטעלט זיי צו כמעט בחינם די בוי־מאַטעריאַלן פאַר די געביידעס, באַפרייט די נייע קאָלאָניסטן אויף אַ פּאָר יאָר פון מיליטער־דינסט און שטייערן, באָרגט זיי אַפילו אויס, אמת, גאַנץ קליינע, געלט־סומען. די ראַטן־רעגירונג איז ליידער צו אָרעם, כדי צוצושטעלן די ריזיקע קאַפּיטאַלן, וואָס מען דאַרף אַריינלייגן אין דעם פאַרוואָרלאָזטן און קיינמאָל נישט באַוווינטן ביראָבידזשאַנער לאַנד, אויב מען מיינט ערנסט מיט דעם פּלאַן צו שאַפן דאָרט אַ יידישן ישוב. די אַרבעטער־מלוכה איז, נאַטירלעך, נישט בכוח צו באַזייטיקן די גוואַלדיקע געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע חסרונות פון ביראָבידזשאַן. די אַרבעטער־איבערקערעניש שאַפט בלויז די גינ־סטיקע פּאָליטישע פאַרבאַדינגונגען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, זי קאָן אָבער נישט ענדערן דעם סטיכישן גאַנג פון דער יידישער וואַנדערונג. דאָס גיט אונדז די פולע זיכערקייט, אַז ביי אַן ענלעכן רעגירונגס־סיסטעם, ווי אין ביראָ־בידזשאַן, וועט פּאַלעסטינע ווערן דאָס יידישע לאַנד. בינדט טאָקע ענג צונויף דער פּועלי־ציוניסטישער אַוואַנגאַרד פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס דעם קאַמף פאַר דעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אַרבעטער־מאַכט און פאַרן סאָציאַליזם.

אָבער פונקט ווי אויף אַלע געביטן פון זיין קאַמף שטרעבט דער יידישער אַרבעטער אויך אין פּאַלעסטינע צו שאַפן שוין איצט די פעסטע אַרבעטער־פּאָזיציעס, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם דעצידירנדיקן קאַמף פאַר דער אַרבע־טער־ און פויערים־רעגירונג און פאַרלייכטערן דאָס גוואַלדיקע אויפבוי־ווערק נאָכן פּראָלעטאַרישן זיג. האָט זיך די יעווסעקציע גענומען צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די אידעע פון אַ „יידיש לאַנד", איז זי געווען געצוווּנגען צו שיקן פאָרויס יונגע, געזונטע, מוטיקע פּיאָנערן, כדי דורכלייגן אַ וועג פאַר דער שפּעטערדיקער מאַסן־איבערוואַנדערונג. די ביראָבידזשאַנער פּיאָנערן וועט אויסקומען מקריב צו זיין במשך פון לאַנגע יאָרן אַן אַ שיעור כוחות, געזונט און לעבן, איידער זיי וועלן שאַפן אַזאַ אייזערנעם פונדאַמענט פון אַ יידישן מאַסן־ישוב, ווי עס איז פאַראַן שוין איצט אין פּאַלעסטינע. די ארץ־ישראלדיקע אַרבע־טערשאַפט דערפילט איר היסטאָרישע פּיאָנערן־אויפגאַבע אין אַן אַ פאַרגליך גינסטיקערע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען; זי איז דערטראָגן געוואָרן קיין פּאַלעסטינע דורך דעם סטיכישן דראַנג פון די יידישע וואַנדערער־מאַסן, זי ווערט געשטאַרקט אין איר קאַמף דורך די אין חוץ־לארץ וואַרטנדיקע רעזערוון. גרויס איז דער אונטערשיד אין די פּאָליטישע באַדינגונגען. די

ביראָבידזשאַנער פּיאָנערן אַרבעטן אונטערן שוץ פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה. יעדער אַרבעטער און פּויער אין פּאַלעסטינע איז אָבער באַרופן צו ווערן אַ זעלנער אין דער אַרמיי, וואָס וועט אַרויסמאַרשירן צום קאַמף קעגן ענגלישן אָקופּאַנט, אַראַבישן פּריץ און יידישן קאַפּיטאַליסט. דאַרפן זיי באַקומען די הילף פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער מוז און וועט שטיצן די קעמפּער פאַר אַ יידיש סאָציאַליסטיש לאַנד אין פּאַלעסטינע.

„די פרייע יוגנט״, וואַרשע, יאַנואַר 1929

דער וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל

אין שאַרפן קעגנזאַץ צו דעם קליינבירגערלעכן צעירי־ציוניזם האָבן די מאַרקסיסטישע פּועלי־ציון שטענדיק אָנגעוויזן, אַז די בורזשואַזיע און דער אַרבעטער־קלאַס לייגן אַריין אין דעם פּאַלעסטיניזם אַ גאַנץ פאַרשידענעם קלאַסן־אינהאַלט. די יידישע בורזשואַזיע שטרעבט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ יידישע בורזשואַזע מלוכה, ווו זי זאָל האָבן די מאַכט און זי אויסנוצן פאַר אירע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע־צוועקן; דאַקעגן דער יידישער אַרבעטער־קלאַס זוכט אין פּאַלעסטינע די מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן זיינע אַרבעטס־פּאָזיציעס, צו פאַרשטאַרקן זיין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן כוח אין דעם יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וויל שאַפן דעם יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער, כדי אויפצובויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין פּאַלעסטינע. אין פּראָצעס פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, פון יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע שטויסן זיך צונויף די קעגנזעצלעכע אינטערעסן פון די פאַרשידענע קלאַסן אינעם יידישן פאָלק.

די באָראָכאָוויסטישע פּועלי־ציון האָבן זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון מיטאַרבעט מיט דער יידישער בורזשואַזיע אויך אויפן פּאַלעסטינע־געביט. זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס און ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־פאָנדן. די פאַרווירקלעכונג פון פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם האָבן די מאַרקסיסטישע פּועלי־ציון געבויט אויף דעם קלאַסן־קאַמף און אויף דער זעלבסטשטעטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס.

די צעירי־ציון, וועלכע פאַרדעקן זיך מיטן נאָמען רעכטע פּועלי־ציון, האָבן זייערע עיקרדיקע האָפענונגען פאַרבונדן מיט דער בירגערלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זייער אָנטייל אין דעם צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז בלויז אַ צוגאָב צו דער שתדלנות פון די ציוניסטישע דיפּלאָמאַטן ביי דער

אימפעריאַליסטישער ענגלישער רעגירונג און ביי דער קאַפּיטאַליסטישער פעלקער־ליגע. די זעלבשטענדיקע פינאַנסיעלע פּאַלעסטינע־אינסטיטוציעס פון די יידישע אַרבעטער (פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, די אַרבעטער־באַנק) זענען אין די אויגן פון די צעירי־ציון בלויז אַ צוויטראַנגיקע ביילאַגע צו די ציוניסטישע פאָנדן (קרן־קימת און קרן־היסוד), פון וועלכע זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען די ריזיקע מיטלען פאַר דער באַלדיקער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל.

די לעצטע פאַר יאָר האָבן אָבער געבראַכט פאַר די מיטהעלפער און מיט־לויפער פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע איין ביטערע אַנטוישונג נאָך דער צווייטער. די פאַרשטאַרקטע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע האָט צונישט געמאַכט דעם אוטאָפּישן חלום וועגן אויפבויען מיט דער הילף פון „נאַציאָנאַלע“ פאָנדן אַ סאָציאַליסטיש פּאַלעסטינע. די פאַרברעכערישע גלייכגיל־טיקייט פון דער יידישער בורזשואַזיע צו די ליידן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט בעת די לעצטע שווערע קריזיס־יאָרן, דער אָנגריף פון די אונטערנעמער און רייכע קאָלאָניסטן אויף די לוינען און אויף דער פּראָפעסיאָ־נעלער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער, דער שטילער בונד צווישן דעם בירגער־לעכן ישוב און דער ענגלישער אָקופּאַציע־מאַכט ביים באַרויבן דאָס וואַל־רעכט פון די נישט־פאַרמעגלעכע האַרעפּאַשניקעס — דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער אָפּאָרטוניסטישער שיטה פון פאָלקס־אחדות און קלאַסן־שלום. די ציו־ניסטישע באַוועגונג האָט אַנטפּלעקט איר קלאַסן־פּרצוף, דאָס ציוניסטישע קאָלאָ־ניזאַציע־ווערק אין פּאַלעסטינע איז אָפן אָנערקענט געוואָרן אַלס די אונטערנעמונג פון דער אַלוועלטלעכער יידישער בורזשואַזיע. די יידישע גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע איז קליין אין צאָל, אָבער מעכטיק אַ דאַנק אירע ריזיקע קאַפּיטאַלן, באַקומט אין דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ די גלייכע דעה, וואָס די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אַרום דאָס יידישע מיטל־ און קליינ־בירגערטום. דאָס בירגערטום, וואָס פאַראייניקט זיך אין דער יידישער אַגענץ, האָט אָנגעזאָגט אַ קאַמף דער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, דער אַרבעטער־קאָלאָני־זאַציע, די אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין פּאַלעסטינע.

די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל און זייערע צעירי־ציוניס־טישע פאַרבינדעטע אין גאָר דער וועלט זענען געפאַלן כורעים פאַר דעם יידישן גרויס־קאַפּיטאַל. טריי דעם וועג פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זענען גרייט צו שטיצן דעם קאַפּיטאַליזם פאַרן פרייז פון ברעקלעך פון בורזשואַזן טיש, האָבן אויך די רעכטע פועלי־ציון איינגעשטימט אויף דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ מיטן תנאי צו זיכערן דאָרט אַ פּאָר ערטער פאַר זייערע פאַר־שטייער. די ארץ־ישראלדיקע אָפּאָרטוניסטן זענען אָבער גאָרנישט זיכער מיטן גנאָד פון דער יידישער בורזשואַזיע. זיי ווייסן אויסגעצייכנט, אַז זייערע עטלעכע פאַרשטייער וועלן נישט האָבן קיין שום מעגלעכקייט צו דעצידירן וועגן די

אַרבעטס־מעטאָדן און צילן פון דער פאַרויס געזיכערטער מערהייט. זיי זעען שוין איצט, אַז די בורזשואַזע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג וועט אַרומשניידן ביז אַ מינימום און אפשר אינגאַנצן אָפּשטעלן די סובסידיעס פאַר די אַרבעטער־ווירטשאַפטן און אַרבעטער־אינסטיטוציעס. ערשט איצט, ווען די אָפּאָרטוניסטן האָבן זיך געפונען אין קלעם, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדעטע אין דער יידישער געזעלשאַפט פון גאָר דער וועלט, כדי צו שטאַרקן זייער פּאָזיציע אינערהאַלב דער יידישער אַגענץ און אין איינוועגס צו שאַפן געלט־מיטלען פאַר די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. דאָס זענען די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן די רעכטע מערהייט פון דער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל אָנצוהייבן די הכנות, כדי צונויפרופן זומער 1929 דעם וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

איצט, ביים סוף פון קריזיס אין פּאַלעסטינע, ביים אָנהייב פון אַ נייער איינוואַנדערונג, איז טאַקע נייטיק צו שאַפן אַ געאייניקטן פראָנט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס פון גאָר דער וועלט. מיט געמיינזאַמע כוחות מוז מען איצט אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון דער פאַראייניקטער יידישער בורזשואַזיע אויף די אַרבעטער־פּאָזיציעס, וועלכע זענען שוין דעראָבערט אָדער וועלן ווערן דערוואָרבן אין דער נאָענטסטער צוקונפט אין פּאַלעסטינע. אָבער אַפילו איצט קאָנען די הסתדרות־פירער זיך נישט צעשיידן מיט די „דעמאָקראַטיש־ציוניסטישע" עלעמענטן און זיי רופן נישט קיין אַרבעטער־קאָנגרעס, נאָר סתם אַ קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. זיי ווילן נישט הערן וועגן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס, צו וועלכן עס זאָלן האָבן וואַל־רעכט בלויז מענטשן, וואָס לעבן פון אייגענער אַרבעט, און מיטגלידער פון פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע, קולטורעלע און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַרבעטער. זיי עפענען ברייט די טירן פון קאָנגרעס פאַר סתם „ארץ־ישראל־קלובן", יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, סטודענטן־ און שילער־אָרגאַניזאַציעס, „פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס". זיי האָבן מורא אַרויסצולאָזן פון זייערע הענט די פירונג פון קאָנגרעס, זיי האָבן נישט קיין צוטרוי צו די מאַסן, וואָס זיי לאַדן איין. דער אויספיר־קאָמיטעט פון הסתדרות פירט אַליין אַדורך אַלע טעכנישע צוגרייטונגען, באַשטימט דעם סדר־היום און די רעפערענטן. די ארץ־ישראלדיקע אָפּאָרטוניסטן ווילן זיך נישט פאַרלאָזן אויפן אויסגאַנג פון אַלגעמיינע, דירעקטע, פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. זיי לאָזן זיך איבער דאָס רעכט איינצולאַדן צום קאָנגרעס איינצלנע פּערזאָנען, כדי אויף יעדן פאַל צו זיכערן זיך אַ מערהייט.

דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, וועלכע אָרגאַניזירט די לאַנד־קאָנפערענצן און דעם וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּראָיעקט פון אַן אַרבעטס־פּלאַן פאַר די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן. אַלס יסוד פאַר דעם אַרבעטס־

פלאַן רעכענען אויס די רעכטע פירער פון דער הסתדרות אַ ריי הויפּט־פּרינציפּן פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וועלכע זענען אַ קיצור פון דער גאַנצער צעירי־ציוניסטישער תורה. דאַסמאָל האַלטן שוין די רעכטע פירער פון דער הסתדרות פאַר איבעריק אַפילו צו דערמאָנען דאָס וואָרט סאָציאַליזם. זיי שטעלן שוין מער נישט אַרויס אַלס זייער ציל דאָס סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך, קאָנטיק, שוין מיאש געווען פון זייער יוגנט־חלום וועגן אַ באַלדיקן אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטיש פּאַלעסטינע מיט דער הילף פון בורזשואַז־ציוניס־טישע פאָנדן.

די צעירי־ציוניסטישע מיטגלידער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל וואַגן, נאַטירלעך, נישט צו חלומען אַפילו וועגן אַ פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין פּאַלעסטינע פאַר אַן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג, וואָס זאָל ערשט שפּעטער, נאָכן דעראָבערן די מאַכט, אָנהייבן די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט. זיי באַגנוגן זיך מיט געוויינלעכע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען וועגן זיכערן די פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און אין דער לאַנד־רעגירונג, גלייכע רעכט פאַר די פרויען און שוץ־געזעצן פאַר די אַרבעטער. די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּאַלעסטינע, ווי יעדע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, פּאַסן זיך צו צו דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע, און ווילן פאַרן פרייז פון קלאַסן־שלום מיט דער בורזשואַזיע אַרויסבאַקומען פון איר וואָס מער הנחות. זיי מיידן אויס צו דערמאָנען אין זייער פּראָגראַם־פּראָיעקט דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. די ארץ־ישראלדיקע אָפּאָרטוניסטן לייגן זייערע האָפענונגען אויף די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן צווישן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און דעם אונטערנעמער־פאַרבאַנד, אַזוי אַרום, מיינען זיי, אינגאַנצן פּטור צו ווערן פון שטרייקן. דעם טראָפּ לייגן נאָך אַלץ די צעירי־ציוניסטישע פירער נישט אויף דער פּראָפעסיאָנעלער, נאָר אויף דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. דעם שווערפּונקט פונעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל זעען זיי אין דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, אין די לאַנדווירטשאַפט־לעכע און אינדוסטריעלע אַרבעטער־ווירטשאַפטן. דאָס איז אַן איבערבלייבעכץ פון דעם נאָך נישט אויסגעלעבטן קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, וואָס האָט אין דער דאָרפישער קבוצה געזען דעם וועג צום סאָציאַליזם.

די הסתדרות שטעלט פאַרן וועלט־קאָנגרעס און פאַר דער לאַנד־קאָנפערענץ די אויפגאַבע צו גרינדן אַ וועלט־ליגע און לאַנד־ליגעס (פאַרבאַנדן) פאַרן אַרבע־טנדיקן ארץ־ישראל. לויטן פּלאַן פון דער הסתדרות דאַרפן די ליגעס געבן דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ווירט־שאַפטלעכע הילף. אָבער הגם די אַרבעטער־איינוואַנדערונג איז דער וויכטיקסטער מיטל צו שטאַרקן די יידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל, פונדעסטוועגן האַלטן די פירער פון דער הסתדרות, אַז מיט דער צוגרייטונג און אָרגאַניזירונג

פון דער איינוואַנדערונג דאַרפן זיך די ליגעס נ י ש ט פאַרנעמען. די סיבה איז אַ גאַנץ פשוטע: די צעירי־ציון זענען צופרידן פון דעם איצטיקן סערטיפיקאַטן־סיסטעם, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרצוימען פאַר די לינקע פועלי־ציון דעם וועג קיין פּאַלעסטינע.

די רעכטע הסתדרות־פירער האָבן שטאַרק חשק איינצושפּאַנען די ליגעס אין דעם וואָגן פון דער יידישער בורזשואַזיע. מיט דער הילף פון די ליגעס ווילן זיי פאַרשטאַרקן זייער השפעה אין די בירגערלעכע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. זיי גייען נאָך ווייטער: די רעכטע פועלי־ציון ווילן די ליגעס אַנשליסן אין דער יידישער אַגענץ.

דער הייניטיקער 30־טויזנטקעפּיקער יידישער אַרבעטער־ישוב אין ארץ־ישראל איז בלויז דער פונדאַמענט פון דעם צוקונפטיקן גרויסן אַרבעטער־צענטער. די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן ביז איצט איינגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע, זענען בלויז דער אַוואַנגאַרד פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס. דאַרף דעריבער דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־קאָנגרעס ווערן די העכסטע געזעצגעבערישע אינסטאַנץ, פאַר וועלכער די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט זאָל אָפּגעבן אַ דין־וחשבון און באַקומען דירעקטיוון פאַר איר ווייטערדיקער טעטיקייט.

די רעכטע פירער פון דער הסתדרות איז אָבער דער דאָזיקער געדאַנק פרעמד. לויט זייער פּלאַן זאָל די וועלט־ליגע צונויפגעשטעלט ווערן אויף אַזאַ אופן: אַ העלפט פון פאַרשטייער, געקליבענע דורכן וועלט־קאָנגרעס, און אַ צווייטע העלפט, פון נאָמינירטע דורך דער הסתדרות. אין דעם דריקט זיך אויס סיי דער אומצוטרוי און סיי דער ביטול פון די צעירי־ציון צו דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פון גאָר דער וועלט. זיי באַטראַכטן די יידישע אַרבעטערשאַפט אין חוץ־לארץ בלויז אַלס אַ מעלק־קו, פון וועלכער די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל קאָן פאָדערן הילף, אָבער זי דאַרף נישט טראָגן קיין שום פּאָליטישע אחריות פאַר דעם אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער־קלאַס פון גאָר דער וועלט, און איז נישט מחויב פון אים אָנצונעמען אָנווייזונגען און פאַרפליכטנדיקע דירעקטיוון.

אָט אַזוי האָבן די צעירי־ציוניסטישע פירער פון הסתדרות פאַרקריפּלט דעם געזונטן און ריכטיקן געדאַנק וועגן אַן אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. אַנשטאָט אַן אינסטרומענט פון זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטינע־אַרבעט ווילן זיי בלויז שאַפן אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין אַ צולייג צו דער בירגערלעכער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, אַ באַשטאַנדטייל פון דער יידישער אַגענץ.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, אַפּריל 1929

פאַלשע נביאות אין ליכט פון דערווירקלעכקייט

דער קריזיס אין פאַלעסטינע איז פאַרענדיקט. איצט, אויפן שוועל פון דעם באַנייטן ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג, ביים אָנהייב פון אַ נייער איינוואַנדערונג, קאָן מען שוין מאַכן די אויספירן פון דעם פאַרגאַנגענעם קריזיס.

די געשוווירענע פאַלעסטינע־קעגנער אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס קאָנען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז זייערע פאַלשע נביאות וועגן דעם נאָענטן חורבן פון דעם יידישן ישוב אין פאַלעסטינע און דעם אומ־פאַרמיידלעכן באַנקראָט פון פאַלעסטיניזם זענען ווידער נישט מקוים געוואָרן. זיי וואַגן אפילו נישט אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט אין פאַלעסטינע איז שוין כמעט אינגאַנצן ליקווידירט. אין דעם ברען־פונקט פון קריזיס, אין יאַנואַר 1927, האָט די צאָל אַרבעטסלאָזע באַטראָפן ביז 8.000; מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין דעצעמבער 1928, זענען געבליבן אין גאַנצן לאַנד בלויז 1200 אַרבעטסלאָזע. פּרוּוון איצט די פאַלעסטינע־פרעסער איינצושמועסן, אַז דער רוב אַרבעטסלאָזע האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די איבעריקע אַרבעטסלאָזע האָבן באַקומען בלויז צייטווייליקע באַשעפטיקונג. אין דער דאָזיקער בויד־סבֿרא זוכן זיי אַ טרייסט נאָך דער ביטערער אַנטוישונג, וואָס ס'האָט זיי געבראַכט דער סוף פון קריזיס. ווי שטעלט זיך אָבער פאַר די זאַך אין דער ווירקלעכקייט?

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שווערער קריזיס האָט נישט אָפּגעשטעלט די איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע און דעם וווּקס פון דעם דאָרטיקן ישוב. אין די יאָרן 1926, 1927, 1928 האָבן איינגעוואַנדערט קיין פאַלעסטינע 20.284 יידן און אויסגעוואַנדערט 14.602. מיר זעען אַלזאָ, אַז אַפילו די דריי שווערסטע קריזיס־יאָרן האָבן דאָך געבראַכט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע אַ ריינעם צוּוווּקס פון 5.682 איינוואַנדערער. ווי לעכערלעך קלינגען איצט די מעשהלעך וועגן דעם, אַז דאָס לאַנד האָט אויסגעשפּיגן דעם גרעסטן טייל פון דעם יידישן ישוב, וואָס איז זיך כלומרשט צעלאָפן איבער אַלע עקן וועלט!

עס וואָלט געווען לחלוטין פאַלש צו מעסטן דעם פאַרנעם פון דער יידישער איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע בלויז לויט די יאָרן פון ווירטשאַפטלעכער ירידה און אויסשטרייכן פון חשבון די יאָרן פון פאַרן קריזיס. דורך דעם שאַפט זיך בלויז אַ פאַלש בילד. אין משך פון איין יאָר 1925 זענען דאָך אַריין קיין פאַלעסטינע גאַנצע 36.933 יידישע איינוואַנדערער. נעמען מיר דעריבער צוזאַמען די בעסערע און ערגערע יאָרן, זעען מיר, אַז פון אָקטאָבער 1922 ביז דעצעמבער 1928 האָט פאַלעסטינע אויפגענומען 84.614 יידן, אין דער זעלבער צייט האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד 22.533 יידן. דאָס לאַנד האָט אַלזאָ אין פאַרלויף פון די דערמאָנטע 6 יאָר ווירטשאַפטלעך פאַרדינט 62.081 יידן, ד. ה. כמעט

דריי פערטל פון דער נייער אײַנוואַנדערונג. עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיי־נונג, אַז אַ טייל פון די אײַנוואַנדערער קאָן זיך נישט צופּאַסן צו די נייע קלימאַ־טישע אוןווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען און איז דעריבער געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס נייע לאַנד. נאַטירלעך, אויב עס האַנדלט זיך וועגן פּאַלעסטינע, ווילן נישט דער „בונד" און די יעווסעקעס אַנערקענען דעם דאָזיקן גרונט־געזעץ פון יעדער מאַסן־אײַנוואַנדערונג. אין יעדן צוריקוואַנדערער פון פּאַלעסטינע האָבן זיי געזען דעם מלאך, וואָס זאָגט זיי אָן די לאַנג־דערוואַרטע בשורה וועגן דעם באַנקראָט פון פּאַלעסטיניזם. אָבער איצט, נאָכן ערשטן יאָר פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּרווו אין ביראָבידזשאַן, דרינגט שוין אַרײַן דער דאָזיקער אמת צו ביסלעך אויך אין די מוחות פון דער יעווסעקציע. פון 6540 יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיין ביראָבידזשאַן, זענען גלייך אין דעם ערשטן יאָר צוריקגעפאָרן 2329, דאָס הייסט — אַ העלפט פון די איבערוואַנדערער.

פון קעגנערישן לאַגער הערן מיר אָפט די טענה, אַז די אײַנוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע געפינט נישט קיין פעסטן ווירטשאַפטלעכן באָדן אונטער די פיס. פּרוּוון אונדזערע קעגנער טאָקע מאַכן צו קליינגעלט אויך די פאַרענדיקונג פון קריזיס און זיי פאַרשרייען די פאַרקלענערונג פון דער צאָל אַרבעטסלאָזע אַלס אַ צײַטווייליקע דערשיינונג אָן שום דויערנדיקער ממשות. לאָמיר טאָקע זען, ווויהין האָבן זיך אַהינגעטאָן די 8.000 אַרבעטסלאָזע. ביז 1.000 אַרבעטסלאָזע האָבן זיך געפונען צווישן די אויסוואַנדערער, וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד פאַר די לעצטע צוויי יאָר. דער גרעסטער טייל אַרבעטסלאָזע איז אָבער אַרײַנגעדרונגען אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פּאַלעסטינער ווירטשאַפט, וועלכע האָט גראָד אין די לעצטע יאָרן זיך פאַרפעסטיקט און אַנטוויקלט.

די יונגע אינדוסטריע ווייזט אויף אַן אויפשוווּנג אין די יאָרן 1926־28. דער ווערט פון דער יידישער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין יאָר 1926 באַטרעפט 570 טויזנט פונט, אין יאָר 1927 וואַקסט ער אויס ביז 1 מיליאָן 250 טויזנט פונט. אין יאָר 1926 האָבן אַ סך פאַבריקן געאַרבעט בלויז האַלבע טעג, אין שפּעטערדיקן יאָר 1927 אַרבעטן זיי שוין אין 2—3 שיכטן. אין די צוויי יאָר 1927־28 האָבן אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן געפונען אַן אַרבעטס־פּלאַץ 1.800 אַרבעטסלאָזע.

די לאַנדווירטשאַפט איז אויך נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. באַזונדערס גיך האָבן זיך אַנטוויקלט די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע פּאָמעראַנצן־פּלאַנטאַ־ציעס. פון יאָר 1926 ביז 1928 האָט דער שטח פון די יידישע פּאָמעראַנצן־סעדער זיך פאַרגרעסערט כמעט אויף טאָפּלט. אַן ערך 1.500 אַרבעטסלאָזע האָט אײַנ־געשלונגען די אַרבעט ביי די פּלאַנטאַציעס.

די עלעקטריפיקאַציע־אַרבעטן ביים ירדן וועלן געבן אַ מעכטיקן שטויס פאָרויס סיי דער אינדוסטריע סיי דער לאַנדווירטשאַפט. די דאָזיקע אונטערנעמונג

וועט אויסנוצן דעם כוח פון וואַסערפאַל פון ירדן, כדי צו באַזאָרגן דאָס גאַנצע לאַנד מיט ביליקער עלעקטרישער קראַפט און ליכט. עס ווערט פאַרענטפערט די אַלטע קלאָץ־קשיה: ווי אַזוי קאָן מען אין פאַלעסטינע בויען אַן אינדוסטריע, אויב עס פעלט דער וויכטיקסטער ברענשטאָף, קוילן? דער מאַנגל אין וואַסער איז ביז איצט אַ גאָר גרויסע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פלאַנצן־ווירטשאַפט אין פאַלעסטינע. די עלעקטריפיקאַציע וועט פאַרביליקערן און דער־מעגלעכן די אָנווענדונג פון דער קינסטלעכער באַוואַסערונג ביי דער לאַנדווירט־שאַפט. 520 אַרבעטסלאָזע האָבן געפונען באַשעפטיקונג ביי דער עלעקטריפיקאַציע אונטערנעמונג.

דער קריזיס איז אויסגעבראָכן אין דער בוי־אינדוסטריע, די גרעסטע צאָל אַרבעטסלאָזע זענען געווען קוואַליפיצירטע און שוואַרצע בוי־אַרבעטער. דאָך, אויך אין דעם דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג, וואָס האָט אַממייסנטן געליטן פון קריזיס, לאָזן זיך מערקן בולטע סימנים פון פאַרבעסערונג. דאַסמאָל איז דער צענטער פון הייזער־בוי ירושלים און נישט תל־אביב. די יידישע בוי־אַרבעטער האָבן באַוויזן צו דעראָבערן פעסטע אַרבעטער־פּאָזיציעס אַפילו ביי אַראַבישע בוי־אונטערנעמער און אייראָפּעישע הויז־אייגנטימער. די בוי־אַרבעט האָט באַשעפ־טיקט 750 אַרבעטסלאָזע.

דער כאַראַקטער פון קריזיס איז אין אָנהייב געווען אומפאַרשטענדלעך פאַרן גרעסטן טייל פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. די צעירי־ציון האָבן דערוואַרט אַ ישועה פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט שאַפן ריזיקע קאַפּיטאַלן, כדי דורך אַ גרויסער פּלאַנמעסיקער פאָלקס־קאָלאָניזאַציע לייזן דעם קריזיס. פאַקטיש אָבער האָט די פאַלעסטינער ווירק־לעכקייט צו נישט געמאַכט די דאָזיקע אוטאָפּישע האָפענונגען. סך־הכל 350 אַרבע־טער און אַרבעטערינס האָבן אין די קריזיס־יאָרן זיך איינגעאָרדנט אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־ווירטשאַפטן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון די בירגערלעכע ציוניסטישע פאָנדן. די עיקרדיקע לייזונג פון קריזיס איז געקומען דורך דער וייטערדיקער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער אַנט־וויקלונג, וואָס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין די קריזיס־יאָרן. דער דאָזיקער פאַקט איז גלייכצייטיק אַן ענטפער אויף די אומבאַגרינדעטע בונדיש־יעווסעקישע השערות, אַז די יידישע אַרבעטער האַלטן זיך אויף אין פאַלעסטינע בלויז מיטן גנאָד פון דער יידישער בורזשואַזיע. נישט די טובה פון די אַרבעטער האָבן אין זינען די יידישע אונטערנעמער און קאָלאָניסטן, וועלכע באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער. די באַלעבאַטים האָבן גאַנץ געשיקט אויסגענוצט דעם קריזיס, כדי אַראָפּצורייסן די לוינען כמעט אויף אַ העלפט און צעברעכן דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג. די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דעראָבערט די אַרבעט־פּאָזיציעס אין דער פּריוואַטער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע אַ דאַנק אירע קוואַליפי־

קאַציעס, צופּאַסונגס־פעיקייט צו די נייע שווערע פאַכן און מיט דער הילף פון איר אָרגאַניזירטן דרוק אויף די אונטערנעמער.

פאַלש איז אויך די טענה פון די יעווסעקעס און די בונדיסטן, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע וואַרעמט זיך אונטער די שוץ־פליגל פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. אין דער אמתן טראָגט די ענגלישע רויב־פּאָליטיק די הויפּט־שולד פאַר דעם אויסברוך און לאַנגן דויער פון קריזיס. ערשט די מאַסן־אַרויסטרעטונגען פון די אַרבעטסלאָזע, ביי וועלכע עס האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל די ארץ־ישראלדיקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי, האָבן געצוווּנגען די פּאַלעסטינער רעגירונג צו באַשעפטיקן אַ געוויסע צאָל יידישע אַרבעטער ביי די רעגירונגס־אַרבעטן. אין אָנהייב 1928 האָט מען געציילט 1.000 יידישע אַרבעטער ביי די עפנטלעכע רעגירונגס־אַרבעטן, אין סוף פון דעם דאָזיקן יאָר איז זייער צאָל געפאַלן ביז 300. מען טאָר אָבער אין קיין פאַל נישט באַטראַכטן די עפנטלעכע אַרבעטן (טריקענען זומפּן, בויען שאָסייען, באַוואַלדונג וכדומה) אַלס עפּעס אַן אידעלע פאָרם פון קצבה; דאָס זענען אַרבעטן פון ערשטקלאַסיקער עקאָנאָמישער באַדייטונג פאַר יעדן לאַנד, אַ פּשיטא שוין פאַר אַזאַ נאָך ווייניק אַנטוויקלט לאַנד, ווי פּאַלעסטינע.

צוזאַמען האָבן אַלזאָ איבער 5.200 אַרבעטסלאָזע געפונען באַשעפטיקונג אין דער פּאַלעסטינער ווירטשאַפט, נישט אַרויסשטויסנדיק דערביי די פון פריער באַשעפטיקטע אַרבעטער. דער באַריכט פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט די אַלע געבראַכטע ידיעות וועגן צושטאַנד פון דער אַרבעטסלאָזיקייט אין דעצעמבער 1928, גיט אָן, אַז אַן ערך 150 אַרבעטסלאָזע זענען דעקלאַסירט געוואָרן, דאָס הייסט, זיי זענען געוואָרן קליינהענדלער און מייסטערס. ווער עס קאָן די כראָנישע דעקלאַסירונג, וואָס קומט פאָר צווישן די דערוואַקסענע יידישע אַרבעטער אין פּוילן, וועלכע גייען, ליידער, אַריבער אַזוי אָפט צום קליינבירגערטום, דער וועט מיט צופרידנקייט אויפנעמען דעם דערפרייענדיקן פאַקט, אַז די דאָזיקע דערשיינונג האָט אין די האַרטע קריזיס־יאָרן בלויז אין אַזאַ מינימאַלער מאָס אָנגערירט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּאַלעסטינע.

דער קריזיס איז איצט אין פּאַלעסטינע געענדיקט. דאָס הייסט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט, אַז אין פּאַלעסטינע וועלן מער נישט פאָרקומען קיין עקאָנאָמישע קריזיסן; די קריזיסן זענען אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג, וואָס באַגלייטן דעם קאַפּיטאַליזם, און אויך פּאַלעסטינע וועט נאָך נישט איינמאָל האָבן אויסצושטיין עקאָנאָמישע קריזיסן. נאָר מיטן אונטערגאַנג פון גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם וועלן פאַרשווינדן די ווירטשאַפטלעכע קריזיסן. אָבער אויף וויפל די קעגנער פון פּאַלעסטיניזם האָבן געוואָלט זען אין דעם פּאַלעסטינער

קריזיס אַ באַוויז, אַז דער עצם פּאַלעסטיניזם איז באַנקראָט, אַז ס׳איז בכלל נישט מעגלעך דאָרט זאָל זיך שאַפֿן אַ יידישער אַרבעטער־ צענטער — האָט זיך זייער נביאות אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿולשטענדיק פֿאַלש.

צום אָנהייב פֿון יאָר 1929 זענען געבליבן אין גאַנץ פּאַלעסטינע אַרום 1.000 אַרבעטסלאָזע. די גינסטיקע ווירטשאַפֿטלעכע לאַגע און די גוטע אויסזיכטן אויף דער נאָענטסטער צוקונפֿט האָבן געגעבן אַ באַזונדערע קראַפֿט דער פֿאָדערונג צו עפֿענען ווידער די טויערן פֿון לאַנד פֿאַר דער נייער איינוואַנדערונג. אין דער שווערסטער קריזיס־צייט האָט די ארץ־ישׂראלדיקע אַרבעטערשאַפֿט זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון דער דאָזיקער פֿאָדערונג. די יידישע איינוואַנדערונג איז דער וויכטיקסטער כּוח, וואָס טרייבט פֿאָרויס די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון פּאַלעס־טינע. עס איז אַן אומזין צו וואַרטן מיט דער נייער איינוואַנדערונג ביז צו דעם מאָמענט, ווען אין לאַנד וועט שוין זיין קיין איין אַרבעטסלאָזער. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט וואָלט מען געדאַרפֿט בכלל אָפּשטעלן די אַרבעטער־איינוואַנ־דערונג אין דער איצטיקער תּקופֿה, ווייל קיין שום לאַנד אין דער וועלט איז נישט פֿריי פֿון אַ גרויסער אַרמיי אַרבעטסלאָזע. מען קאָן נישט פֿון פֿריער אָנגרייטן פּאַרטיקע שטענדיקע אַרבעטס־פּלעצער פֿאַר אַלע אָן אויסנאַם נייע איינוואַנדערער. אין פּראָצעס פֿון דער איינוואַנדערונג שאַפֿן זיך נייע און עס ווערן פֿאַרברייטערט די שוין־עקזיסטירנדיקע אַרבעטס־צווייגן. אַ פֿאַקט איז, הגם עס פֿעלן נאָך גענויע ציפֿערן, אַז אין די ערשטע פֿיר חדשים פֿון 1929 האָבן אַלע עטלעכע הונדערט חלוצים, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין פּאַלעסטינע לויט די נייע סערטיפֿיקאַטן, געפֿונען אַרבעט ביי דער לאַנדווירטשאַפֿט אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס.

די איצטיקע מאַכטהאָבער פֿון פּאַלעסטינע ווילן אָבער נישט מסכּים זיין אויף דער פֿרייער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, אויף וועלכער די איינציקע דעה זאָלן האָבן די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין גאָר דער וועלט און אין פּאַלעסטינע. די יידישע בורזשואַזיע, וואָס נעמט אָנטייל אינעם אויפֿבוי פֿון פּאַלעסטינע, האָט מורא פֿאַר דער לאַסט צו פֿאַרזאָרגן די אַרבעטסלאָזע, וואָס קאָן פֿאַלן אויף אירע פּלייצעס. די אימפּעריאַליסטישע אָקופּאַציע־מאַכט באַטראַכט בכלל די יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג ווי אַ דאָרן אין אויג. דער סיסטעם פֿון סערטיפֿיקאַטן, ספּעציעלע איינרייזע־דערלויבענישן פֿאַר אַרבעטער־איינוואַנדערער, העלפֿט צו באַגרענעצן און צו קאָנטראָלירן די אַרבעטער־איינוואַנדערונג. ביי דער נייער איינוואַנדערונג ווערן טאַקע אָנגעווענדט די שאַרפֿסטע באַגרענעצונגען פֿאַר די קלאַסן־באַוווּסטזיניקע אַרבעטער־איינוואַנדערער. קיין איין איינציקן פֿון די נייע סערטיפֿיקאַטן האָט נישט באַקומען אַן אַרבעטער, אויף וועלכן ס׳איז פֿאַראַן אַ חשד, אַז ער איז אַ פּועלי־ציוניסט. אַ שענדלעכע ראָל שפּילן דערביי די צעירי־ציוניס־טישע פֿירער, וועלכע גיבן זייער הסכּמה צו דער דאָזיקע פּאָליטיק פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און זיי נוצן געררן אויס זייערע פֿאַרבינדונגען מיט דער

ציוניסטישער בורזשואַזיע, כדי דורך דער נייער איינוואַנדערונג צו שטיצן די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־יוגנט, וואָס קעמפט האַנט ביי האַנט מיט דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וועט זיך נישט דערשרעקן פאַר דער דאָזיקער מויער, וואָס מען וויל אויסבויען צווישן פּאַלעסטינע און דעם שטראָם פון דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. די פּראָלעטאַרישע פּאַלעסטינע־פּיאָנערן וועלן זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קיין שום שוועריקייטן און וועלן ווייטער עקשנותדיק זוכן אַ וועג קיין פּאַלעסטינע. דער סטיכישער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע, די וואַקסנדיקע קראַפט פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, פון דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט און פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס וועלן סוף־כל־סוף דורכברעכן אַ וועג פאַר דעם מאַסן־שטראָם פון דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, מאַי 1929

דער שידוך פון „אחדות־העבודה" מיט „הפּועל־הצעיר"

די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די צוויי ארץ־ישראלדיקע פּאַרטייען „אחדות־העבודה" און „הפּועל־הצעיר" זענען צווישן זיך דורכגעקומען וועגן פאַראייניקן ביידע פּאַרטייען. די פאַראייניקונג קומט נישט אומדערוואַרט; זי איז אַ רעזול־טאַט פון אַ לאַנגיעריקער אידעישער פּאָליטישער דערנענטערונג צווישן „אחדות־העבודה" (דער פּאַלעסטינער פּאַרטיי פון די רעכטע פּועלי־ציון) און „הפּועל־הצעיר" (דער פּאַלעסטינער פּאַרטיי פון וועלט־פאַרבאַנד „התאחדות").

„הפּועל־הצעיר" עקזיסטירט שוין באַלד אַ פערטל יאָרהונדערט. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַ ציל: אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק, די העברעישע שפּראַך און דאָס לאַנד ישראל. פון קלאַסן־קאַמף וויל זי נישט וויסן. די ארץ־ישראלדיקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך איר גרינדונג געפירט אַ שטאַרקן קאַמף מיטן „הפּועל־הצעיר". מיט דער צייט אָבער האָט די פאַרמלחמהדיקע פּועלי־ציון פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע פאַרלוירן די לעבעדיקע אידעישע פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער רוס־לענדישער פּועלי־ציון־באַוועגונג. אירע פירער זענען וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויף אויפן וועג פון קלאַסן־שלום און נאַציאָנאַלער אחדות מיט דער יידישער בורזשואַזיע און האָבן זיך אָפּגעקערט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף. די אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך איז געוואָרן דער קולטור־אידעאַל

פון יענער פּאַרטיי, וועלכע האָט נאָך געטראָגן דעם נאָמען „פּועלי־ציון", אָבער זי האָט שוין אויסגעהויכט די נשמה פון באָראָכאָוויזם.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס נאָך מיט 10 יאָר צוריק האָבן די רעכטע פירער ליקווידירט די אַלטע פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם און האָבן פאַרגעלייגט דעם „הפּועל הצעיר" זיך צו פאַראייניקן מיט זיי. אין דער ניי־געשאַפענער אין יאָר 1919 פּאַרטיי „אחדות־העבודה" זענען אַחוץ די אַמאָליקע פּועלי־ציון און די צעירי־ציון, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט נאָך דער מלחמה, אַריינגעטרעטן אַ געוויסע צאָל אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, און בלויז אַ קליינע צאָל מיטגלידער פון „הפּועל־הצעיר", דער „הפּועל־הצעיר" אַלס גאַנצער האָט זיך נאָך געשראָקן פאַרן אָנשלוס אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

צען יאָר האָבן געלעבט „אחדות־העבודה" און „הפּועל־הצעיר" אַלס באַזונדערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער זייער טאָג־טעגלעכע פּאָליטיק האָט אַלץ ענגער געקניפּט און געבונדן די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען, ביידע האָבן אויפגענומען דעם מאַנדאַט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם איבער פּאַלעסטינע אַלס די גאַראַנטיע פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע. ביידע פּאַרטייען האָבן זיך אויף לעבן און טויט פאַרבונדן מיט דער בירגערלעכער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אונטערגעשטיצט די באַמיאונגען אַריינצוציען די יידישע גרויס־בורזשואַזיע אין דער „יידישער אַגענץ" און זענען גרייט אַליין צו ווערן שותפים אין דער דאָזיקער אָפן־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג. פאַרבלענדט דורכן אוטאָפּישן חלום וועגן אַ באַלדיקן אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל, האָבן ביידע פּאַרטייען געזען אין דער קאָאָפּעראַציע דעם וועג צום סאָציאַליזם, און זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די לוין־אַרבעטער. שטרעבנדיק אַרויסצושטויסן די אַראַבישע אַרבעטער פון די יידישע אונטערנעמונגען און צו דעראָבערן זייערע אַרבעטס־פּלעצער פאַר די יידישע אַרבעטער, האָבן ביידע פּאַרטייען אויסגעמיטן די געמיינזאַמע אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן און אַראַבישן אַרבעטער און האָבן יאָרנלאַנג נישט געוואָלט אַפילו הערן וועגן אַ פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פון די לוין־אַרבעטער אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס. די ביידע פּאַרטייען האָבן אויסגעגראָבן דעם שפּראַכן־תהום צווישן דער ארץ־ישראלדיקער און חוץ־לארצדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט און האָבן איינגעפירט דעם שענדלעכן פאַרבאָט פאַר די אַרבעטער, וואָס זענען לענגער ווי צוויי יאָר אין לאַנד, צו רעדן אויף די אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען יידיש. די דאָזיקע צוויי פּאַרטייען האָבן באַהערשט די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (די הסתדרות) אין ארץ־ישראל און האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרומענט פון פּשרה און קלאַסן־פאַרראַט אין די אָפּאָרטוניסטישע הענט.

דורך דער „הסתדרות" איז „הפועל־הצעיר" געוואָרן אָנגעשלאָסן אין דעם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניען. פאַר דער צייט האָט זיך „הפועל־הצעיר" איבערצייגט, אַז דער שד פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. זיצן דאָך אין צוויטן אינטערנאַציאָנאַל פּאַרטייען, וואָס זענען נישט אויף אַ האָר מער סאָציאַליסטיש און רעוואָלוציאָנער, ווי דאָס איז „הפועל־הצעיר". די דערנענטערונג צווישן „אחדות־העבודה" און „הפועל־הצעיר" איז געוואָרן נאָך מער מעגלעך — נאָכדעם, ווי „אחדות־העבודה" האָט געצוווּנגען די רעכטע פּועלי־ציון זיך משדך צו זיין סיי אין וועלט־מאַסשטאַב, סיי אין די איינצלנע לענדער מיט די צעירי־ציון. מיט דער הילף פון די „צעירי־ציון" האָט „אחדות־העבודה" אויפגעהאָדעוועט אויך אין חוץ־לארץ אין די רייען פון אירע ברודער־פּאַרטייען אַן עלעמענט, וואָס איז קרוביש דער „התאחדות". איןביידע פּאַרטייען האָט דעריבער פון צייט צו צייט אויפגעלעבט דער דראַנג זיך צו פאַראייניקן, ביז, ענדלעך, מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען שוין פאַרענדיקט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער ענדגילטיקער פאַראייניקונג.

די פּלאַטפאָרם פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי באַווייזט, אַז „הפועל־הצעיר" האָט אידעיש פולשטענדיק באַזיגט די רעכטע פּועלי ציון. די פאַראייניקטע פּאַרטיי באַשטימט איר פּאָליטיק פון איין־און־איינציקן שטאַנדפּונקט: דער אינטערעס פון כלל ישראל וועט דעצידירן וועגן איר אַרבעט און קאַמף. איר איז פרעמד דער קלאַסן־אינטערעס פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין גאַר דער וועלט און אין ארץ־ישראל.

צו יענער צייט איז די פאַראייניקטע פּאַרטיי גרייט געווען מקריב צו זיין די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אינטערעסן, ווען דאָס האָט געפאָדערט די בורזשואַזיע אין נאָמען פון דעם כלומרשט העכערן נאַציאָנאַלן אידעאַל. די פאַראייניקטע פּאַרטיי באַטראַכט זיך פאַר דעם פּיאָנער פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג. דער הויפּט־ציל איז ביי איר דער ציוניזם. דער סאָציאַליזם איז פאַר איר אַ נעבן־זאַך. דער אָנטייל אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט פאַר דער פאַראייניקטער פּאַרטיי אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג, ווי איר מיט־אַרבעט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פאַרן פּרייז פון דער פאַראייניקונג האָבן די געוועזענע פּועלי־ציון זיך אָפּגעזאָגט אַפילו פון דעם עיקרדיקן סאָציאַליסטישן פּרינציפּ, פון וועלכן זיי האָבן פּראַקטיש שוין לאַנג נישט געהאַלטן, אָבער פון מליצה־וועגן פלעגן זיי אים דאָך פון צייט צו צייט דערמאָנען: דער באַגריף און דאָס וואָרט „קלאַסן־קאַמף" ווערן אפילו נישט דערמאָנט אין דעם פּראָגראַם פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי.

די גרינדער פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון דעם אומבאַקוועמען פאַר זיי ענטפער אויף דער פראַגע, ווי איז זייער באַציאונג

צו די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין און אַרום פּאַלעסטינע. זיי זענען יוצא מיט איין גאַרנישט־זאָגנדיקן זאַץ, אַז די נייע פּאַרטיי „פירט אָן דעם פּאָליטישן קאַמף פון דער נאַציע און פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל״. די צוזאַמענשטעלער פון דעם פּראָגראַם מיידן בכלל אויס צו באַרירן די פראַגע וועגן דעם קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר זיין מאַכט. זיי שטעלן זיך אינגאַנצן נישט אָפּ אויף דעם פּראָבלעם וועגן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור און פאַרשווייגן זייער שטעלונג צום ענגלישן אימפּעריאַליזם. דאָס דאָזיקע בכיוונדיקע שווייגן רעדט אָבער גאָר אַ סך. די פאַראייניקטע פּאַרטיי באַהאַלט זיך אָן באַוואָרענישן אונטער דעם שוץ־מאַנטל פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און איז גרייט צו שטאַרקן זיינע מאַכט־פּאָזיציעס אין און אַרום פּאַלעסטינע.

די נייע פּאַרטיי מאַכט שלום מיט די פאַראַנענע אין לאַנד פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. פון דעם קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם זענען געבליבן אין דער פאַראייניקונגס־פּלאַטפאָרם בלויז שוואַכע שפּורן. די נייע פּאַרטיי שטרעבט צוצופּאַסן זיך צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע. זי וויל שוין אַכט לייגן אויף דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די לוין־אַרבעטער. בלית ברירה מוזן די אַמאָליקע אוטאָפּיסטן זיך מודה זיין, אַז די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון און אַרבעטער־קאָלאָניעס וועלן נישט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס רייסט זיך סטיכיש אַריין אין פּאַלעסטינע. זיי זאָגן, אַז זיי סאָלידאַריזירן זיך מיט דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס אין דעם קאַמף פאַר דער אַריבערפירונג פון די נאַטור־אוצרות און פּראָדוקציע־מיטלען אין רשות פון דעם אַרבעטער־כלל, זיי האָבן אָבער מורא אַפילו צו דערמאָנען, אַז איינציק און אַליין אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג וועט קאָנען צונעמען דאָס געזעלשאַפטלעכע רייכטום פון די בורזשואַזע הענט און עס איבערגעבן אין רשות פון דעם אַרבעטער־פאָלק. מיט ביידע פיס, פּונקט ווי דער גאַנצער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וועט די פאַראיי־ניקטע פּאַרטיי שטיין אויפן באָדן פון קאַפּיטאַליזם.

די פאַראייניקונג פון „אחדות־העבודה״ און „הפועל־הצעיר״ באַדייט אַ שטאַרקונג פון דעם גאַנצן אָפּאָרטוניסטישן לאַגער אין פּאַלעסטינע. נאָך חוצפה־דיקער וועט ווערן די אויפפירונג פון די רעכטע הערשער אין דער „הסתדרות״, נאָך הפקרדיקער זייער באַלעבאַטישקייט דאָרטן, און דער קאַמף מצד דער פאַר־אייניקטער רעכטער פּאַרטיי קעגן דער רעוואָלוציאָנערער פּועלי־ציון־פּאַרטיי וועט ווערן נאָך שאַרפער. פון דער צווייטער זייט, שאַפט אָבער די דאָזיקע פאַראייניקונג אַ פּאָליטיש ריינעם טיש: עס וועלן שטיין פּנים אל פּנים די פּאַרטיי פון אָפּאָרטוניזם און די פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן פּועלי־ציוניזם. דאָס וועט זיכער שטויסן די לינק־געשטימטע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון „אחדות־העבודה״ זיך צו דערנענטערן צו די פּועלי־ציון. עס מוז דרינגענד קומען מצד

דער גאַנצער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג הילף פאַר אונדזער אַוואַנגאַרד אין פּאַלעסטינע, כדי פאַרהיטן אים פון דעם פאַרשטאַרקטן אָרגאַניזאַציאָנעלן דרוק מצד דער פאַראייניקטער רעכטער פּאַרטיי, און כדי געבן אונדזערע פּאַלעסטינער חברים די מעגלעכקייט אויסצונוצן די איצט געשאַפענע פּאָליטישע גינסטיקע פאַר אונדז סיטואַציע אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

„אחדות־העבודה" און „הפּועל־הצעיר" זענען שטענדיק געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן ביטול צו דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט; זיי איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו באַטראַכטן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט פאַרן שליח פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס פון גאָר דער וועלט, וואָס האָט אַ פליכט צו העלפן ביים אויפבוי פון די יידישע אַרבעטער־פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע און האָט אָבער גלייכצייטיק דאָס רעכט צו באַשטימען די פּאָליטיק פון זיין אַוואַנגאַרד אין לאַנד. פאַר די דאָזיקע פּאַרטייען זענען די יידישע מאַסן־ישובים אין גאָר דער וועלט וויכטיק בלויז אין דער מאָס, אויף וויפל זיי קאָנען צו נוץ קומען ביים זאַמלען געלט און ביים שאַפן מענטשן־רעזערוון פאַר פּאַלעסטינע.

דער דאָזיקער פּאַלעסטינע־צענטריזם פון די ביידע פּאַרטייען איז אויך איצט געקומען צום אויסדרוק ביי דער פאַראייניקונג. „אחדות־העבודה" געהערט צו דעם וועלט־פאַרבאַנד פון די רעכטע פּועלי־ציון. דאַקעגן, „הפּועל־הצעיר" — צו דעם וועלט־פאַרבאַנד „התאחדות". יעדער וועלט־פאַרבאַנד האָט זיינע העכסטע וועלט־אינסטאַנצן: דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ און די וועלט־קאָנפערענץ. אָבער „אחדות־העבודה" און „הפּועל־הצעיר" האָבן איבער די קעפּ פון זייערע פּאַרטייען אין חוץ־לארץ און פון זייערע וועלט־פאַרבאַנדן באַשלאָסן צו פאַראייניקן אויך אַלע זייערע ברודער־פּאַרטייען אין גאָר דער וועלט. במשך פון איין יאָר צייט דאַרפן אויך די רעכטע פּועלי־ציון אין פּוילן זיך פאַראייניקן מיט „התאחדות"!...

מיר קאָנען זיין בלויז צופרידן, וואָס ענדלעך וועט נעמען אַ סוף צו דער אומווירדיקער קאָמעדיע, ווען אַ גאַנצע ריכטונג — אמת, פּאָליטיש אַ נישטיקע — שענדעט מיט איר פּאָליטיק דעם נאָמען און די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע פון פּועלי־ציון; איצט וועלן די רעכטע פּועלי־ציון צוזאַמען מיט „התאחדות" זיצן אין יידישן „קאָלאָ" אין סיים און אָפן אונטערשטיצן די פּאָליטיק פון די יידישע בורזשואַזע סיים־פּאַרשטייער. פאַראייניקט מיט „התאחדות", וועלן די רעכטע פּועלי־ציון מער נישט קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי איז טייער די יידיש־וועלטלעכע שול: זיי וועלן שוין מוזן אָפן אַרבעטן אין דער רעאַקציאָנערער העברעיסטישער „תרבות"־באַוועגונג.

די ווינציקע יוגנטלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין דער צעירי־ציוניסטישער „פרייהייט", דאַרפן זיך קלאָר פאַרשטעלן די דאָזיקע נאָענטע פּערספּעקטיוו. זיי וועלן זיך זיכער דערשרעקן פאַרן געדאַנק, אַז אינגיכן וועט זיי אויסקומען מיטצומאַכן די דאָזיקע גאַנצע פאַראייניקונגס־שפּיל. זיי דאַרפן זיך

נישט לאָזן פאַרדרייען די קעפּ, ווען די פירער פון „פרייהייט" וועלן זיי טרייסטן, אַז די פאַראייניקונג מיט „התאחדות" וועט זיך לאָזן אָפּשטופּן אויף אַ געוויסע צייט. פונקט ווי „אחדות־העבודה" האָט בשעתו געצוווּנגען די רעכטע פועלי־ציון זיך אונטערצוגעבן די צעירי־ציון, פונקט אַזוי וועט איצט די פאַראייניקטע ארץ־ישראלדיקע פּאַרטיי מיט אַן אייזערנער האַנט דורכפירן די פאַראייניקונג פון די רעכטע פועלי־ציון מיט „התאחדות". פאַר די יוגנטלעכע פּראָלעטאַריער, אין וועמענס נשמה עס לעבט כאָטש אַ פונק פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, פון פועלי־ציוניזם, איז פאַראַן בלויז איין רעטונג פון דעם צעירי־ציוניסטישן „פרייהייט"־זומפּ: אַריין אין די רייען פון דעם פועלי־ציוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד!

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, יולי 1929

די ירידה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

(נאָכן 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס)

אין די יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה האָט זיך פּאַלעסטינע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען מיט אַ גיכן טעמפּ און ברייטן פאַרנעם. עס איז געקומען די ערשטע כוואַליע פון אַ גרויסער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע. אין לאַנד זענען אויסגעוואַקסן באַדייטנדע אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. דאָס יידישע בירגערטום האָט דערזען פאַר זיך די נאָענטע ממשותדיקע מעגלעכקייט צו שאַפן אין ארץ־ישראל די קאַפּיטאַליסטישע נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן בעל־הבית. די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אָבער נישט געווען דערוואַקסן פינאַנסיעל און אָרגאַניזאַטאָריש, כדי אָנצופירן מיטן קאַפּיטאַליסטישן אויפבוי פון פּאַלעסטינע. דאָס באַוווּסטזיין פון אייגענער פינאַנסיעלער שוואַכקייט האָט געצוווּנגען דאָס יידישע מיטל־ און קליינבירגערטום, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו זוכן אין די רייען פון דעם אַמעריקאַנער און מערב־אייראָפּעישן יידישן גרויס־בירגערטום אַ שותף צו דער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע.

פיר יאָר צייט האָבן געדויערט די אונטערהאַנדלונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט די יידישע געלט־מאַגנאַטן פון אַמעריקע וועגן זייער אָנטייל אין דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינע. פאַרן פּרייז פון די נייטיקע קאַפּיטאַלן האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דערקלערט איר גרייטקייט צו טיילן מיטן הייפל גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן איר השפּעה אויפן יידישן קאָלאָניזאַציע־וועזן אין פּאַלע־סטינע. דער לעצטער 16טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך דער עיקר באַשעפ־

טיקט מיט דעם פּלאַן וועגן אַריינגעמען די פאָרשטייער פון דעם נישט־ציוניסטישן יידישן בירגערטום אין דער אַזוי גערופענער „יידישער אַגענץ״, וואָס דאַרף דורך דער ענגלישער רעגירונג אָנערקענט ווערן אַלס אָפיציעלע פאָרשטייער־שאַפט פון יידישן פאָלק און זי, די אַגענץ, דאַרף דאָס בויען די „נאַציאָנאַלע היים״ אין פּאַלעסטינע.

דריי צענדליק יאָר נאָכאַנאַנד האָט די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג פאַרשלייערט איר בירגערלעכן קלאַסן־כאַראַקטער מיטן מאַנטל פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס פאַראייניקט כלומרשט אַלע קלאַסן פונעם יידישן פאָלק פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אייגנטלעך דעם אַלוועלט־לעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן די ציוניסטן געפּרווט דערהייבן שיער נישט צו אַ יידישן וועלט־פּאַרלאַמענט. פאַקטיש איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס, צו וועלכן עס האָט געהאַט וואַל־רעכט יעדער איינער, וואָס האָט אָפּגעצאָלט דעם מיטגלידס־אָפּצאָל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע (אויסגעקויפט דעם אַזוי גערופענעם שקל), איז געווען די אויבערשטע געזעצ־געבנדע און קאָנטראָלירנדע אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער קאָנגרעס פלעגט אויסקלייבן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, דעם העכסטן אָנפירנדן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער עקזעקוטיווע איז געווען די אָנפירונג מיט דער ציוניסטישער קאָלאָני־זאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע. אַ דאַנק דעם דאָזיקן דעמאָקראַטישן בוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן די מאַסן פון יידישן קליין־ און מיטל־בירגערטום, וועלכע בילדן דעם גרויסן רוב מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיך געטרייסט מיט דער אילוזיע פון אַ יידישער מלוכה אונטער־וועגס. בפרט די פאַרשידענע צעירי־ציוניסטישע ריכטונגען האָבן געגאַרט זיך און זייערע אָנהענגער מיט דער האָפענונג — אויפן וועג פון דעמאָקראַטישע וואַלן צו דעראָבערן אַ מערהייט אויפן קאָנגרעס, אויסקלייבן דאַן אַן אַרבעטער־עקזע־קוטיווע, כדי זיך נעמען צום אויפבוי פון סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל.

ביז איצט פלעגט איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן פון ציוניסטישן קאָנגרעס זיין די באַהאַנדלונג און באַשטעטיקונג פון ציוניסטישן בודזשעט און קאָלאָ־ניזאַציע־פּלאַן אין פּאַלעסטינע. אָבער היי־יאָר גייט שוין איבער די אָנפירונג פונעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין רשות פונעם עקזעקוטיוו פון דער אַגענץ.

דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט ענדגילטיק באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך מיט די נישט־ציוניסטישע גרויס־קאַפּיטאַליסטן וועגן פאַרברייטערן די יידישע אַגענץ און האָט מוותר געווען אויפן דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די נישט־ציוניסטישע העלפט מיטגלידער פונעם אַגענץ־ראַט איז געוואָרן אויסגעקליבן אויף אַזאַ מין אופן, וואָס איז

דער גרעסטער חוזק פון וואָל־דעמאָקראַטיע. זיי רעפּרעזענטירן בלויז די אויבערשטע רייכסטע קרייזן פון דער ידישער בורזשואַזיע. אמת, דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, אַז יעדע צוויי יאָר זאָלן פאָרקומען נייע וואַלן פון די אַגענץ־מיטגלידער און דערביי דאַרפן דאָס זיין וואַלן אויף דעמאָקראַטישע יסודות. דער דאָזיקער באַשלוס וועט בלייבן בלויז אַ פרומער ווונטש, ווייל לויט אַן אַנדערן באַשלוס פון דעם זעלבן קאָנגרעס קאָן מען מאַכן וועלכע עס איז ענדע־רונגען אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער אַגענץ בלויז מיט אַ מערהייט פון צוויי דריטל שטימען פון אַגענץ־ראַט. נאָר נאַיווע מענטשן קאָנען זיך טרייסטן מיט דער האָפענונג אַז די פאָרשטייער פון דער גרויס־בורזשואַזיע וועלן פריי־וויליק איינגיין אויף אַ דעמאָקראַטישן וואַל־מאָדוס.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַזוי אַרום פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן און האָט אַליין צוגענומען ביי זיך יעדע מעגלעכקייט זיך צוריקצוציען פון דעם דאָזיקן געשעפט מיט די נישט־ציוניסטן. די פאַרברייטערטע אַגענץ קאָן זיך אויפלייזן בלויז אויפן יסוד פון באַשלוס פון אַגענץ־פּלענום, אויב עס ווערט אָנגענומען מיט אַ מערהייט פון צוויי דריטל שטימען, ד. ה. אַז קודם כל דאַרפן די נישט־ציוניסטן מסכים זיין און אַרויסלאָזן די ציוניסטן פון עסק.

אויפן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך געלאָזט הערן די שטים פון דעם בורזשואַזן תקיף, וואָס זאָגט שוין אָן אָפן דער אַרבעטערשאַפט אַ קאַמף. דער פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן איז שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן „צופיל עקספּערימענטן מיט די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס", קעגן „קבוצות־שפּיל". דער קאָנגרעס האָט אָפּגעשאַפט די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער קופּת־חולים. פון דער אַרבעטער קראַנקן־קאַסע אין פּאַלעסטינע, און האָט אונטער־געוואָרפן די קופּת־חולים דער לייטונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. די רעכטע פּועלי־ציון האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז אין סטאַטוס פון דער אַגענץ זאָל ווערן גאַראַנטירט פאַר די קאָלאָניסטן די פרייהייט אויסצוקלייבן זיך די אינדיווידועלע אָדער קאָלעקטיווע קאָלאָניזאַציע־פאָרעם. די „התאחדות" האָבן ווידער פאָרגעלייגט, אַז די אַגענץ זאָל אין דער ערשטער ריי קרעדיטירן די באָדן־קניות פון נאַציאָנאַל־פאָנד און נישט דעם באָדן־איינקויף פון די פּריוואַטע געזעלשאַפטן. דער קאָנגרעס האָט אָפּגעוואָרפן ביידע פאָרשלאָגן און האָט זיך דורך דעם אַרויסגעזאָגט אַלס קעגנער פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות און אַלס אָנהענגער פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. דער ציוניסטישער בירגער האָט שוין פאַר איבעריק זיינע אַמאָליקע סימפּאַטיע־אויסדרוקן פאַר די סאָציאַלע אויפטוען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־שאַפט. דאַקעגן האָט זיך דער קאָנגרעס גערן אונטערגעוואָרפן דעם ווילן פון דער ציוניסטישער אָרטאָדאָקסיע — פון „מזרחי" און האָט באַשלאָסן, אַז די אַגענץ דאַרף באַפרידיקן אויך די רעליגיעזע הצטרכותן פונעם ארץ־ישראלדיקן ישוב.

דער 16טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געוואָלט קומען צו דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער פאַרברייטערטער ידישער אַגענץ מיט אַן אָפענעם בורזשואַז־קלעריקאַלן פרצוף און ער האָט דאָס קאָנסעקווענט דורכגעפירט.

אויף דער ערשטער סעסיע פון דער פאַרברייטערטער אַגענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען גלייך נאָכן שלוס פונעם 16טן קאָנגרעס, האָט מען געהערט קלאָרע אומצווײדייטיקע דבורים פון דעם נייעם שותף פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע. אַ מיטגליד פון דער עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס האָט פאַראַיאָרן אויסגע־פאָרשט פּאַלעסטינע אין שליחות פון די אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַליסטן און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער ד״ר פרענקעל, האָט בפירוש דער־קלערט: „מיר האָבן נישט בדעה צו טרייבן אין ארץ־ישראל פילאַנטראָפּיע. מיר ווילן איינפירן אין דער אויפבוי־אַרבעט געשעפטס־מעטאָדן... דעריבער איז אויך נייטיק צו שאַפן אַ פינאַנס־קאָאָפּעראַציע (אַ באַנק), וואָס איר גרונט־קאַפּיטאַל זאָל זיין אַן ערך 10—15 מיליאָן דאָלאַר. די דאָזיקע מיטלען דאַרפן דערמעגלעכן צו קאַפּיטאַליזירן ארץ־ישראל בלויז אויף דער געשעפטס־באַזע"...

אַ צווייטער קאָרפּנקאָפּ פון די ידישע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, פעליקס וואַרבורג, גיט צו, אַז דער פינאַנס־אינסטיטוט פון דער אַגענץ „דאַרף זאָרגן צו טאָן דאָס בעסטע לטובת די אַקציע־באַזיצער". מיר זעען, אַלזאָ, אַז דאָס ידישע בירגערטום אונטער דער אָנפירונג פון דער ידישער גרויס־בורזשואַזיע שאַפט איצט אַ מעכטיקן אַפּאַראַט פאַר דער פאַרגיכערטער און פאַרברייטערטער קאַפּי־טאַליסטישער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע. די קאַפּיטאַליסטישע אויפבוי־אַרבעט וועט גלייכצייטיק שטיין אין צייכן פון פאַרשאַרפטן בורזשואַזן אָנגריף אויף די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל.

פּאָליטיש, גייט די אַגענץ אין די דרכים פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. זי פאַרבינדט זיך אויף טויט און לעבן מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם — הגם ער לייגט איר אַזוי פיל שטיינער אויפן וועג פון פּאַלעסטינעס אַנטוויקלונג. די ידישע בורזשואַזיע לעבט אָבער מיט דער האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף, וועט איר דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אויך צוואַרפן אַ ביינדל און דערפאַר דינט זי אים דערוויל, ווי אַ געטרייער הונט. ס'וואָלט געווען דורכויס פאַלש צו מיינען, אַז די ידישע בורזשואַזיע וועט איצט וואַגן אַפילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן ענדערן איר קנעכטישע פּאָליטיק בנוגע דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. אדרבא, דער אַגענץ־ראַט האָט שוין אין זיין פּאָליטישער רעזאָלוציע געדאַנקט גרויס־בריטאַניע פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די מאַנדאַט־מאַכט וועט צוזאַמענאַרבעטן מיט דער ידישער אַגענץ, און האָט אויפגעפאָדערט די ענגלישע רעגירונג אָנצונעמען מיטלען פאַר דער אונטערשטיצונג פונעם וווּקס פון דער ידישער נאַציאָנאַלער היים.

אָבער די ענגלישע רעגירונג איילט זיך נישט. זי איז גרייט צו אָנערקענען

די יידישע אַגענץ, ערשט נאָכדעם, ווי זי וועט זיך באַקענען מיט דער קאָנסטיטו־ציע און אָרגאַניזאַציע פון דער אַגענץ און וועט ערשט דעמאָלט געבן איר הסכמה צום אַגענץ־סטאַטוט. דער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע־אינסטרו־מענט פונעם יידישן בירגערטום, די יידישע אַגענץ, בלייבט אַלזאָ גלייכצייטיק אַ פּאָליטיש ווערקצייג אין די הענט פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

די קאָמישסטע און טרויעריקסטע ראָל אויף דעם לעצטן קאָנגרעס און אויף דער אַגענץ־סעסיע האָבן געשפּילט די כלומרשטע אַרבעטער־פאַרשטייער, די רעכטע פּועלי־ציון און „התאחדות". די דאָזיקע צעירי־ציוניסטישע סאָציאַ־ליסטן האָבן מיטגעהאָלפן איבערצוגעבן דעם גורל פון דעם ציוניסטישן קאָלאָני־זאַציע־ווערק אין רשות פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע. שטילשווייגנדיק האָבן זיי צוגעזען, וויאַזוי די בירגערלעכע מערהייט פון קאָנגרעס האָט אָפּגעוואָרפן זייערע אויסבעסערונגען צום אַגענץ־סטאַטוט, עס האָט זיי אַפילו קיין מוט נישט געקלעקט צו שטעלן וועלכע עס איז אולטימאַטיווע פאָדערונגען. מיט פרייד האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין דער מערגלעכקייט צו שאַפן אַ ציוניסטישע עקזע־קוטיווע בשותפות מיט די בירגערלעכע און קלעריקאַלע ציוניסטן. אויף דער אַגענץ־סעסיע האָבן זיי זיך געמאַכט לעכערלעך, וואָרענענדיק פאַר באַדן־ספּעקו־לאַציע אין פּאַלעסטינע. פאַרן פרייז פון צווייפלהאַפטע געווינסן ווילן די רעכטע פּועלי־ציון און „התאחדות" איינשפּאַנען די יידישע אַרבעטערשאַפט אין דער יידישער אַגענץ. לויטן ביישפּיל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון גאָר דער וועלט, ווילן אויך די יידישע מיטגלידער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווערן די געטרייסטע שטיצע פון דעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם אין פּאַלעסטינע און דערפאַר פאַלט אויף דער רעוואָלוציאָנערער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע און אין גאָר דער וועלט די דרינגענדיקע פליכט צו אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער־פראָנט קעגן דעם פאַרשטאַרקטן בורזשואַזן אָנגריף אין און אַרום פּאַלעסטינע.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, סעפּטעמבער 1929

דער בלאָק פון אָפּאָרטוניזם און אַרבעטער־פּאַראַט

ביי די בונדישע פירער איז שמחה וששון. ענדלעך איז פאַרווירקלעכט געוואָרן זייער אַלטער פאַרלאַנג: צו שליסן דעם פאָרמעלן שידוך מיט דער פּ.פּ.ס. איצט איז שוין צווישן די דאָזיקע צוויי אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטייען געחתמעט געוואָרן דער אָפּמאַך וועגן כסדרדיקער פּאָליטישער צוזאַמענאַרבעט.

נאָך דער געמיינזאַמער פירונג פון דער פּ.פּ.ס.ישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע

„טור" און דער בונדישער „צוקונפט", איז געקומען די ריי אויך אויף אַ בשות־פותדיקן מיטינג פון פּ.פּ.ס. און „בונד" אין וואַרשע. איצט האָבן די צענטראַל־קאָמיטעטן פון פּ.פּ.ס. און „בונד" באַשלאָסן צוזאַמענצואַרבעטן אויפן שטח פון דער גאַנצער פּוילישער רעפּובליק.

דער דאָזיקער בלאָק פון די פאַררעטערישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן קלויבט זיך כלומרשט צו פירן די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף קעגן דער הערשאַפט פון דער „סאַנאַציע". אַזוי טרומייטערן אָן אויפהער די פירער פון פּ.פּ.ס. און „בונד". אָבער דאָס זענען נישט מער ווי פּוסטע און צביעותדיקע ווערטער.

וויאַזוי ס'זעט אויס דער „קאַמף" פון דער פּ.פּ.ס. — איז דאָך יעדן גוט באַקאַנט. אין פאַרלויף פון עלף יאָר, זינט עס עקזיסטירט די אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, איז די פּ.פּ.ס. צו יעדער צייט געווען גרייט צו שיצן די בורזשואַזע הערשער אין פּוילן, ווען עס איז נאָר געווען באַדראָט די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע מאַכט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן. פאַרן פּרייז פון דער מינדסטער הנחה איז פּ.פּ.ס. שטענדיק געווען גרייט צו שטיצן יעדע בורזשואַזע רעגירונג. מיטן אויסרייד פון שיצן דאָס פאָטערלאַנד אָדער די דעמאָקראַטיע האָט זיך פּ.פּ.ס. באַטייליקט אין קאָאַליציע־רעגירונגען צוזאַמען מיט אַלע רעכטע פּוילישע פּאַרטייען, מיט די ענדעקעס און „פּיאַסט", די פאַרשטייער פון די קאַפּיטאַליסטן, פּריצים און רייכע פּויערים.

גלייך נאָך דער איבערקערעניש פון מאַי 1926 האָט די פּ.פּ.ס. געהאָפט צו ווערן אַ נאָענטער פאַרבינדעטער פון דער סאַנאַציע. די סאַנאַציע האָט אָבער נישט געוואָלט דולדן נעבן זיך קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע זאָל אויפ־האַלטן כאָטש אַ שיין פון זעלבשטענדיקייט. די סאַנאַציע האָט געפאָדערט פון דער פּ.פּ.ס. צו שטעלן זיך אין איר דינסט אָפן און אָן שום באַדינגונגען. דער פּ.פּ.ס. איז געגאַנגען אין לעבן, אַז די סאַנאַציע זאָל פאָרמעל אָפּהיטן דעם שיין פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, כדי צו באַהאַלטן פון די מאַסן דעם אמתן מהות פון דעם סאַנאַציע־רעזשים. די פּ.פּ.ס. האָט גלייכצייטיק געפאָ־דערט פון דער סאַנאַציע אַ געוויסע פּאָליטישע באַלוינונג פאַר איר אונטער־שטיצונג און דינסט. די סאַנאַציע איז דערויף נישט איינגעגאַנגען. זי האָט באַשלאָסן פון אינעווייניק צו שפּאַלטן די פּ.פּ.ס. און שאַפן פאַר זיך, אין דער געשטאַלט פון די „פּראַקעס", אירע אָפענע פאַשיסטישע מיטהעלפער אין דעם אַרבעטער־לאַגער. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, האָט די פּ.פּ.ס. אָנגע־הויבן צו רעדן שאַרפערע דיבורים. זי האָט אָנגעהויבן דראָען דער סאַנאַציע מיט פאָלקס־צאָרן, מיט דעם קאַמף פון די פאַרביטערטע און אָנטוישטע אַרבע־טער־ און פאָלקס־מאַסן. דער דאָזיקער אָפּאָזיציאָנעלער אָנשטעל איז געווען נייטיק די פּ.פּ.ס.־ישע פירער, כדי איינצוהאַלטן אונטער זייער השפעה די אויס־

געניכטערטע אַרבעטער־מאַסן. הינטן אַרום האָט אָבער די פּ.פּ.ס. כּסדר געזוכט אַ וועג צו פאַרשטענדיקן זיך מיט דער סאַנאַציע. נאָך אין חודש יוני היי־יאָר האָט דער פּ.פּ.ס.־ישער פירער, דער סיים־מאַרשאַלעק דאַשינסקי פאַרגעלייגט פּילסודסקין צו שאַפן אין סיים אַ רעגירונגס־מערהייט פון דער סאַנאַציע בשותפות מיט דער פּ.פּ.ס. און די פּויערים־פּאַרטייען. דער פּ.פּ.ס.־ישער פאַרשלאַג איז אָבער ווידער אָפּגעוואָרפן געוואָרן. מיט האַרץ־ווייטיק זענען די פּ.פּ.ס.־ישע פירער גע־צוווּנגען ווייטער צו פירן די שפּיל אין אָפּאָזיציע. אָבער אין דער זעלביקער צייט, ווען זיי דעקלאַמירן אַזוי וועגן אַנטשיידענעם קאַמף מיט דער סאַנאַציע, האַלטן זיי ווייטער אין איין פאַרזיכערן, אַז זייער גרעסטע זאָרג איז צו „פאַר־היטן דאָס לאַנד פון אויפטרייסלונגען", און אַז זיי וועלן פירן זייער קאַמף נאָר אויפן באָדן פון סיים. דאָס הייסט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון יעדן מאַסן־קאַמף, הגם זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער איצטיקער רעזשים קאָן נישט אַראָפּגעוואָרפן ווערן דורכן הייבן די הענט אין סיים.

און אַזוי ווי דער איינציקער קאַמף וואָס די פּ.פּ.ס. וויל פירן, איז נאָר דער קאַמף אין סיים, ממילא זוכט זי פאַרבינדעטע אין סיים. און דאָ באַקומט זיך אַזאַ שפּיל: אין דער זעלבער צייט, ווען די פּ.פּ.ס. שטרעקט אויס איין האַנט צום „בונד" — שטרעקט זי אויס די צווייטע האַנט צו אַזעלכע אָפן־רעאַקציאָנערע פּאַרטייען ווי די כאַדעקעס און „פּיאַסט". צוזאַמען מיטן „בונד" און די דייטשע סאָציאַליסטן וויל די פּ.פּ.ס. שאַפן דעם כלומרשטן „איינהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט", און צוזאַמען מיט „וויזוואָלעניע", כאַדעקעס, נ.פּ.ר. און „פּיאַסט" שאַפט זי דעם אַזוי־גערופענעם „צענטראָלעוו" (דאָס הייסט: צענטראָ־לינקן בלאָק). עס באַקומט זיך אַזוי אַרום אַ פּאָליטישער בלאָק — פון „בונד" ביז „פּיאַסט"...

צוזאַמען מיט די אַנטיסעמיטישע און רעאַקציאָנערע פּאַרטייען נ.פּ.ר. און „פּיאַסט" איז די פּ.פּ.ס. אויך איצט גרייט צו אַ קאָאַליציע־רעגירונג (ווי אין יאָר 1926), אויב דאָס וואָלט נאָר געווען מעגלעך. דער בלאָק מיטן „בונד" און מיט דער דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי איז פאַר דער פּ.פּ.ס. בלויז אַ מיטל אויסצואיבן אַ געוויסן דרוק אויף דער סאַנאַציע, אין דער האָפענונג ווייכער צו מאַכן די שטיינערנע הערצער פון די סאַנאַציע־הערשער, וועלכע פאָדערן פון דער פּ.פּ.ס. אַ קאַפּיטולאַציע אָן שום באַדינגונגען. מיט דעם דאָזיקן בלאָק וויל זיך די פּ.פּ.ס. אויך אַסעקורירן פאַר אַ מפּלה אויפן פאַל פון נייע סיים־וואַלן.

פרעמד איז דער פּ.פּ.ס. וועלכע עס איז ערנסטע זאָרג פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. פּ.פּ.ס. שטייט שטענדיק אויפן שטאַנדפּונקט פון הונדערט־פּראָצענטיקן „פּאַטריאָטיזם". אויך איצט, ווען זי שליסט אַ בלאָק מיטן „בונד" און מיט דער דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי, זאָגט זיך די פּ.פּ.ס. שאַרף אַרויס קעגן די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע מאַסן און זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ צו אָנער־

קענען זייער רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. די פירער פון פּ.פּ.ס. דערקלערן אָפן, אַז זיי האָבן נאָך נישט קיין שום פּראָגראַם פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן; זיי זאָגן בלויז צו, אַז אַזאַ פּראָגראַם וועט זיך שוין אויסאַרבעטן אין גאַנג פון זייער „פּראַקטישער צוזאַמענאַרבעט" מיטן „בונד" און מיט דער דייטשער אַרבעטס־פּאַרטיי.

פּ.פּ.ס. איז זיך אַליין מודה, אַז זי זאָגט דערווייל נישט צו גאָרנישט ממשותדיקס די יידישע אַרבעטער, וועלכע דער „בונד" וויל איר העלפן איינ־שפּאַנען אין אָפּאָרטוניסטישן וואָגן. די יידישע אַרבעטער וועלן זיך אָבער נישט פאַרלאָזן אויף דער פּ.פּ.ס.ישער „פּראַקטיק" בנוגע זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונ־גען. איז דאָך יעדן יידישן אַרבעטער גוט באַקאַנט ווי פיינטלעך, אָפּט, פּשוט, אַנטיסעמיטיש איז די באַציאונג פון פּ.פּ.ס. צו דעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פאַר זייערע רעכט. גענוג בלויז צו דערמאָנען די שענדלעכע שטעלונג פון פּ.פּ.ס. בנוגע דעם יידישן וועלטלעכן שול־וועזן. אַפילו די בונדישע מיטגלידער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע האָבן ערשט נישט לאַנג געמוזט שטימען פאַר אַ רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט שאַרף די נעגאַטיווע באַציאונג פון די פּ.פּ.ס. צו דער פאָדערונג פון אַ מלוכה־שול מיט דער יידישער אונטעררכטס־שפּראַך.

דאָס, וואָס דער פירער פון די פּ.פּ.ס. — ניעדזשאַלקאָווסקי האָט איצט דערקלערט אין „ראָבאָטניק", אַז מען דאַרף נישט פאָרמולירן קיין פּראָגראַם, נאָר מ'זאָל עס איבערלאָזן דער „פּראַקטיק" — נעמט זיך דערפון, וואָס די פּ.פּ.ס. וויל זיך אַרויסדרייען פון זאָגן אָפן און קלאָר, צי זי אָנערקענט יאָ, אָדער זי אָנערקענט נישט די פאָדערונגען פון די יידישע מאַסן. מיר זעען אַלזאָ, אַז בנוגע די פאָדערונגען פון די יידישע אַרבעטער וויל די פּ.פּ.ס. נישט נעמען אויף זיך קיין שום פאַרפליכטונגען. בנוגע די פאָדערונגען פון די אוקראַינישע און ווייס־רוסישע אַרבעטנדיקע מאַסן דערקלערט די פּ.פּ.ס. אָפן, אַז זי אָנערקענט נישט זייערע פאָדערונגען און האַלט, אַז מ'דאַרף זיי באַקעמפן. און אָט אויף דעם אַלעמען גיט דער „בונד" זיין הסכמה!

פאַרוואָס האָט זיך דער „בונד" איצט געוואָרפן מיט אַזאַ מין פרייד אין די אָרעמס פון פּ.פּ.ס.? ערשטנס, דערפאַר, ווייל פּאָליטיש איז נישטאָ קיין חילוק צווישן „בונד" און פּ.פּ.ס.,ביידע זענען זיי פאַרטייען פון סאָציאַלן פאַרראַט. נאָך דעם לעצטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער האָט אָנגעצייכנט פאַרן „בונד" דעם וועג צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, — איילן זיך די בונדישע פירער וואָס גיכער אָרגאַניזאַציאָנעל צונויפבינדן זייער פאַרטיי מיט דעם לאַגער פון קלאַסן־פּשרה און קלאַסן־פאַרראַט און וואָס שנעלער זי דערפירן צום אַריינטריט אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל — דער וועלט־פאַראייניקונג פון די סאָציאַל־פאַררעטערישע פאַרטייען.

צווייטנס, ווייסן די בונדישע פירער, אַז נאָר מיט דער הילף פון פּ.פּ.ס. קאָנען זיי נאָך איינהאַלטן דעם אַפּאַראַט פון דער פּראָפ. באַוועגונג. כאַפּן זיי אויף מיט צופרידנקייט די געלעגנהייט פון אַן ענגן בלאָק מיט דער פּ.פּ.ס., וואָס גיט דעם „בונד" די מעגלעכקייט צו ווערן די פיליע פון דער פּ.פּ.ס. אויף דער יידישער גאַס, און אַזוי אַרום זיך האַלטן מיטן כוח פון פּ.פּ.ס.

דריטנס, חלומען די בונדישע פירער, אַז מיטן גנאָד פון דער פּ.פּ.ס. וועלן זיי ענדלעך זוכה זיין צו אַ מאַנדאַט אין סיים. וואָרעם זיי ווייסן, אַז אויף די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן זיי שוין מער נישט וואָס צו האָפן, בפרט איצט, ווען זיי האָבן זיך אַזוי פאַרהאַסט געמאַכט מיט זייער שטעלונג צו די פּאַלעסטינער געשעענישן.

אָט דאָס זענען די סיבות, צוליב וועלכע דער „בונד" שפּאַנט זיך איצט אָפּן איין אין וואָגן פון דער פּ.פּ.ס. און ווערט אַזוי אַרום פּאַקטיש אַ טייל פון דעם בלאָק, וועלכער ציט זיך פון „בונד" ביז וויטאָסן.

דאַרף די באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער־יוגנט אַראָפּרייסן דעם שלייער פון די פּ.פּ.ס.יש־בונדישע חתן־כלה און ווייזן דער גאַנצער אַרבעטער־יוגנט זייער פאַררעטערישן פּרצוף. ס'דאַרף קלאָר ווערן פאַר יעדן יוגנטלעכן אַרבעטער, אַז נאָר דורך אַן אויסגעהאַלטענעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און אירע פּ.פּ.ס.יש־בונדישע משרתים וועט דער אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן קענען דעראָבערן זיין פרייהייט!

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, נאָוועמבער 1929

דער באַריכט פון דער ענגלישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע

מיט דריי חדשים צוריק האָבן מיר דערציילט וועגן דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע, וועלכע האָט אין שליחות פון דער ענגלישער רעגירונג געזאָלט אויספאָרשן די סיבות פון די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע. מיר האָבן דעמאָלט געשריבן:

„דער פּסק־דין פון דער קאָמיסיע איז נאָך נישט פאַרעפנטלעכט. זיין אינהאַלט איז אָבער געוועזן אָנגעצייכנט, איידער די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן צו פאָרשן די געשעענישן: ס'וועט הייסן, אַז שולדיק זענען די אַראַבער, אַלס די וועלכע האָבן געמאַכט די פּאָגראָמען, און אויך די יידן, אַלס די, וועלכע האָבן דערצו געבראַכט. ריין וועלן בלייבן סיי די לאָנדאָנער הערשער און סיי די פּאַלעס־טינער רעגירונג. און דעם אויספיר פון דער קאָמיסיע קאָן מען אויך לייכט טרעפן:

ס׳וועט הייסן, אַז ענגלאַנד מוז אָפּהיטן די „רו און אָרדענונג״ אין פּאַלעסטינע און דעריבער דאַרף מען נאָך פעסטער אַ דריק טאָן מיטן אימפּעריאַליסטישן שטיוול אויף דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע.

איצט האָט ענדלעך דער באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע דערזען די ליכטיקע שיין, און ס׳האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן פאָרויס־געזאָגט.

די קאָמיסיע איז געקומען צום אויספיר, אַז די אומרוען דעם 23סטן אויגוסט 1929 אין ירושלים האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דעם אָנפאַל פון אַראַבער אויף יידן. די טענות פון די אַראַבער, אַז די יידן האָבן פריער דערמאָרדעט אַן אַראַבער, האָבן זיך נישט באַשטעטיקט. די אומרוען האָבן פון ירושלים זיך אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע ערטער פון לאַנד און האָבן אָנגענומען די פאָרם פון אַ ברוטאַלן אָנפאַל פון אַראַבער אויף יידן.

די קאָמיסיע וויל אָבער פאַר קיין פאַל נישט אַנטפּלעקן די הויפּט־שולדיקע — די טייוולאָנישע הענט, וועלכע האָבן צוגעגרייט און געפירט די אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע מאַסן צו די שחיטות און רויב־אָנפאַלן. אמת, די געטרייע שליחים פון דער ענגלישער בורזשואַזיע, די מיטגלידער פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, איז נישט געלונגען אינגאַנצן ריינצוואַשן די אַראַבישע פּריצים און כלי־קודש, וועלכע זענען די וויכטיקסטע פאַרבינדעטע פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע. די קאָמיסיע שטעלט פעסט, אַז דער גרויס־מופטי, דער העכסטער מוסולמענישער גייסטלעכער אין פּאַלעסטינע, און פּערזאָנען, וואָס שטייען נאָענט צו אים, מוזן נעמען אויף זיך אַ טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אומרוען. פאַר דער קאָמיסיע איז נישט קיין ספק, אַז געוויסע מיטגלידער פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע (די העכסטע אָנפירונג פון דער פּריציש־קלעריקאַלער אַראַבישער באַוועגונג אין פּאַלעסטינע) האָבן געהעצט די אַראַבישע באַפעלקערונג קעגן די יידן... אָבער די קאָמיסע האַלט, אַז עס איז נישט דערוויזן געוואָרן, אַז די אַראַבישע עקזעקוטיווע האָט אָרגאַניזירט די אומרוען. אין די אינטערעסן פון דער ענגלישער פּאָליטיק איז נישט געוווּנטשן, אַז דער דאָזיקער בלוטיקער שאַנד־פלעק זאָל פאַלן אויף יענע קרייזן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע בילדן די הויפּט־שטיצע פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע. דערי־בער קומט די קאָמיסיע צום אויספיר, אַז קיינער פון די אַראַבער האָט די אומרוען נישט צוגעגרייט.

פאַרשטייט זיך, אַז די קאָמיסע האָט נישט געלאָזט פאַלן קיין שפּרינקעלע אויף דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע. די ענגלישע באַאַמטע, וואָס מיט זייער וויסן און שטילער ברכה זענען פאָרגעקומען די שוידערלעכע גוואַלד־טאַטן איבער דעם יידישן ישוב, שטעלט פאַר דער באַריכט פון דער קאָ־מיסיע ווי לויטער צדיקים. די קאָמיסיע באַפרייט די פּאַלעסטינער רעגירונג פון

יעדער שולד און זי זינגט אַ לויב־געזאַנג פאַר דער האַלטונג פון דער ענגלישער פּאָליציי בעת די אומרוען.

לויט דער שילדערונג פון דער קאָמיסיע האָט די בלוטיקע געשעענישן קיינער נישט אָרגאַניזירט. דאָס איז אַלזאָ אַ „סטיכישער אויסברוך פון אַראַבישן פאָלקס־צאָרן". קעגן וועמען? אויף דעם גיט די קאָמיסיע קודם כל פאָלגנדע תשובה: די אומרוען זענען נישט געווען געווענדעט קעגן דער ענגלישער מאַכט. דאָס מאָל איז דער ענטפער זיכער אַ ריכטיקער. די אַראַבישע אָנפאַלער האָבן טאָקע נישט געטשעפּעט די ענגלישע מאַכט. אַחוץ דעם האָט די קאָמיסיע געהאַט די מעגלעכ־קייט צו פאַרהערן אַ ריי אַראַבישע פירער, וועלכע האָבן אָפן דערקלערט זייער געטריישאַפט צו דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט מיטן באַדינג, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל באַפרידיקן די ווונטשן פון די אַראַבישע עפענדיס און כלי־קודש. די קאָמיסיע האָט אַלזאָ געהאַלטן פאַר נייטיק עפנטלעך צו באַפרייען דעם מופטי און די אַראַבישע עקזעקוטיווע פון יעדן חשד אין אַנטי־ענגלישע כוונות. דער דאָזיקער פונקט פון דעם באַריכט איז אַ הילכיקער פּאַטש אין פּנים דעם „בונד" און די „רויטע", וועלכע באַמיען זיך נאָך עד היום פאַרצושטעלן די בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט דורך די אַראַבישע עפענדיס און כלי־קודש, אַלס אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון די אַראַבישע מאַסן קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם...

לויט דעם אויספיר פון דער קאָמיסיע, איז די סיבה פון די אויגוסט־געשעע־נישן — די שנאה פון די אַראַבער צו די יידישע איינוואַנדערער צוליב דער שרעק פון די אַראַבער פאַר זייער עקאָנאָמישער צוקונפט. אמת, אַפילו די קאָמיסיע קאָן נישט לייקענען, אַז די יידישע איינוואַנדערונג ברענגט אַ גרויסן נוצן דעם לאַנד און אַז דערפון געניסט אויך די אַראַבישע באַפעלקערונג. אָבער די קאָמיסיע זוכט אויס כלערליי תירוצים, כדי צו באַרעכטיקן דעם האַס, וואָס די עפענדיס זייען צווישן די אַראַבישע מאַסן קעגן דער יידישער איינוואַנדערונג. די קאָמיסיע איז זיכער נישט געווען פאַראינטערעסירט פעסטצושטעלן, אַז די יידישע איינוואַנדע־רונג שטעלט אין געפאַר בלויז די אינטערעסן פון די עפענדיס און אַז די יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג דערגענטערט מיט אַ גיכן טעמפּאָ די סאָציאַלע דער־וואַכונג פון די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן. די קאָמיסיע איז פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטן די איינרעדענישן וועגן דעם כלומרשטן תהום צווישן די אינטערעסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג און די יידישע איינוואַנדערער, כדי אַזוי אַרום צו באַווייזן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט געבראַכט צו די אָנפאַלן פון די אַראַבער אויף דעם יידישן ישוב.

די פאָרשלאָגן, מיט וועלכע די קאָמיסיע קומט צו דער ענגלישער רעגירונג, האָבן אַלס צוועק מער צו פאַרפעסטיקן די אימפּעריאַליסטישע הערשאַפט איבער פּאַלעסטינע. די קאָמיסיע קומט צום אויספיר, אַז די געשעענישן האָבן באַוויזן,

אַז די יידן און אַראַבער זענען ווייניק פעיק צו צוזאַמענאַרבעט, און אַז די באַפעלקערונג איז נאָך פּאָליטיש נישט רייף צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד. הייסט עס, אַז די ענגלישע הערשער מוזן ווייטער רעגירן אין פּאַלעסטינע און אָפּהיטן מיט אַ פעסטער האַנט די „רו און אָרדענונג“ אין לאַנד. מיר זעען אַלזאָ, אַז די בלוטיקע געשעענישן האָבן בלויז געדינט פאַר דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אַלס גלענצנדער אַרגומענט פאַר זיין הערשאַפט איבער פּאַלעסטינע.

די קאָמיסיע האָט גלייכצייטיק זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באַגרענעצן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און פאַר „רעגולירן“ די יידישע אײַנוואַנדערונג, כדי „נישט צו דערלאָזן צו אַן איבערפלוס פון מענטשן“, דאָס הייסט, אַז מען דאַרף מאַכן נייע באַגרענעצונגען פאַר דער יידישער אײַנוואַנדערונג. דאָס איז נאָך איין באַווייז, ווי פאַלש און געפערלעך עס איז די פּאָליטיק פון די בירגערלעכע ציוניסטן און זייערע צעירי־ציוניסטישע נאָכשלעפּער, וועלכע פאַרבינדן זיך מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם און דערוואַרטן פון אים, אַז ער וועט העלפן שאַפן דעם יידישן צענטער אין פּאַלעסטינע.

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון אַ פּאָרזיצער, אַ הויכער באַאַמטער פון ענגלישן קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, און דריי דעפּוטאַטן, מיטגלידער פון די דריי ענגלישע פּאַרטייען — דער קאָנסערוואַטיווער, ליבעראַלער און אַרבעטער־פּאַרטיי. דער אַרבעטער־דעפּוטאַט סנעל האָט צוגעגעבן צום באַריכט אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען און באַוואָרענישן. ער ווייזט אָן, אַז די יידישע אײַנוואַנדערונג האָט פאַרגרעסערט די רייכטימער פון לאַנד און געהעכערט דעם אַלגעמיינעם לעבנס־שטייגער. זי האָט געשאַפן נייע געביטן פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. עס פּוסטעווען נאָך פיל לאַנד־שטחים. ער האַלט, אַז מ׳דאַרף פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער לאַנד־באַאַרבעטונג, ספּעציעל דורך קינסטלעכער באַוואַסערונג. ער זאָגט זיך אַרויס דערפאַר, אַז דער גאַנצער נישט־באַאַרבעטער באָדן זאָל איבערגעגעבן ווערן פאַר די יידישע אײַנוואַנדערער, מיטן אויסנאַם פון דעם טייל באָדן, וואָס איז נייטיק צו קאָלאָניזירן די ערדלאָזע פּאַלעסטינער אַראַבער. ער האַלט אַז אין פּאַלעסטינע זענען פאַראַן גאַנץ ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער ווייטערדיקער יידישער אײַנוואַנדערונג. דער אַרבעטער־דעפּוטאַט וואַרפט מער ווי די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אויפן מופטי און אויף דער אַראַבישער עקזעקוטיווע די שולד פאַר די בלוטיקע געשעענישן. אָבער אויך ער וואַגט נישט אויפצודעקן די צביעותדיקע פּאָליטיק פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און די שולד פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין די געשעענישן. אונדז וווּנדערט דאָס נישט. ער איז דאָך אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וועלכע שטייט איצט ביים רודער פון דער מאַכט אין ענגלאַנד און פירט דורך די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ענגלישער בורזשואַזיע סיי אין

אינדיע און סיי אין די איבעריקע קאָלאָניעס, בתוכם אויך אין פּאַלעסטינע. אומ־זיסט גלאָצן די רעכטע פּועלי־ציון מיט די אויגן צו זייער „חבר״ מאַקדאָנאַלד — די יידישע אַרבעטער האָבן פון די קעניגלעכע „סאָציאַליסטן״ גאָרנישט צו דער־וואַרטן.

דער באַריכט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסע באַווייזט באַשיימפּערלעך די גאַנצע צביעות און געמיינקייט פון דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק בנוגע פּאַלעסטינע און בנוגע דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג פון לאַנד. דער דאָזיקער שאַנד־דאָקומענט באַשטעטיקט, ווי ריכטיק ס׳איז דער גע־דאַנק, אַז דער איינציקער וועג צו דער לייזונג פון דעם פאַרוויקלטן יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם פירט נאָר דורך דער געמיינזאַמער אָרגאַניזירונג פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים און דורך זייער געמיינזאַמען קאַמף פאַר אַן אַרבעטער־ און פּויערים־מאַכט.

„די פרייע יוגנט״, וואַרשע, מאַי 1930

דער נייער שאַנד־דאָקומענט פון מאַקדאָנאַלדס רעגירונג

די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט קיין פּאַלעסטינע איר הויכן באַאַמטן סער סימפּסאָן, כדי ער זאָל כלומרשט אויספאָרשן די מעגלעכקייטן פון יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — בתוכם אויך די „דיפּלאָמאַטן״ פון דעם צעירי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד — האָבן זיך געאײלט פון פאָרויס אויסצודריקן זייער צוטרוי דעם שליח פון דעם ענגלישן אימפּעריא־ליזם. בעת דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער הענדערסאָן און דער קאָלאָניע־מיניסטער לאָרד פּאַספילד האָבן פייערלעך דערקלערט, אַז דער איינוואַנדערונגס־פאַרבאָט קיין פּאַלעסטינע איז בלויז אַ צייטווייליקע פאַראָרדענונג ביז דער פאַרעפנטלעכונג פון סימפּסאָנס באַריכט, האָבן די בירגערלעכע ציוניסטישע און צעירי־ציוניסטישע פּאָליטיקער אָנגענומען פאַר אַ גוטע מטבע די זיסע רייד פון די כיטרע אימפּעריאַליסטישע פוקסן. ערשט, מיט אַ חודש צוריק, אויפן בערלינער וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל האָט בן־גוריון, דער פירער פון דער רעכטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, דערקלערט: „ווען מיר זאָלן דאַרפן אויפהייבן בלויז דעם פינגער, בכדי ענגלאַנד זאָל פאַרלאָזן פּאַלעס־טינע, וועלן מיר דאָס נישט טאָן״...

איצט זענען שוין באַקאַנט סיי דער באַריכט פון סער סימפּסאָן, סיי די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן איר ווייטערדיקער פּאַלעסטינע־

פּאָליטיק. ערשט איצט, ווען די דאָזיקע צוויי דאָקומענטן האָבן ברוטאַל און ציניש אויפגעדעקט די ווירקלעכע כוונות פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם בנוגע פּאַלעסטינע, האָט די ציוניסטישע פּרעסע אָנגעהויבן ליאַרעמען וועגן דער פאַלש־קייט און צביעותדיקייט פון די כלומרשט אָביעקטיווע פאָרשונגען, וואָס ענגלישע באַאַמטע פירן אַדורך אין פּאַלעסטינע. איצט לאַכט מען שוין נישט אָפּ פון די פּועלי־ציון, וועלכע האָבן סיי די שאָו־קאָמיסיע, סיי סימפּסאָנען כאַראַקטעריזירט אַלס געהאָרכזאַמע אַגענטן פון דער ענגלישער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג.

די ענגלישע „אַרבעטער־רעגירונג", וועלכע האַלט דעם רודער פון דער מלוכה אין האַנט אויסשליסלעך אַ דאַנק דעם חסד פון דער ענגלישער בורזשואַ־זיע, טוט דעם ווילן פון איר האַר און באַמיט זיך צו ראַטעווען די באַדראָטע פּאָזיציעס פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין די קאָלאָניעס. כדי צו דערשטיקן די באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין די קאָלאָניאַלע לענדער, שליסט די אָקופּאַציע־מאַכט אַ בונד מיט די רעאַקציאָנערע באַזיצנדיקע שיכטן פון דער קאָלאָניאַלער באַפעלקערונג. ענגלאַנד איז איצט אָפּן אַריבער אויף דער זייט פון די אַראַבישע עפענדיס אין פּאַלעסטינע. כדי צו געווינען די אַראַבישע פּריצים און כלי־קודש אַלס אַן אָנשפּאַר פאַר זיך, האָט ענגלאַנד באַשלאָסן אָפּצושטעלן די יידישע אײַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, און סימפּסאָנס באַריכט האָט באַדאַרפט ברענגען די תירוצים, מיט וועלכע ענגלאַנד זאָל באַרעכטיקן די דאָזיקע פּאָליטיק.

פּונקט ווי די עפענדיס, מאַכט אויך דער ענגלישער אימפּעריאַליזם דעם אָנשטעל פון אַ געטרייען פרײַנט פון די אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים. זוכט מען באַווײַזן, אַז די יידישע אַרבעטער־אײַנוואַנדערער ברענגען גאָר שאָדן די אַראַבישע אַרבעטער. קריטיקירט די ענגלישע רעגירונג דעם כלומרשטן פאַקט, אַז יידן באַשעפטיקן נישט קיין אַראַבישע אַרבעטער. עס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטע זאַך, אַז אַראַבישע אַרבעטער טרעפט מען אין פיל טויזנטער אין די פּריוואַטע יידישע קאָלאָניעס, ווי פּתח־תקוה, רחובות, ראשון לציון, חדרה און אַנדערע. אַראַבישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט ביי יידישע בוי־אונטערנעמער און ביי די יידישע אינדוסטריעלער (צעמענט־פאַבריק „נשר", זאַלץ־גרובן אין עתלית, שוועבעלעך־פאַבריק „נור" און אַנדערע). עס איז אַ פאַקט, אַז גראָד אַ דאַנק דער יידישער אײַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע זענען באַדייטנדיק פאַרברייטערט געוואָרן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר די אַראַבישע אַרבעטער.

דער פאַלשער אוטאָפּישער לאָזונג פון די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל וועגן „כיבוש־עבודה", וועגן דעראָבערן די אַרבעטס־פּאָסטנס אין די יידישע אונטערנעמונגען אויסשליסלעך פאַר די יידישע אַרבעטער, האָט טאַקע קיינמאָל נישט געבראַכט קיין נוצן די יידישע אַרבעטער, און איצט דינט דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער לאָזונג די ענגלישע חברים פון די רעכטע

פועלי־ציון, וועלכע זיצן מיט זיי צוזאַמען אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַלס אַן אַרגומענט צו פאַרמאַכן די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר דער יידישער איינוואַנ־דערונג! די ענגלישע דעקלאַראַציע פאַררופט זיך, אַז יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרוועדט צו באַשעפטיקן אַראַבער אלס ארבעטער ביי די יידישע קאָלאָניסטן און אז דעריבער מוז דער ענגלישער אָקופּאַנט נעמען אין שוץ דעם אַראַבישן אַרבעטער. לייגט טאַקע פאַר סימפּסאָן אָפּצושטעלן די יידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל אַזוי לאַנג, ווי אין לאַנד זענען דאָ אַרבעטסלאָזע אַראַבישע ארבע־טער, וועלכע קאָנען פאַרנעמען די פרייע אַרבעטס־פּאָסטנס.

די צביעות פון דער דאָזיקער אַפּאַטרופּסות איבער דעם אַראַבישן אַרבעטער וואַרפט זיך אין די אויגן. דער יידישער אַרבעטער איז אַ סך טייערער ווי דער נישט־אָרגאַניזירטער אַראַבישער אַרבעטער, קאָן ער ממילא אים נישט פאַרקאָנ־קורירן און נישט אַרויסשטויסן, ווי דאָס טרעפט אָפט מיט די עמיגראַנטן אין אַנדערע לענדער, וועלכע דריקן אַראָפּ דעם לוין פון דעם אָרטיקן אָרגאַניזירטן אַרבעטער. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע עקספּלואַטירט מוראדיק אויף דער באַן און ביי די עפנטלעכע אַרבעטן אַראַבישע אַרבעטער און דערשטיקט יעדן פּרווו פון זייער אָרגאַניזירונג. אין הסכם מיט דעם פאַרשלאַג פון סימפּ־סאָנען וואָלט מען געדאַרפט בכלל אָפּשטעלן די וואַנדערונג אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וועלכע איז געשטראָפט מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט־מכה. דער „בונד״, וועלכער איז ערשט אַריין אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, דאַרף שעפּן נחת, ווי זיינע חברים פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי פירן אַדורך אין לעבן די פרייהייט פון דער אַרבעטער־איינוואַנדערונג...

כדי צו באַרעכטיקן דעם פאַרבאָט פון אַרבעטער־איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל, ווו די אַרבעטסלאָזיקייט איז אין פאַרגלייך מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע לענדער גאָר קליין, מאָלט סער סימפּסאָן אין שוואַרצע פאַרבן די אויסזיכטן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע. ער גלייבט נישט אין דער צוקונפט פון דער יידישער אינדוסטרי. ארץ־ישראל האָט, לויט זיין מיינונג, אַ צוקונפט בלויז אַלס אַן אַגראַר־לאַנד. מען דאַרף נישט גרינדן קיין אינדוסטריען, „וואָס זענען פרעמד דעם לאַנד און דעם באָדן״; בפרט וואָרנט ער פאַר דער גרינדונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטרי. אָבער די פאַקטן פון פּאַלעסטינע האָבן שוין לאַנג צעשטערט די לעגענדע, אַז פּאַלעסטינע איז נישט צוגעפּאַסט פאַר דער פאַבריק־אינדוסטרי.

דער ענגלישער אימפּעריאַליזם איז פיינטלעך געשטימט צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי אין ארץ־ישראל צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, האָט די ענגלישע בורזשואַזיע שוין גענוג צרות צוליב דער יונגער אינדוסטרי אין אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס, אין דער ערשטער ריי, אין אינדיע; די אינדוסטרי אין די קאָלאָניעס פאַרשמעלערט דעם אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די ענגלישע סחורות. גראָד די

טעקסטיל־סחורות פאַרנעמען זייער אַ גרויס אָרט אין דעם ענגלישן עקספּאָרט. אַ מעגלעכקייט פון אַן אינדוסטריעלן צענטער אויפן אַראַבישן מזרח איז, נאַטירלעך, קעגן די אינטערעסן פון די ענגלישע אינדוסטריעלער און עקספּאָרטערן. צווייטנס, בילדעט די אינדוסטריעלע אַרבעטערשאַפט, געוויינלעך, דעם אַממיינסטן באַוווסט־זיניקן, אָרגאַניזירטן און שלאָגפאַרטיקן טייל פון פּראָלעטאַריאַט. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם וויל אויסמיידן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע, ווייל די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט קאָן דאָרט אונטער־מינירן די הערשאַפט פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. סימפּסאָן קוקט דורך שוואַרצע ברילן אויך אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון פּאַלעס־טינע. ער רעכנט אויס, אַז ביי די איצטיקע מעטאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער קולטור איז נייטיק פאַר דער אויסהאַלטונג פון איין פּויערים־משפחה אין ארץ־ישראל 130 דונאַם באָדן. סימפּסאָן האָט פאַר די אויגן די אָפּגעשטאַנענע ווירטשאַפט פון דעם אַראַבישן פעלאַך, און לויט איר רעכנט ער אויס די קאָלאָ־ניזאַציע־מעגלעכקייטן אין ארץ־ישראל. ער וויל נישט וויסן, וואָסערע גרויסע ענדערונגען ס׳האָבן איינגעפירט אין דער לאַנדווירטשאַפט די יידישע קאָלאָניסטן אַ דאַנק דער קינסטלעכער באַוואָסערונג און באַמיסטיקונג, אַ דאַנק דער אָנווענ־דונג פון די נייסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַרבעטס־אופנים. אַ פאַקט איז דאָך, אַז ביי די פּאָמעראַנצן־פּלאַנצונגען איז 20—25 דונאַם באָדן גענוג פאַר אַ קאָלאָניסטן־משפחה, וואָס אַרבעט אַליין.

סימפּסאָן נעמט אין אַכט בלויז דעם באָדן, וואָס טויג היינט־צו־טאָג פאַר לאַנדווירטשאַפט. ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז פון דעם מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט דונאַם באָדן, וואָס געפינט זיך היינט אין יידישן באַזיץ אין פּאַלעסטינע, איז דער ווייט־גרעסטער טייל פריער געלעגן פּוסט און וויסט. און אין פּאַלעסטינע געפינען זיך דאָך נאָך פיל מיליאָנען דונאַם זאַמדיקער און זומפּיקער באָדן, וואָס מען קאָן פאַרוואַנדלען אין בליענדיקע פעלדער און גערטנער. אַן אַראַבישער קאַפּיטאַליסט האָט פון יאָרנלאַנג אַ קאָנצעסיע אויף אויסטריקענען די געגנט פון חולה; ער נוצט די קאָנצעסיע נישט אויס. אָבער ווען מען זאָל די געגנט אויסטריקענען, קאָן זי ווערן פּונקט אַזוי פּרוכטבאַר ווי דער טאָל יזרעאל, וועלכן יידישע אַרבעטער האָבן זומפּן פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקער געגנט.

אַ פּשיטא, פאַרגעסט סימפּסאָן צו דערמאָנען, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בכלל פאַרווערט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין דעם מזרח־טייל פון פּאַלעסטינע, אויף דער אַנדערער זייט פון טייך ירדן (טראַנסיאָרדאַניע), וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון העכער 42 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער און פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג בלויז פון סך־הכל אַ פערטל מיליאָן איינוווינער, בעת מערב־פּאַלעסטינע, וווּ ס׳איז ביז איצט פאָרגעקומען די יידישע קאָלאָניזאַציע, פאַרמאָגט אַן ערך הונדערט טויזנט איינוווינער אויף אַ פיל קלענערן שטח פון אַן ערך 25 טויזנט

קוואַדראַט־קילאָמעטער. אויב סימפּסאָנען זאָל באמת גיין נאָר אין דעם, צי ס'איז פאַראַן פרייער באָדן, טאָ פאַרוואָס ווייזט ער נישט אָן, אַז אויף דער צווייטער זייט ירדן איז פאַראַן גענוג פרייער באָדן און אַז מ'זאָל יענעם טייל עפענען פאַר יידישער איינוואַנדערונג?

די ענגלישע רעגירונג האָט באַדאַרפט סימפּסאָנס באַריכט, כדי צו פאַר־ענטפערן איר באַשלוס צו פאַרווערן די יידן דעם איינקויף פון באָדן אין פּאַלעס־טינע. זי טוט עס כלומרשט, כדי נעמען אין שוץ די אָרעמע פעלאַכן. נישטאָ קיין מער צינישער חוזק, ווי די דאָזיקע טענה. פאַראַן אַ גאַנץ ראַדיקאַל מיטל, ווי צו שטעלן מיטאַמאָל דעם פעלאַך אויף די פיס: מען דאַרף אָפּשאַפן דאָס פּריוואַטע אייגנטום אויפן באָדן, מען דאַרף פאַרטרייבן די עפענדיס, וואָס נעמען־צו דעם גרעסטן טייל געוועטעניש ביי די פעלאַכן, וועלכע פאַכטן דעם עפענדישן באָדן. מען דאַרף געבן די מעגלעכקייט יעדער פעלאַכישער משפחה צו באַאַרבעטן דעם באָדן, וואָס איז נייטיק פאַר איר חיונה, — דאַן וואָלט זיך זיכער געפינען אין ארץ־ישראל פּלאַץ נישט נאָר פאַר נאָך 20 טויזנט, ווי דאָס באַרעכנט סימפּסאָן, נאָר פאַר פיל הונדערטער טויזנטער יידישע קאָלאָניסטן. אָבער די „סאָציאַליסטן" פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע רעגירן איצט אין ענגלאַנד, פאַלט גאָר נישט איין, אַז מ'קאָן, חלילה, אָנרירן דאָס „הייליקע" רעכט פון פּריוואַט־אייגנטום אויף באָדן. פאַרקערט, ווענדיק צופרידנשטעלן די עפענדיס, פירן די דאָזיקע „סאָציאַ־ליסטן" איין אין פּאַלעסטינע אַ פאַרבאָט צו פאַרקויפן יידן באָדן, פּונקט ווי דאָס איז געווען אין רוסלאַנד אין די צייטן פון צאַריזם.

אויך פּאָליטיש איז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם אַנטקעגנגעקומען די־אַראַבישע רעאַקציאָנערן. פּאַלעסטינע ווערט „באַגליקט" מיט אַ „געוויילטער" רעפּרעזענטאַנץ פון דער לאַנד־באַפעלקערונג, מיט אַ געזעצגעבערישער פאַרזאַמ־לונג. דער „בונד" האָט נאָך נישט לאַנג זיך געחידושט, וועלכער סאָציאַליסט קאָן עס זיין קעגן אַ פּאַרלאַמענט אין פּאַלעסטינע. איצט מעג זיך דער „בונד" שפּיגלען אין דעם דאָזיקן פאַרזעעניש, וואָס דאַרף הייסן פּאַלעסטינער פּאַרלאַ־מענט, מיט וועלכן זיינע סאָציאַליסטישע פריינט פון דער ענגלישער רעגירונג באַשענקן פּאַלעסטינע. אַ פּאַרלאַמענט, ווו פון 23 דעפּוטאַטן ווערן 11 באַשטימט דורך דער ענגלישער רעגירונג! עס איז נאָך נישט באַקאַנט דער אופן, ווי עס וועלן דאַרפן געוויילט ווערן די איבעריקע 12 מיטגלידער פון דער געזעצגעבע־רישער פאַרזאַמלונג. מען קאָן אָבער פון פאָרויס זאָגן, אַז די „סאָציאַליסטן" פון מאַקדאָנאַלדס חדר וועלן באַרויבן דאָס וואַל־רעכט פון די ברייטע יידישע און אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן און וועלן געבן וואַל־רעכט בלויז די רייכע שטייער־צאָלער. עס איז נישטאָ קיין מינדסטער ספק, אַז דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע וועט שטענדיק געלינגען אַריבערציען אויף איר זייט אַ פּאָר פון די געוויילטע דעפּוטאַטן און זיכערן זיך אַ מערהייט אין דעם דאָזיקן, מישטיינס געזאָגט, פּאַר־

לאַמענט. און גלייכצייטיק מיטן שאַפן די דאָזיקע קאַריקאַטור פון פאַרלאַמענט, פאַרשטאַרקט די ענגלישע רעגירונג איר מיליטערישן גאַרניזאָן אין פאַלעסטינע און טרעט צו צו רעפאָרמירן די דאָרטיקע פאָליציי. די „סאָציאַליסטן" פון זיין מאַיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג, האַלטן דאָך אַ סך מער פון ערעאָפּלאַנען און פאַנצער־אויטאָס, ווי פון די דעמאָקראַטישע שמאָנצעס.

די דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע וויל אוממעגלעך מאַכן אַ יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע אין די נאָענטסטע יאָרן, איז אַן אַטענטאַט אויף די בלוטיקע לעבנס־אינטערעסן פון די מיליאָניקע יידישע מאַסן פון גאָר דער וועלט, וועלכע זענען געצוווּנגען צו זוכן אין פאַלעס־טינע דעם אויפנאַמס־אָרט פאַר דער גרויסער יידישער איינוואַנדערונג, און וועלכע זעען אין פאַלעסטינע דאָס לאַנד פון דעם צוקונפטיקן יידישן טערי־טאָריאַלן אַרבעטער־צענטער.

די דאָזיקע דעקלאַראַציע איז גלייכצייטיק אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער ביז־איצטיקער אָריענטאַציע פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע און פון די רעכטע פועלי־ציון אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם. איצט שיקט דער צ. ק. פון די רעכטע פועלי־ציון אַ פּראָטעסט־דעפּעשע קיין לאָנדאָן. די „הסתדרות" לאָזט אַרויס אַן אויפרוף קעגן דער לייבאָר־רעגירונג. רעכטע פועלי־ציון, שומרים, חלוצים דעמאָנסטרירן פאַר דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע. אָבער די שטיינער, מיט וועלכע די רעכטע פועלי־ציון האָבן באַוואָרפן דעם בנין פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע, האָבן געטראָפן נישט בלויז זייער חבר מאַקדאָנאַלד, זייער לייבאָר־פאַרטיי, מיט וועלכער זיי זיצן אין איין סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, נאָר אויך זייערע אייגענע פירער, ווי בן־גוריון, וואָס האָט אויפן בערלינער וועלט־קאָנגרעס עפנטלעך דעמאָנסטרירט זיין הכנעה צו דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם!

דער חורבן פון דער בירגערלעכער און צעירי־ציוניסטישער אָריענטאַציע אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם צווינגט די פאַרצווייפלטע ציוניסטישע פּאָלי־טיקער צו זוכן עפּעס אַן אויסוועג, — דערדעדט זיך אַ ציוניסטישער פּובליציסט אַפילו צו אַזעלכע ווערטער: „מיר מוזן איצט זיך דערנענטערן צו אַלע יענע פאַקטאָרן, ווער זיי זאָלן נישט זיין, וואָס זייערע אינטערעסן שטויסן זיך צונויף אויף דער וועלט־אַרענע מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם, און ביי זיי זוכן שוץ און הילף" („היינט", 241). ביי די בירגערלעכע פּאָליטיקער באַדייט עס, קלאַפּן איצט אין די טירן פון פראַנצויזישן אָדער אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, וועלכע פירן אַ קאַמף מיטן ענגלישן, ווידער קומען צום פעלקער־בונד און זיך פון דאָס ניי פאַרפּלאָנטערן אין דער נעץ פון נייע אימפּעריאַליסטישע אינטריגעס.

פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס איז פאַראַן שוין פון לאַנג איין איינציקער אויסוועג. קיין שום אַנדערער אימפּעריאַליזם וועט נישט זיין בעסער און יושר־

דיקער פון דעם ענגלישן. אונדזערע האָפענונגען אויף דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם זענען ענג פאַרבונדן מיט דעם רעוואָ־לוציאָנערן קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט פון גאַר דער וועלט, פון די אַרבעטער און פּויערים פון די קאָלאָניאַלע לענדער, פון דעם געמיינזאַמען קאַמף פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּאַלעסטינע. אויף די חורבות פונעם אימפּעריאַליזם וועט געבויט ווערן אונדזער פרייע צוקונפט!

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, 1930

דער וועג פון חניפה און פעטיציעס

דאָס „ווייסע בוך" פון די שוואַרצע אימפּעריאַליסטישע מעשים, די לעצטנס פאַרעפנטלעכטע דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן איר פּאַלעסטינע־פּאָליטיק, האָט געטראָפן די בירגערלעך־ציוניסטישע און צעירי־ציוניסטישע באַ־וועגונג ווי אַ דונער. די ביז איצטיקע אָריענטאַציע פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם, אַלס דעם כלומרשטן באַשיצער פון דעם גערודפטן יידישן פאָלק און אַפּוטרופּוס איבער דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, האָט באַקומען אַ מוראדיקן קלאַפּ.

אויף דער הייסער מינוט, אונטער דעם דערשיטערנדיקן רושם פון דעם פול־שטענדיקן פּאָליטישן באַנקראָט, האָבן זיך דערהערט אין דעם בירגערלעכן ציוניס־טישן לאַגער שטימען, וואָס האָבן גערופן איבערצורייסן מיטן אימפּעריאַליסטישן ענגלאַנד. נאַטירלעך, פאַר בירגערלעכע פּאָליטיקער שווימט גלייך אַרויף די פראַגע, מיט וועלכער אַנדערער אימפּעריאַליסטישער מאַכט זאָל זיך פאַרבינדן די ציוניסטישע באַוועגונג? לייגט טאַקע זשאַבאָטינסקי פאַר אָנהייבן צו וועבן אַ נייע נעץ פון געפערלעכע אינטריגעס און געבן צו פאַרשטיין די פאַרשידענע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וואָס האָבן אַמאָל געשטרעבט צו פאַרוואַלטן מיט פּאַ־לעסטינע, אַז זיי קאָנען נאָך באַפרידיקן זייערע אַפּעטיטן.

דער דאָזיקער „קריגערישער" טאָן לגבי ענגלאַנד, וועלכן די גאַנצע ציוניס־טישע פּרעסע האָט אָנגענומען אין די ערשטע טעג פון פאַרצווייפלונג, איז גאַנץ גיך געמילדערט געוואָרן. נחום סאָקאָלאָוו האָט באַלד דערקלערט: „אונדזער פּראָטעסט איז קעגן פּאַספילדן, נישט קעגן ענגלישן פאָלק. עס איז דאָ אַ גרויס נאָבל ענגלאַנד, מיט וועמען מיר לעבן ברידערלעך און אין שלום, און מיר וועלן ווייטער מיט אים צוזאַמענאַרבעטן". פונקט די זעלבע רייד הערן מיר פון זשאַבאָ־טינסקין, וועלכער פירט זינט יאָרן דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן דער איצטיקער

ליטונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע: „אונדזער אָריענטאַציע איז געווען באַזירט אויפן גלויבן, אַז ענגלאַנד האָט אַ נטיה צו יושר, צו געוויסן... דאָס, וואָס איז געשען, איז נישט קיין באַוויז, אַז אין ענגלאַנד איז נישט געבליבן קיין יושר". און דער פירער פון די רעוויזיאָניסטן לייגט פאָר נאָך אַ מאָל צו אַפּעלירן צום געוויסן פון ענגלישן פאָלק.

די דאָזיקע עקלהאַפטע חניפה־רייד צום לויב פון אימפּעריאַליסטישן ענג־לאַנד, באַווייזט אונדז די פולע פּאָליטישע אָנמאַכט און פאַרלוירנקייט פון דעם בירגערלעכן ציוניזם. דער פעלקער־בונד, די דאָזיקע פאַראייניקונג פון די קאַ־פּיטאַליסטישע מלוכות, ווו ענגלאַנד פאַרנעמט דעם אויבן־אָן, וועט, נאַטירלעך, אָפּוואַרפן יעדע ווענדונג מכוח צונעמען דעם פּאַלעסטינע־מאַנדאַט ביי ענגלאַנד און אים איבערגעבן אַן אַנדערער מלוכה. אויסגעליפערט אויפן חסד פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ענגלאַנד, ווילן די בירגערלעכע ציוניסטן זיך טרייסטן מיט דער איינרעדעניש, אַז די ענגלישע בורזשואַזיע איז בעסער ווי אירע רעגירונגען, בתוכם אויך מאַקדאָנאַלדס רעגירונג.

באַזונדערס שמערצלעך און פיינלעך איז געווען דער אַטענטאַט אויף דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע פאַר דער רעכטער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי און אירע אידעישע קרובים, די רעכטע פּועלי־ציון און „התאחדות". דער קלאַפּ מצד דער ענגלישער אַרבעטער־רעגירונג האָט דאָך צעשמעטערט דעם גאַנצן בנין פון די צעירי־ציוניסטישע האָפענונגען אויף דער „אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט" און „פּראָלעטאַרישער הילף" מצד איינער פון די גרעסטע און וויכטיקסטע פּאַרטייען פון דעם צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל.

אָבער די צעירי־ציוניסטישע „סאָציאַליסטן" קענען נישט אַרויסשפּרינגען פון זייער רעפאָרמיסטישער הויט. זיי דערשרעקן זיך פאַרן בלויזן געדאַנק פון פאַרלאָזן די פאַררעטערישע דרכים, געצוווּנגען אונטערן דרוק פון דער פאַר־צווייפלטער אָפּגעגאַרטער מאַסע צו אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט־קאַמפּאַניע קעגן מאַקדאָנאַלדס רעגירונג, פאַרוואַנדלען זיי די פּראָטעסט־קאַמפּאַניע אין אַ פּעטיציע־קאַמפּאַניע, אין אַ זאַמלונג פון אונטערשריפטן אונטער אַ ביטע צו דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל זיך באַפרייען פון די חטאים פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. די אַלגעמיינע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל האַלט ווייטער אויף דעם איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן פראָנט מיט אַלע בירגערלעכע און קלעריקאַלע קרייזן פון דעם יידישן ישוב. דער וועלט־פאַרבאַנד פון רעכטע פּועלי־ציון שטעלט זיך אינעם דינסט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און יידישער אַגענץ און וואַרפט זיך פּריוויליק אונטער די באַשלוסן פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס רעדן אין נאָמען פון כלל־ישראל, און וועלכע פאַרטיידיקן אָבער אין דער ווירק־לעכקייט די אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע.

די לעצטע זיצונג פון דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט אַ סוף געמאַכט צו דער אילוזיע, אַז דאָס יידישע בירגערטום און זיינע צעירי־ציוניסטישע נאָכשלעפּער וועלן זיך כאָטש אין דער לעצטער שעה דערשרעקן פאַרן פּאָליטישן אָפּגרונט, אין וועלכן זיי קייקלען זיך אַראָפּ. ראשית כל האָט די מערהייט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט נישט אָנגענומען די דעמיסיע פון פּרעזידענט ווייצמאַן. די בירגערלעכע און רעפאָרמיסטישע פּאָליטיקער פאַרשטייען, אַז עס איז אַן אומזין איינצורייסן מיט ענגלאַנד, כל־זמן מען איז געטריי דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, דעם איצטיקן באַשיצער און רעטער. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אויסגעדריקט צוטרוי דעם פּראָפעסאָר ווייצמאַן און דורך דעם האָט ער ווידער אויסגעדריקט זיין הסכמה צו דער הכנעהדיקער, נאָכגיביקער פשרותדיקער טאַקטיק לגבי ענגלאַנד.

דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט גלייכצייטיק באַשלאָסן אָנצוהייבן די אונטער־האַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. צו דעם צוועק האָט ער אַפילו אויס־געקליבן אַ ספּעציעלע פּאָליטישע קאָמיסיע. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די רעכטע אַרבעטער־פירער וועלן, חלילה, נישט פאַרלאָזן די יידישע בורזשואַזיע, בעת אירע פאַרשטייער דאַרפן פועלן ביים „סאָציאַליסט״ מאַקדאָנאַלד, ער זאָל מיל־דערן כאָטש אין אַ געוויסער מאָס זיין אָפענע, ברוטאַלע, אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק בנוגע יידן און ארץ־ישראל. עס איז אַן אומזיסטע טרחה צו זוכן ביי די פירער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי און פון די רעכטע פועלי־ציון כאָטש אַ שוואַכן פּרווו פון וועלכער עס איז זעלבשטענדיקער פּראָ־לעטאַרישער פּאָליטיק. זיי האָבן אויך דאָסמאָל גאָרנישט געלערנט. פאַר זיי עקזיסטירט בלויז די כלל־ישראל־פּאָליטיק. בערל קאַצענעלסאָן, שפּרינצאַק, אַרלאָזאָראָוו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די באַנייטע אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג.

די ענגלישע רעגירונג, פון איר זייט, וויל פאַרגרינגערן אירע צעירי־ציוניס־טישע חברים פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל דעם נייעם אָפענעם פאַרראַט פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער־ישוב און פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין גאַר דער וועלט. ווילן זיי איינשמועסן, אַז די ברייטע וועלט האָט שלעכט פאַרשטאַנען דאָס „ווייסע בוך״. מאַכט די ענגלישע רעגירונג אַן אָנשטעל, אַז זי איז גרייט צו מילדערן געוויסע שטעלן פון דעם דאָזיקן שענדלעכן דאָקומענט. טרייבט מען אַ צינישן חוזק און מען דערקלערט, אַז עס ווערט צוריקגעצויגן דער פאַרבאָט פון דער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ האַלב יאָר צוריק. מען וויל באַגליקן די יידישע מאַסן מיט נייע 1500 סערטיפיקאַטן. מען וויל אונדז טרייסטן, אַז פאַר קאַפּיטאַליסטן איז דער וועג קיין פּאַלעסטינע אָפן. זאָגט מען צו דעם גרעסטן טייל פון דעם פרייען מלוכה־באָדן אָפּצוגעבן פאַר יידישער קאָלאָ־

ניזאַציע. מען טוט דעם גרויסן חסד און מען וועט נישט שטערן די יידן צו באַאַרבעטן די ליידיקע וויסטע געגנטן. דערביי איז די ענגלישע רעגירונג אַזוי פּאַרזיכטיק, אַז אַפילו די דאָזיקע נישטיקע הבטחות פּאַרעפנטלעכט זי אויף אַ האַלב אָפיציעלן אופן, כדי זי זאָל זיי קענען צו יעדער מינוט ווידער צוריקציען.

די ציוניסטישע פירער און זייערע צעירי־ציוניסטישע נאָכלויפער האָבן מיט אומגעדולד אויסגעקוקט דעם אויגנבליק, ווען די אימפּעריאַליסטישע רעגירונג וועט אַ ווונק טאָן צו זיי. זיי האָבן זיך געאײַלט, לויט מאַקדאָנאַלדס איינלאַדונג, אַוועקזעצן זיך ביי איין טיש מיט די פּאַרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג. די פּאַרשטייער פון דער יידישער אַגענץ און ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווילן פּאַרדעקן מיט אַ דרייסטן אָנשטעל זייער מיאוסע און שענדלעכע קאַפּיטולאַציע. זיי האָבן אַרויסגערוקט די פּאָדערונג, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל צוריקציען דאָס „ווייסע בוך“. אין קעגנפּאַל די כלל־ישראל־קעמפער מיט איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען. די ענגלישע רעגירונג נעמט זיך קנאַפּ צום האַרצן די דאָזיקע סטראַשונקעס. זי קען אויסגעצייכנט די טבע פון אירע געטרייע און אונטערטעניקע קנעכט. זי איילט זיך גאָרנישט צוריקצוציען דאָס „ווייסע בוך“.

גראַד ביים אָנהייב פון די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער ענגלישער רעגירונג און דער יידישער אַגענץ איז אויסגעפאַלן די דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט וועגן דער פּאַלעסטינע־פּראַגע. די אַלע ציוניסטישע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַפּעלירן צום געוויסן פון דעם ענגלישן פּאָלק און האָבן פּאַרבונדן אַזוי פיל האָפענונגען מיט דער דאָזיקער דעבאַטע, זענען איצט געבליבן אָפּגענאַרט און אַנטוישט. די דיסקוסיע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט ווייניק וואָס מחדש געווען. עס האָבן אָנגעגריפן די רעגירונג די פּאַרשטייער פון די בירגערלעכע פּאַרטייען. זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי צו שאַפן זיך סימפּאַטיעס צווישן די יידישע ווילער אין ענגלאַנד צו די נאָענטסטע פּאַרלאַמענט־וואַלן. עס איז געווען אַ טרויעריקע אילוסטראַציע פון די באַציאונגען, וואָס הערשן אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל: דער ליבעראַל לאָיד דזשאָרדזש און דער קאָנסערוואַטיווער עמערי האָבן צביעותדיק זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער „הסתדרות“, וועלכע האָט באַקומען דורכן „ווייסן בוך“ אַזאַ מין הילכיקן פּאַטש אין פּנים מצד אירע „סאָציאַליסטישע פריינד פון אַקדאָנאַלד און פּאַספילד. די אַרויסגעזאָגטע קריטישע באַמערקונגען מצד איינצלנע דעפּוטאַטן אויפן אַדרעס פון מאַקדאָנאַלד, רירן לחלוטין נישט אָן דעם תוך און דעם עיקר פון אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע. דאָ איז בלויז געקומען צום אויסדרוק די טיילווייזע אומצופרידנקייט מיט דעם צו שנעלן און צו אָפענעם קער פון
דער ענגלישער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע. דאָ איז בלויז געקומען צום אויסדרוק די טיילווייזע אומצופרידנקייט מיט דעם צו שנעלן און צו אָפענעם קער פון
דער ענגלישער פּאָליטיק אין דער זייט פון די אַראַבישע פריצים און כלי־

קודש. האָט טאַקע פאַרגעוואָרפן דער פריערדיקער קאָלאָניע־מיניסטער עמערי, אַז די גאַנצע צרה האָט מען געקאָנט פאַרמיידן מיט אַ ביסל טאַקט. עס האָט זיך נישט געפונען אין גאַנצן פאַרלאַמענט קיין איין איינציקער דעפוטאַט, וואָס זאָל אַריינטראָגן אַ פאַרשלאָג צוריקצוציען דאָס „ווייסע בוך".

די לייבאָר־פּאַרטיי חתמעט אַלזאָ אונטער דעם שאַנד־דאָקומענט פון מאַק־דאָנאַלדן. די ענגלישע בורזשואַזיע און אירע רעפאָרמיסטישע משרתים האָבן געגעבן פאַקטיש זייער ברכה צום קרייצצוג קעגן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל און אין דער גאַנצער וועלט. אויף דעם סמך האָט טאַקע דער פאָרשטייער פון דער רעגירונג צום שלוס פון דער דעבאַטע דערקלערט, אַז דאָס „ווייסע בוך" בלייבט ווייטער אין קראַפט.

די יידישע אַגענץ האָט אויף דעם אופן באַקומען אַן אומדירעקטע תשובה אויף איר פאָדערונג וועגן צוריקציען דאָס „ווייסע בוך". אָבער אויך דער דאָזיקער קלאַפּ וועט נישט אָפּהאַלטן די ציוניסטישע און צעירי־ציוניסטישע גדולים צו קריכן ווייטער אין דעם זומפּ פון פּאָליטישער קנעכטשאַפט. מן הסתם וועט די יידישע אַגענץ פאָרזעצן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג און וועט פּרווון מיט תחנונים אַרויסקריגן ביים אימפּעריאַליסטישן האַר כאָטש עפּעס אַ ברעקל הנחהלע.

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־יוגנט דאַרף אומברחמנותדיק באַקעמפן די דאָזיקע פּאָליטיק פון די בירגערלעך־ציוניסטישע פּאַרטייען. מיר מוזן פירן די די יידישע אַרבעטער־יוגנט, וועמען עס איז טייער דער פּראָלעטאַרישער פּאַלעס־טיניזם, אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג פון קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם, אויפן וועג פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט מיט די קעמפנדיקע אַרבעטער און פּויערים אין די קאָלאָניעס, אויפן וועג פון פאַרברידערונג מיט די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּאַלעסטינע.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, דעצעמבער

דער מאַקדאָנאַלד־בריוו אין דער טעאָריע און אין דער פּראַקטיק

דריי חדשים צייט האָבן געדויערט די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער ענגלישער רעגירונג און דער יידישער אַגענץ וועגן די ריכטליניעס פון דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק, וואָס די מאַנדאַט־מאַכט דאַרף פירן אויף להבא, נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם טרויעריק באַקאַנטן „ווייסן בוך". גלייך ביים אָנהייב פון די אונטערהאַנדלונגען איז געווען קלאָר, אַז די ענגלישע אָקופּאַציע־

מאַכט האָט בכלל נישט בדעה אָפּצוזאָגן זיך פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז אַן עדות פון דעם לעצטנס געשלאָסענעם פּאָליטישן שידוך צווישן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און די אַראַבישע פּריצים און כּלי־קודש אין פּאַלעסטינע. די פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ האָבן שוין מער נישט דערמאָנט די פאָדערונג, עס זאָל בכלל אַנולירט ווערן דאָס „ווייסע בוך". די גאַנצע אָנשטרענגונג פון פּראָפעסאָר ווייצמאַן, דעם פירער פון דער בירגערלעכער ציוניסטישער באַוועגונג, און פון זיין געטרייער און געהאָרכזאַמער לייב־גוואַרדיע, די אָפּאָרטוניסטישע פירער פון דער רעכטער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז געגאַנגען אין איין ריכטונג: אַרויסבאַקומען פון דער ענגלישער רעגירונג אַזאַ מין אויסטייטשונג פון „ווייסן בוך", וואָס זאָל אָפּשוואַכן דעם אַנטי־ציוניסטישן טאָן פון דער דאָזיקער אָפיציעלער דעקלאַראַציע, מילדערן די אויסגעשפּראָכן יידן־פיינטלעכע שטעלעס אין איר, און שאַפן כאָטש וועלכע עס איז פּאַקטישע מעגלעכקייט פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע. מאַקדאָנאַלדס בריוו צום פּראָפעסאָר ווייצמאַן האָט אונטערגעפירט אַ פּאָליטישן סך־הכל פון די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען, אויף וועלכע די בירגערלעכע ציוניסטן און זייערע סאָציאַליסטישע מיטלויפער, די צעירי־ציון, האָבן געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפענונגען.

די ענגלישע אַרבעטער־רעגירונג שטייט ביים רודער פון דער בריטישער אימפּעריע, אויסשליסלעך אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון דער ענגלישער בורזשואַזיע. זי פירט געטריי די אימפּעריאַליסטישע געשעפטן פון די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן, זי איז אויסן געווען מיטן „ווייסן בוך" צו געווינען פאַר ענגלאַנד נישט נאָר די רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע. די לייבאָר־רעגירונג האָט געוואָלט אַזוי אַרום נושׂא־חן זיין אין די אויגן פון די פיל צענדליקער מיליאָנען מוסולמענער, וואָס געפינען זיך אין די ענגלישע קאָלאָניעס, און דער עיקר, געווינען סימפּאַטיעס ביי דער מוסולמענישער מינדערהייט אין אינדיע. אין דער צווישנצייט האָט מאַקדאָנאַלד אויסגעפירט אַ וויכטיקע שליחות פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם; נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך, וואָס שטעלט אין דינסט פון דער ענגלישער קאָלאָניאַל־מאַכט די רעאַקציאָנערע באַזיצנדע קלאַסן סיי פון דער מוסולמענישער מינדערהייט, סיי פון דער הינדוסישער מערהייט אין אינדיע. ערשט דאַן האָט מאַקדאָנאַלד געקאָנט זיך פאַרגינען אַ סימפּאַטיע־אויסדרוק און טרייסט־וואָרט פאַר דער פאַרשטויסענער און דערנידעריקטער יידישער אַגענץ. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם איז בכלל נישט פאַראינטערעסירט איבערצושניידן די לעצטע פאַרבינדונגס־פעדעם מיט דעם יידישן בירגערטום און מיט דער אָפּאָרטוניסטישער יידישער אַרבעטערשאַפט.

דער מאַקדאָנאַלד־בריוו, דער אָפיציעלער פּירוש צום „ווייסן בוך", שטעלט

פעסט, אַז דער ענגלישער מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער פעלקער־ליגע, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפּליכטונג, פון וועלכער די ענגלישע רעגירונג וועט זיך נישט אָפּזאָגן. די ענגלישע אַרבע־טער־רעגירונג, פּונקט ווי די ביז־איצטיקע ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע רעגירונגען, באַנוצט זיך גערן מיט דעם מאַנדאַט־שילד, כדי צו פאַרדעקן און צו פאַרשענערן די אימפּעריאַליסטישע אָקופּאַציע פון פּאַלעסטינע. מאַקדאָנאַלד אָנערקענט, אַז דאָס יידישע אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל האָט געבראַכט אַ גרויסן נוצן דער אַנטוויקלונג פון גאַנצן לאַנד. עס קלינגט ממש קאָמיש, אַז ערשט אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, באַווויליקט די ענגלישע סאָציאַליסטישע רעגירונג צו אָנערקענען די טעטיקייט פון איר ברודער־פּאַרטיי פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, פון דער רעכטער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, און זאָגט צו הילף און שטיצע דער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּאַלעסטינע. די לייבאָר־רעגירונג גרויסט זיך מיט איר צוזאָג, אָנצוהייבן און דורכצופירן אין לעבן אַן אַקטיווע פּאָליטיק פון אַנטוויקלען פּאַלעסטינע, און איילט זיך שוין איצט אויסצומאָלן די געבענטשטע רעזולטאַטן פון איר צוקונפטיקער פּאָליטיק סיי פאַר די יידן, סיי פאַר די אַראַבער.

כדי ווייטער פאַרצוזעצן די אימפּעריאַליסטישע טאָפּלשפּיל, באַוואָרנט זיך גלייכצייטיק מאַקדאָנאַלד, אַז זיין רעגירונג מוז ווייטער אָפּהיטן אויך דעם צווייטן טייל פון דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע — שיצן די רעכט און אינ־טערעסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די זעלבע רעגירונג, וועמענס פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע האָט מיט גוואַלט דערשטיקט דעם ערשטן פּרווו פון דער יידיש־אַראַבישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, רעדט צביעותדיק וועגן דער נייטיקייט אויסצוגלייכן די קעגנזעצלעכע אינטערעסן פון די יידן און אַראַבער. גראָד דער אימפּעריאַליזם איז פאַראינטערעסירט צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קאַמפן, כדי צו שטאַרקן די מאַכט־פּאָזיציעס פון דער ענגלישער אָקופּאַציע־רעגירונג. מאַקדאָנאַלד שפּעקולירט אויף דעם יידיש־אַראַבישן אַנטאַגאָניזם: כל־זמן עס איז נישטאָ קיין שלום צווישן יידן און אַראַבער, מוז ענגלאַנד כלומרשט אָפּהיטן אין איר פּאַלעסטינע־פּאָליטיק די אינטערעסן פוןביידע פעלקער.

מאַקדאָנאַלד איז נישט יוצא מיט די פייערלעכע סימפּאַטיע־דערקלערונגען, וועלכע דאַרפן אָפּשוואַכן דעם צעשמעטערנדן איינדרוק, וואָס דאָס ווערק פון זיין מיניסטער און פּאַרטיי־חבר, פּאַספּילדס „ווייס בוך", האָט געמאַכט אין דער יידישער וועלט. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געזאָלט דערוואָרבערן צוריק די סימפּאַטיעס און דעם צוטרוי פון די יידן פאַר דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט און שטילן די געקרענקטע און באַליידיקטע אַמביציעס פון דער יידישער אַגענץ.

דערצו איז געווען נייטיק, געבן כאַטש אַ האָפענונג אויף וויטערדיקע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אין פּאַלעסטינע. מאַקדאָנאַלד פּרוּווט עס טאַקע טאָן. ער לייקנט, אַז דאָס „ווייסע בוך" איז אַזיסן געווען איינצופירן פאַר יידן אַ פאַרבאָט צו קויפן באָדן אין פּאַלעסטינע. פאַרקערט, די ענגלישע רעגירונג געדענקט גוט די פאַרפליכטונג מיטצוהעלפן דער קאָנצענטרירטער יידישער קאָלאָניזאַציע. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז נאָך 13 יאָר פאַרוואַלטן מיט פּאַלעסטינע, האָבן די ענגלענדער נאָך אַלץ נישט אויסגעפאָרשט און נישט אויסגעמאָסטן דעם שטח פון דעם פרייען לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן. אַפילו סימפּסאָנס פאַרשונגס־אַרבעט באַפרידיקט שוין נישט די רעגירונג. מאַקדאָנאַלד זאָגט־צו, אָנצוהייבן אַ פרישע אויספאָרשונג פון די ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פון פּאַלעסטינע. דערוויייל מוזן די יידן האָבן געדולד און רואיק וואַרטן. שוין איצט מוז אָבער די רעגירונג איינפירן אַ צענטראַלע קאָנטראָל איבער דעם פאַרקויף און איינקויף פון באָדן. מאַקדאָנאַלד זאָגט צו, אַז דער אַמט צו קאָנטראָלירן דעם באָדן־קויף וועט זיך זעלטן באַנוצן מיט זיין רעכט צו פאַרווערן אַ באָדן־טראַנזאַקציע. דער־וויל באַקומט דער הויך־קאָמיסאַר די פולע רעכט אָנצונעמען אויף דעם געביט די אַלע מיטלען, וואָס זענען נייטיק כדי צו שיצן די אינטערעסן פון די אַראַבישע פאַכטער, וועלכע זענען באַזעצט אויף דעם עפּענדישן באָדן.

ווידער טרעט אַרויס דער אימפּעריאַליסטישער וואָלף אַלס דער געטרייער היטער פון די שעפסן־פעלאַכן. מאַקדאָנאַלד נעמט זיך כלומרשט אָן די קריוודע פון די אַראַבישע פּויערים. די רעגירונג זאָגט־צו צו באַזעצן אויף ערד די פעלאַכן, וועגן וועלכע מען וועט באַווייזן, אַז זיי האָבן דירעקט געליטן פון דעם יידישן באָדן־איינקויף. דער פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע איז באַקאַנט אויס־געצייכנט דער פאַקט, אַז עלף צוועלפטלעך פון דעם גאַנצן באָדן, וואָס געפינט זיך איצט אין יידישן באַזיץ, איז געווען פריער אין גאַנצן פּוסט און נישט באַזעצט, אַז בלויז אַ קליינע צאָל פעלאַכן האָבן געליטן פון די שעדלעכע און פאַרברעכערישע ערד־איינקויף־מעטאָדן, וועלכע עס האָבן אָנגעווענדט אין אַ ריי פאַלן יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוציעס. די רעגירונג, צוזאַמען מיט די אַראַבישע פריצים, זענען פאַר־אינטערעסירט פאַרצושטעלן די יידישע קאָלאָניזאַציע אַלס די איינציקע סיבה פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער אַראַבי־שער פּויער. מיט קיין איין וואָרט דערמאָנט נישט מאַקדאָנאַלד וועגן דער נייטיקייט צו באַפרייען דעם פעלאַך פון דער שווערער לאַסט פון רעגירונגס־שטייערן, פאַרשוויגט אין גאַנצן די שרעקלעכע פאַכט־געלטער, וואָס דער פעלאַך מוז אָפּצאָלן דעם עפּענדי. דער סאָציאַליסטישער פּרעמיער וואַגט נישט צו דערמאָנען, אַז ערשט די אָפּשאַפונג פון דעם פּריצישן און קאַפּיטאַליסטישן ערד־אייגנטום וועט לייזן די נויטן סיי פון די פעלאַכן, סיי פון די יידישע האָרע־

פאַשנע קאָלאָניסטן. מאַקדאָנאַלדס בריוו עפנט נישט קיין שום אויסזיכטן פאַר אַ ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע.

מאַקדאָנאַלד רעדט אַרום אין זיין בריוו אויך די יידישע איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע. ער לייקנט קאַטעגאָריש, אַז די רעגירונג האָט איינגעפירט אַ פאַרבאָט פון דער יידישער איינוואַנדערונג, זייט דעם יאָר 1920 איז איינגע־שטעלט די רעגולירונג פון דער איינוואַנדערונג. קעגן דעם האָט אָבער קיינער נישט פּראָטעסטירט. אויך אויף ווייטער וועט בלייבן דאָס סערטיפיקאַטן־סיסטעם פאַר די אַרבעטער. אָט אויף אַזאַ אופן באַדאַנקט דער ענגלישער אימ־פּעריאַליזם דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל, פאַר זייער אונטערטעניקער הסכמה צו דער איינפירונג פון די סערטיפיקאַטן, פאַר זייער פרייוויליקן אָפּזאָגן זיך פון אַ פרייער מאַסן־איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע, די רעגולירונג פון דער איינוואַנדערונג איז אַ גאַנץ באַקוועמער אויסרייד פאַר דער פולשטענדיקער, אָדער כמעט פולקאָמער אָפּשטעלונג פון דער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. מאַק־דאָנאַלד זאָגט פייערלעך צו, אַז ביי דער רעגולירונג פון דער אַרבעטער־איינ־וואַנדערונג וועט מען זיך רעכענען אויסשליסלעך מיט דער אויפנאַמספּעיקייט פון לאַנד, מיט ריין ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון. גענוג צו דערמאָנען, אַז אין מאַי 1930 האָט גראָד די צענטראַלע לאָנדאָנער רעגירונג צוריקגעצויגן, צוליב ריין פּאָליטישע טעמים, די סערטיפיקאַטן, וועלכע די ירושלימער רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן, רעכענענדיק זיך מיט דער גוטער לאַגע אויפן פּאַלעסטינער אַרבעטס־מאַרק. דער דאָזיקער פאַקט זאָגט שוין קלאָר, וויפל אויפריכטיקייט און ערלעכקייט עס שטעקט אין מאַקדאָנאַלדס איצטיקן צוזאָג.

מאַקדאָנאַלד קאַרגט דאָס מאָל אויך נישט קיין צווייטע הבטחה: די פּאַלעס־טינער אַדמיניסטראַציע וועט זיך אויף ווייטער רעכענען דערמיט, אַז אַ היפּ־שער טייל פון די שטייערן פליסט איין פון דעם יידישן ישוב, און וועט באַשעפּ־טיקן ביי רעגירונגס־אַרבעטן אַ טייל יידישע אַרבעטער. די רעכטע פירער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט מעגן שטאָלצירן מיט נאָך איין דערגרײ־בערונג: אין רעזולטאַט פון די אונטעהאַנדלונגען, האָבן זייערע ענגלישע מיני־סטאָרן־חברים ענדלעך תופס געווען די „סאָציאַליסטישקייט" פון דעם לאָזונג: „אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער אין יידישע אונטערנעמונגען". מאַקדאָנאַלד אָנערקענט דאָס רעכט פון דער יידישער אַגענץ צו באַשעפטיקן אין די יידישע אונטערנעמונגען אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער. גלייכצייטיק באַוואָרנט ער זיך אָבער, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם דאָזיקן פאַלשן נאַציאָנאַליסטישן לאָזונג קעגן די יידישע אַרבעטער גופא. מאַקדאָנאַלד דערקלערט: ביים באַשטימען אין דער צוקונפט די צאָל רייזע־דערלויבענישן פאַר אַרבעטער־איינוואַנדערער, וועט מען זיך רעכענען אין דער ערשטער ריי מיט דער אַרבעט, וועלכע מען וואָלט

בכלל נישט אָנגעהויבן, אָדער אַפילו נישט פאַרענדיקט, ווען עס זאָלן אויספעלן יידישע אַרבעטער אין לאַנד. דאָ שטעקט אַ געוואַלטיקע סכנה פאַר דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. דער פּריוואַטער יידישער קאַפּיטאַליסט, וואָס אינ־וועסטירט זיין פאַרמעגן אין דער פּאַלעסטינער ווירטשאַפט, דאגהט נישט וועגן באַשעפטיקן דורכויס יידישע אַרבעטער, ער נוצט גערן אויס די ביליקע אַראַ־בישע אַרבעטס־קראַפט און וועט קיינמאָל נישט שליסן זיין אונטערנעמונג צוליב מאַנגל פון יידישע אַרבעטער אויפן מאַרק. שוין איצט זענען קנאַפּע 90 פּראָצענט יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע באַשעפטיקט ביי פּריוואַטע אונטערנעמער. מאַקדאָנאַלדס באַוואָרענונג גיט דעריבער דער פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע דאָס רעכט צו באַגרענעצן די אַרבעטער־איינוואַנדערונג ביז צו דער נעבעכדיקער צאָל פון עטלעכע הונדערט סערטיפיקאַטן יערלעך, פאַר די חלוצים, וואָס קאָנען איינגעאָרדנט ווערן מיט די מיטלען פון די ציוניסטישע פאָנדן.

די גענויע באַטראַכטונג פון מאַקדאָנאַלדס פּירוש צום „ווייסן בוך" באַ־ווייזט, ווי שווער עס איז פון דעם שאָלעכץ פון דיפּלאָמאַטישע מליצות און פייערלעכע הבטחות אויסצושיילן וועלכן עס איז זאַכלעכן קערן וואָס זאָל באַ־דייטן אַ ווירקלעכן אָפּקער פונעם „ווייסן בוך". די לעצטע דריי חדשים, וואָס זענען אַריבער זייט דער פאַרעפנטלעכונג פון מאַקדאָנאַלדס פּירוש, האָבן פול־שטענדיק באַשטעטיקט די פּועלי־ציוניסטישע אָפּשאַצונג פון דעם לעצטן שווינדלערישן מאַנעוור פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

אין חודש אַפּריל האָט געזאָלט פאָרקומען דער צווייטער טייל אונטער־האַנדלונגען צווישן דער יידישער אַגענץ און דער ענגלישער רעגירונג. דאָס מאָל האָט מען שוין געזאָלט אַרומרעדן די קאָנקרעטע מיטלען, וואָס די פּאַלעס־טינער אַדמיניסטראַציע דאַרף אָננעמען לטובת דער יידישער קאָלאָניזאַציע. גלייכצייטיק האָט די ענגלישע רעגירונג געזאָלט צוגרייטן דעם באָדן פאַר דירעקטע אונטערהאַנדלונגען צווישן דער יידישער אַגענץ און דעם נאַציאָנאַל־אַראַבישן עקזעקוטיוו, דער פאַרשטייערשאַפט פון די אַראַבישע פּריצים און כלי־קודש.

פּראָפעסאָר ווייצמאַן האָט זיך אַליין מטריח געווען קיין ארץ־ישראל, כדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַראַבישע פירער. פערצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט די ציוניסטישע בורזשואַזיע נישט געוואָלט הערן און נישט געוואָלט וויסן וועגן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער און האָט געשטיצט די ציוניסטישע פּאָליטיק אויפן חסד פון ענגלישן אָקופּאַנט. ערשט איצט, נאָכן שענדלעכן באַנקראָט פון זייער פּאָליטיק, הייבן אָן די ציוניסטישע פירער זוכן אַ וועג, נישט חלילה צום אַראַבישן פאָלק, נאָר צו זיינע פּני־

ווייצמאַן האָט זיך טאַקע געקליבן צו באַזוכן דעם עמיר (פירשט אַבדאַללאַ, וואָס קיניגט מיט ענגלאַנדס חסד איבער עבר־הירדן — מזרח־טייל פון פּאַלעסטינע). אַפילו צו דעם פּרווו האָט נישט געוואָלט דערלאָזן גראָד די רעגירונג, וואָס האָט אַ פול מויל מיט זיסע רייד וועגן דער נייטיקייט צו שליסן שלום צווישן יידן און אַראַבער. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג האָט מודיע געווען ווייצמאַנען, אַז די רעגירונג איז נישט בכוח צו גאַראַנטירן פאַר דער פּערזענלעכער זיכערקייט פון ווייצמאַנען, בעת זיין באַזוך אין עבר־הירדן. דער אויבער־קאָמיסאַר פון פּאַלעסטינע האָט נישט אויסגעאיבט דעם מינדעסטן דרוק, כדי צו פּועלן ביי די אַראַבישע פירער, זיי זאָלן זיך טרעפן מיט ווייצמאַנען. פאַרקערט, ער האָט געגעבן דאָס פולע רעכט דעם נאַציאָנאַל־אַראַבישן עקזעקוטיוו אָפּצוּוואַרפן יעדן פאַרשטענדיקונגס־פּרווו מצד די ציוניסטן. די נאַציאָנאַליסטישע אַראַבישע פירער האָבן אויך אָפּגעוואָרפן מאַקדאָנאַלדס איינלאַדונג צו קומען קיין לאָנדאָן, כדי דאָרטן אונטערצוהאַנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג און, עווענטועל, מיט דער יידישער אַגענץ. אַ נייע גיפטיקע כוואַליע פון אַנטי־יידישער העצע צעגיסט זיך צווישן די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע. דריי אומשולדיקע יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געוואָרן דער־מאָרדעט הינטער חיפה, זענען די קרבנות פון דעם באַנייטן אָנגריף מצד די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אויפן יידישן ישוב.

צו דעם צווייטן טייל פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער יידישער אַגענץ, איז די ענגלישע רעגירונג געקומען מיטן פּלאַן פון אַ גרויסער הלוואה, וועלכע זי וויל פאַרווענדן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון פּאַלעסטינע. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דעם יידישן ישוב וועלן צופאַלן בלויז נישטיקע טיילן פון דער דאָזיקער הלוואה. דער ענגלישער אַנטוויקלונגס־פּלאַן פאַר פּאַלעסטינע האָט געזאָלט מיט מעשים באַשטעטיקן די ערלעכקייט און אויפ־ריכטיקייט פון מאַקדאָנאַלדס פירוש צום „ווייסן בוך". אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ מוראדיקע אַנטוישונג פאַר די ציוניסטישע און צעירי־ציוניסטישע פירער. בלית ברירה האָבן זיי דערווייל איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג, נישט זעענדיק קיין אויסוועג פון דער פאַר־צווייפלטער לאַגע.

אין די לעצטע טעג האָט מאַקדאָנאַלדס רעגירונג ווידער מזכה געווען די יידישע אַרבעטער מיט אַ נייער גזירה. אויף דעם נאָענטסטן האַלבן יאָר גיט זי נישט אַרויס קיין איינציקן סערטיפיקאַט פאַר אַרבעטער־איינוואַנדערונג. די דאָזיקע האַנדלונג באַווייזט אַמבעסטן דעם ריכטיקן מיין און זין פון מאַק־דאָנאַלדס בריוו.

דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער פּאַלעסטינע־פּאָליטיק, וואָס שטייט אונטערן

צייכן פון מאַקדאָנאַלדס בריוו, באַשטעטיקט ווידער די ריכטיקייט פון דעם פועלי־ציוניסטישן וועג צום יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם, די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער, די קלאַסן־אַקטיוויטעט פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־קלאַס — דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, יוני 1931

דער ציוניסטישער פאַשיזם

די ערשטע נישט־לאַנג פאַרגעקומענע וואַלן צו דעם 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ באַדייטנדן איבערברוך אין די שטימונגען פון דער ציוניסטישער בירגערלעכער באַוועגונג. אין אַ גאַר גיכן טעמפּ איז אינערהאַלב דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אויסגעוואַקסן דער איינפלוס פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט 6 יאָר צוריק זענען די רעוויזיאָניסטן אויפן 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס געווען פאַרטרעטן בסך־הכל דורך 2 דעלעגאַטן, און היי־יאָר, אויפן 17טן קאָנגרעס, ציילט שוין זייער פראַקציע אַזש 50 דעלעגאַטן.

אין פּוילן גופא האָבן זיי באַקומען העכער 60 פּראָצענט שטימען אין פאַרהעלטעניש צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. עס וועט דערפאַר זיין אינטערעסאַנט פאַר אונדזערע לעזער זיך צו באַקענען מיטן פּרצוף פונעם „רעוויזיאָניזם", וועלכער געפינט זיך אונטער דער גייסטיקער און פּאָליטישער אָנפירונג פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

דער רעוויזיאָניזם האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצולעבן די טראַדיציע פון דעם הערצלישן ציוניזם, וועלכער האָט נאָך אין יאָר 1897, אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, געוואָרפן דעם לאָזונג פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. די רעוויזיאָניסטן שטרייכן אונטער, אַז די עיקרדיקע שטרעבונג פון ציוניזם דאַרף זיין — צו שאַפן אַ יידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע און אַז צו פּאַלעסטינע דאַרף אויך געהערן דער מזרח־טייל פון לאַנד — דער עבר־הירדן.

די רעוויזיאָניסטן זענען די טרעגער פון דעם קעמפנדיקן נאַציאָנאַליזם אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן איבערגענומען אַלע עקלהאַפטע מידות פון דעם נאָכמלחמהדיקן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און באַמיען זיך אין דעם דאָזיקן שאָוויניסטישן גייסט צו דערציען די יידישע יוגנט. זיי פאַרהערלעכן דעם מילי־

טאָריזם, זיי פּראָפּאַגאַנדירן מיליטערישע אויסצובילדן די יידישע יוגנט און רופן צו שאַפן אַ יידישן מיליטערישן כוח. דער רעוויזיאָניזם קוקט מיט קנאה אויפן פאַשיזם, וועלכער האָט אין אַ ריי אייראָפּעישע לענדער באַוויזן אַזוי געשיקט אויסצונוצן די באַוואָפנטע קראַפט פון זיינע אָנהענגער, כדי צו דעראָבערן די מלוכה־מאַכט. די רעוויזיאָניסטן וואָלטן גערן אָנגעווענדעט די פיזישע גוואַלט, כדי צו דעראָבערן פאַר זיך מאַכט־פּאָזיציעס און זיי וואָלטן די וויכטיקסטע פראַגן פונעם יידישן לעבן געוואָלט פאַרענטפערן מיטן כוח פון זייער שווערדל...

דער שאָוויניזם און מיליטאַריזם פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק אין זייער שטעלונג צו דער אַרבעטער־פראַגע אין פּאַלעסטינע. לויט דער מיינונג פון זשאַבאָטינסקין איז פאַראַן אַ טיפע אינטערעסן־סתירה צווישן דעם יידישן און אַראַבישן פאָלק. מיט שוים אויף די ליפּן באַקעמפט זשאַבאָטינסקי דעם געדאַנק וועגן אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג אין פּאַלעסטינע. אַלס פאָרבילד ווילן די רעוויזיאָניסטן זיך נעמען די קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּעישע מלוכות, וועלכע האָבן מיט פייער און שווערד קאָלאָניזירט די דעראָבערטע לענדער אין אַמעריקע, אַזיע און אַפריקע. מען מוז אויך אין פּאַלעסטינע שאַפן אַ קאָלאָניזאַציע־רעזשים, פּונקט ווי אין די ענגלישע, פראַנצויזישע אָדער האָלענדישע קאָלאָניעס — איז דער לאָזונג פון די רעוויזיאָניסטן. זיי רופן צו שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ יידישן באַוואָפנטן כוח, דעם יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל אָנוואַרפן אַ מורא אויף די אַראַבער און שטענדיק האַלטן זיי אין צוים, כדי אויף אַזאַ אופן צו דערמעגלעכן די יידישע קאָלאָניזאַציע. דער רעוויזיאָניזם לעכצט זייער נאָך אַ מין יידישן אימפּעריאַליזם און שטרעבט צו אַ קריגערישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק.

ווי גרויס עס זאָלן נישט זיין די דעראָבערישע אַפּעטיטן און די אימפּער־יאַליסטישע גלוסטונגען פון דער יידישער בורזשואַזיע, — קאָן אָבער נישט די בורזשואַזיע פון פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, פירן וועלכע עס איז זעלבשטענדיקע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. די יידישע בורזשואַזיע איז דעריבער געווען געצוווּנגען אין דער צייט פון וועלט־קריג צו זוכן שוץ ביי איינעם פון די קריגפירנדיקע צדדים, כדי צו געווינען הילף פאַר אירע פּאַלעסטינע־שטרעבונגען. זשאַבאָטינסקי איז געווען איינער פון די ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן אין דער אָריענטאַציע אויפן ענגלישן אימ־פּעריאַליזם געזען די רעטונג פאַרן יידישן פאָלק. זשאַבאָטינסקי איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון יידישן לעגיאָן, וועלכער איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער ענגלישער אַרמיי, וואָס האָט אין עגיפּטן און אין פּאַלעסטינע, אין דער צייט פון וועלט־קריג, געקעמפט קעגן טערקיי. זשאַבאָטינסקי האָט גענומען גאָר אַן אַקטיוון אָנטייל ביים אַרויסבאַקומען פון ענגלאַנד די באַלפור־דעקלאַ־

ראַציע — דעם פּאַפּירענעם צוזאָג מיטצוהעלפן ביים אויפבוי פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

שפּעטער אָבער, נאָך אַ גאַנצער ריי פון אַנטוישונגען, פאַרשאַרפט זשאַבאָ־טינסקי זיין אָפּאָזיציע קעגן דער ענגלישער רעגירונג און הייבט אָן צו פירן אַ קאַמף קעגן וויצמאַנס נאָכגיביקייט לגבי דער ענגלישער רעגירונג.

באַזונדערס אויסגעוואַקסן איז די רעוויזיאָניסטישע השפעה אינערהאַלב דער ציוניסטישער באַוועגונג אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר. די בלוטיקע אויגוסט־געשעענישן אין יאָר 1929, די איינוואַנדערונגס־גזירה אין מאַי 1930 און דאָס „ווייס בוך" פון פּאַספּילדן — דאָס אַלץ האָט אַריינגעוואָרפן אין פאַר־צווייפלונג געוויסע טיילן פון די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע ציוניסטן און האָט אין זייערע אויגן קאָמפּראָמיטירט די ביזאיציטיקע ציוניסטישע אָנפירונג, דער פולשטענדיקער דורכפאַל פון די לעצטע פאָרגעקומענע אונטער־האַנדלונגען פון דער יידישער אַגענץ מיט דער ענגלישער רעגירונג איז געוואָרן דער לעצטער אַטוט פון דער האַפּערדיקער רעוויזיאָניסטישער אָפּאָזיציע, וועלכע פאַרמעסט זיך איצט צו דעראָבערן אויפן 17טן קאָנגרעס די לייטונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עס איז אָבער אַ טעות צו גלייבן, אַז דער רעוויזיאָניזם זאָגט זיך אָפּ פון דער אָריענטאַציע אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם. ער פאָדערט בלויז אַ קריגס־צושטאַנד מיט ענגלאַנד לויט דער פּסיכאָלאָגיע און מעטאָדן. מיט אַלע כוחות באַמיט זיך דער רעוויזיאָניזם אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג מיטן ענגלישן אימפּעריאַליזם. ער שרעקט זיך אָבער נישט פאַר אַ נייער און געפערלעכער אַוואַנטורע. זשאַבאָטינסקי רעדט אָפן וועגן דער מעגלעכקייט צו פאַרבינדן די ציוניסטישע באַוועגונג מיט דעם פראַנצויזישן אָדער איטאַליענישן אימפּעריאַ־ליזם, וועלכע האָבן אויך אָן אינטערעס אין פּאַלעסטינע. דער רעוויזיאָניזם רייצט בכיוון די רויב־אַפּעטיטן פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וועלכע האָבן אין צייט פונעם וועלט־קריג אויך געשטרעבט צו פאַרוואַלטן איבער פּאַלעסטינע.

דער רעוויזיאָניזם, וועלכער רעפּרעזענטירט דעם „קעמפערישן" פליגל פון דעם ציוניסטישן בירגערטום, רעדט אויך אַ סך וועגן „ליקווידירן דעם קלאַסן־קאַמף אין ארץ־ישראל". די רעוויזיאָניסטן האָבן דערקלערט אַ קרייץ־צוג קעגן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. מיט אַלע מיטלען באַקעמפן זיי די „אַלגעמיינע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע" אין ארץ־ישראל און פאַרוואַנדלען זייער יוגנט־פאַר־באַנד — דעם „ברית טרומפּעלדאָר" אין אַ פאַשיסטישער שטרייק־ברעכערישער און לוין־דריקערישער אָרגאַניזאַציע.

די אויבן־כאַראַקטעריזירטע אייגנשאַפטן פון דעם רעוויזיאָניזם: דער נאַ־ציאָנאַלער מאַקסימאַליזם, שאָוויניזם, מיליטאַריזם, אַגרעסיווקייט לגבי די אַראַבער,

אָריענטאַציע אויפן ענגלישן און עווענטועל אויף וועלכן עס איז אַנדערן אימ־פעריאַליזם, די ראַדיקאַלע פראַזע און דער חוצפּהדיקער זשעסט לגבי ענגלאַנד, די טויט־פּיינטשאַפט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, די פאַרהערלעכונג פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, און צום סוף, דער קריגערישער אַנשטעל — בילדן די וויכטיקסטע סימנים פון דעם אייגנאַרטיקן ציוניסטישן פאַשיזם. זיין צעטרומיי־טערטער זיג אין די רייען פון דעם ציוניסטישן בירגערטום איז אויך אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די יידישע בורזשואַזיע ווערט מיטגעריסן מיט דער שטייגנדער פאַשיסטישער כוואַליע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און זי פּרוּווט אַנווענדן די זעלבע אָדער ענלעכע פאַשיסטישע מעטאָדן, צוגעפּאַסט צו די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פונעם יידישן לעבן. דער צוזאַמענברוך פון דער אָפיציעלער ציו־ניסטישער פּאָליטיק האָט אַרויסגערופן אַ מוראדיקע פאַרצווייפלונג, אַן אַנטוישונג אין די ציוניסטישע רייען, און דאָס ציוניסטישע באַלעבעסל ווענדעט זיינע יאוש־דיקע בליקן צו דער „שטאַרקער האַנט" — צום כלומרשטדיקן ציוניסטישן מוסאָליני — צו זשאַבאָטינסקין...

צי די רעוויזיאָניסטן וועט טאַקע געלונגען שוין אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס איבערצונעמען די ציוניסטישע לייטונג, דאָס איז אַפילו נישט וויכטיק. אָבער, מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט גרינגשעצן די געפאַר, וואָס דראָט דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע מצד דעם אויפקומענדן פאַשיזם אין די רייען פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. אמת, דער רעוויזיאָניזם איז אין אַ סך הינזיכטן בלויז אַ קאַריקאַטור פון דעם אייראָפּעישן פאַשיזם. דער שטאָלצער אַנשטעל און די קלינגענדיקע פראַזן פון דעם רעוויזיאָניזם, וועלכער האָט הינטער זיך אַ גאַנץ קנאַפּן פאַקטישן כוח איך פאַרגלייך מיט דעם פאַשיזם אין דער קלענסטער אייראָפּעישער מלוכה, רופט אָפּט אַרויס בלויז אַ לעכערלעכן איינדרוק. מען קאָן אַפילו מיט זיכערקייט פאָרויסזאָגן, אַז אין פאַל, ווען דער רעוויזיאָניזם זאָל איבערנעמען דעם רודער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועט ער, דער רעוויזיאָניזם, נישט וואַגן צו מאַכן וועלכע עס איז דרייסטע שריט קעגן ענגלאַנד און וועט גיכער יוצא זיין מיט פּאַפּירענע פּראָטעסטן. דאַקעגן איז קלאָר, אַז דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַם פון רעוויזיאָניזם וועט באַלד ווערן דער קנין פון דער גאַנצער ציוניסטישער בורזשואַזיע, וועלכע פאַרמאָגט נאָך גענוג כוח, כדי אָנצוהייבן אַן אָנגריף אויף די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל.

די פּאַלעסטינער יידישע אַרבעטערשאַפט מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט דער גרינער קאָנגרעס־טיש איז דאָס אָרט, פון וואַנען עס דאַרף אָפּגע־שלאָגן ווערן דער פאַשיסטישער אָנגריף. די צעירי ציון מכל־המינים (רעכטע פּועלי־ציון, התאחדות, השומר־הצעיר און החלוץ) טרומייטערן אויך וועגן זייער

„זיג" ביי די לעצטע וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. עס איז אָבער נאַריש צו גלייבן, אַז אַפילו אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן וועלן אויפן קאָנגרעס עפּעס פּועלן ביי דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. בלויז פאַרן פּרייז פון קלאַסן־פאַרראַט און פּשרות מיטן בירגערטום קאָן דער צעירי־ציון־פליגל ווייטער בלייבן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיי וועלן אָבער דאָרט קיינמאָל נישט בכוח זיין צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. די רעוואָלוציאָנערע פּועלי־ציון־באַוועגונג איז היסטאָריש באַרופן צו אָרגאַניזירן דעם פאַרטיידיקונגס־פראָנט פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, סיי אין פּאַלעסטינע, סיי אין אַנדערע לענדער און האַנט ביי האַנט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס אָפּשלאָגן דעם פאַשיסטישן אָנגריף אויף דער יידישער גאַס.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, יולי 1931

די צעירי־ציוניסטישע רעטער פונעם בירגערלעכן ציוניזם

דער צעירי־ציוניסטישער לאַגער איז געקומען צום 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס אייניק און געשלאָסן. געפירט דורך דער פעסטער האַנט פון דער פּאַראַייניקטער רעכטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, האָט די אַזוי־גערופענע אַרבעטער־פראַקציע אויפן קאָנגרעס אַריינגענומען אין זיך דעם גאַנצן צעירי־ציוניסטישן ערב־רב מיט אַלע זיינע שאַטירונגען און גרופּירונגען. עס האָט דאָרטן, נאַטירלעך, נישט געפעלט אַפילו דער כלומרשט אומפּאַרטייאישער „החלוץ". אין דער צעירי־ציוניסטישער „אַרבעטער־פראַקציע" האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויך די פאַרשטייער פון „השומר הצעיר", הגם די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע מאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אָפּאָזיציע לגבי דעם צעירי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד און טענהט נאָך אַלץ וועגן איר פולשטענדיקער אידעאישער און פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט.

די „אַרבעטער־פראַקציע" האָט דאָרט געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָל און דערפאַר וואַרפן טאַקע די קאָנגרעס־פאַרהאַנדלונגען און די קאָנגרעס־באַשלוסן אַ העל ליכט אויפן פּאָליטישן וועג פון דער צעירי־ציוניסטישער מחנה און זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם מהות פון דעם צעירי־ציוניסטישן רעפאָרמיזם.

די אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געדרייט די פאַרהאַנדלונגען פון באַזעלער קאָנגרעס, איז געווען די פראַגע וועגן ענדציל פון ציוניזם. דער פאַקט אַליין, וואָס 34 יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דער איצטיקער קאָנגרעס געמוזט פון דאָס ניי רעווידירן און פאָרמולירן דעם הויפּט־עיקר פון

ציוניסטישן פּראָגראַם, איז אַ געגוגנדער באַווייז, ווי טיף ס'איז דער אידעאישער קריזיס אינערהאַלב דער בירגערלעכער ציוניסטישער באַוועגונג. אַרום דעם דאַזיקן, אין פלוג טעאָרעטישן וויכוח, האָט זיך אויפן קאָנגרעס אַנטוויקלט דער לײדנשאַפטלעכער שטרייט וועגן די ברענענדיקע טאַקטישע פראַגן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. דער דאָזיקער שטרייט האָט דעם גאַנצן קאָנ־גרעס צעטיילט אויף צוויי צדדים. אויף אַנהענגער און קעגנער פון דער פּאָליטיק, וואָס עס האָט געפירט פּראָפעסאָר ווייצמאַן, וועלכער איז דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד געשטאַנען בראש פון דער ציוניסטישער לײטונג. עס וואָלט געווען אַן אומזיסטע טרחה צו זוכן ביי דער „אַרבעטער־פּראַקציע" אויפן קאָנגרעס וועלכן עס איז סימן פון פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק. עס איז ביי איר בכלל שווער צו געפינען אַ שפּור פון זעלבשטענדיקער פּאָליטיק. די צעירי־ציוניס־טישע פראַקציע האָט זיך אין דעם דאָזיקן טאַקטישן קאַמף, וואָס האָט אויפגע־טרייסלט דאָס גאַנצע ציוניסטישע בירגערטום, געשטעלט אויף דער זייט פון ווייצמאַנען. מיט דעם האָט זי יוצא געווען איר פּראָלעטאַרישע פליכט. די שיטה פון פּראָפעסאָר ווייצמאַן איז געוואָרן דער העכסטער אויסדרוק פון דער צעירי־ציוניסטישער „אַרבעטער־פּאָליטיק".

די רעוויזיאָניסטן מיט זשאַבאָטינסקין בראש האָבן פאָרמולירט דעם ענדציל אַלס די שטרעבונג צו שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ יידישע מלוכה מיט אַ יידישער מערהייט אויף ביידע זייטן פון ירדן. די רעוויזיאָניסטן דריקן אויס אין דער דאָזיקער פאָרמולירונג די בענקשאַפט פון דעם יידישן בירגערטום צו דער־שלאָגן זיך צו אַן אייגענער טעריטאָריע, ווו מען וועט ענדלעך פּטור ווערן פון דער פרעמדער קאָנקורענץ, ווו מען וועט באַקומען אין אייגענעם רשות דעם גוואַלד־אַפּאַראַט פון אַ מלוכה, כדי רואיק און אומגעשטערט צו לעבן אויפן חשבון פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און, עווענטועל, אויך אויפן חשבון פון אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. ווייצמאַן און זיינע אַנהענגער האַלטן ווידער, אַז אַזאַ מין אָפנהאַרציקע און קלאָרע פאָרמולירונג פון דעם ענדציל קאָן בלויז ברענגען שאָדן דעם בירגערלעכן ציוניזם גופא.

דער דאָזיקער מאַקסימאַליזם, האַלט ווייצמאַן, רייצט בלויז די אַראַבער. ער שאַפט ביי זיי די מיינונג, אַז די יידן ווילן שאַפן אַ מערהייט, כדי אַרויס־צושטויסן די אַראַבער פון לאַנד. די רעוויזיאָניסטישע פאָרמולירונג איז נישט אויף דער האַנט דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. דער לאָזונג פון אַ יידישער מלוכה וועקט דאָך איבערגעטריבענע האָפענונגען ביי די ציוניסטישע מאַסן און טרייבט זיי אַרויסצושטעלן פאָדערונגען וועגן ווירקלעכער הילף פאַרן אויפבוי פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל, און דאָס איז — פונעם ענגלישן שטאַנד־פונקט — שוין אַ ביסל חוצפהדיק, און דער וועג פון בירגערלעכן ציוניזם, לויט ווייצמאַנס שיטה, איז דער וועג פון אַ פאָרזיכטיקן דיפּלאָמאַטישן שפּיל

מיט די אַראַבער, אַ וועג פון אַ געהאַרכזאַמען און אַ געטרייען דינסט ביי דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט, פון אַ געדולדיקער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, וואָס דאַרף זיין אויסגערעכנט אויף לאַנגע יאָרצענדליקער. די פּאַרעווע און מטושטשדיקע רעזאָלוציע וועגן ענדציל, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אויך מיט די שטימען פון דער „אַרבעטער־פראַקציע", איז טאַקע אויסגעאַרבעט אין גייסט פון וויצמאַנס שיטה.

די צעירי־ציוניסטישע פראַקציע האָט געהאַלטן פאַר איבעריק אַריינצוטראָגן וועלכע עס איז אויסבעסערונג צו דער ענדציל־רעזאָלוציע. די רעכטע פועלי־ציון, וועלכע האָבן די חוצפּה זיך צו רופן די גייסטיקע יורשים פון באָראָכאָוון, האָבן אָבער גענצלעך פאַרגעסן באָראָכאָווס טעאָריע וועגן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון ציוניזם. זיי זעען פאַר זיך נישט דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, נאָר דאָס „היימלאָזע, לאַנדלאָזע יידישע פאָלק". זיי דערמאָנען שוין נישט וועגן דער שטרעבונג צו דעם יידישן אַרבעטער־צענטער, צו סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. זייער ציל איז בלויז „באַנייען דעם נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק" אין דעם „היסטאָרישן היימלאַנד".

די צעירי־ציון דעקן נישט אויף די אונטערדריקונגס ראָל פון יעדער בורזשואַזער מלוכה. דעם רעוויזיאָניסטישן לאָזונג פון אַ יידישער מלוכה שטעלן זיי אַפילו נישט אַנטקעגן דעם פּראָלעטאַרישן לאָזונג פון אַן אַרבעטער און פויערים־רעפּובליק אין פּאַלעסטינע.

לויט אונדזער מיינונג, דאַרף דער יידישער אַרבעטער־קלאַס שטעלן דעם טראַפּ אויפן קאַמף פון דער פרייער, אומגעשטערטער מאַסן־איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, כדי אַזוי אַרום צו דערמעגלעכן די שאַפונג פון דעם גרויסן יידישן מאַסן־ישוב, פון דעם יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע. די גאַראַנטיע פאַר דער דערפילונג פון דעם דאָזיקן אידעאַל ליגט נישט אין דער שאַפונג פון אַ בורזשואַזער מלוכה מיט אַ יידישער מערהייט, נאָר אין דער אויפריכטונג פון פּראָלעטאַרישער מאַכט אין פּאַלעסטינע, וועלכע גאַראַנטירט אויך די מינדערהייטס־פעלקער די פולע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער צו אַזעלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען האָט זיך, נאַטירלעך, נאָך נישט דערטראַכט די „אַרבעטער־פראַקציע", וועלכע שטייט פעסט אויפן באָדן פון דער הייַנטיקער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט און פון דער בורזשואַזער מלוכה־אָרדענונג. פאַר איר איז אומבאַרירלעך דער פעלקער־בונד און דער ענגלישער מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע. אונדזערע היימישע רעפאָרמיסטן האָפן דורכן ציוניזם צו לייזן די יידן־פראַגע אין דער תקופה פון אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם. דאָס סאָלידאַרע שטימען פון דער „אַרבעטער־פראַקציע" פאַר דער וויצמאַנישער ענדציל־רעזאָלוציע, האָט דעמאָנסטרירט די דאָזיקע צעירי־ציוניסטישע פאַרבלענדעניש. אין הסכם מיט דער דאָזיקער גרונט־איינשטעלונג

איז אויך געווען די שטעלונג פון דער „אַרבעטער־פּראַקציע" צו אַלע לעבנס־פּראָבלעמען פון היינטיקן פּאַלעסטינע.

בן־גוריון, דער פירער פון דער רעכטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, כאַראַקטעריזירט די פּאָליטישע לאַגע אין פּאַלעסטינע מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „מען האָט געמאַכט צו שפּאָט נישט בלויז אונדזערע פּאָליטישע רעכט, נאָר אויך אונדזערע בירגערלעכע". אין דער פּאָליטישער רעזאָלוציע, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אויך מיט די צעירי־ציוניסטישע שטימען, ווערט אָנגעוויזן, אַז די פּאַלעסטינער אַדמיניסטראַציע פירט נישט דורך אין לעבן די באַשטימונגען פון דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו. זי באַשווערט די יידישע באָדן־קניות, די יידישע איינוואַנדערונגס־אַרבעטן. אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג רייסן זיך אַרויס פון בן־גוריונס מויל אַפילו פאָלגנדיקע ווערטער: „אונדזער באַפרייאונגס־באַוועגונג קאָן נישט ווערן קיין צוטשעפּעניש צום ענגלישן אימפּעריאַליזם". מען טאָר אָבער נישט נעמען ערנסט די דאָזיקע ראַדיקאַלע פראַזע פון דעם אָפּאָרטוניסטישן גדול. דער קאָנגרעס האָט שפּעטער מיט דער שטים פון דעם זעלבן בן־גוריון און פון זיין גאַנצער פראַקציע פעסטגעשטעלט, אַז דער מאַקדאָנאַלד־בריוו דינט פאָרט אַלס באַזע פאַר אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג. דער ניי־געוויילטער פּרעזידענט, סאָקאָלאָוו, האָט ביים שלוס פון קאָנגרעס פייערלעך דערקלערט, אַז די נייע לייטונג, צו וועלכער עס געהערן אויך צוויי צעירי־ציוניסטישע „אַרבעטער־פאָרשטייער", וועט צוזאַמענאַרבעטן מיט דער ענגלישער מאַנדאַט־רעגירונג.

עס זענען אַוועק צוויי יאָר נאָך די בלוטיקע אויגוסט־געשעענישן, אַ יאָר נאָך דעם איינוואַנדערונגס־פאַרבאָט, דריי פערטל יאָר נאָך דעם „ווייסן בוך", און דער בירגערלעכער ציוניזם און זיין צעירי־ציוניסטישער העלפער האַלטן נישט פאַר נייטיק צו ענדערן זייער באַציאונג צום ענגלישן אימפּעריאַליזם. סאָקאָלאָוו זאָגט צו אין נאָמען פון דער נייער לייטונג: „אָנשטרענגען אַלע אירע כוחות, כדי אויסצווירקן די דורכפירונג פון אַלע באַשטימונגען, וואָס זענען פאַרגעזען אין דעם ארץ־ישראל מאַנדאַט". ווייצמאַן האָט פאַרלאָזט דעם ציוניסטישן פּרעז־זידענט־שטול. אָבער זיין פּאָליטישע שיטה פון געהאַרכזאַמער, געטרייער הכנעה לגבי ענגלאַנד און זיין שתדלנות־פּאָליטיק זענען געבליבן דער אָפיציעלער קורס פון דעם בירגערלעכן ציוניזם. גרויס זענען די פאַרדינסטן פון דער „אַרבעטער־פראַקציע" פאַר דער ווייטערדיקער אָריענטאַציע פון דעם בירגערלעכן ציוניזם אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם און פאַר זיין שקלאַפערישער פאַרבינדונג מיט דעם ענגלישן אָקופּאַנט.

ערשט איצט, ווען דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט גוואַלדיק פאַרשאַרפט די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען און האָט אַזוי אַרום באַדייטנד געשטאַרקט זיין אייגענע פּאָזיציע אין לאַנד, האָבן זיך די בירגערלעכע און רעפאָרמיסטישע

פּאָליטיקער אַרומגעזען, ווי שטאַרק זיי האָבן געזינדיקט מיטן פאַרנאַכלעסיקן און גרינגשעצן די אַראַבער־פראַגע. איצט רעדן סיי ווייצמאַן, סיי בן־גוריון און דער צווייטער רעכטער „אַרבעטער־פירער", אַרלאָזאָראָוו, וועגן דער נייטיקייט צו זוכן, און וועגן דער מעגלעכקייט צו געפינען, אַ יסוד פאַרן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די יידן מיט די אַראַבער. די נייע ליטונג האַלט עס פאַר איינער פון אירע וויכטיקסטע פליכטן צו אַרבעטן אין דער דאָזיקער ריכטונג. זי שטעלט אַרויס דעם פּרינציפּ: פּאַריטעט, פולע גלייכשטעלונג פון יידן מיט אַראַבער ביים געניסן פון די מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס און ביים אָנטייל אין דער לאַנדעס־פאַרוואַלטונג. סאָקאָלאָוו וואַרפט דעם לאָזונג: „קיינער זאָל נישט הערשן און קיינער זאָל נישט באַהערשט ווערן".

פאַלש און געפערלעך איז די צעירי־ציוניסטישע איינרעדעניש, אַז דער בירגערלעכער ציוניזם איז פעיק צו לייזן דאָס יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם. די רעפּאַרמיסטן זענען געשטראָפט מיט בלינדקייט בנוגע דער קלאַסן־איינטיילונג ביי דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. זיי רעדן וועגן שלום צווישן גאַנצן יידישן פאָלק מיט דעם גאַנצן אַראַבישן פאָלק, וועגן זייער גלייכשטעלונג. אדרבא, ווי אַזוי וועט מען דעם יידישן פּרדס־אייגנטימער, וועלכער עקספּלאָאַטירט מוראדיק דעם אַראַבישן פעלאַך (פּויער), זיין פרוי און קינד, קענען גלייכשטעלן מיט זיינע לוין־שקלאַפן? און אפשר וועלן די צעירי־ציון פאַרענטפערן די קשיא, ווי אַזוי און ווען וועלן זיך איינלעבן בשלום דער אַראַבישער עפענדי (פּריץ) מיטן יידישן אַרבעטער, וועלכער איז אין די עפענדישע אויגן דער טרעגער פון קאָמוניזם.

די אָפּאָרטוניסטן לייגן שטיינער אויפן וועג פון דער איינציק רעאַלער יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג. זיי שטערן בידים דער געמיינזאַמער אָרגאַניזירונג פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער אין איין אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די רעכטע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן דאָך פאַרן אַראַבישן אַרבעטער געשלאָסן די טויערן פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין פּאַלעסטינע, און אויף די קאָנגרעסן פראַוועט די „אַרבעטער־פראַקציע" צוזאַמען מיט די בירגערלעכע פּאָליטיקער אַ קאָמעדיע פון יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג!...

דיווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען האָבן אויך פאַרנומען אַן אָרט אויפן קאָנגרעס, הגם גראַד אַרום דער דאָזיקער פראַגע זענען נישט פאַרגעקומען קיין אינערלעכע קאַמפן. 11 יאָר צייט האָט געדויערט דער שטרייט אינערהאַלב די ציוניסטישע רייען וועגן די מעטאָדן און מיטלען, וועלכע מען דאַרף אָנווענדן ביים אויפבוי פון פּאַלעסטינע. נאָך צו יענער צייט האָט דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פירער בראַנדייס געפאָדערט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַלס קלאַסן־אינסטרומענט פון דעם יידישן בירגערטום, זאָל איר ענערגיע און פינאַנסיעלע מיטלען ווידמען דעם אויפבוי פון פּאַלעסטינע אויף די יסודות פון

פריוואַטער איניציאַטיוו. ער האָט שטענדיק אָנגעוויזן, אַז די ציוניסטישע פאָנדן — קרן קמת און קרן היסוד — האָבן בלויז אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג אַלס הילפס־אינסטרומענטן ביים פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן אויפבוי. איצט האָט דער 17טער ציוניסטישער קאָנגרעס אָנגענומען די שטעלונג פון בראַנדייסן. די נייע לייטונג באַטראַכט אַלס איר ערשטע פליכט צו שטיצן די פריוואַטע ווירטשאַפט אין פּאַלעסטינע. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן וועגן אָרגאַניזירן פריוואַטע קאַפּיטאַלן און דערמוטיקן די פריוואַטע איניציאַטיוו אין פּאַלעסטינע. דער קאָנגרעס האָט דערביי גאַראַנטירט, אַז די ציוניסטישע לייטונג וועט אַפילו נישט קאָנטראָלירן די פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען און וועט זיי איבערלאָזן פולשטענדיקע פרייהייט אין זייערע עסקים. דער קאָנגרעס האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער קאָלאָניזאַציע פון מיטלשטאַנד און האָט אַפילו אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן באַזעצן אין פּאַלעסטינע 100 טויזנט יידן פון מיטלשטאַנד במשך די נאָענטסטע פינף יאָר.

די „אַרבעטער־פּראַקציע" האָט צוגעלייגט איר האַנט צו דער דאָזיקער אָפיציעלער פאַרוואַנדלונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין אַ פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג. קיין פּיפּס האָבן זיי נישט געגעבן וועגן זייער אַמאָליקן חלום פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליסטישן אויפבוי פון פּאַלעסטינע, מיט וועלכן זיי פאַרטומלען נאָך עד היום זייערע יוגנט־מאַסן פון דער „פרייהייט" „גורדוניה", „החלוץ הצעיר" און „השומר הצעיר". דער גאַנצער צעירי־ציוניסטישער לאַגער האָט אַזוי אַרום שווייגנדיק אָנערקענט דעם באַנקראָט פון דעם קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם. מיט אַ צעבראָכן געמיט קלאָגן זיך די רעכטע אַרבעטער־פירער איבער דעם קלאַסן־עגאָיזם פון דער יידישער בורזשואַזיע. פון דער קאָנגרעס־טריבונע דערציילט בן־גוריון, אַז הונדערטער יידישע פרדס־באַזיצער אין פּתח־תקוה, אין אַ סך ערטער אין חדרה, רחובות און אין נס־ציונה, באַיקאָטירן יידישע אַרבעטער. דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו ענדערן דעם צוזאַמענשטעל פון די פּאַלעסטינע־אַמטן לויט די כוחות־פאַר־העלטענישן אויפן לעצטן קאָנגרעס. דאָס באַטייט, אַז דער מאַנאָפּאָל פון די צעירי־ציוניסטישע גרופּירונגען און פון „החלוץ" אויף דער אַרבעטער־איינוואַנ־דערונג, איז געבראָכן. להבא וועלן אַ היפּשע טייל פון די סערטיפיקאַטן באַקומען די רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן צושטעלן דער ארץ־ישראלדיקער בורזשואַזיע דעם נייטיקן עלעמענט פאַר שטרייק־ברעכעריי.

דער גאַנצער צעירי־ציוניסטישער לאַגער איז מסכים צו פאַרוואַנדלען די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט אין געהאָרכזאַמע שקלאַפן ביים פריוואַטן קאַפּיטאַל פאַרן פּרייז פון דער גאַנץ באַשיידענער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע מיט די מיטלען פון די ציוניסטישע פאָנדן. דער צוזאָג צו פאַרווירקלעכן ענדלעך דעם פּלאַן פון באַזעצן טויזנט אַרבעטער־פאַמיליעס אויף ערד, האָט פּשוט

פּאַרשיכורט די אַמאָליקע הייסע חסידים פון דעם קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם. די צעירי־ציון ווילן בשום אופן נישט באַגרייפן די אָפּנהאַרציקע ווערטער פון זייער אייגענעם דעמיסיאָנירטן פּרעזידענט: „אין ארץ־ישראל האָבן מיר נאָך נישט איצט דאָס, וואָס עס ווערט אָנגערופן „ביזנעס״־מעגלעכקייטן. עס מוז צוערשט קומען די אַרבעט פון די חלוצים און די אינוועסטיציעס פון קרן־קימת און קרן־היסוד. פּאַרשטענדלעך, אַז אין 10 אָדער 20 יאָר אַרום איז מעגלעך, אַז ארץ־ישראל וועט זיין אַן אָפּגאַנג־אַרטיקל אויף דער וועלט־בערזע!״. דעם אמת גערעדט, זענען שוין היינט אַלע וויכטיקסטע ניי־אויפגעקומענע ווירט־שאַפטס־צווייגן אין פּאַלעסטינע אין די הענט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל. שוין היינט זענען קנאַפּע 90 פּראָצענט פון אַלע יידישע אַרבעטער באַשעפטיקט ביי פּריוואַטע אונטערנעמער אין שטאָט און אין דאָרף. פאַראַן אָבער אַ ריי קאָלאָני־זאַציע־אונטערנעמונגען, ווי למשל, דער געלונגענער פּרווו צו קאָלאָניזירן דעם זומפּיקן עמק יזרעאל, וועלכער זיכערט נישט קיין באַלדיקן ריווח דעם איינצלנעם קאַפּיטאַליסט, ווייל עס איז נאָך פאַרבונדן מיט ריזיקע פאַרלוסטן. דאָ נוצט די יידישע בורזשואַזיע אויס די ציוניסטישע פאָנדן, כדי מיט געזעלשאַפטלעכע געלטער צו מאַכן די נייטיקע אינוועסטיציעס און די עקספּערימענטן, וועלכע עס מאַכן געווינלעך אין אַנדערע לענדער די מלוכות גופא אויפן חשבון פון דעם שטייער־צאָלער. די רעפאָרמיסטן זענען גרייט צו ברענגען די אַרבעטער־אינטערעסן אַלס קרבן פאַר דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי־ווערק, און דאָס הייסט פּראַקטיש, פאַר די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן.

אָנשטאָט צו אָרגאַניזירן דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קלאַסן־קאַמף פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן די אַרבעטער־כוחות אויסשליסלעך אויף דער שאַפונג פון די אַרבעטער־פּאָזיציעס אין פּאַלעס־טינע, אָנשטאָט גרייטן זיך צו דער גרויסער קלאַסן־שלאַכט פאַר דער פּראָלעטאַ־רישער הערשאַפט, פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל — זענען די רעפאָרמיסטן פריוויליק געוואָרן אַ פוס־בענקעלע פאַרן אויפקומענדיקן יונגן יידישן קאַפּיטאַליזם אין פּאַלעסטינע. זיי האָבן געשלאָסן אַ קאָאַליציע מיט דעם ציוניסטישן בירגערטום און האָבן געשאַפן אַ געמיינזאַמע ציוניסטישע לייטונג. ווי דער שטייגער איז איצט ביי זייערע גרויסע ברודער־פּאַרטייען פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, באַרעכטיקן די צעירי־ציון זייער קלאַסן־פאַרראַט מיט דעם ווילן זיך אַנטקעגנצושטעלן דער פאַשיסטיש־רעוויזיאָניסטישער געפאַר, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. כדי נישט צו דערלאָזן די רעוויזיאָניסטן צו דער ציוניסטישער לייטונג האָט די „אַרבעטער־פראַקציע״ זיך געאיילט שאַפן די צענטער־לינקע מערהייט אויפן קאָנגרעס. מעשה־חוזק ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די דאָזיקע ציוניסטישע לייטונג איז גאָר אַ בריק צו די רעוויזיאָניסטן. דערקלערט דאָך דער ניי־געוויילטער מיטגליד

פון ציוניסטישן עקזעקוטיוו, דער „מזרחי״־פירער פאַרבשטיין: „איך האָב פולע סימפּאַטיעס צו די פירער פון די רעוויזיאָניסטן און אָנערקענונג פאַר זייער גרענעצלאָזער אַרבעט פאַרן ציוניזם. מען מוז זוכן אַ וועג, ווי אַזוי אונטערצו־האַלטן אַ פריינטלעכע באַציאונג מיט די רעוויזיאָניסטן״. נישט דורך זיצן אין דער בירגערלעך־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאַרף די אַרבעטערשאַפט זיך אַנטקעגנשטעלן דער פאַשיסטישער געפאַר אין פאַלעסטינע, נאָר דורך דער אָרגאַ־ניזירונג פון דער יידישער און אַראַבישער אַרבעטערשאַפט אין פאַלעסטינע און דורך געמיינזאַמען קלאַסן־קאַמף סיי אין פאַלעסטינע און סיי אין אַלע אַנדערע לענדער.

דער באַזעלער קאָנגרעס איז געווען אַ ווייטערדיקער עטאַפּ אויפן וועג פון קאָנסאָלידירן דעם צעירי־ציוניסטישן לאַגער אין וועלט־מאַסשטאַב. פאַראייניקט דורך דער געמיינזאַמער קייט פון חטאים לגבי די קלאַסן־אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער אין פאַלעסטינע און אין גאַר דער וועלט, איילן צו די צעירי־ציון־פירער די פולע אָרגאַניזאַציאָנעלע צונויפגיסונג פון זייערע באַזונדערע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשידענע לענדער. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיך פאַראייניקט די רעפאָרמיסטישע פאַרטייען „אחדות העבודה״ און „הפועל הצעיר״ אין פאַלעסטינע. שפּעטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן די „התאחדות״ און רעכטע פועלי־ציון אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. איצט איז געקומען די וועלט־קאָנפערענץ פון די רעכטע פועלי־ציון און האָט באַשלאָסן ענדגילטיק צו פאַראייניקן זיך אויך אין פוילן מיטן „התאחדות״. די קאָנסאָלידאַציע פון דעם צעירי־ציוניסטישן לאַגער ווערט פאַרענדיקט, און דערפאַר איז עס די פליכט פון דער פועלי־ציון־„יוגנט״ צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם לאַגער פון קלאַסן־פאַרראַט און קלאַסן־פשרה. עס איז דער פּראָלעטאַרישער חוב פון דער פועלי־ציוניסטישער „יוגנט״ צו קומען צו די יוגנטלעכע, וואָס שטעקן נאָך אין די רייען פון „פרייהייט״, „גורדוניה״, „השומר הצעיר״ און „החלוץ הצעיר״, און ווייזן זיי דעם איינציק־ריכטיקן פּראָלעטאַרישן וועג צו דעם יידישן אַרבעטער־צענטער אין פאַלעסטינע, וואָס איז גלייכצייטיק דער וועג צום סאָציאַליזם.

„די פרייע יוגנט״, וואַרשע, סעפּטעמבער 1931

די יידישעווירקלעכקייט אינעם ראַטנפאַרבאַנד

אינעם יאָרן־לאַנגן קאַמף מיט פועלי־ציון לייקענען שטענדיק די „רויטע״ אין דער נויטוועדיקייט פון אַ באַזונדערן פּראָגראַם פאַר דער לייזונג פון דער יידישער אַרבעטער־פראַגע. זיי פאַררופן זיך דערביי אויפן ביישפּיל פון ראַטנ־פאַרבאַנד: דאָרטן, זאָגן זיי, איז שוין לאַנג פאַרענטפערט די יידן־פראַגע. די

יידישע קאָמוניסטן מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אין משך פון 7 יאָר נאָך דער נאָוועמבער־איבערקערעניש האָבן זיי חוזק געמאַכט פון די פועלי־ציון, וועלכע האָבן געפאָדערט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אַריבערצופירן די יידישע מאַסן צו לאַנד־ווירטשאַפט און אינדוסטריע. ערשט די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די פאַראָרעמטע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד און זייער סטיכישער דראַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, האָט ענדלעך געצוווּנגען די ראַטן־מאַכט צו פאַראינטערעסירן זיך מיטן גורל פון דער יידישער אָרעמקייט און אַ טראַכט צו טאָן וועגן ווירטשאַפטלעכן תכלית פאַר די מיליאָניקע יידישע מאַסן.

אינעם יאָר 1928 איז די יעווסעקציע, וועלכע האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרדייען אידעיש די אויפגעכאַפּטע פועלי־ציוניסטישע לאָזונגען פון אַגראַריזי־רונג און אינדוסטריאַליזירונג, אַרויס מיט אַ פריש אַרויסגעכאַפּטן טייל פון דעם פועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם, מיט דעם לאָזונג צו שאַפן אַ געדיכטן יידישן מאַסן־ישוב אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע, און זי האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען ביראָ־בידזשאַן, וואָס געפינט זיך אין וויטן סיביר, אין אַ יידישער סאָציאַליסטישער ראַטן־רעפּובליק.

די יידישע „רויטע" אין פּוילן און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער וויכטיקער און נוצלעכער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר דער ווירטשאַפטלעכער געזונטונג פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן, כדי דערמיט צו באַקעמפן דעם פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם. די „רויטע" פאַרגרעסערן בכיוון פילפאַכיק די דערגרייכונגען פון דער קרימער און ביראָ־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע. זיי כאַפּן־אויף מיט פריידך און צעלייגן אויף טעלערלעך יעדע טרויעריקע ידיעה פון ארץ־ישראל.

לאָמיר דערפאַר אויפן גרונט פון פאַקטן און ידיעות, וואָס זענען גענומען פון סאָוויעטישע קוועלן, באַטראַכטן די ווירקלעכע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער אויפשוווּנג, וועלכן עס לעבט איבער די פּראָלעטאַרישע מלוכה אַ דאַנק דער פאַרווירקלעכונג פון דעם 5־יאָרפּלאַן, ברענגט אויך אויף אַ נאַטירלעכן אופן דעם געהעריקן נוצן דער האָרעפּאַשנער און סתם פאַראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. פון יאָר צו יאָר ווערט גרעסער די צאָל אַרבעטנדיקע יידן. עס איז אויסגעוואַקסן די צאָל כאַלופּניקעס. טויזנטער יידישע אַרבעטער זענען אַריין אין דער מיטל־ און גרויס־אינדוסטריע. עס האָט זיך באַוויזן דער שפּאָגל־נייער טיפּ פון אַ יידישן פּויער, וואָס זאָגט זיך גאַנץ אָפּט אָפּ פון זיין אינדיווידועלער ווירטשאַפט און שליסט זיך אָן אין דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו. די קאַטעגאָריע פון אָפּיצ'עלע סוחרים און הענדלער איז כמעט ווי פאַרשווונדן פון דער יידישער גאַס.

עס איז אָבער אַ לייכטזיניקייט און ממש אַ פאַרברעכן פון די „רויטע", וואָס זיי שמועסן־איין די אַרבעטער־מאַסן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירט נישט מער קיין יידן־פראַגע — פונקט ווי ס'איז פאַלש זייער באַהויפּטונג, אַז אינעם ראַטנ־פאַרבאַנד, ווו עס ווערט ערשט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, הערשט שוין היינט צו טאָג דער סאָציאַליזם. די רעזולטאַטן פון אויספאָרשונגען, וועלכע מען האָט דורכגעפירט אין יאָר 1930 אין צענדליקער שטעטלעך פון ראַטנפאַרבאַנד, דערציילן פונקט דעם היפוך דערפון.

אין 20 גרעסערע און קלענערע שטעטלעך אין ראַטן־אוקראַינע האָט זיך גע־פונען אַ יידישע באַפעלקערונג פון 44.261 נפשות, פון זיי 29.525 דערוואַקסענע יידן אין אַרבעטס־קליידער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז 8.767 דערוואַקסענע יידן געהערן צו דער קאַטעגאָריע געוועזענע סוחרים און הענדלער, וועלכע גענינסן נישט פון קיין שום פּאָליטישע און אויך נישט פון אַ גאַנצער ריי בירגערלעכע רעכט, נאָר זיי ווערן פאַררעכנט אַלס אַ נישט־אַרבעטנדיקער עלעמענט. אַ קנאַפּ דריטל פון דער דערוואַקסענער יידישער באַפעלקערונג אין די אוקראַינישע שטעטלעך הענגען, אַלזאָ, אין דער לופטן, האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און זיך אַלץ נאָך נישט דערשלאָגן צו פּראָ־דוקטיווער אַרבעט.

אַ צווייטע אויספאָרשונג פון דער יידישער לאַגע אין 45 שטעטלעך אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און גרויס־רוסלאַנד, האָט געבראַכט פאָלגנדע רעזול־טאַטן: אין משך פון איין יאָר — פון 1929 ביז 1930 — איז געוואַקסן די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אויף 20—22 פּראָצענט, די צאָל כאַלופּניקעס אויף 41 פּראָצענט, די צאָל באַשעפטיקטע ביי ערד־אַרבעט אויף 74 פּראָצענט און די צאָל הענדלער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקלענערט אויף גאַנצע 86 פּראָצענט. גלייכצייטיק דערמיט איז באַדייטנד געשטיגן אויף 78 פּראָצענט די צאָל יידן אָן אַ שום באַשעפטיקונג און אָן פאַרדינסטן, און זיי אַלע דראָט ממש עקאָנאָמישער אונטערגאַנג. פון אָן ערך 70 טויזנט יידישע איינוווינער אין די דאָזיקע 45 שטעט־לעך, זענען אַרויסגעפאַרן אין אַנדערע פונקטן נישט מער ווי 2.800 פּערזאָן. בלויז אַזאַ קליינע צאָל איינוווינער פון די דאָזיקע שטעטלעך האָט געהאַט די מעגלעכקייט און די האָפענונג זיך איינצואָרדענען אין גרעסערע שטעט, ווו עס איז פאַראַן אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע און ווו די אַרבעטס־מעגלעכקייטן זענען במילא גרעסער.

זייער שווער איז אויך די לאַגע פון די טראַדיציאָנעלע יידישע פאַכן, שניידער און שוסטער, סיי פון די כאַלופּניקעס און סיי פון די אַרבעטער, אין די קליינע שטעטלעך. די אומגעהייער גיכע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריאַליזירונג ברענגט אויך די באַקליידונגס־אינדוסטריע צום איבערגאַנג פון דעם אָפּגעשטאַנענעם

האַנטווערקער־וואַרשטאַט צו דער מאַשיניזירטער פאַבריק, וואָס אַרבעט פאַרן מאַסן־געברויך. די קליינשטעטלדיקע שניידער און שוסטער ליידן באַזונדערס שטאַרק פון דעם רוי־שטאָף־מאַנגל (לעדער און טעקסטיל), וואָס איז אַזוי שאַרף אין די דאָזיקע אינדוסטריע־צווייגן. שניידערס און שוסטערס, וואָס זענען יאָרן לאַנג געווען באַשעפטיקט אין זייער בראַנזשע, מוזן איצט לערנען אַן אַנדער פאַך — אַזאַ פאַך, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען.

דאָס בילד, וואָס עס אַנטפּלעקן פאַר אונדז די געבראַכטע פאַר ציפערן, איז נאָך געגנוג ווייט פון דער אידיליע, וועלכע עס מאָלן פאַר אונדז די אומפאַראַנטוואָרטלעכע יעווסעקעס. די יידישע קאָמוניסטן אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן שוין זינט 6—7 יאָר אָנערקענט, אַז גראָד אין פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן איבערבוי ווערן צעשטערט די אַלע פאַרעלטערטע און אָפּגעשטאַנענע ווירטשאַפטס־פּאָזיציעס, אין וועלכע די פאַר־רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג האָט אַוועקגעשטעלט די מיליאָניקע יידישע מאַסן.

אין יאָר 1924 האָט די ראַטן־רעגירונג געשאַפן דעם „קאָמזעט", דעם ספּעציעלן מלוכהשן אַמט, וועלכער שטיצט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין קרים און אוקראַינע און זאָרגט פאַר דער איבערפירונג פון די יידישע אַרבעטסלאָזע און פאַכלאָזע מאַסן, בפרט פון דער יוגנט, אין דער פאַבריק־אינדוסטריע.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דעם מלוכהשן אַמט „קאָמזעט" איז טאַקע די זאָרג פאַר דער איינאָרדענונג פון דער יידישער יוגנט אויף די פאַבריקן. עס איז בכלל נישט אַזאַ גרינגע אַרבעט, ווי עס דאַכט זיך אין פלוג: די קליינשטעטלדיקע יוגנט איז פיזיש פיל שוואַכער ווי די פון דאָרף צוגעקומענע יונגע פויערים. זי פּאַסט זיך שווער צו צו אַזאַ אַרבעט, למשל, ווי אין די קוילן־גרובן, זי פילט זיך פרעמד אין דער נייער סביבה, זי ווערט אָפט שיקאַנירט מצד די אומבאַוווּסטזיניקע אַרבעטער־עלעמענטן, וועלכע זענען אָנגעזאַפּט מיט אַנטיסעמיטישן סם.

עס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טאַקטיק פון די יעווסעקעס, וואָס צו דער זעלבער צייט, ווען זיי ווילן די יידישע מאַסן אין פּוילן און אויך אין אַנדערע לענדער איינשמועסן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד עקזיסטירט שוין בכלל נישט קיין יידישע אַרבעטער־פּראַגע — צו דער זעלבער צייט שטעלן זיי אַוועק פאַר זיך די יידישע אַרבעטער־פּראַגע ווי אַן אַלוועלטלעך פּראָבלעם, ווי אַ פּראַגע, וואָס איז נוגע די יידישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט.

יאָרן לאַנג פאַרן אַרום די יעווסעקישע שליחים אין צפון־ און אין דרום־אַמעריקע און זאַמלען געלט פאַר דעם יידישן אויפבוי־ווערק אין ראַטנפאַרבאַנד. אין דעם פּרט האָט די יעווסעקציע זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר איינשטעלן אַ שטענדיקע צוזאַמענאַרבעט מיט די פילאַנטראָפּישע יידיש־בירגערלעכע הילפס־

אָרגאַניזאַציעס „אָרט״ און „דזשאָינט״, וועלכע שטייען אויף אַ כלל־ישׂראל־שטאַנדפּונקט. ערשט נישט לאַנג האָט דער „דזשאָינט״ אויפגעבויט אין יעווּפּאַ־טאָריע (קרים) אַ גרויסע טריקאָטאַזש־פאַבריק, וווּ עס וועלן באַקומען באַשעפטי־קונג 600 יידישע אַרבעטער. דערביי האָט דער „דזשאָינט״ אויסגענומען אַ בפירושן תּנאי, אַז אויף דער פאַבריק וועלן באַשעפטיקט זיין אויסשליסלעך יידן, אין קעגנ־פאַל נעמט צו דער „דזשאָינט״ די גאַנצע פאַבריקס־איינריכטונג. די ראַטן־רעגירונג האָט אונטערגעחתמעט דעם דאָזיקן אָפּמאַך און די יעווסעקציע האָט דערביי אַפילו נישט אַ פּיפּס געטאָן וועגן נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם וכדומה.

די עיקרדיקע אַרבעט פון „קאָמזעט״ איז די הילף פאַר דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין קרים און אוקראַינע. סך־הכל מיט 13—14 יאָר צוריק האָט איינער פון די יעווסעקישע גדולים, מערעזשין, נאָך זייענדיק אַ בונדיסט, געשריבן מיט חוזק וועגן דער פּועלי־ציוניסטישער „אוטאָפּיע״, אַז די יידישע שטאָטישע מאַסן וועלן איבערוואַנדערן אין דאָרף און זיך נעמען צו לאַנדווירטשאַפט. עס איז ווירקלעך די איראָניע פון דער געשיכטע, אַז דער זעלבער מערעזשין, שוין אין זיין יעווסעקישן גילגול, האָט זיך ענדלעך גענומען צו דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, וועלכע איז פריער געווען אין זיינע אויגן טריף און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, האָט זי גלייך צעטרומייטערט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז פאַר די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד איז שוין געקומען די ישועה. צום שאָדן פון דער ממשותדיקער הילף פאַר דער קרימער קאָלאָניזאַציע, האָט די יעווסעקציע אין גאָר דער וועלט פאַר־געשטעלט קרים אַלס קאָנקורענץ צו פאַלעסטינע. דורך דער דאָזיקער שעדלעכער, ליגנערישער און באַרימערישער רעקלאַמע האָבן די „רויטע״ בלויז אָפּגעשטויסן גרויסע טיילן פון דער יידישער מאַסע פון דעם אָנטייל אינעם הילפס־ווערק פאַר דער קרימער קאָלאָניזאַציע. צוליב דער דאָזיקער סיבה זענען די פּועלי־ציון אין צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע געווען געצוווּנגען צו שאַפן צוזאַמען מיט אומפּאַרטייאישע אַרבעטער באַזונדערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַנפּאַרבאַנד („פּראָקאָר״ און „געזקאָר״).

דאָס זיבעטע יאָר פירט זיך שוין די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. עס זענען טאָקע דערגרייכט באַדייטנדיקע רעזולטאַטן: עטלעכע צענדליק טויזנט יידן האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט אין שכנות פון די יידישע שטעטלעך, אָדער אין די נייע יידישע קאָלאָניעס אין קרים און אין אוקראַינע. ערשט אין גאַנג פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט האָט די יעווסעקציע דערזען, אַז אין יעדער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט זענען פאַראַן אַ שיעור שטערונגען און מען מוז זיין צוגעגרייט אויך אויף מפּלות. ס׳איז גענוג צו ברענגען איין און איינציקן פאַקט: פון יולי 1930 ביז יולי 1931 האָבן אַן ערך 4 טויזנט יידישע קאָלאָניסטן פאַרלאָזן דעם יידישן ראַיאָן אין קרים, קאַלינינדאָרף. אַן ערך צוויי־דריטל פון די קאָלאָ־

ניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דעם דאָזיקן ראַיאָן דעם פּאַריקן פּרילינג, זענען אַנטלאָפן צוריק אין זייערע שטעטלעך. אַ צווייטער פאַקט זאָגט אונדז אויך עדות, אַז די לאַגע אין די קרימער קאָלאָניעס איז נאָך ווייט נישט אין אָרדענונג: הייי־יאָר איז פאַרפוילט געוואָרן אויף די קרימער יידישע פעלדער 15 פּראָצענט פון דער אָפּגעשניטענער תבואה, ווייל מען האָט זי נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען צו דער צייט. אין אייניקע ראַיאָנען דערגרייכט דער פאַרלוסט פון דער תבואה אַפילו ביז 40 פּראָצענט.

נישט צוליב שאָדנפרייד ברענגען מיר די דאָזיקע טרויעריקע פאַקטן. זיי זענען אַ נאַטירלעכע אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג ביי אַזאַ גרויסן איבערשיכטונגס־פּראָצעס, וואָס פירט אַריבער גרויסע מאַסן שטאָטישע איינוווינער, וועלכע זענען ס׳רוב בכלל נישט צוגעוווינט צו שווערער פּראַצע, צו דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און צום דאָרפישן לעבנס־שטייגער. מען מוז אָבער שטעמפּלען די אומפאַרשעמטע חוצפּה פון די „רויטע", וועלכע כאַפּן־אויף מיט פרייד אַ ידיעה וועגן אַן ערד־ציטערניש, אָדער אומגערעטעניש אין פּאַלעסטינע און רעגיסטרירן מיט שמחה יעדן אַנטוישטן חלוץ, וואָס פאָרט צוריק פון ארץ־ישראל צו די באַלעבאַטישע טאַטע־מאַמע. ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּאַלעסטינע, פאַרגעסן זיי, כלומרשט, אַז דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג אין יעדן איינוואַנדערונגס־לאַנד.

אין יאָר 1928 האָט די רוסלענדישע יעווסעקציע געוואָרפן דעם לאָזונג: „צו אַ יידיש לאַנד". געצוווּנגענערהייט האָט זי אָנערקענט, אַז אין קרים פעלט אויס פרייער באָדן פאַר דער ווייטערדיקער ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע. די יידישע קאָמוניסטן האָבן געשטעלט פאַר די יידישע מאַסן דעם טעריטאָריאַליסטישן ציל צו פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ יידישע טעריטאָריע. דערמיט האָבן זיי שווייגנדיק מודה געווען, ווי גרויס עס זענען די חסרונות און די שוועריקייטן פון די גרופּנווייזער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע. די צעוואָרפענע יידישע קאָלאָניעס, איינזאַמע אינדזלען צווישן דער אַרומיקער אוקראַינישער און טאַטערישער פּויערישער באַפעלקערונג, דערווייטערט אויף הונדערטער קילאָמעטערס פון דעם שטאָטישן יידישן אַרבעטער־ישוב, באַשווערן דעם מאַסן־איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט און שאַפן נישט דעם געזונטן טעריטאָריאַלן יסוד פאַרן באַנייטן סאָציאַליסטישן קיום פון דער יידישער אַרבעטער־נאַציע.

בעת די יעווסעקציע האָט פּראָקלאַמירט ביראָבידזשאַן פאַרן „יידישן לאַנד", האָט זיך דאָרטן נאָך נישט געפונען קיין איין איינציקער ייד. די טעריטאָריע גופא איז נאָך געווען ווייניק אויסגעפאָרשט און עס איז בכלל געווען אַ ספק, צי זי טויג פאַר אַ יידישן מאַסן־ישוב. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די יידישע קאָמוניסטן אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גלייך צו

רעקלאַמירן ביראָבידזשאַן אַלס די יידישע סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליק, בפרט האָבן זיי געהאַפּט, אַז ביראָבידזשאַן, די „סיבירישע פּאַלעסטינע“, מיט איר אומגעהויער גיכן וואַקסן, וועט אַרויסווייזן די „אוטאָפּיע“ פון יענער פּאַלעסטינע, וואָס ליגט ביים מיטללענדישן ים, און וועט אַזוי אַרום געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם.

די יעווסעקציע האָט געעפנט די טויערן פון ביראָבידזשאַן נישט נאָר פאַר די רוסלענדישע יידן. די „רויטע“ האָבן אָנגעהויבן ווערבירן איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן אויך אין דייטשלאַנד, ליטע, אַרגענטינע. די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער — גרופּן פון ליטע און אַרגענטינע, זענען שוין אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן און מען האָט זיי אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד. עס האָט קנאַפּ געאַרט די „רויטע“, אַז דורך דעם ווערט צערונען די יידן־פראַגע דווקא אין די ביז־איצטיקע וווינערטער פון די יידישע מאַסן. די „רויטע“, הגם זיי באַשולדיקן די פּועלי־ציון אין „אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע אַרבעטער פון דעם קאַמף אויפן אָרט“, האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן דעם דאָזיקן נאַרישן בלבול, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער עמיגראַציע קיין ביראָ־בידזשאַן. זיי האָבן דערמיט געוואָלט אָפּטאָן פּאַלעסטינע „אויף צו להכעיס“ און דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט די אויפנעם־מעגלעכקייט פון ביראָ־בידזשאַן.

דעם אמת גערעדט, זענען די פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר דער ביראָ־בידזשאַנער קאָלאָניזאַציע אויסערגעוויינלעך גינסטיק. די פּראָלעטאַרישע מלוכה האָט נישט יוצא געווען בלויז מיט אַ פייערלעכער הבטחה צו שטיצן דאָס דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־ווערק: זי גיט אומזיסט באָדן אַלע איבערוואַנדערער, באַפרייט זיי פון שטייערן, גיט זיי גרויסע באַן־הנחות, שטיצט אַפילו אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן מיט קרעדיטן.

ווי אַנדערש זעט אויס די פּאָליטישע לאַגע אין פּאַלעסטינע, וואָס קרעכצט אונטער דעם דרוק פון אימפּעריאַליסטישן שטיוול! די ענגלישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט געשלאָסן די טויערן פון לאַנד פאַרן יידישן אַרבעטער־איינוואַנדערער, האָט נאָך קיין שטיקל באָדן נישט געגעבן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, שטיצט די אַראַבישע פריצים און כלי־קודש און דריקט און שטיקט די יידישע און אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

יאָ, בלי שום ספק זענען די פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן פיל, פיל בעסער ווי אין פּאַלעסטינע.

אָבער איצט, נאָך דריי יאָר קאָן מען שוין אונטערפירן דעם ערשטן סך־הכל פון דעם ביראָבידזשאַנער עקספּערימענט. אין ביראָבידזשאַן געפינען זיך היינט צו טאָג סך־הכל דריי טויזנט אַכט הונדערט זעקס און פערציק יידן. דאָס איז דער

ביז איצטיקער רעזולטאַט פון דעם „מאַסן־שטראָם" פון יידישע איבערוואַנדערער, אויף וועלכע ס׳האָט אויסגעקוקט די יעווסעקציע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז בכלל זענען פאַראַן צווישן די הונדערטער טויזנטער פאַראַרעמטע און אַרבעטסלאָזע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד ווייניק בעלנים צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. פון 400 איבערוואַנדערער, וואָס ראַטן־ווייסרולאַנד האָט געזאָלט היי־יאָר אַרויסשיקן אויף אַרבעט אין די מלוכה־ווירטשאַפטן (סאָווכאָזן) אין ביראָבידזשאַן, איז מיט גרויס מי קוים געלונגען צונויפקלייבן 40 מאַן. אויך צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער אינטעליגענץ קומט אויס מיט ליכט צו זוכן קאַנדידאַטן אויף צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. כדי ווערבירן דאָקטוירים קיין ביראָבידזשאַן, מוז מען צוזאָגן אַ טאָפּלטן געהאַלט. דער שיינער פּלאַן אויפצובויען אַ סאָציאַליסטיש שטעטל אין ביראָבידזשאַן שטויסט זיך אָן גלייך ביים אָנהייב אויף אַ שאַרפן מאַנגל אין אַרבעטס־הענט. אַ סברה, אַז די דערוויילעקע אויפנאַם־פעיקייטן פון ביראָבידזשאַן זענען אויך נישט איבעריק גרויס. די לעצטע טעג האָט מען געמאָלדן, אַז עס ווערט אָפּגעשטעלט די רעגיסטראַציע פון אויסלענדישע איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן.

עס וועט קיינער נישט פאַרגלייכן די דאָזיקע פאַראָרדענונג פון דער ראַטן־רעגירונג מיטן איינוואַנדערונגס־פאַרבאָט פון דעם ענגלישן אָקופּאַנט אין פּאַלעסטינע, און אויב אַזאַ פאַראָרדענונג איז דאָך געקומען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ביראָבידזשאַן איז טאַקע ווירקלעך היינט־צו־טאָג אומפעיק אויפצונעמען וועלכע עס איז גרעסערע איינוואַנדערונג פון ראַטנפאַרבאַנד, אַ פשיטא נאָך פון אויסלאַנד.

עס מאָזלט און עס פּאַקט די „יעווסעקישע פּאַלעסטינע" אין אירע קינדער־יאָרן, הגם ביים וויגעלע פון דעם „יידישן לאַנד" שטייט די פּראָלעטאַרישע מאַכט.

אָבער טראָץ אַלע שטערונגען מצד דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם און די אַראַבישע עפענדיס, איז דאָך אויסגעוואַקסן אין פּאַלעסטינע אַ יידישער ישוב פון 180 טויזנט נפשות, אַ יידישער אַרבעטער־קבוץ פון העכער 30 טויזנט מענטשן. די דאָזיקע פאַקטן זאָגן עדות, אַז אַ דאַנק די גינסטיקע געאָגראַפישע און ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען ווערט שוין היינט אויסגעבילדעט אין ארץ־ישראל דער פונדאַמענט פון דעם צוקונפטיקן יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־ישוב. די אויפריכטונג פון דער אַרבעטער־ און פויערים־מאַכט אין און אַרום פּאַלעסטינע וועט דערמעגלעכן אויפצובויען דאָס הערלעכע ווערק פון דעם יידישן אַרבעטער־צענטער, פון דעם סאָציאַליסטישן פּאַלעסטינע.

די „רויטע" פאַרשרייען פאַר אַ שונא פון ראַטנפאַרבאַנד יעדן איינציקן, וואָס דערלויבט זיך ריין זאַכלעך אָנצווייזן אויף די שוועריקייטן, וואָס עס באַגעגנט די ראַטנמאַכט אין איר טעטיקייט אויפן געביט פון אַגראַריזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון די יידישע מאַסן, און אויף די פעלערן, וואָס ווערן דערביי

באַגאַנגען. אין ראַטנפאַרבאַנד גופא הערט זיך אָבער אַ גאַנץ שאַרפע קריטיק אויפן אַדרעס פון „קאָמזעט", וועמענס אָנפירונג עס ליגט דער עיקר אין די הענט פון די יידישע קאָמוניסטן. נישט קיין אַנדערער, ווי דער אַלפאַרבאַנדישער „וציק" (צענטראַל אויספיר־קאָמיטעט), דער העכסטער רעגירונג־אָרגאַן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט שאַרף פאַראורטיילט די פעלערן פון „קאָמזעט" ביים אַריי־בערפירן די יידישע קליינשטעטלדיקע יוגנט אין די פאַבריקן. די מאָסקווער יידישע קאָמוניסטישע צייטונג „עמעס" שרייבט, אַז דער „קאָמזעט" ליידט פון ביוראָקראַטיזם; ער האָט שלעכט דורכגעפירט די היי־יאָריקע איבערוואַנדערונגס־אַקציע קיין קרים, וואָס האָט געפירט צו אַ גרויסער צוריקוואַנדערונג. „פּראַוודאַ", דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמפּאַרטיי, שרייבט וועגן קאַטאַסטראָפאַלן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך היינט די יידישע קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע.

די יעווסעקעס באַלעבאַטעווען איבערן יידישן פאָלקס־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד מיט דער הילף פון באַשטימטע פון אויבן ביוראָקראַטן. די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער געניסן אין ראַטנפאַרבאַנד פון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע. פּועלי־ציון האָבן די גאַנצע צייט געפאָדערט, אַז די ראַטנמאַכט זאָל אָנערקענען פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישער אויטאָנאָמיע. די יעווסעקעס ווילן בשום אופן נישט אָנערקענען דעם יידישן אַרבעטער־פאָלק דאָס רעכט אַליין צו ווילן די אויטאָנאָמיע־קערפּערשאַפטן, וועלכע זאָלן פאַרוואַלטן מיט די ענינים פון דעם יידישן מאַסן־לעבן. די סאָוויעטישע ווירקלעכקייט האָט געבראַכן די טעמפּע שנאה און קליינקעפּלדיקן פּחד פון די נעכטיקע בונדישע און היינטיקע יעווסעקישע פירער אין באַצוג צו די לאָזונגען פון אַגראַריזאַציע, אינדוסטריאַליזאַציע, קאָלאָניזאַציע און טעריטאָריאַליזם. מיר גלייבן, אַז די דאָזיקע ווירקלעכקייט וועט צווינגען צו אָנערקענען אויך דעם טייל פון דעם פּועלי־ציון־פּראָגראַם, וועלכער פאָדערט די נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, נאָוועמבער 1931

די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט

דער אומגעהייערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט, און וועלכער איז נישט סתם איינער פון די קאַפּיטאַליסטישע קריזיסן, וואָס פלעגט אויסברעכן אויך פאַר דער מלחמה, נאָר אַ קריזיס, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַן אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע האָט נישט אירס גלייכן

אין פריערדיקע צייטן. דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס, אומעטום אין אַלע לענדער, ליידט שרעקלעך פון דעם דאָזיקן קריזיס. אָבער די יידישע אַרבעטערשאַפט, און בפרט די יידישע אַרבעטער־יוגנט, איז באַזונדערס שווער געטראָפן געוואָרן פונעם קריזיס און פון דער אַרבעטסלאָזיקייט. דער קריזיס צעטרייסלט און רויאינירט קודם־כל די שוואַכסטע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, און דאָס זענען דאָך צווייגן, אין וועלכע עס אַרבעט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט.

שוין די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע פאַרשנעלערט דעם חורבן פון דער קליינער פאַבריק און פונעם האַנטווערקער־וואַרשטאַט, וועלכע האָבן נישט די גרויסע קאַפּיטאַלן, כדי איינצופירן ביי זיך די נייעסטע מאַשינען און בעסערע אַרבעטס־מעטאָדן. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די מעכאַניזירונג און ראַציאָנאַליזירונג פון דער שיך־אינדוסטריע, וואָס דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל אין די וועלט־באַרימטע טשעכישע שיך־פאַבריקן פון דער פירמע „באַטאַ". צוליב דעם דאָזיקן טעכנישן פאַרשריט פון דער שיך־אינדוסטריע האָבן פיל טויזנטער קאַמאַשנמאַכער און שוסטער אין פּוילן פאַרלוירן זייער באַשעפטיקונג. און אויב, ווידער, דאָ אין לאַנד פּרוווט מען זיך אַנטקעגנשטעלן דער קאָנקורענץ פון אַזאַ „באַטאַ" דורך ראַציאָנאַליזירן די היגע שיך־אינדוסטריע, איז דאָך אָבער אַ כּלל, אַז די גרויסע מעכאַניזירטע פאַבריקן בלייבן מייניסטנס פאַרשלאָסן פאַרן יידישן אַרבעטער, און די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן פריער געאַרבעט אין די קליינע שוסטער־וואַרשטאַטן, בלייבן אָן אַרבעט.

די אינדוסטריע־צווייגן, ווו עס זענען באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, פּראָדוצירן אויסשליסלעך פאַרן מאַסן־געברויך אין לאַנד גופא. דערפאַר דער־שפּירט די יידישע אַרבעטערשאַפט מאָמענטאַל יעדערע פאַרערגערונג פון דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. קוים איז צוליבן לאַנד־ווירטשאַפטלעכן קריזיס פאַרערגערט געוואָרן די לאַגע פון פּויערטום, מוז דער פּויער באַגרענעצן זיינע אויסגאַבן אויף קליידונג און אויף ענלעכע זאַכן, וואָס עס אַרבעטן אויס די יידישע באַלמעלאָכעס אין די שטעט און שטעטלעך. דער פּויער ליידט טאָקע זייער שטאַרק, אָבער ווען ער האָט נאָך לכל הפחות צו עסן, בלייבט שוין דער יידישער אַרבעטער אינגאַנצן אָן אַרבעט און ברויט. ווען ס'איז, למשל, דורכגעפירט געוואָרן די 15־פּראָצענטיקע לוין־רעדוקציע ביי די פּאָר הונדערט טויזנט מלוכה־באַאַמטע אין פּוילן, רופט עס זיך באַלד אָפּ אויפן יידישן באַקלייד־אַרבעטער און אויף די אַרבעטער פון ענלעכע פאַכן, וועלכע אַרבעטן פאַרן מאַסן־געברויך.

דער קריזיס גראָבט אונטער די עקזיסטענץ פון דער קליין־אינדוסטריע, פון דעם האַנטווערק און קליינהאַנדל. נעכטיקע מייסטערס און קליינהענדלער האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו ווערן לוין־אַרבעטער. אָבער ווו זאָלן זיי באַקומען אַן אַרבעטס־פּלאַץ, בעת טויזנטער פריערדיקע אַרבעטער האָבן נישט

קיין באַשעפטיקונג? ווערט אַלץ גרעסער די מחנה פון דעקלאַסירטער און אַרבעטסלאָזער יידישער יוגנט.

יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן נישט קיין צוטריט צו די מלוכהשע און שטאַטישע אונטערנעמונגען. פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון דער יידישער יוגנט זאָרגט נישט די מלוכה. דער צעכן־געזעץ פאַרשווערט נאָך מער דער יידישער יוגנט דעם צוטריט אַפילו צו די אַזוי־גערופענע „יידישע פאַכן". די אַרבעטסלאָזע, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין די קליינע וואַרשטאַטן, באַקומען נישט פון דער מלוכה קיין שום אונטערשטיצונג, און דערפון ליידט ווידער אַממיינסטן די יידישע אַרבעטערשאַפט.

אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן שטיקט זיך די יידישע אַרבעטער־יוגנט צוליב דער אַרבעטסלאָזיקייט און נויט. דער דראַנג צו עמיגרירן איז ביי די יידישע מאַסן קיינמאָל נאָך נישט געווען אַזוי גרויס ווי איצט. אָבער גראָד איצט זענען צוליבן קאַפּיטאַליסטישן וועלט־קריזיס פאַרמאַכט געוואָרן די טויערן פון אַלע אַמאָליקע איינוואַנדערונגס־לענדער. דער דאָזיקער פאַקט פאַרערגערט גוואַלדיק די לאַגע פון די יידישע אַרבעטסלאָזע.

די בורזשואַזיע באַנוצט זיך מיט דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט, כדי צו פאַרערגערן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך באַשעפטיקונג. אויף זייערע פּלייצעס וויל זי אַרויפוואַרפן די לאַסט פון קריזיס. דערפון ליידט די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, אָבער אויך אין דער הינזיכט געפינען זיך די יידישע אַרבעטער אין אַ פיל ערגערער לאַגע, ווי די פּוילישע. דער קליינער אונטערנעמער שטרעבט אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ מיט דער גרויסער פאַבריק נאָר דורך אוממענטשלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון זיינע אַרבעטער. ער רייסט דעריבער די לוינען נאָך מער ווי אין דער גרויסער אינדוסטריע, פאַר־שרייבט נישט די אַרבעטער אין דער קראַנקן־קאַסע, זאָגט אָפּ זומער־אורלויבן און דאָס גלייכן. אויפן אָרט פון דערוואַקסענע אַרבעטער נעמט ער צו יוגנטלעכע, וועמען ער צאָלט גראָשנס און פאַרוואַנדלט זיי אין פּשוטע שקלאַפן, וואָס מוזן טאָן יעדע אַרבעט, אין וואַרשטאַט און שטוב, זיין אַ שיק־ייִנגל און טראָגן פּעק.

די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט צייכנט זיך אַלזאָ אויס מיט אַ פיל שאַרפערער פאָרם, מיט אַ פיל גרעסערן פאַרנעם, ווי ביי דער נישט־יידישער אַרבעטנדיקער מאַסע. די סיבה ליגט אין דעם, וואָס די יידישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט אין די שוואַכסטע און אָפּגעשטאַנענסטע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. גלייכצייטיק ברענגט די אומנאָרמאַלע אַרבעטס־פּאָזיציע פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט דערצו, אַז ס'איז אויך קלענער זיין ווידערשטאַנד־פעיקייט קעגן די אַלע צרות און ליידן, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער קריזיס. עס איז קלאָר, אַז אַרבעטער פון גרויסע אונטערנעמונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל אַרבעטער אויף איין אָרט, איז לייכטער זיך צו אָרגאַניזירן, ווי די

אַרבעטער, וועלכע זענען צעשטויבט צו צוויי־דריי אין הונדערטער קליינע וואַר־שטאַטלעך. אין גרויסע אונטערנעמונגען איז אויך לייכטער זיך צו דערשלאָגן, עס זאָל כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס אָפּגעהיט ווערן די סאָציאַלע געזעצגעבונג. עס איז לייכטער זיך צו פּאַרטיידיקן קעגן אָנגריפן אויף די לוינען. אַ שטרייק פון טויזנטער אַרבעטער אין גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אַ גרויסע באַדיי־טונג פאַרן גאַנצן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, האָט שטענדיק מער אויסזיכטן אויף דערפאָלג, ווי אַ שטרייק אין קליינע מינדערווערטיקע אונטערנעמונגען.

אָבער נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, אָדער ריכטיקער — דווקא וואָס גרעסער עס זענען די שוועריקייטן אויף אונדזער וועג, אַלץ פעסטער מוז די יידישע אַרבעטער־יוגנט זיך אָרגאַניזירן, וואָרעם אָרגאַניזאַציע איז אונדזער איינציק מיטל אין קאַמף פאַר אונדזער עקזיסטענץ. מיר מוזן אויפבויען פּראָפּ. יוגנט־סעקציעס, וועלכע זאָלן אָנפירן מיטן קאַמף פון דער יוגנטלעכער אַרבע־טערשאַפט קעגן דער אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע מצד די אונטערנעמער, און מיר מוזן פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטער־יוגנט, וועלכע קעמפט צוזאַמען מיט דער עלטערער אַרבעטערשאַפט פאַר דער פולער באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס.

צוזאַמען מיטן קאַמף פאַר די טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן פון דער אַרבע־טער־יוגנט, צו גלייך מיטן שאַפן פּראָפ. יוגנט־סעקציעס, וועלכע זאָלן אָנפירן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון דער יוגנטלעכער אַרבעטערשאַפט, דאַרפן מיר פירן צווישן די יוגנטלעכע אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן אונזערע ענד־צילן. קאַפּי־טאַליזם האָט אַלע מאָל באַדייט נויט, צרות, פּיין פאַר די אַרבעטער. קאַפּיטאַליזם אין זיין איצטיקן קריזיס־צושטאַנד באַדייט פאַר די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פשוט הונגער־טויט. די בורזשואַזיע וויל אויפהאַלטן דעם באַנקראָטירטן קאַפּי־טאַליסטישן סיסטעם מיט די מיטלען פון פאַשיזם. אָבער קיין אויסוועג פון דעם קריזיס קאָן זי נישט געפינען. די איינציקע רעטונג פאַר דער ליידנדיקער מענטש־הייט איז דער — סאָציאַליזם.

פאַר אָן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג, וואָס זאָל צוטרעטן צום איבער־בויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, — דערפאַר מוז קעמפן די יוגנטלעכע אַרבעטערשאַפט צוזאַמען מיט דעם דערוואַקסענעם אַרבעטער־קלאַס.

נאָר דער סאָציאַליסטישער סדר פון דער געזעלשאַפט וועט באַפרייען אויך די יידישע אַרבעטער־יוגנט פון אַלע אירע באַזונדערע צרות און ליידן. דעמאָלט וועט געעפנט ווערן פאַר דער יידישער אַרבעטער־יוגנט דער צוטריט צו דער גרויסער אינדוסטרי, עס וועט געזוכט ווערן די מעגלעכקייט אַריבערצופירן זי אויך צו לאַנדווירטשאַפט און עס וועלן מוזן באַזייטיקט ווערן די שטיינער, וועלכע ליגן אויפן וועג צו דער ראַדיקאַלער טעריטאָריעלער לייזונג פון דער יידן־פראַגע

— צו דער שאַפונג פונעם פרייען יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע.

אונטער אָט די לאָזונגען רופן מיר די ברייטסטע מאַסן פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט זיך צו אָרגאַניזירן און צו קעמפן.

„די פרייע יוגנט", וואַרשע, דעצעמבער 1931

תנועת הפועלים על פרשת דרכים

א

אין להטיל ספק, כי אמנם התחיל פרק חדש בתנועת הפועלים העולמית. התנועה למען החזית הפרולטרית המאוחדת מכה שרשים בין המוני פועלים בארצות שונות ונהיית לגורם חשוב ומכריע במלחמתו של הפועל נגד נחשול הפשיזם. הפרולטריון הצרפתי צועד בראש התנועה, המהווה מפנה רב־ערך בדברי ימיה של תנועת הפועלים.

ב־27 ביולי 1934 נחתמה על־ידי המפלגה הקומוניסטית והסוציאליסטית בצרפת האמנה להקמת החזית המאוחדת למלחמה בפשיזם. שני הצדדים מעמידים לרשותה של הפעולה המשותפת את כל אמצעי המלחמה המדינית, הנמצאים בידיהם: הסתדרויות, עתונות, סיעות פרלמנטריות וכיוצא באלה. מטרות הפעולה הן: א. גיוס הפועלים למלחמה בהסתדרויות פשיסטיות, לפירוק זינן ופיזורן; ב. הגנת הזכויות הדמוקרטיות, מלחמה למען חוקת בחירות יחסיות ולמען פיזור הפרלמנט הנוכחי; ג. הסברה ותעמולה נגד ההכנות למלחמה אימפריאליסטית; ד. מלחמה בחוקים וצווים, המוצאים על־ידי הממשלה מבלי לדון עליהן בפרלמנט ולקבל את אישורו; ה. מלחמה נגד הטרור הפשיסטי בגרמניה ובאוסטריה, למען שחרורם של טלמן, קרל ושאר אסירים אנטיפשיסטיים.

דרכי הפועלים הם: אספות משותפות; הפגנות והפגנות־נגד המוניות בחוצות; הגנה עצמית על אספות, הפגנות והסתדרויות על־ידי הפועלים עצמם. והיה אם חברי המפלגה אחת יתנגשו בזמן הפעולה המשותפת עם הפשיסטים, חובתם של חברי המפלגה השניה לחוש לעזרתם. בזמן הפעולה המשותפת מתחייבים שני הצדדים להימנע מהתקפות הדדיות ומביקורת הדדית של מוסדות המפלגה וחבריה. מחוץ לפעולת החזית המאוחדת שומרת כל מפלגה על עצמאותה ואי־תלותה, והרשות בידיה לנהל את התעמולה באופן חפשי, אמנם, אבל מבלי לפגוע, כאמור, ברעותה. ההפגנות המשותפות תהיינה מוקדשות אך ורק למטרות החזית המאוחדת ואין להפכן לבמת ויכוחים אודות השאלות השנויות במחלוקת בין שתי המפלגות. ועדה מאוחדת מבאי־כוחן של שתי המפלגות תנהל את הפעולה המשותפת ותישר את ההדורים במידה שיתעוררו.

לקראת סכנתו של הפשיזם נמצאה שפה משותפת ונוצר מצע לפעולה

משותפת בין שתי מפלגות הפועלים, על אף התחום הרעיונית והעקרונית, הרובצת ביניהן. אף כי הסוציאליסטים לא נפרדו עדיין מאמונתם התפלה בדמוקרטיה הבורגנית כדרך להגשמת שלטון הפועלים — הרי כבר הוברר גם להם, כי נקודת הכובד של המלחמה המדינית בצרפת נמצאת לא בפרלמנט, אלא בפעולה שמחוץ לכתליו, בקרב מיליוני אנשי העמל. הפשיזם ימוגר — לא בנאומים ובהצבעות בפרלמנט, אלא בזרועו הנטויה של מעמד הפועלים, שיגן על עצמו וידביר ללא־רחם וברוב כוח את ההסתדרויות הפשיסטיות.

מאידך גיסא נוכחו הקומוניסטים לדעת, מה מוטעית היתה תורתם אודות „סוציאל־פשיזם", אשר לפיה מהווה כל סוציאל־דמוקרטיה חלק בלתי נפרד של הפשיזם, ולו גם — של האגף המתון ביותר שלו. לאור גורלה המר של התנועה הסוציאליסטית בגרמניה ובאוסטריה אין לכנותה, למרות פשעיה וחטאיה לגבי הפרוליטריון, בתואר „פשיסטית" ולהתיחס אליה כאל חלק מהמעמד העוין של הבורגנות. אחרי ככלות הכל הסכים הקומאינטרן, שאין לפסוח על מוסדותיה המנהלים של המפלגה הסוציאליסטית, אם מתכוונים למשוך את חבריה ואוהדיה לשורות החזית המאוחדת. בנאמנותם לרעיון היסודי של הקומוניזם — מהפכה פרוליטרית לשם כיבוש השלטון וכינון דיקטטורה פרוליטרית בתקופת המעבר לבנין החברה הסוציאליסטית — הבינו הקומוניסטים יפה, מה רב ערכה של מלחמה למען זכויות החופש הדמוקרטיות בשביל תנועת הפועלים, לשם החזית המאוחדת והישולה לשם דריכות הפועלים למלחמה. בתקופת עלייתו של הפשיזם, הדורס ברגליו את חוקת המדינה הדמוקרטית והמשליך אל מאחורי גבו את המסוה הדמוקרטי של שלטון הבורגנות, אסור לו, למעמד הפועלים, לותר בנקל על חופש הארגון, הדיבור, הדפוס, השביתה, ההפגנה במשטר הדמוקרטי הבורגני. עליו לנצל את האפשרויות המצומצמות במשטר זה, כדי להתגבר על חולשתו הארגונית ולהקים אותו כוח, אשר ינפץ לרסיסים את מנגנון הדיכוי הבורגני, את המדינה הבורגנית, ויכבוש את השלטון בידיו.

פעולת החזית המאוחדת בצרפת מצליחה כבר בראשיתה. ב־29 ביולי 1934 התקיימה בפריס הפגנה לזכרו של ז'ורס נגד המלחמה האימפריאליסטית. לפי הערכתה של העתונות הבורגנית השתתפו בה כמה הסתדרויות פרולטריות וזעיר בורגניות רדיקליות: הסתדרות העבודה הכללית (אגודות מקצועיות, הנתונות להשפעתם של הסוציאליסטים), הסתדרות העבודה הכללית המאוחדת (אגודות מקצועיות, הנמצאות תחת השפעתם של הקומוניסטים), הסתדרויות הפקידים האוטונומית, הסתדרות חיילי החזית לשעבר (רפובליקאים), „החזית הכללית" (בראשותו של גאסטון ברז'רי, ציר פרלמנט לשעבר מסיעת הרדיקל־סוציאליס־טים), רדיקל־סוציאליסטים (בראשות של קאמיל פלטאן), ברית האנרכיסטים, ברית האחדות הפרולטרית, והליגה למחמה באנטישמיות. הננו נוכחים לדעת, כי חזית הפועלים המאוחדת היתה כבר כעת למרכז כל הפעולה האנטיפשיסטית

בצרפת, ולשורותיה נמשכים ונספחים גם הכוחות הבלתי פרולטריים של הזעיר־בורגנות והאינטליגנציה העובדת, הקושרים את עתידם בנצחונו של הפרולטריון.

ב

בעקבות פועלי צרפת יצאה גם תנועת הפועלים הדויה באוסטריה. גם פה מתנהל משא־ומתן להקמת חזית מאוחדת בין הסוציאליסטים, הקומוניסטים וארגון ההגנה הפרולטרי „שוצבונד" (ברית ההגנה) שהיה נושא המרד בפברואר 1934. התוצאה הראשונה של התקרבות זו הוא הכרוז המשותף לשנת העשרים למלחמת העולם. ואלה היו עיקריו: הפגנות משותפות נגד הפשיזם והמלחמה, מיגור הדיקטטורה הפשיסטית האימפריאליסטית, שחרורם של לוחמי המעמד הכלואים, הגנת ברית־המועצות, כינון הדיקטטורה של הפרולטריון, הגשמת אחדותם של פועלי כל הארצות. בו בזמן פנתה גם הסתדרות הנוער העובד הסוציאליסטית באוסטריה אל אינטרנציונל הנוער הקומוניסטי בהצעה לכריתת אמנה של אי־התקפה ופעולה משותפת באוסטריה. אינטרנציונל הנוער הקומוניסטי נענה להצעה זו. הענין עבר שלב גבוה יותר בחתירתו של מעמד הפועלים הלוחם לקראת שחרורו. לפני המרד, דל היה כוחה של המפלגה הקומוניסטית באוסטריה. כשלונה של המדיניות הסוציאל־דמוקרטית באוסטריה, שמרד הגבורה אינו יכול לכפר עליה, גרם כנראה לעליית השפעתם של הקומוניסטים בין פועלי אוסטריה. בכל זאת אין לפקפק כי גם כעת שומרים רובם המכריע של פועלי אוסטריה אמונים למפלגתם הישנה. אבל, המפלגה הסוציאליסטית האוסטרית נמצאת, כנראה, תחת לחצו המתמיד של ציבור הפועלים, הכופה עליה לשנות את דרכה.

כעת מכריזה כבר המפלגה הסוציאליסטית: „אין אנו נלחמים, לא למען השחורים ולא למען החומים. אם נקח חלק במאורעות הרי נעשה זאת רק למעננו אנו"! שנים על שנים לא אבו הסוציאליסטים לשמוע לקולם של הקומוניסטים, כי הפשיזם הקתולי האוסטרי מכת דולפוס והנאצי־הגרמני מכת היטלר — חד הם, כי אסור לנקוט בהסתגלות ל„רע במיעוטו", כי על מעמד הפועלים להחניק בכוח את הפשיזם בעודו באיבו. כעת, לאחר שאחרו את המועד נואשו גם הסוציאליסטים האוסטרים מדמוקרטיה בורגנית ונגד עיניהם המטרה: דיקטטורה של הפרולטריון!

אמנם, המושג שלטון הפועלים עודנו מעורפל ומטושטש במוחותיהם של הסוציאליסטים האוסטרים. סיסמתם: החזרת השלטון בווינה לידי ראש העיריה לשעבר, קרל זייץ, האיש ששלושה ימים לפני המרד קרא, בישיבת העיריה, לנוצרים־הסוציאליים לשתף פעולה עם הסוציאליסטים, מוכיחה עד כמה רחוקה עדיין תפיסתם של הסוציאליסטים מההבנה המדויקת של דרכי הדיקטטורה הפרולטרית. אולם במהלך המלחמה למיגורו של השלטון הפשיסטי באוסטריה

ולהקמת דיקטטורה פועלית באותה ארץ יכריחו ההמונים את הסוציאליסטים לצאת בדרכי המלחמה העקיבה, ללא פשרה, או להסתלק מהנהגת המלחמה. יש לציין בסיפוק את הקריאה אל הפרולטריון האוסטרי להילחם להגנתה של ברית־המועצות. ממעמקי הגיהנום הפשיסטי מתגברת בין פועלי אוסטריה ההכרה הברורה, כי רוסיה המועצתית היא מבצר העוז של מעמד הפועלים לכל ארצותיו.

החזית המאוחדת הולכת ומתגבשת, היא מבקיעה לה דרך למרות מורת הרוח מצד חלקים שונים בהנהגתה של תנועת הפועלים הסוציאל־דמוקרטית (סירוב הסוציאל־דמוקרטים בהולנד, בצ׳כוסלובקיה). עליה להיות חזית מאוחדת של כל המעמד, של כל הפועלים בעלי ההכרה המעמדית — או אז תשבור כל התנגדות. על כן, יש להיזהר משגיאות ומגישה מעוּותת, המתבלטת פה ושם, להפוך את אחדותו של המעמד לענינן של שתי מפלגות גדולות בלבד. זוהי שגיאה העלולה להחליש את התנועה ואת סיכוייה לנצחון, למן צעדיה הראשונים. חלקים שונים של הפרולטריון — ולו גם קטנים בכמות, אבל מוכנים ודרוכים למלחמה — מקומם בחזית זו. אכן, אין להקים את החזית המאוחדת „רק מלמטה", מעל ראשי המפלגה המתנגדת, כפי שטענו קודם; אבל אין גם להקימה כהסכם של שתי מפלגות ביניהן לבין עצמן, ללא כל קשר עם שאר הארגונים הפרולטריים. אחדות המעמד — זו הסיסמה וכזו היא צריכה להישאר.

ג

לאור התמורות המפתיעות ביחסים הפנימיים ובדרכי המלחמה של תנועת הפועלים בצרפת ובאוסטריה צפה השאלה: הנלמד גם אנחנו, פועלי ארץ־ישראל, מנסיונם? בימי מרד וינה גילה ציבור הפועלים בארץ ערות יוצאת מן הכלל, סולידריות עמוקה, נכונות לעזרה מיידית. אמנם, מפא״י מיהרה לבלום את רגש הסולידריות הבינלאומית, שגאה בקרב לבבות הפועלים לרבבו־תיהם: הועד הפועל של ההסתדרות הפסיק את המגבית לעזרת פועלי אוסטריה כעבור חמישה ימים, פן יגרע חלקה של מגבית קרן־היסוד... הוא גם דחה את הצעתם של פועלי־ציון להכריז על שביתת סולידריות כללית. אמנם, זה לא מנע ממפא״י לענוד לראשו של האינטרנציונל הסוציאליסטי, ובעקיפין גם לראשה, את זר־הקדושים של גבורי אוסטריה הפרולטרית.

האפשר להניח, שמפא״י תלמד הפעם מדרכי אחיותיה האוסטרית והצרפתית? אפשר, שלקח פועלי אוסטריה וצרפת היא התמורה הרעיונית, המדינית, שתנועת הפועלים הבינלאומית מחזירה עתה לפועלי ארץ־ישראל כגמול לעזרתם החמרית בימי הדמים באוסטריה?

את התשובה קיבלו פועלי ארץ־ישראל מפי שליטי תנועתם, באלה הימים, במועצת ההסתדרות האחרונה. פועלי אוסטריה וצרפת מתגייסים למלחמה המונית בפשיזם אך מפא״י אין בדעתה לדון על נחשול הפשיזם בעולם ובארץ.

פניה מועדות לקראת שלום־בית בהסתדרות הציונית העולמית, לקראת פשרה עם הרביזיוניסטים. פועלי צרפת ואוסטריה נקראים על־ידי הקומוניסטים והסו־ציאליסטים להפגנות משותפות בחוצות כנגד סכנתה של מלחמת העולם החדשה ואילו מפא״י ממאנת לדון בשאלת המלחמה במלחמה האימפריאליסטית. פועלי אוסטריה קוראים להגנתה של ברית־המועצות ואילו חבר מפא״י במועצת ההסתדרות יש בו השחצנות לכנות את המולדת הסוציאליסטית של פועלי העולם בכינוי הגידוף „הפשיזם האדום״, והוא נהנה מהגנתו של יושב־ראש־המועצה ומפלגת הרוב בהסתדרות. והאם מקרה הוא, כי „דבר״ (מספר 2808), שמסר על עיקרי הכרוז המשותף של פועלי אוסטריה לקראת ה־1 באוגוסט, משמיט את הקריאה להגנתה של ברית־המועצות ולמלחמה לדיקטטורה של הפרולטריון? עתוגם של פועלי א״י מסתיר במזיד את פנייתם זו של חבריו לאינטרנציונל, הסוציאליסטים האוסטרים! האומנם רק מפי תליינים פשיסטיים מנצחים, רק בעטיו של איזה היטלר או דולפוס ארצישראלי ילמד הרפורמיזם הארצישראלי בינה מעמדית?

„דרך הפועל״, תל־אביב, 17 באוגוסט, 1934.

לקח בירו־בידז׳ן

הממשלה המרכזית של ברית־המועצות פרסמה בחודש אוקטובר ש.ז. את החלטותיה, המכוונות להחיש את בנין החבל היהודי האוטונומי בבירו־בידז׳ן. שאלת קניית הקרקע עבור ההתישבות היהודית אינה קימת, כמובן, לגבי מדינת פועלים ואיכרים. המדינה הפרולטרית מוסרת מקרקעותיה את השטחים הדרושים לישוב חקלאי יהודי, ומסדרת על חשבונה היא את כל עבודת הישוב והניקוז. הממשלה החליטה לחרוש בסתו 1934 חריש עמוק ב־2400 הקטר אדמה, אשר יובשה בשנת 1933—34, ליבש במשך שנת 1935 כחמשת אלפים הקטר ולסדר את כל עבודות החקירה והמדידה ליבוש עשרת אלפים הקטר במשך שנת 1936. רבים מבין ציבור הפועלים בארץ משבחים ומהללים את חסדה של ממשלת המנדט, אשר נענתה סוף כל סוף ונתנה את הסכמתה לקניית זכיון החולה במחיר של מאות אלפים לירות על־ידי חברה יהודית, המקבלת על עצמה גם את כל הוצאות היבוש. האין בו בזמן להרים על נס את הקצבת הקרקע והכשרתו חינם למען התישבות יהודית על־ידי ממשלת פועלים?

ברית המועצות אינה מסתפקת במתן קרקע גרידא, כי אם דואגת ותומכת באופן ממשי בפיתוח המשק החקלאי של המתישבים. מתקציב הממשלה ומבנק המדינה החקלאי הוקצבו סכומים מיוחדים לגידול הבקר במשקים המשותפים בבירו־בידז׳ן. כל מתישב מקבל פרה או עגלה עבור משק החלב הפרטי שלו, מלבד זה יקבלו המשקים הקולקטיביים בהמות עבודה. כדי להמריץ את פיתוח

משק החלב פטורים הקולחוזים בבירו־בידז׳ן במשך שנה מחובת ההספקה של בשר וחלב למדינה.

הנעז להעלות על הדעת, כי המתישבים היהודים והפלחים הערבים בארץ־ישראל גם־כן יהנו מאשראי ומהקצבות הממשלה בהיקף כזה לשם גידול הבקר?

התעשיה בבירו־בידז׳ן עודנה באיבה. על תעשיה כבדה שם איש אינו חושב ברגע זה. גם תכניות הממשלה מכוונות לתקוע יתד לתעשיה קלה בעלת ערך מקומי בלבד. לפי החלטת הממשלה יוקמו במשך שנת 1935 בחבל היהודי במזרח הרחוק בית־דפוס, בית־חרושת ללבנים, לבגדים, לטריקוטז׳, לפנירה. כן החלט על הקמת תחנת חשמל בעלת כוח של 3 אלפים קילובט. אין זו תכנית רחבה כלל וכלל, אבל האם רגילים אנו בארצנו לראות את השלטון בתור גורם, המשתתף בעודף קופתו העשירה בפיתוח התעשיה הארץ־ישראלית, ולו גם בצורת אשראי?

הממשלה הסובייטית לא שכחה בהחלטותיה גם את הצרכים החברתיים של המתישבים. על השלטונות ברוסיה הסובייטית ובמזרח הרחוק הוטל להקים בשנת 1935 בעיר בירו־בידז׳ן בית־חולים ל־75 מיטות וקולנוע ל־300 מקומות; במשך השנה הבאה ובמחצית הראשונה של שנת 1936 יוקמו חמישה בתי־ספר יסודיים ובית־ספר תיכון אחד, שני גני ילדים ומוסד להשכלה תיכונית לבוגרים. התכנית הזאת מעידה, כי הישוב היהודי בבירו־בידז׳ן עודנו בחיתוליו אבל מאידך גיסא אנו, הנלחמים מרה להקצבה צודקת מקופת ממשלת ארץ־ישראל לצרכי ההשכלה והרפואה של הישוב העברי, נדע להעריך את העובדה, כי אין החבל היהודי בן חורג לגבי תקציבה של מדינת הפועלים.

האם יכחיש איש, כי ההתישבות היהודית בבירו־בידז׳ן נתונה אמנם בתנאים פוליטיים נוחים, המקילים את השתרשות המהגרים במחוז סיבירי זה? דוקא כל החלטותיה של ממשלת המועצות המרכזית אשר עמדנו עליהן, משמשות לנו לקח מאלף, מה רב כוחן של ממשלות פועלים ואיכרים העתידות לקום בכל הארצות אם הן תקבלנה על עצמן את העזרה להגשמת מטרה היסטורית גדולה: הקמת מרכז טריטוריאלי לעם היהודי העובד.

בו בזמן עלינו להקשות את השאלה: מהם הסיכויים הממשיים להקמת מרכז טריטוריאלי יהודי בבירו־בידז׳ן? לפי החלטות אוקטובר של ממשלת ססס״ר אושרה תכנית להעביר במחצית השניה של שנת 1934 ובמשך שנת 1935 כולה ארבעת אלפים משפחות יהודיות לבירו־בידז׳ן. מובן מאליו, כי בלי התנאי העיקרי — הבאת החומר האנושי המתאים — לא תועיל שום עזרה חמרית ופוליטית מצד הממשלה ליצירת חבל יהודי. העתונות היהודית הסובייטית משוועת: הבו מהגרים לבירו־בידז׳ן! כנראה, גיוס המועמדים הדרושים, פועלים ומומחים בעלי מקצוע מתנהל לאט. מעניך, כי במשך חמשת החדשים האחרונים נסעו מכל מחוז קיוב רק 15 (חמשה־עשר) מומחים: מנהלי חשבונות, טכנאים, מורים. המועצה המרכזית של „געזערד" (המוסד הציבורי לתמיכה בהתישבות

היהודית). מטילה כעת על סניפיה בעיקר את הדאגה לבחירת המועמדים להגירה.

מאמרו של פ. שפראך ב„עמעס״ מיום 12 באוקטובר — עדות נאמנה היא, מה מסובכת היא שאלת המהגרים לבירו־בידז׳ן. בין שאר ההצעות של המחבר לתיקון המצב נזכיר גם את הצעתו לא לשלוח את שאלוני המועמדים למוסקבה לאישור, כי אם למסור את ההחלטה הסופית לבחירת האנשים למוסד מקומי. מעניין בהצעה זו לא עצם ההצעה כי אם הנימוק. בינתים, עד שמגיעה התשובה ממוסקבה, „מצטנן החשק של המועמדים וגם ניטלת מהם האפשרות בתקופת הבינים בין מקום עבודה אחד לשני לבחור להם את העבודה בבירו־בידז׳ן״ (הן לא הולכי בטל נרשמים לנסיעה!).

הנתאר לנו, כי גם סבלנותם של עשרות האלפים בערי השדה בפולין, הדופ־קים על דלתות המשרד הארצישראלי, תיפקע, טרם שקיבלו את התשובה מווארשה וסרטיפיקט מוכן ומזומן בצדה? אף כי מרובים עוד נטולי המעמד והמקצוע בין האוכ־לוסין היהודים בברית־המעצות, אין בירו־בידז׳ן מושכת את ההמונים היהודים כלל. כנראה, כבר היום רב הוא ההבדל לטובה בין חיי הפועל והעובד ברוסיה פנימה ובין חיי המהגר והמתישב בארץ נחשלת ושוממה על גבולות סין ויפן. חסר אותו הגורם הכלכלי, אשר יכוון את ההגירה הפנימית של יהודי רוסיה לחבל בירו־בידז׳ן ועל אחת כמה וכמה חסר אותו כוח המשיכה הלאומי והתרבותי, בעל ערך רב בכל התישבות והגירה מרוכזות ואשר ערכו הולך ועולה בתקופת הגשמתה של תכנית החומש השניה, בזמן ביטול חוסר העבודה והצלחת הבניה הסוציאליסטית. אין בוחרים מרכז טריטוריאלי לעם נודד ומפוזר מבלי לחקור את תהליכי ההגירה ההמונית הפסיכית, מבלי שים לב להתפתחות ההיסטורית ולפסיכולוגיה הציבורית של האומה.

ברית־המועצות והייבסקציה הפועלת בחסותה לא שאלו את פי ההמונים העובדים היהודים, המחוסרים שלטון לאומי פרולטרי, האם מסכימים הם ליצור את מולדתם הלאומית הסוציאליסטית בבירו־בידז׳ן. הם לא טרחו כלל להיוכח האומנם מובילה ההתפתחות בברית־המועצות עצמה את ההמונים היהודים בדרכם לחיי עבודה פרודוקטיביים בתעשיה ובחקלאות לגדות האמור. הקושי הרב בהמצאת המהגרים לבירו־בידז׳ן היא תשובת ההמונים היהודים, אמנם בלתי מאורגנת כלל, לתכנית הפתרון הטריטוריאלי של שאלת היהודים בבירו־בידז׳ן, בגבולות מדינה המהווה רק מסגרת חלקית של האומה היהודית העובדת הכלל־עולמית, וכנגד זה עומדת ארץ־ישראל עם כוח משיכתה העצום, כששעריה סגורות במנעול פוליטי בפני רבבות, רבבות המתדפקים על פתחה.

וואָלט עס, דאַכט זיך, געווען גאַנץ לייטיש? יאָ, ווען עס וואָלט דערביי געבליבן. אָבער דאַן וואָלט עס נישט געווען פּ.ק.פּ. — פּ.ק.פּ. מוז יעדע גוטע זאַך פאַרדאַרבן נישט צו דערקענען.

צוערשט דער אַדרעס: צו וועמען ווענדט מען זיך? עס איז אַן אַלטער מאַרקסיסטישער אמת, אַז יעדער געדאַנק פאַרלירט זיין ממשותדיקן אינהאַלט, אויב מען וויזט נישט אָן גלייכצייטיק דעם ווירקלעכן טרעגער פון זיין פאַר־ווירקלעכונג. נו, צו וועמען ווענדט זיך פּ.ק.פּ. מיט די אַלע שיינע זאַכן? נישט מער און נישט ווייניקער נאָר: צום אַראַבישן פאָלק. אינעם אויפרוף, הגם ער איז געשריבן העברעיש, חזרט זיך עטלעכע מאָל איבער די ווענדונג: „אַראַבישע מאַסן!" דער יידישער ישוב אָבער, מיט זיינע קנאַפּע פיר הונדערט טויזנט נפשות, דער פּראָגרעסיווסטער טייל פון דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, וואָס באַטרעפט באַלד דרייסיק פּראָצענט, די אַכט צענדליק טויזנט יידישע אַרבעטער, די פאַר צענדליק טויזנט יידישע קליין־פויערים און בעלי־מלאכות, איז לא די, וואָס די פּ.ק.פּ. נעמט זיי נישט אַריין, אַפילו טיילוויז, אין חשבון פון דער קריגס־קעגנערשאַפט, נאָר פאַרקערט! זי פאַררעכנט זיי לכתחילה אין לאַגער פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און איז פּריווילעגיק מוותר, אַפילו אויפן פּרווו אַריינצוציען די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע פאָלקס־מענטשן אין דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן אַנטי־קריגס־פראָנט.

ממילא איז אַנטי־מיליטאַריזם טייטש — קאַמף קעגן די יידישע מאַסן אין לאַנד. און עס שטייט אויף ממילא אונטערן נאָמען פון אַנטי־אימפּעריאַליזם אַ נאַציאָנאַלער קאַמף צווישן צוויי פעלקער, וועלכע זענען ביידע באַהערשט דורכן

ענגלישן אימפעריאַליזם. און דאָס ווילן זיך רופן קאָמוניסטן און אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן!

מיר זענען געוווינט צו אַ סך קאַצן־שפּרונגען פון פּ.ק.פּ., אָבער אַזעלכעס איז דאָך זעלטן.

אַלס סגולה צום קאַמף פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אַביסיניע ווערט אונטערגעטראָגן דער קאַמף מיטן ציוניזם, ד. ה. מיט דער יידישער איינ־וואַנדערונג און איינוואָרצלונג אין לאַנד.

איר זאָגט, אַז דאָס קלעפּט זיך לחלוטין נישט. זיכער נישט; און פּ.ק.פּ. ווייס עס אויך. אָבער דערפאַר קלעפּט עס זיך צום אַראַבישן שאָוויניזם, וואָס ווערט איצט אַזוי פּלייסיק אונטערגעהעצט דורך די עפענדיס, וועמענס אַלטער דינער עס איז פּ.ק.פּ.

די ווירקונג פון דעם פּ.ק.פּ.יסטישן אַנטי־קריגס־רעצעפּט: טיפער דער תהום צווישן די יידישע און אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן, גרעסער די שנאה צווישן די פאַרסמטע דורכן פאַשיזם מאַסן צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזירונג. יידן אַלס מיטל אין קאַמף קעגן דער קריגס־סכנה! דעם דאָזיקן גיפטיקן פּראָדוקט פון דער פּ.ק.פּ.ישער פּאָליטישער לאַבאָראַטאָריע דאַרף מען באמת פּאַטענטירן אין היטלערס מדינה.

אָבער דער כלומרשטער אַנטי־מלחמה־געשריי איז ביי פּ.ק.פּ. אַ בלויזער אַנ־שטעל. אין דער וואַרשעווער יעווסעקישער ציייטונג „אונדזער שטימע" שרייבט איינער ב. יאפער, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַלעסטינע, מיט גרויס פרייד וועגן פריילעכע מלחמה־שטימונגען ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין לאַנד, ווייל זיי וואַרטן, אַז דאָס וועט ענדערן די לאַגע אין לאַנד און געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם ציוניזם. אָט דאָס איז עס! פּ.ק.פּ. בעט אויף קריג. זי האָפט אויף אים צוזאַמען מיט אַלע פאַשיסטישע עלעמענטן, וועלכע וואַרטן שוין אויף דער געלעגנהייט צו קאָנען זיך אויסדינען ביים ענגלישן אימפעריאַליזם און אָפּלעקן אַ ביינדל. ראַטן־רוסלאַנד וויל אויסמיידן די מלחמה מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, די גאַנצע איצטיקע פּאָליטיק פונעם קאָמאינטערן איז באַשטימט דורך דעם דאָזיקן ווילן, נאָר די פּאַלעסטינער סעקציע וויל אַנדערש, זי וואַרט אויף אַ מלחמה. זי פאַר־קריפּלט אַפילו די פאַלשע שטעלונג פון קאָמאינטערן.

זיי זאָגן שלום און ווילן מלחמה. דעריבער איז פּ.ק.פּ. אַזוי ברייטהאַרציק, בעת זי ווענדט זיך צו די אַראַבישע מאַסן. פּונקט ווי די יידן זענען ביי איר לכתחילה רשעים, אין הורט פאַררעכנט צו די אַגענטן פון ענגלישן אימפעריאַליזם, זענען, פאַרקערט, די אַראַבער, בפירוש אַ ל ע אַראַבער, אָן אונטערשיד פון קלאַסן און שיכטן, לויטער צדיקים, הונדערט־פּראָצענטיקע, אויב נישט אָפּענע, איז לכל הפחות פאַרבאָרגענע, מאַרגנדיקע קריגס־קעגנער און אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטן. אמת, זי זידלט אויס די אַגענטן פון איטאַליענישן פאַשיזם צווישן די

אַראַבער: שכיב ארסאלאַן און דעם מופטי. דער אויפרוף היט זיך אָבער אויפּ־צודעקן די טיפע קלאַסן־קעגנזאַצן אין דעם אַראַבישן ישוב גופא. ער האַלט, אפנים, פאַר שעדלעך צו דערמאָנען, אַז די באַזיצנדיקע קלאַסן (די עפענדיס, די יונגע אויפגעקומענע בורזשואַזיע) און די רעאַקציאָנערע שיכטן (מוסולמענישע און קריסטלעכע כלי־קודש) פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע זענען צו יעדער צייט גרייט זיך צו פאַרקויפן יענעם אימפּעריאַליזם, (ענגלישן, פראַנצויזישן אָדער איטאַליענישן), וואָס וועט זיי זיכערן די גרעסטע מאָס עקספּלואַטאַציע פון די היימישע פאָלקס־מאַסן. פ.ק.פּ. האָט פּלוצים זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז די באַזיצנדיקע קלאַסן פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער וועלן שלאָגן כפּרות מיט דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער, אויב אַ היימישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אויף אַ האָר באַדראָען זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. אַ שיינע רעטונג פון אימפּעריאַליסטישן קריג לייגט פאַר פ.ק.פּ.: דורך איינפלאַנצן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם פון ערגסטן מין אויף דער אַראַבישער גאַס! „זאָל לעבן דער פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער פאָלקס־פראָנט!״ — רופט פ.ק.פּ. צו די אַראַבישע אַרבעטנדיקע מאַסן. דער גייסט פון שיידעמאַן איז תחית־המתים אויפגעשטאַנען אין דעם מאַניפעסט פון אַן אָפיציעלער סעקציע פון קאָמאינטערן.

זאָל־זשע אונדז נישט וווּנדערן דער שפּאָגלנייער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער לאָזונג פון פ.ק.פּ.: „מעלדעט זיך פרייוויליק אין אַביסינישן מיליטער!״. אַ פאַלשע פּאָליטישע שטעלונג האָט איר אינערלעכע לאָגיק, וואָס ברענגט צו גאָר אויס־טערלישער פאַרקריפּלונג פון פּאָליטישן דענקען. דעם לאָזונג פון קאַמף קעגן איטאַליענישן פאַשיזם פאַרוואַנדלט פ.ק.פּ. אין אַ רוף צו שטאַרקן דעם אַביסינישן נעגוס אַרמיי, וועמענס פעאָדאַלע הערשאַפט שטייט אויף אמת מיטלאַלטערלעכער, בוכשטעבלעך, קנעכטשאַפט. נאַטירלעך, פאַר פ.ק.פּ. שטייט גאָר נישט די פראַגע וועגן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אַביסיניע גופא. ווען עס עקזיסטירט אין אַביסיניע אַן אָנהייב פון אַן אַרבעטער־באַוועגונג, וואָלט זי מחויב געווען, אין זין פון דער פ.ק.פּ.־לאָזונג, הענדום־פּענדום איילן אין דער אַרמיי און מיט לייב און לעבן געטריי דינען דעם קיסר. פ.ק.פּ. ווייס גאָרנישט, אַז דער עיקר וועג צום קאַמף קעגן מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם איז דער רעוואָלוציאָנערער קלאַסן־קאַמף אין אייגענעם לאַנד צווישן אייגענעם פאָלק, קעגן די אייגענע אונטער־דריקער און אויסנוצער.

קיינער פון די אייגענע חברים פון פ.ק.פּ. וועט נישט נעמען ערנסט דעם רוף צו גיין אין אַביסינישן מיליטער. אדרבא, עס אינטערעסירט אונדז צו וויסן, וויפל פון די יידישע בחורים, וואָס פאַרשפּרייטן צווישן יידישע אַרבעטער העברעיש־געשריבענע אויפרופן צו די אַראַבישע מאַסן, האָבן זיךווירקלעך געמאָלדן אין אַביסינישן מיליטער?

די פירער פון פּ.ק.פּ. איז פון שטענדיק באַשערט אויף זייער אייגענער הויט צו דעמאָנסטרירן די פאַלשע ליניע פון קאָמינטערן אין דער קאָלאָניאַלער פראַגע. דער 7טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט באַנייט די אמאָליקע ליניע פון „נאַציאָנאַלער אחדות" ביי די קאָלאָניאַלע פעלקער. די שענדלעכע רעזולטאַטן פון דער פאַלשער ליניע לאָזט נישט לאַנג וואַרטן אויף זיך. ביי פּ.ק.פּ. זענען פון אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פאָלקס־פראָנט שוין געבוירן געוואָרן צוויי פאַרזעענישן: דער פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער פאָלקס־פראָנט און די ווערבירונג אין אַביסיי־נישן מיליטער.

„נייוועלט", תל־אביב, נומ. 7, 1935

שמעון איזביצער צו זיין ערשטער יאָרצייט

יעדער פון אונדז, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל, איז געשטעלט געוואָרן פאַרן האַרבן עקזאַמען: לעבן, אַרבעטן און קעמפן אין ארץ־ישראל. נישט יעדער האַלט אים אויס. נישט ווייניק עקזיסטענצן ווערן צעריבן ביים איבערפלאַנצן אויפן גליענדיקן פעלדזיקן באָדן פון אונדזער לאַנד.

האָט זיך שמעון מיט יאָרן צוריק, איידער ער האָט זיך געקליבן פאָרן אַהער, געגרייט באַוווּסטזיניק צו ווערן אַ פיזישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל? איך בין מסופּק. איך קען זיין טאַטן, אַ ייד אַ משכיל, אַ הייסער איבערצייגטער ציוניסט. מיט צוויי יאָר צוריק, בשעת מיין באַזוך אין בריסק האָב איך אים דערציילט, ווי אַזוי שמעון קלאַפּט טאַבאַרעס שטייענדיק אויף דער רושטאָוואַניע, האָבן זיינע אויגן געגלאַנצט פון שטאָלץ. און דאָך בין איך שטאַרק אין צווייפל, צי האָט דער אַלטער פאָטער אין שמעונס קינדהייט און יוגנט אים געגרייט צו פיזישער אַרבעט, אַפילו אין ארץ־ישראל. צי דען וואָלט ער אים נישט געקערעוועט מיטן אויסגעטראָטענעם וועג פון אַ סך יידישע באַלעבאַטישע יונגעלייט: צוערשט גימנאַזיע, און דאָן הויכשול.

און שמעון אַליין? זיין פּועלי־ציוניסטישע וועלט־אַנשויאונג איז אויסגע־פורעמט געוואָרן אין דער הייסער אַטמאָספער פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. דעם טראַפּ האָט מען געלייגט, און מיט רעכט, אויפן פּאָליטישן קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, אַזוי ענג צונויפגעפלאָכטן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאַמף פאַר מאַכט. און שפּעטער, נאָכן צוריקקער פון רוסלאַנד, אין זיין היימשטאָט בריסק: די גאָר באַשיידענע חיונה ציט ער פון בוכהאַלטעריע און ביוראָ־אַרבעט; די פּאַרטיי־אַרבעט שטעלט אים אין צענטער פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף אין זיין שטאָט, רוקט אים אַרויס אַלס ראַט־

מאַן אין בריסקער שטאָטראַט. און דערוויל: יאָרן לויפן, עס וואַקסט די פאַמיליע. יאָ, געמאָסטן מיט דער סקאַרבאָווער מאָס פון חלוצישער הכשרה, האָט מען זיך געמעגט פאַרטראַכטן איידער מען האָט באַשטעטיקט פאַר שמעונען אַן אַרבעטער־סערטיפיקאַט.

איך געדענק שמעונס יסורים זינט דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אַרויס צו דער אַרבעט. זיינע אויגן און די צאַרט־ווייכע הויט האָבן נישט פאַרטראָגן די ברענענדיקע שטראַלן פון דער ארץ־ישראלדיקער זון. איך געדענק די צעקאַליעטשעטע פאַרבאַנדאַזשירטע הענט. נישט איינמאָל האָט זיך אַריינגעגנבעט דער צווייפל: וועט ערביישטיין דעם האַרטן נסיון פון איבערשיכטן זיך אין עלטער פון העכער דרייסיק יאָר?

דער שטאַרקער גוף, דער פעסטער ווילן האָבן גובר געווען די צופּאַסונג צו די ענויים. שמעון רוקט זיך אַרויס ביי דער אַרבעט. זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ, זיין אין דער יוגנט דערוואָרבענער וויסן, זענען אַ סגולה זיך צו פאַרפולקאָמען אין דעם שפּאָגל־נייעם פאַר אים בוי־פאַך. מיר באַמערקן ביי אים אַן אינטערעס און אַ ליבע צום פאַך. ערשט אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פּלוצימדיקן טויט, זאָג איך צו אים: „די יאָרן לויפן, די כוחות קומען נישט צו, מען וועט נאָך מוזן זיך אומקוקן וועגן אַ ביוראָ־פּאָסטן פאַר דיר". משונהדיק זענען אים אויסגעקומען מיינע רייד און ער האָט זיי אָוועקגעמאַכט מיט ביטול.

די צופּאַסונג צום קלימאַט און צו דער שווערער אַרבעט איז פיזיש זיכער אַ האַרטער נוס, ביי וועלכן עס ווערן צעבראָכן די ציין נישט פון איין פרישן איינוואַנדערער. פּסיכאָלאָגיש איז אָבער גאַנץ אָפט פיל קאָמפּליצירטער און שווערער דאָס אַריינוועבן זיך פון דעם ניי־אָנגעקומענעם אין דעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר טרעפן דאָ אין לאַנד נישט ווייניק געזעלשאַפטלעכע יורדים. די דאָזיקע מענטשן האָבן אין חוץ־לארץ, אין זייער לאַנד, שטאָט און שטעטל, יעדער לויט זיין פּאָליטישער שיטה, געטאָן נישט ווייניק פאַר ארץ־ישראל; דאָ אָבער באַמערקן זיי מיט שרעק, אַז זיי שטייען אין אַ זייט פון דעם ברויזנדיקן געזעלשאַפטלעכן שטראָם. די דאָזיקע אַקטיווע טוער פון חוץ־לארץ קאָנען זיך נישט אַריינפּאַסן אין דער נייער סביבה, קלייבן זיך נישט פונאַנדער אין די אַלע פּרטים פון היגע פּראָבלעמען, הגם פון דער ווייטנס, טעאָרעטיש, האָבן זיי וועגן דעם געהערט און געלייענט. לא די, די דאָזיקע סוביעקטיווע שוואַכקייט פון אַ סך פון אויסלאַנד געקומענע טוער, שטויסן זיי זיך דאָ אָן אויף אַ האַרטער וואַנט פון ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס פאַרבייט גאַנץ אָפט די לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג און פאַרמאָגט קנאַפּ פעיקייט צו אַקטיוויזירן אויפן היגן באָדן די נאָך אומבאַקאַנטע טוער.

קומט נאָך צו אין אַ סך פאַלן די שפּראַך־גזירה. דער אויסשליסלעכער מאָנאָפּאָל פון העברעיש אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן מאַכט שטום הונדערטער

און טויזנטער געזעלשאַפטלעך אַקטיווע מענטשן פון חוץ־לארץ. באַזונדערס פיינלעך איז די גזירה פאַר שמעונען, דער ליידנשאַפטלעכער קעמפער־נאַטור.

צוואַנציק יאָר דינסט דער פועלי־ציון־אידעע האָבן שמעונען פאַרהאַרטעוועט, ער זאָל נישט פאַרלאָזן דאָס פּאָליטישע שלאַכט־פעלד, הגם די באַדינגונגען זענען ניי און קאָמפּליצירט. אין דער פּאַרטיי פאַרנעמט ער גאַנץ גיך דעם געהעריקן אָרט. דער פריערדיקער מיטגליד פונעם הויפּט־ראַט פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן, ווערט אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער פועלי־ציון־פּאַרטיי. אָבער דאָ, אין דער פּאַרטיי, האָט שמעון געפונען סוף כל סוף דעם דירעקטן המשך פון זיין היימישער פּאַרטיי־סביבה.

פיל אינטערעסאַנטער, לויט מיין מיינונג, אין פּרט פון פעסטשטעלן די הויכע פּראָבן פון שמעונס געזעלשאַפטלעכן ווערט, איז זיין גיכער געזעלשאַפטלעכער אויפשטייג אין דער הסתדרות. ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַמף צווישן די תּל־אביבער אַרבעטער פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ, פון זיין סעקציע, פון זיין בוי־פאַראיין. במשך פון די געציילטע פאַר יאָר ווערט ער באַקאַנט און פּאָפּולער אַלס איינער פון די פירער פון דער באַראַכאָוו־אָפּאָזיציע אין דער הסתדרות; הגם גאַנץ אָפט האַרט און קאַנטיק אין באַציאונגען צו מענטשן, ווערט ער באַליבט און דעראָבערט סימפּאַטיע צווישן גאָר ברייטע אַרבעטער־קרייזן. ווי טייער האָט ער געמוזט צאָלן פאַר דער אומדערמידלעכער אַרבעט. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג — קוים זיך אַרומגעוואַשן און אָפּגעגעסן — שוין ווידער אין דער הסתדרות אָדער אין פּאַרטיי־קלוב, גאַנץ אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווי אָפט האָב איך פון אים געהערט וועגן דעם שטענדיקן דעפיציט אין שלאָפן! ווי אָפט האָט ער זיך געקלאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין צייט צו לייענען, אַ פּשיטא, זיך צוגרייטן צום פאָרטראָג! מיט עקשנות האָט ער געבראָכן די שפּראַך־שוועריקייטן, דורכגעלייגט זיך אַ וועג צו לייענען אַ צייטונג, פאַרשטיין אַ רעפעראַט ביז... אַליין דערשיינען אונטערן צוואַנג פון דער שפּראַך־גזירה אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין אַ נישט איבעריק סטיליזירטן העברעיש.

ארץ־ישראל שטעלט צו יעדן פון אונדז גאָר גרויסע פאָדערונגען, ביז צו שטעלן אין קאָן דאָס לעבן. איך געדענק שמעונען אין די בלוטיקע אַפּריל־טעג פון 1936. מיט נאָך אַנדערע חברים האָט ער געהאַלטן וואַך כמעט מיט בלויזע הענט אויף איינעם פון די געפערלעכסטע גרענעץ־פּונקטן פון תּל־אביב. עס איז געווען, ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז שמעון דאַרף זיך דאָרט געפינען. די דאָזיקע באַשיידענע גבורה דערגאַנצט דאָס בילד פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס איבערגעפלאַנצט אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן, האָט דאָ געלאָזט טיפע וואָרצלען.

„נייוועלט", תּל־אביב, נומ. 15, 1938

רעוויזיאָניסטישע שאַקאַלן

ערשט פאַרשאָטן זענען די פרישע קברים אין דער שחיטה־שטאָט טבריה; דאָס בלוט פון די דערשטאָכענע און דערשאָסענע איז נאָך נישט אויסגעטריקנט. דער רויך פון די פאַרברענטע גופים טראָגט זיך נאָך איבער דער שווער געטראָפענער שטאָט, און צווישן די קברים הילכט שוין אָפּ דער יאָמער פון די פאַשיסטישע שאַקאַלן, וועלכע זוכן צווישן די טבריה־חורבות זייער שטיק פּאָליטיש רויב. מיר זענען אויסן — דעם רעוויזיאָניזם.

אויף די מויערן פון ירושלים איז פונאַנדערגעקלעפּט, נאָכן טבריה־אומגליק, אַן אויפרוף. עס פעלט די חתימה פון די רעוויזיאָניסטן; ער רעדט אָבער גענוי זייער שפּראַך און גייסט. גענוג צו פאַרגלייכן מיט דער אָפיציעלער רעוויזיאָניסטישער פּרעסע אין לאַנד און בפרט אין אויסלאַנד, כדי צו זיין פולקאָם זיכער: רעוויזיאָניסטישע הענט האָבן דעם דאָזיקן דאָקומענט געשריבן, געדרוקט און געקלעפּט. בכל אופן: כל זמן די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג גרענעצט זיך נישט אָפּ פון דעם דאָזיקן און פון די אַלע ענלעכע פריערדיקע אויפרופן, טראָגט זי דערפאַר די פולע מאָראַלישע און פּאָליטישע אחריות.

פאַר די דרייסיק חדשים זינט דעם אויסברוך פון די בלוטיקע געשעענישן האָבן מיר זיך באַוויזן אויסהיטן פון אַזאַ שוידערלעכער מאַסן־שחיטה, ווי די איצטיקע אין טבריה. עס דערמאָנט די פּאָגראָמען איבער צענדליקער שוצלאָזע יידן אין חברון און צפת מיט 9 יאָר צוריק. אין טבריה איז אָבער געווען אַ יידישע שמירה, אַחוץ דער פּאָליציייִשער און מיליטערישער. די דאָזיקע זעלבשוץ איז געוואָרן איבערראַשט, ס׳זענען געווען ערנסטע פעלערן אין דעם שוץ־סיסטעם אין טבריה. נישט אַלץ איז געווען פאָרויסגעזען; די שלאָגפאַרטיקייט פון די וועכטער איז געווען, זעט אויס, נישט אויף דער געהעריקער הויך, די הילף איז געקומען צו שפּעט. עס איז אַ שווערער דורכפאַל פון דעם יידישן שוץ־סיסטעם, וואָס פאָדערט אַ שטרענגע אויספאָרשונג און אַן אומברחמנותדיקע זעלבסט־קריטיק.

נוצן אויס די רעוויזיאָניסטן די טבריהער שחיטה, פאַרבינדן דאָס שרעקלעכע אומגליק מיט די פריערדיקע, הגם אין אַ פיל קלענערן פאַרנעם, אין גבעת עדה, קרית־חרושת און עין־שמר. זיי רייסן אַרונטער נישט נאָר דעם מיליטעריש־טעכנישן צושטאַנד פון דער זעלבשוץ; זיי צילן אין דעם פּאָליטישן תוך פון דעם יידישן פאַרטיידיקונגס־ווערק: „אָבער, אויך נאָך די אַלע שחיטות האָט די פאַרעטערישע לייטונג נישט געוואָלט מודה זיין, אַז דאָס גאַנצע אירע „פאַרטיידיקונגס־סיסטעם" האָט באַנקראָטירט און נישט געראַטעוועט אַפילו איין ייד; די, וואָס טראָגן די אחריות פאַר דער זיכערקייט פון ישוב, ווילן זיך נישט מודה זיין, אַז דאָס גאַנצע סיסטעם פון פאַסיווער פאַרטיידיקונג האָט באַנקראָטירט, אַז עס איז נישטאָ קיין רעאַגירונג אָן אַן אָנגריף".

דער בלוטדורשטיקער יידישער פאַשיזם רייצט די נקמה־אינסטינקטן פון דעם דערצאָרנטן יידישן המון צוליב די הריגות מצד דעם אַראַבישן פאַשיזם: „מיר וועלן זיין הפקר אַזוי לאַנג, ווי מיר וועלן געהאַרכן דעם ליגנערישן סיסטעם פון דער איצטיקער לייטונג, דעם סיסטעם פון „זעלבסטבאַהערשונג" (הבלגה) און „פּאַסיווער רעאַגירונג".

דאַרף מען ווידער און ווידער שטעמפּלען דעם ענדלעכן בילבול אויף די טויזנטער יידישע אַרבעטער און יונגעלייט, וועלכע, מיט דער גרעסטער לעבנס־געפאַר, טראָגן אויס אויף זייערע פּלייצעס צוויי און אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד דעם שווערן עול פון שמירה. קיינמאָל זענען זיי נישט דערצויגן געוואָרן צו פּאַסיווער פאַרטיידיקונג. עס זענען באַקאַנט צענדליקער פאַקטן, ווי אַזוי יידישע שומרים האָבן מיט אַ זעלטענעם מוט צונישט געמאַכט די אָנגריף־פּלענער פון די טעראָ־ריסטן, נישט וואַרטנדיק אויף זייער אַטאַקע.

די רעוויזיאָניסטן, ווי דער שטיגער פון די פאַשיסטן ביי אַלע אומות העולם, שפּייען קלעק אויפן אמת, ווען עס איז נייטיק צוגיסן שנאה־בענזין צו דער פעלקער־שרפה אין אונדזער פּיל־געפּרוּווטן לאַנד. טבריה זאָל דינען דעם תכלית, דעם ווילדן רוף צו נקמה: „פאַראַן נאָר איין וועג צו ראַטעווען אונדזער פאַרמעגן, לעבן און כבוד — דאָס איז דער וועג, וועלכן עס האָבן באַוויזן די באַמבעס אויף די מערק אין חיפה, אַלט־ירושלים און יפו. פאַראַן נאָר איין וועג: איינשטעלן אָרדענונג און זיכערקייט אין לאַנד — אַריבערפירן דעם קאַמף אין די געביטן פון אַראַבישן ישוב, וואַרפן אַ פּחד און אַן אימה אויף די אַראַבישע מערדער". זאָל עס צוגענאַגלט ווערן, ווי אַ קין־צייכן אויף די שטערנס פון די מאָרד־גיריקע פאַשיסטן; זיי באַרימען זיך אָפן מיט די שרעקלעכע באַמבעס אויף אַראַבישע מערק. ביז איצט האָבן זיי עס געוואַגט צו טאָן בלויז אין וואַרשע אויף די שפּאַלטן פון זייער פּאַרטיי־אָרגאַן. איצט קומען די הענט, איינגעטובלט אין בלוט פון די פּיל צענדליקער פרידלעכע פעלאַכן און מאַרק־זיצערס, צווישן זיי נישט ווייניק פרויען, און ווילן באַפלעקן דאָס גאַנצן פון גאַנצן יידישן ישוב. האָבן זיך דען די אַראַבישע טעראָריסטן איבערגעשראָקן? די לעצטע דריי חדשים האָבן געבראַכט אַ גרויזאַמען שניט צווישן יידן און אַראַבער. די רעוויזיאָניסטישע נקמה־אַקטן האָבן צוגעשאַרט אַן אומגעריכטן שאַנס די פּאָליטישע און מיליטערישע אָנפירער פון אַראַבישן טעראָר. ערשט איצט זענען זיי געוואָרן די אַליינהערשער אויף דער אַראַבישער גאַס, ברוטאַל אונטערדריקט יעדן ווידערשפּעניקן אַראַבישן אָפּאָזי־ציאָנער, מאָביליזירט גרעסערע היימישע מאַסן אין טעראָר־באַנדעס. טייער האָבן מיר באַצאָלט פאַר דער פאַרשאָלטענער אַקטיוויטעט פון די יידישע פאַשיסטן.

די יידישע יונגעלייט, וועמען די רעגירונג האָט אָנפאַרטרויט געווער צו פאַרטיידיקונגס־צוועקן, העצט דער ציטירטער אויפרוף, צו פּראָוואָקאַציע־אָנפאַלן

אויף פרידלעכע אַראַבער: „יידישע יונגעלייט! טויזנטער ביקסן געפינען זיך היינט אין אייערע הענט! שעמט זיך, אויב אייערע ברידער און שוועסטער ווערן געשאָכטן ביי אייך אויף די אויגן, און איר — מיט געווער אין האַנט! — שווייגט און ענטפערט נישט די מערדער זיבנפאַכיק". לאָמיר דערמאָנען ביי דער געלעגנהייט: דער שומר אַלטמאַן, אַ רעוויזיאָניסט, איז געוואָרן אין יענער צייט פאַראורטיילט צום טויט פאַר שיסן אויף אַן אַראַבישן אויטאָ; אין לעצטן מאָמענט איז ער געוואָרן באַגנעדיקט; דעם פּאָליציאַנט שוואַרץ האָט מען געהאָנגען צוליב הרגענען אַן אַראַבישן פּאָליציאַנט, וואָס איז מיט אים געשלאָפן אין איין געצעלט. זענען עס, הייסט עס, די אידעאַלן פון דער יידישער יוגנט לויטן רעוויזיאָניסטישן נוסח? דער דאָזיקער רוף צו פּראָוואָקאַציע, אויב ער זאָל געהערט ווערן, איז עלול צו ברענגען די גרעסטע אומגליקן, באַדראָט די עצם עקזיסטענץ פון דער גאַנצער לעגאַלער יידישער זעלבשוץ.

קאָנען מיר נישט רוען; מיר אַלאַרמירן די יידישע עפנטלעכקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד: דער קרעבס פון פאַשיזם צעפרעסט דאָס יידישע פאָלק! אונדזער וואָרענונגס-רוף קומט גראָד איצט, ווען די אָפיציעלע לייטונג פון ישוב האַלט ביים אָפשליסן אַ הסכם מיט די רעוויזיאָניסטן, וואָס זאָל צווישן אַנדערן, אויפנעמען זיי אַלס פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין דער נעץ פון דער יידישער פאַרטיידיקונג. „דבר" פאַרשווייגט עס, דער שוואַרצער „הבוקר" האָט אָנגעזאָגט די בשורה נאָך מיט 10 טעג צוריק. די אַלע אינסטיטוציעס וועגן וועלכע דער אויפרוף שרייבט: „אין דער פאַרגיסונג פון אונדזער בלוט, אין אונדזער חורבן און שאַנד זענען שולדיק די פאַררעטערישע און שווינדלערישע אינסטיטוציעס", ד. ה. דער ועד לאומי, די ציוניסטישע עקזעקוטיווע. די לייטונג פון דער יידישער אַגענץ האַלט אָפן די אָרעמס גרייט אויפצונעמען די רעוויזיאָניסטן אין דער אָרגאַניזירטער יידישער און ציוניסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. די אונטערפירער ביי דעם דאָזיקן שידוך זענען די יידישע רעאַקציע און כלי־קודש.

וועלן אויך אין דער לעצטער שעה פאַרן אונטערשרייבן דעם שאַנד־הסכם נישט אַ ציטער טאָן די הענט פון יענע מפא"ישע פירער, וועלכע שטייען ביים רודער פונעם יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג?

„נייוועלט", תל־אביב, נומ. 19, 1938

באַראַכאָווס שלום־פּראָגראַם

דער חברטע ליובע באָראָכאָוו — מיט יראת הכבוד

אין די יאָרן פון דער מוראדיקער פאָלקס-קאַטאַסטראָפע דערדריקט אונדז אָפט דאָס געפיל פון געשיכטלעכער אחריות. נישט לייכט איז דער רעוואָלו־

ציאָנערער וועג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אונדזער אומגליקלעך פאָלק. נישט איינמאָל, אין פּיין און אין פרייד, פרעגן מיר זיך: ווי וואָלט געהאַנדלט בער באָראָכאָוו איצט ביים סוף פון צווייטן וועלט־קריג?

עס איז זומער 1917. דער נצחון־רוף פון דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד לאָזט נישט רוען באָראָכאָוון. צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע מיט־אַרבעטער — זרובבל און קענדזשערסקי — פאַרלאָזט ער די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און איילט זיך, נאָך אַ צוועלף־יאָריקער צעשיידונג, שטעלן זיך ווידער בראש פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין רוסלאַנד. אויפן דריטן פּאַרטיי־טאָג אין קיעוו (אויגוסט 1917) ווערט דער גרינדער פון דער פּאַרטיי שטורמיש באַגריסט. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש זאָגט באָראָכאָוו: „איך האָב געחלומט, אַז קומענדיק קיין רוסלאַנד, וועל איך קושן די ערד פון יענעם לאַנד, וואָס האָט דעראָבערט די גרויסע פרייהייט!... אונדז קומט אויס צו געבן תשובות אויף א סך ווידערשפּרוכן וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגעשטעלט... מיר פאַרמאָגן אונדזער אייביקן אידעאַל, מיר שטרעבן, די וועלט זאָל זיך שטעלן אויפן וועג פון סאָציאַליזם. מיר דאַרפן זיין קאָנסעקווענט אין ציוניזם און אין סאָציאַליזם. מיר שטייען איצט פאַר דער אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון יידישן פאָלק. די דאָזיקע אויפגאַבע ליגט אויף אונדז „פּועלי ציון"... היינט־צו־טאָג פאַרשטייען אַלע די נייטיקייט צו לייזן די יידן־פראַגע. עס איז נאָך נישט געלייזט דאָס יידישע עמיגראַציע־פּראָבלעם, די יידישע עקסטעריטאָריאַליטעט"...

אין פייער פון אימפּעריאַליסטישן וועלטקריג דריקט אויס באָראָכאָוו זיין פעסטע איבערצייגונג: דער שטורעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע עפנט ברייטע האָריזאָנטן פון אַ נייער סאָציאַליסטישער וועלט, ממילא שטעלט זיך פאַרן קאָנסעקווענטן יידישן סאָציאַליסט, אַלס זיין אויפגאַבע, די דעראָבערונג פון זיין נאַציאָנאַלער פרייהייט — די פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם.

אויפן וועג קיין רוסלאַנד האָט באָראָכאָוו אויסגעפירט אין שטאָקהאָלם אַ וויכטיקע שליחות פון דער וועלט־באַוועגונג. צו יענער צייט האָט דער האָלענדיש־סקאַנדינאַווישער קאָמיטעט, אָרגאַניזירט דורך די פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נייטראַלע לענדער, פאַרזוכט דורכפירן אַ סאָציאַליסטישע שלום־קאָנפערענץ, און אַזוי אַרום צוריק אויפבויען דעם חרוב־געוואָרענעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. גלייכצייטיק האָט דער רוסלענדישער אַרבעטער־קלאַס אויך אונטערגענומען אַ שלום־אַקציע דורך אַ דירעקטער ווענדונג צו די אַרבעטער פון אַלע קעמפנדיקע לענדער. די שליחים פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד „פּועלי־ציון" — ב. באָראָכאָוו, זרובבל, ל. כאַזאַנאָוויטש, ב. לאָקער, ש. קאַפּלאַנסקי — האָבן דורכגעפירט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַקציע צווישן די מיטגלידער פון דעם האָלענדיש־

סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט, און צווישן די צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון די פאַר־שידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זענען געקומען קיין שטאָקהאָלם. אָנהייב אויגוסט האָבן זיי דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום, וואָס פאָרמולירט דעם שלום־פּראָגראַם פון דער אַלוועלטלעכער פּועלי־ציון־באַוועגונג. נאָך 27 יאָר איז כדאי פון דאָס ניי איבערצולייענען דעם דאָזיקן דאָקומענט. בּאָראָכאָוו האָט זיכער געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויף זיין אינהאַלט און פאָרעם.

„די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, וואָס האָבן אויף זייער באַוווסטזיין דעם מוראדיקן פעלקער־מאָרד, זענען נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די עלע־מענטן פון פאַרניכטונג, וועלכע זיי האָבן צעלאָזט; נישט זיי האָבן די קראַפט צו שאַפן פאַר זייערע קריגס־צילן דעם זיג, נישט זיי האָבן דעם מוט זיך אָפּצו־זאָגן פון זיי. די בלוטנדיקע מענטשהייט וואַרט אויף איר דערלייזער. דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט מוז באַקומען דעם באַוווסטזיין וועגן זיין היסטאָרישער מיסיע, אַריינצונעמען אין זיינע הענט דעם גורל פון די פעלקער און שאַפן מיט פאַראייניקטע קרעפטן אַ שלום, וועלכער זאָל אויסשליסן די געפאַר פון צוקונפטיקע מלחמות און גלייכמאַכן דעם וועג פאַר דער סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע פון דער מענטשהייט“.

דער טיפער געשיכטלעכער אמת פון די דאָזיקע זאַצן, אַרויסגענומען פון דעם אַריינפיר צו דעם מעמאָראַנדום, נייטיקט זיך נישט אין קיין לאַנגע פּירושים. דער פאַשיזם, די גרויזאַמסטע פאָרם פון דער בורזשואַזער דיקטאַטור, האָט געבראַכט דער מענטשהייט דאָס גרויסע אומגליק פון צווייטן וועלט־קריג.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג שליסט זיך אָן אין דעם שלום־פּראָגראַם, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך דעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט: „מיר שטייען צו פולשטענדיק צו די פאָדערונגען פון אַלגעמיינער אַנטוואָפענונג, דעמאָקראַטיזירונג פון דער אויסערלעכער פּאָליטיק, נייטראַליזירונג פון די אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָמוניקאַציע־וועגן אויפן ים און אויף דער יבשה, פרייען האַנדל און קאָמוניקאַציע, פרייהייט פון איינוואַנדערן, באַזעצן זיך און זיך קאָלאָניזירן און אומבאַגרענעצטע זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר אַלע פעלקער. צו דער פאַר־ווירקלעכונג פון די דאָזיקע פאָרשלאָגן, וואָס האָבן דעם צוועק צו שאַפן אַ ניי פעלקער־רעכט, מוזן געשאַפן ווערן איבערמלוכהשע אָרגאַנען... דעם שלום־בונד פון די פעלקער, וועלכער איז געוואָרן אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט“... „די שלום־טראַקטאַטן מיט וועלכע די אימפּעריאַליסטישע וועלט־הערשער האָבן פאַרענדיקט דעם ערשטן וועלט־קריג, האָבן געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט די שלום־פּלענער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איז נייטיק צו וויסן, אַז נישט די בורזשואַזע מלוכה־מענער האָבן געזאָלט זיין — לויט דער איבערצייגונג פון די מחברים פונעם מעמאָראַנדום — די מלאכי השלום“.

אין זיין צווייטער רעדע אויפן קיעווער פּאַרטיי־טאָג האָט באָראָכאָוו געזאָגט: „די מלחמה וועט זיך ענדיקן נישט אַ דאַנק דער דיפּלאָמאַטיע, נאָר אין רעזולטאַט פון די פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט... אַלע פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן קריג, וועט לייזן די שלום־קאָנפערענץ, וועלכע עס וועט צונויפרופן דער פּראָלעטאַריאַט...״

די פּועלי־ציון־דעלעגאַציע, בראש מיטן מייסטער פון דער מאַרקסיסטישער פאָרשונג פונעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, האָט, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען אַרויסצוברענגען די אומגעהייערע באַדייטונג פון דער דאָזיקער פראַגע: „דער קריג האָט דערוויזן מיט דער גרעסטער דייטלעכקייט, ווי שטאַרק יעדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג קאָן פירן צו דער שטערונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און צו אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער קולטור־מענטשהייט. דער שלום־בונד פון די פעלקער קאָן זיין נאָר אַ בונד פון פרייע פעלקער. דער לאָזונג „שלום אָן אַנעקסיעס״ באַקומט זיין אמתן זין ערשט דורך דעם גלייכצייטיק מיט אים פּראָקלאַמירטן פּרינציפּ וועגן זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די פעלקער״. אין דעם צווייטן טייל פון מעמאָראַנדום, וואָס אַנטהאַלט גענוי פאָרמולירטע פאָדערונגען, לייענען מיר: „דער דאָזיקער פּרינציפּ באַדייט: א) די פאַרווירקלעכונג פון דעם רעכט פון יעדער נאַציע, עווענטועל יעדן פאָלקס־שטאַם, אויף איינהייט און דעמאָקראַטישער זעלבסטרעגירונג. דערצו געהערט, צווישן אַנדערע: ב) אויפריכטן צוריק בעלגיע, מאָראַוויע, טשערנאָגאָריע, רומעניע. ג) פאַראייניקן און אומאָפּהענגיק מאַכן פּוילן... אַרומנעמען די געגנטן, ווו פּאָליאַקן זענען די מערהייט פון דער באַפעלקערונג... ד) פאַרוואַנדלען רוסלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, טערקיי אין נאַציאָנאַליטעטן־בונד־מלוכות, ד. ה. אין פעדעראַציעס פון עטנאָגראַפיש־אָפּגעגרענעצטע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־געגנטן. ה) גאַראַנטירן דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אויף דערהאַלטן און אַנטוויקלען איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און אויף זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין נאַציאָנאַלע ענינים... ו) פעדעראַטיווע פאַרבינדונג פון די מלוכות, כדי צו פאַרווירקלעכן די שטרעבונג נאָך נאַציאָנאַלער איינהייט פון די נאַציאָנאַלע טיילן, וואָס לעבן אין די דאָזיקע מלוכות, אויך פאַרזיכערונג אָדער פאַרשטענדיקונג מיטן צוועק צו באַפרידיקן די ווירטשאַפטלעכע לעבנס־אינטערעסן פון די באַטייליקטע פעלקער... צום ביישפּיל: דער באַלקאַן־בונד״.

פּועלי־ציון טרעט דאָ אויף אַלס דער טרעגער פון דער אידעע פון פעלקער־פעדעראַליזם און אַלס קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט נאָכן פאַרענדיקן דעם אימפּעריאַליסטישן וועלט־קריג לייזן אויך די אָנגעווייטיקטע יידן־פראַגע — דאָס איז געווען באָראָכאָווס עיקר־איבערצייגונג. מוז, בכן, דער יידישער אַרבעטער־קלאַס זיך שטעלן בראש פון דעם יידישן פאָלק אין קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

אין זיין צווייטער רעדע אויפן קיעווער צוזאַמענפאָר, בעת דער דיסקוסיע וועגן דעם אַליידישן קאָנגרעס אין רוסלאַנד, זאָגט באָראָכאָוו: „די יידן־פראַגע דאַרף געלייזט ווערן נישט אויפן וועג פון דיפּלאָמאַטיע און שתדלנות. אין די פּאָדער־צימערן פון די מאַכטהאָבער פון דער איצטיקער וועלט; זי קאָן געלייזט ווערן מיט דער ליקווידאַציע פון דער מלחמה. מיר דאַרפן אַרויסטרעטן קעגן יענעם טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס טאַנצט אונטער דעם פייפל פון דער אַסימילאַטאָרישער בורזשואַזיע. מיר זענען ווייט פון דער מיינונג, אַז דאָס יידישע פאָלק טיילט זיך אויף אַזוי פיל נאַציעס, אין וויפל לענדער עס וווינט. די יידישע נאַציע הייבט זיך נישט אָן אין וואָלאָדיוואָסטאָק און ענדיקט זיך נישט ביי די גרענעצן פון רוסלאַנד... מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר די ווערטער: „יידישע נאַציע". בעת מיר זאָגן: „דאָס יידישע פאָלק", ווייסן מיר, אַז די יידישע נאַציע האָט עקזיסטירט ביז דער דיפערענצירונג אויף קלאַסן. מיר ווייסן אויך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן די נאַציע, אַז בלויז דער אַרבעטער־קלאַס שאַפט די נאַציע... אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאַלן־צונויף מיט אונדזערע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען".

אַנטשפּרעכנדיק צו דער דאָזיקער הנחה האָט די פּועלי־ציון־דעלעגאַציע פאָר־מולירט אויפן פאָלגנדיקן אופן די יידישע פאָדערונגען בנוגע די לענדער, ווו יידן בילדן און בלייבן אַ מינדערהייט:

„1) פולע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן פון אַלע לענדער. גלייכע באַהאַנדלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די געגנטן, וואָס האָבן געליטן פון קריג, בעת די געגנטן וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן; 2) פרייהייט פון איינוואַנדערן און באַזעצן זיך פאַר יידן אין אַלע לענדער; 3) נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג (אויפן גרונט פון פּערסאָנאַלן פּרינציפּ) און נאַציאָנאַלע גלייכ־באַרעכטיקונג אין דער מלוכה, פּראָווינץ און געמיינדע פאַר די יידן אין אַלע לענ־דער, ווו זיי וווינען אין מאַסן".

די מוראדיקע שחיטה פון מיליאָנען אונדזערע ברידער אין פאַשיסטישן אייראָפּע האָט חרוב געמאַכט יענע יידישע מאַסן־קיבוצים, וועלכע האָבן צענדלי־קער יאָרן געקעמפט פאַר זייערע רעכט אויף נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אַלס אָרגאַ־ניזירטע מינדערהייט מיט אַ געזעצלעך אָנערקענטער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די ראַמען פון די מדינות. דאַרפן מיר אָבער רעזיגנירן פון דעם קאַמף פאַר דער ביר־גערלעכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן, וואָס זענען שוין, אָדער, האָפנטלעך, וועלן בקרוב ניצול ווערן פון דעם פאַשיסטישן בלוט־מבול? עס איז אַ שווערער חטא, וואָס די פּאָליטישע דעקלאַראַציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער צווייטער סעסיע פון אספּת הנבחרים, פאַרשווייגט בכלל דעם דאָזיקן ענין. דער געמיינזאַמער פאָרשלאַג פון פּועלי־ציון און השומר־הצעיר: „...קאַמף פאַר אויפשטעלן די חורבות פון די איבערגעבליבענע יידן אין די באַפרייטע לענדער, פאַר באַשטראָפן די פאַשיסטישע רוצחים און פאַרזיכערן רעאַלע נאַציאָ־

נאַלע, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין אַלע זייערע וווין־לענדער", איז אַ דירעקטער המשך פון יענעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס באַראָכאָוו מיט זיינע מיטקעמפער האָבן געפירט מיט 27 יאָר צוריק אין פיל, פיל גינסטיקערע באַדינגונגען פאַרן יידישן פאָלק.

*

די שליחים פון פועלי־ציון האָבן ווייט אויפגעוויקלט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פאָרום די פאָדערונגען פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. אין קנאַפּע, אָבער מייסטערהאַפט פאָרמולירטע אפּזאַצן, ברענגען זיי אַרויס דעם תמצית פון פּועלי־ציוניזם: „די הויפּט־קוועלע פון אַלע ליידן פונעם יידישן פאָלק איז דער פאַרלוסט פון זיין היסטאָרישער היים און זיין צעשפּרייטקייט אין פיל לענדער. די לאַנדלאָזיקייט האָט צוגענומען ביים יידישן פאָלק די מעגלעכקייט זעלבשטענדיק צו פאָרמירן זיין לעבן... זי איז די אורזאַך פון זיין אומנאָרמאַלער עקזיסטענץ און פון זיין אויסנאַמלעכער לאַגע צווישן די נאַציעס פון דער ערד... די יידישע פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע שטרעבט צו אַ טעריטאָריאַלער פאַרענטפערונג פון דער יידן־פראַגע דורך דער שאַפונג פון אַ קאָמפּאַקטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעס־טינע... די קאָלאָניזירונג פון די וואַנדערנדיקע יידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע... איז דער אָנהייב פון אַ יידישן קיבוץ פון אַרבעט און קולטור, וועלכן ס'איז באַשערט צו ווערן דורך זיין פאַרגרעסערונג אַ צוציאונגס־פונקט פאַר דער יידישער עמיגראַ־ציע, און אַן אָרט פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון פאָלק, וואָס איז געזי־כערט אין זיין עקזיסטענץ... די רעוואָלוציאָנערע איבערבויאונג פון די יסודות פון דער יידישער פאָלקס־עקזיסטענץ דורך דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע, קאָן געשען בלויז דורך דער זעלבסטהילף פונעם יידישן פאָלק. אָבער פון די אַנדערע פעלקער, און נעמלעך פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, זענען מיר באַרעכטיקט צו פאַרלאַנגען די באַזייטיקונג פון יענע קינסטלעכע מניעות, וועלכע ווען מאַכן שווער דעם שאַפונגס־פּראָצעס פונעם יידישן פאָלקס־לעבן אין פּאַלעסטינע, און וועלכע דראָען אים צו פאַראַליזירן... דאָס יידישע פאָלק, וואָס הונגערט נאָך לאַנד, זאָל האָבן פאַר זיך פריי דאָס שיטער־באַפעלקערטע לאַנד, וואָס ליגט צום גרעסטן טייל אומבאַאַרבעט, און וועלכעס איז פעיק, ביי דער אָנווענדונג פון מאָדערנע פּראָדוקציע־מעטאָדן, אויפצונעמען מיליאָנען נייע קאָלאָניסטן... דאָס יידישע פאָלק... וויל הייבן די פּראָדוקציע־קרעפטן פון אַ לאַנד אין פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג... די יידישע איינוואַנדערונג ברענגט מיט זיך די פּראָגרעסיווע אַרבעטס־מעטאָדן, די העכערע לעבנס־פירונג און די העכערע לוין־פאָדערונגען. זי קאָן דעריבער בלויז העלפן דער אַראַבישער באַפעלקערונג זיך אַרויפצואַפּן העכער פון איר פרימיטיווער קולטור און ווירט־שאַפטס־מדרגה"...

די שאַרפע ציין פון דער פאַרלאָפענער צייט האָבן נישט באַוויזן איינצובייסן קיין איינעם פון די דאָ אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען. אין אונדזער פאָלקס־אומגליק, איז דער 600.000־קעפּיקער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל די איינציקע טרייסט, אויב עס איז בכלל געמאָלט אַ טרייסט. ער בילדעט די באַזע פאַר דער ווידעראויפ־לעבונג פון אונדזער פאָלקס־אָרגאַניזם, פון וועלכן דער פאַשיזם האָט אַמפּוטירט אַ דריטל.

וויאַזוי פאַרמולירט מען די קאָנקרעטע פּאָליטישע פאָדערונגען פון סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם? באָראָכאָוו האָט פאַרענדיקט זיין ערשטע רעדע אויפן קיעווער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר מיט די לאָזונגען: „זאָל לעבן דער אַלוועלטלעכער פּעלקער־בונד! זאָל לעבן די יידישע רעפּובליק אין פּאַלעסטינע! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!“. אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, איז נישטאָ קיין זכר פון דער יידישער רעפּובליק אין ארץ־ישראל. באָראָכאָוו קלערט אויף די סיבה אין דער פריער עטלעכע מאָל ציטירטער רעדע: „די פאָרמולע „פרייהייט פון איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע“ דאַרף אונדז נישט באַפרידיקן, ווייל זי נעמט נישט אַרום אונדזערע פאָדערונגען אין דער גאַנצער ברייט. אַ היים אין פּאַלעסטינע איז נישט קיין פּאָליטישע ענדערונג, און מיר קאָנען זיך נישט מעלדן מיט איר ביים אינטער־נאַציאָנאַל. דאָס איז בלויז אונדזער אידעאַל אין דער צוקונפט... מיר דאַרפן פאָדערן, מען זאָל אונדז געבן די מעגלעכקייט בויען דאָרט אונדזער היים, אונדזער צוקונפט; דעריבער וואָלט איך געבעטן דעם צוזאַמענפאָר פאַרמולירן זיין רעזאָלוציע, נישט אידיליש, נאָר פּאָליטיש. מיר דאַרפן שטעלן אונדזערע פאָדערונגען אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָסשטאַב. מיר דאַרפן פאָדערן, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אויסגעטיילט אַלס אַ באַזונדערע אַדמיניסטראַציע־איינהייט אונטער וועמענס עס איז פּראָטעקטאָראַט. מען דאַרף איינפירן אין פּאַלעסטינע אַ ניי דעמאָקראַטיש אַגראַר־געזעץ און אַנדערע סאָציאַלע רעפאָרמען. דאָרט דאַרף מען אַנערקענען דאָס רעכט אויף פרייער קאָלאָניזאַציע און איינוואַנדערונג און אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג“.

איצט וועט אונדז זיין לייכטער צו פאַרשטיין דאָס קאָנקרעטע („פּאָליטיש און נישט אידיליש“) פּאַלעסטינע־פּראָגראַם פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין יאָר 1917: „באַוואָרענען די אומגעשטערטע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט פון די יידן, וואָס האָט דעם ציל צו שאַפן אַ יידישע היים אין פּאַלעסטינע. דערצו איז נייטיק: א) באַזייטיקן אַלץ, וואָס באַגרענעצט די פרייהייט פון איינוואַנדע־רונג און קאָלאָניזאַציע פון יידן, ברייט פאַרלייכטערן די נאַטוראַליזירונג און פרייע טעטיקייט פון די אינסטיטוציעס פאַר די צוועקן פון יידישער קאָלאָניזאַ־ציע; ב) שאַפן אַ דעמאָקראַטישן מאָדערנעם רעכט־צושטאַנד, סאָציאַל־פּאָליטישע שריט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־קרעפטן אין לאַנד, ווירט־

שאַפטלעכע פאַרלייכטערונגען און גאַראַנטיעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאַציע. קודם־כל פאַרוועגדן די מלוכה־ערד און סתם שטיקער ערד, וואָס האָבן נישט קיין באַלעבאַטים, אויך די לאַטיפונדיעס, סיי פאַר דער קאָלאָניזירונג פון אײַנוואַנדערער, סיי פאַר דער ערדלאָזער, אָדער ערד־אָרעמער באַפעלקערונג, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט; ג) פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ ספּעציעלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־געגנט און פאַראייניקייט־לעכן דאָס לאַנד אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט; ד) נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע. די דורכפירונג פון די אַלע אויבנגעזאָגטע פאָדערונגען זאָל אינטערנאַציאָנאַל גאַראַנטירט ווערן".

העכער אַ פערטל יאָרהונדערטיקע דערפאַרונג האָט בלויז באַקרעפטיקט די אַקטואַליטעט פון די ערשטע צוויי פּאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן פּראָגראַם. איבער אונדזערע קעפּ הענגען די גזירות פון „ווייסבוך", וואָס באַדייטן די ליקווידאַציע פון ציוניזם. עס לויערט אויפן ציוניזם די געפאַר פון אַ באַנייטן צעטיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל. דער גאַנצער ישוב און די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג זענען אייניק אין דעם ווילן, נישט אָפּצולאָזן דעם קאַמף קעגן די דאָזיקע ערנסטע פּאָליטישע סכנות. די גוואַלדיקע אויפטוען פונעם יידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל פאַרשטאַרקן די פאָדערונגען איבערצוגעבן אַלע אײַנוואַנדערונגס־ און קאָלאָניזאַציע־ענינים אין דער פולער קאָמפּעטענץ פון דער אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענטער יידישער אַגענץ.

אויך דער פערטער פּונקט אין דעם פּראָגראַם איז אונדז פאַרשטענדלעך. כנסת־ישראל, די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט די גאַנץ באַשיידענע קאָמפּעטענצן באַפרידיקט לחלוטין נישט די נויטן פונעם יידישן ישוב, וואָס בויט אין ארץ־ישראל די נאַציאָנאַלע היים פון יידישן פאָלק אויפן יסוד פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע. עס וואַרט אונדז נאָך אַ שווערער און לאַנגער קאַמף פאַר אַ ווייט־גייענדיקער רעאָרגאַניזאַציע פון כנסת־ישראל.

עס איבערראַשט אונדז אָבער דער דריטער פּונקט פונעם פּראָגראַם: די פאָדערונג פון לאַנד־אויטאָנאָמיע פאַר ארץ־ישראל אין די ראַמען פון דער פעדעראַטיווער טערקישער מדינה. אין ערשטן וועלט־קריג איז דער יידישער ישוב געפאַלן אין צאָל, פון 85 טויזנט ביז 56 טויזנט נפשות. די אַראַבישע באַפעל־קערונג אין מערב־ארץ־ישראל האָט באַטראָפן אַ האַלבן מיליאָן. לאַנד־אויטאָנאָמיע אין יענע באַדינגונגען באַדייט אַן אַראַבישע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער פּאַלעסטינער פּראָווינץ. די מחברים פון דעם פּראָגראַם האָבן מן הסתם זיך נישט גערעכנט מיט דער סטאַטיק פון לאַנד, נאָר מיט זיין דינאַמיק. זיי האָבן אויסגע־קוקט דעם אויפשטייג פון דעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַרישן כוח אין דער וועלט, וואָס צוגלייך מיטן לייזן אַ גאַנצן פּאַק פאַרשאָלטענע וועלט־פּראָבלעמען, וועט אויך גאַראַנטירן די אומגעשטערטע יידישע אײַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין

ארץ־ישראל. דער יידישער ישוב ווערט דער העגעמאָן נישט נאָר אין דעם ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן אין לאַנד, ער געשטאַלטיקט אויך דעם פּאָליטישן גורל פונעם לאַנד. אַזוי אַרום ווערט די לאַנד־אויטאָנאָמיע פון פּאַלעסטינע פאַרוואַנדלט אין דער נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. אַזוי קאָן מען זיך בערך פאָרשטעלן דעם געדאַנקן־גאַנג פון די מחברים פונעם מעמאָראַנדום. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון ענגלישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל האָט די פועלי־ציון־באַוועגונג צוגלייך מיטן גאַנצן יידישן ישוב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאַגן פון אַ לאַנד־פּאַרלאַמענט, ווייל ער וואָלט אויסגעליפערט דאָס לאַנד אין די הענט פון דער אַראַבישער רעאַקציע און פולשטענדיק טאָרמאָזירט די יידישע איינוואַנדערונג.

פועלי־ציון און השומר־הצעיר נעמען נישט אָן דעם דריטן פּאַראַגראַף פון דעם בילטמאָר־פּראָגראַם: „אויפריכטן ארץ־ישראל אַלס אַ יידישע מדינה, באַהאַפטן מיטן נייעם דעמאָקראַטישן בוי פון דער וועלט“. זיי פאָרמולירן זייער פּראָגראַם פּאָליטיש און נישט אידיליש, אויב אונדז איז דערלויבט איבערצוחזרן באָראָכאָווס ווערטל. אַפילו די מחברים פון בילטמאָר־פּראָגראַם האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק עס צו קאָרעגירן דורכן צוגעבן אַ פונקט, וואָס זאָגט צו די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער פּאָליטישע, רעליגיעזע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג. פון די רעפעראַטן פון דעם פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ און פון דעם לייטער פון איר פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ קאָן מען דרינגען, אַז אויך זיי זענען נישט אויסן די תיכּפדיקע אויפריכטונג פון אַ יידישער מדינה, מוזן די יידן בילדן אַ מינדערהייט פון דער ארץ־ישראלדיקער באַפעל־קערונג.

די רעזאָלוציע פון „לינקן פראָנט“ אויף דער לעצטער סעסיע פון אספת־הנבחרים רופט דאָס יידישע פאָלק צו קאָנצענטרירן אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, כּדי צו דערשלאָגן זיך די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר אַ מעגלעך שנעלער טעריטאָריאַלער קאָנצענטרירונג פון יידישן פאָלק און די פאַרזיכערונג פון זיין נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל. „דאָס געמיינזאַמע פאָטערלאַנד פאַרן יידישן פאָלק, וואָס קערט זיך אום, און פאַר די אַראַבער וואָס וווינען אין אים“. עס איז צו פריצייטיק צו שפּאַלטן די רייען צוליב די חלוקי דעות וועגן דער צוקונפטיקער קאָנסטיטוציע פון ארץ־ישראל, ווו דאָס קאָנצענטרירטע יידישע פאָלק וועט בילדן דעם נאַטירלעכן העגעמאָן אויף אַלע געביטן פון לעבן. פיל וויכטיקער ווי די פאָרמעלע קאָנסטיטוציע, ווי די פּראָקלאַמירונג פון אַ יידישער אָדער בי־נאַציאָנאַלער מדינה, איז דער לעבעדיקער גייסט פון דער דאָזיקער מדינה, איר סאָציאַלער אונטערשלאַק, איר צוזאַמענבונד מיט אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן. רופט דעריבער די דאָזיקע

רעזאָלוציע די יידישע מאַסן „צו געשטאַלטיקן דעם פּאָליטישן סטאַטוס פון ארץ־ישראל אין גייסט פון פעלקער־ברידערשאַפט, באַהערשונג און גלייכהייט, אַנטשפּרעכנדיק די סאָציאַלע און פּאָליטישע אינטערעסן פוןביידע פעלקער, אין אַ מדינה, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף יסודות פון סאָציאַלער פרייהייט, באַפרייטער אַרבעט, גלייכהייט און געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט".

אָט אַזוי פאַרזוכן מיר ווייטער צו שפּינען באַראָכאָווס געדאַנקען 27 יאָר נאָך זיין פריצייטיקן טויט.

„נייוועלט", תל־אביב, נומ. 53, 1944

חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי

אין עלטער פון 79 יאָר האָט פאַרענדיקט זיין ליכטיק און ריין לעבן חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי, איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, דער פאַרויסגייער פון דער באַוועגונג פאַר אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג אין לאַנד.

חיבת־ציון, דער דראַנג צו דינען פּערזענלעך דער ווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין ארץ־ישראל, ווייט פון קלאָרע פּאָליטישע אַספּיראַציעס, האָט מיט 52 יאָר צוריק געבראַכט דעם יונגן אַגראָנאָם אין לאַנד. ער האָט געטראָפן די ערשטע יידישע קאָלאָניעס, געגרינדעט אין די אַכציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט, אין אַ צושטאַנד פון שווערן ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן קריזיס. די געזעלשאַפט יק"א, וועמען דער באַראָן ראָטשילד האָט איבערגעגעבן די אַדמיניסטראַציע, האָט געהאַלטן ביים ליקווידירן קאָלאָניעס. קאַלוואַריסקי, שטעלנדיק זיך אין דינסט פון יק"א, האָט אָנגעהויבן פון אינעווייניק דעם קאַמף מיט דער דעמאָראַליזירטער ביוראָקראַטיע. ער פירט איין אַ ריי רעפאָרמען אין די אַלטע קאָלאָניעס און גרינדעט אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט נייע קאָלאָניעס אין אונטערשטן גליל. ער העלפט איינקויפן באָדן פאַר די ערשטע אַרבעטער־קבוצות, דגניה און כנרת.

דער פּאָליטישער ציוניזם אין דער תקופה פון זיין אַנטשטייאונג און פאָרמירונג האָט גלייך געטראָפן אין דעם יונגן קאָלאָניזאַטאָר אַ הייסן אָנהענגער. צוויי מאָל האָט זיך קאַלוואַריסקי געטראָפן מיט הערצלען און געפּרוּווט אים איבערצייגן אין דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט צונויפצופּאָרן דיפּלאָמאַטישע אַרבעט מיט ממשותדיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט קאַלוואַריסקי דער גייסטיקער פאָטער פון אַ נייעם קוק אין פּאָליטישן ציוניזם. אין ארץ־ישראל זעט ער די ערשטע שריט פון דער אויפגעוואכטער נאַציאָנאַלער פרייהייט־באַוועגונג אין אַראַבישן מזרח.

ער קומט צו דער טיפער איבערצייגונג, אַז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם איז לעבנס־נויטווענדיק אַ הסכם צווישן די צוויי פעלקער, וועמען דער גורל האָט באַשערט צו לעבן אין איין געמיינזאַמען פאָטערלאַנד. האַרט ערב דעם ערשטן וועלט־קריג פּרוּווט ער צו שאַפן דעם ערשטן קאָנטאַקט צווישן די פירער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער יונגער אַראַבישער באַוועגונג.

אין ערשטן וועלט־קריג האָט קאַלוואַריסקי נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד. ער איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן און האָט נישט ווייניק געהאָלפן ראַטעווען דעם קליינעם איבערגעבליבענעם ישוב פון דעם ווילקיר פון טערקישן מיליטער און אַדמיניסטראַציע. אין יענע יאָרן האָט ער אויף אייגענער אחריות געהאָלפן גרינדן אין אויבערשטן גליל, אויף ייק״א־באָדן, די ערשטע אַרבעטער־קבוצות. פריי פון בורזשואַזע פאָראורטיילן, האָט ער איינגעזען די באַדייטונג פון דער קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע־פאָרם פאַר דער אויפריכטונג פון יידישן לאַנדווירט־שאַפטלעכן ישוב.

קאַלוואַריסקין איז לכתחילה פרעמד געווען די אָריענטאַציע אויפן ענגלישן אימפּעריאַליזם. ער האָט געגלייבט אין די גוואַלדיקע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון די אונטעריאָכטע מזרח־פעלקער און האָט געזוכט אַ וועג צו דער פאַרשטענ־דיקונג מיט זייערע פירער. זומער 1919 האָט ער פאַרגעלייגט דעם קעניג פייזאַל און דעם אַלסירישן קאָנגרעס אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע פאַר ארץ־ישראל, וואָס האָט געזאָלט גאַראַנטירן די יידן דאָס רעכט פריי איינצוּוואַנדערן קיין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע לייטונג, פאַרבלענדט פון דער האָפענונג צו פאַרווירק־לעכן דעם ציוניזם אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון ענגלאַנד, האָט נישט אַרויסגע־וויזן קיין געהעריקן אינטערעס פאַר קאַלוואַריסקיס פאָרשלאַגן. הגם אין די יאָרן 1923—1928 איז ער געוויילט געוואָרן אין דער לייטונג פון ועד־לאומי און אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איז ער אָבער געבליבן איינזאַם אויף זיין פּאָליטישן וועג. מען דאַרף אומבאַדינגט באַטאָנען, אַז קאַלוואַריסקי האָט קיינמאָל נישט יוצא געווען מיט זוכן אַ וועג פון פּאָליטישער פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער. אומדערמידלעך האָט ער גערופן צו קולטורעלער, סאָציאַלער אוןווירטשאַפטלעכער דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט מיטן שכנותדיקן פאָלק. אויך דאָ האָט ער אָנגעטראָפן אַ וואַנט פון גלייכגילטיקייט און אומפאַרשטענד־לעכקייט מצד די לייטנדיקע קרייזן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק.

סוף 1938 ווערט, לויט דער איניציאַטיוו פון די פּועלי־ציון־טוער אין ירושלים, געמאַכט דער פּרוּוו צונויפצוזאַמלען אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות אינעם ישוב, וואָס שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, הגם עס טיילן זיי אָפּ ערנסטע פּאָליטישע חילוקי־דעות. אין די יאָרן 1939 ווערט געגרינדעט די „ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער דערנענטערונג און פאַרשטענדיקונג״.

נאַטירלעכערהייט ווערט קאַלוואַריסקי געוויילט אַלס איר פּאָרזיצער. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערפילט ער אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע באַזע אונטער זיך. מיט אַ יוגנטלעכן ברען וואַרפט זיך דער העכער 70־יאָריקער זקן פון דאָס ניי אין קאָך פון פּאָליטישן לעבן. ער איז אומדערמידלעך און אַנטוויקלט אַן אַלזייטיקע טעטיקייט. ער כאַפּט אויף יעדע איניציאַטיוו און איז גרייט צו דינען דער הייליקער פּאַר אים אידעע נישט בלויז ווי אַ מנהיג, נאָר אויך ווי אַ שמש.

קאַלוואַריסקי האָט נישט זוכה געווען צו דערלעבן די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן. ער האָט טיף געליטן צוליב דער פאַרגיפטעטער אַטמאָספער אין די באַציאונגען צווישן יידן און אַראַבער. זיין גלויבן אין דער ריכטיקייט פון זיין פּאָליטישן וועג איז געבליבן אומדערשיטערט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

עס איז אַוועק פון דער וועלט אַן איידעלער מענטש־פּריינט, אַ שטאָלצער ייד, אַ הייסער ציוניסט, אַ הומאַניסט און ליבעראַל, אַ גלייביקער חסיד פון פעלקער־אחדות.

„נייוועלט“, נומער 4, תל־אביב, 1947

די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן

התישבותנו החקלאית העובדת הקימה במשך 30 שנות התפתחותה שתי צורות יסודיות של הארגון המשקי וחיי החברה: הקבוצה והמושב. זה לא כבר התלקח מחדש הויכוח הישן נושן על היתרונות והחסרונות המשקיים והחברתיים שבכל אחת מהצורות, הללו, שצברו כבר נסיון רב של אלפי עובדים המקיימים בגופם ובנפשם את הישובים העובדים החקלאיים. לימין הצורה החדשה של התישבות, העשויה במחשבת יוזמיה לשמש כעין סינתיזה בין הקבוצה והמושב, עומד לעת עתה רק ארגון אחד „משק משותף", שהוקם במושבות הדרום ומונה כמאה חברים. ארגון צעיר זה טרם זכה להתישבות קבע. רק לפני שנה תקעה פלוגת העבודה של הארגון

יתד בעמק זבולון. הרי שעלינו לדון על הצעת הצורה החדשה, בעיקר להלכה, לאור התקנות וחוברת ההסברה של הארגון המועמד לתפקיד חלוץ של הזרם החדש בקרב התישבות העובדים.

בדרכו המשקית נוקט הארגון החדש בשיטת הקבוצה, המקימה משק משותף גדול, אשר ביסודו הונחה החקלאות המעורבת על כל ענפיה, בתוספת מפעלי מלאכה וחרושת במשק ועבודה שכירה מחוצה לו. בניגוד למושבי העובדים, המקיימים בעלות פרטית על אמצעי הייצור והתוצרת, הגוררת אחריה הנהלת משק מפוצלת של כל חבר בודד, הנושא באחריות אישית להצלחתו או כשלונו, גורס הארגון החדש בעלות קולקטיבית על כל אמצעי הייצור, והנהלת משק מאוחדת ותכניתית כדוגמת הקבוצות. ייצור אינדיבידואלי לא יזכר ולא יפקד בנסיון הזה של התישבות. בנידון זה מחמירים בעלי התקנון: „גודל המגרש (לדירה פרטית) נקבע בשטח כזה, שלא יוכל לשמש לפיתוח ענפי משק כמקור הכנסה נוספת לזו של המשק (המשותף)".

יוזמי „המשק המשותף" נתרשמו, ללא ספק, ממבנה הקולחוז הסובייטי בחפשם דוגמא מאלפת לנסיונם העצמאי בארץ. הקולחוז, המקיים ברשות הכלל המאורגן את הבעלות המשותפת על אמצעי הייצור החקלאי העיקריים, משאיר בכל זאת ברשות היחיד מלבד דירה פרטית גם חצר לשם פיתוח משק זעיר (ירקות, עצי פרי, עופות, צאן ולפעמים גם פרה). אמנם, בברית המועצות רחבת הידים הקול־חוזים מתקיימים בעיקר על משק פלחה ממוכן ומתוכנן. בארץ עולה בהרבה ערך המטעים, הרפת, הלול, וגן הירקות במשקו העצמאי של העובד העברי. הקבוצה מוכיחה בעליל את האפשרות לנהל גם את ענפי החקלאות האלה במשותף בהצלחה משקית מלאה. אך בו בזמן שאנו דנים בצורת ההתישבות, שביסודו ההתחשבות עם האינטרס הפרטי של כל חבר, לא מובן לנו האיסור, המבטל למפרע כל אפשרות של משק עזר בחצרו של החבר. היוכל הארגון לאסור על החבר לעבוד שעה או שעתיים ביום מחוץ ליום עבודה רגיל במשק המשותף? ובעיקר: היאסור על עבודת קרוביו של החבר, הגרים אתו בבית אחד, בחצרו, בו בזמן שלא תמיד יצליח הארגון להעסיק במשק המשותף את הורי החברים או קרוביהם? האומנם לא כדאי להניח לחבר את האפשרות לפתח בחצרו הוא גידול עצי פרי וירקות, ולאו דוקא להגבילו לשתילת פרחי נוי בלבד?

מאידך גיסא אותו ארגון המקבל מהקבוצה את צורת ארגונה המשקי בכל ענפי הייצור, פוסח על שטח השרותים, המספקים את צרכיהם הפרטיים של החברים, שגם בו עשתה הקבוצה גדולות במיכון ובהנהלת מרוכזת. משק הבית בארגון החדש ישאר, כפי הנראה, כולו מנת חלקה של החברה הבודדת, שתעמיס על שכמה את העול הקשה של הבישול, הכביסה וניקוי הבית. אם גם מוותרים חברי „המשק המשותף" על קומונה ביחסיהם, האומנם הכרח הוא לוותר גם על ההישגים של מיכון משק הבית?

האומנם אין לנסות בארגון מכבסה חשמלית ומטבח על יסודות קואופרטיביים, כלומר על יסוד חיוב החבר במידה, שהוא ובני ביתו נהנים מהשרותים הללו? מכבסה משותפת אינה גוררת דוקא מחסן בגדים משותף, ומטבח משותף אינו עומד בסתירה לחשבון אינדיבידואלי של כל המשפחה.

בדרך כלל, בשטח המבנה הטכני ודרך הייצור רב הדמיון בין הארגון החדש ובין הקבוצה, אך בשטח המבנה הכלכלי־החברתי מניח הארגון כמה מיסודות המושב כאבני פינה לנסיונו הוא. הקומונה הקבוצתית אינה מכירה בשום בעלות פרטית על אמצעי הייצור ולו גם בצורת מניה במשק קואופרטיבי משותף; היא גם שוללת בעלות פרטית על התוצרת ולו גם בצורת שכר עבודה או השתתפות ברוחים. ו„משק משותף" אינו קומונה, אלא קואופרטיב. הון היסוד שלו יורכב מהשקעות החברים במזומן ובעבודה, שתזקפנה לחשבונו הפרטי של כל חבר וחבר. ההון העצמי של הקבוצה אינו ניתן לחלוקה. הארגון החדש מכיר בזכות החבר היוצא לקבל את מנייתו. למעשה, הארגון הנוכחי דורש מחבריו הנכנסים השקעה מינימלית במזומן — 10 לא"י. אל נשכח, כי הארגון הוקם בעצם שנות המאורעות בין פועלי המושבות חסרי האמצעים. אך עצם העיקרון בריא הוא ביסודו. בכמה מושבי עובדים חדשים הושקעו במשקים האינדיבידואליים סכומים לא קטנים של המתישבים, פרי חסכונותיהם בעבודה שכירה מכניסה או שארית הפליטה של הון פרטי משפחתי. והנה בא הנסיון לרכז את האמצעים הפרטיים של המתישבים בהקמת משק קולקטיבי גדול שביסודו שמירה קפדנית על השקעות כל חבר וחבר.

הקומונה מספקת כמיטב יכלתה המשקית את צרכיהם של החברים ובני ביתם במידה שוה, מבלי להתחשב עם ימי העבודה שהיחידה המשפחתית משקיעה במשק המשותף. הארגון, הבא להוסיף צורה חדשה לרשת הקואופרציה החקלאית, מקיים שכר עבודה יומי לכל חבר. התקנון קובע: „מתנהל חשבון כספי של כל אחד מהחברים במשק. בסיס לחשבון זה משמש יום העבודה שהחבר משקיע במשק". בטלה באשמתו של החבר גוררת אחריה תוצאה מוחשית, הורדת שכר העבודה: „חבר העובד חודש לא־מלא מטעמים פרטיים יקבל את תקציבו החדשי בהתאם למספר ימי עבודתו". לפנינו כאן עיקרון חדש במשק חקלאי קולקטיבי מטיפוסה של קבוצה ארצישראלית. אותו העיקרון משמש אבן פינה בחקלאות הקולקטיבית הסובייטית, המאגדת בקרבה לא אלפים, אלא מיליונים.

הארגון מציע לקיים בין חבריו השוואת מחירים מלאה בקביעת שכר עבודתם: „כל חבר מקבל תקציב לקיומו לפי הסכום שיקבע על־ידי החברה כולה". ישנו נימוק חשוב, המצדיק השוואת מחירים זו: המשק העצמאי שיוקם צריך לשמור לו את החופש הגמור להחליף את החברים בענפי עבודתם, להעבירם מחקלאות לבנין ולהפך, לשלחם לעבודת חוץ ולהוציאם ממנה. לו היו נוהגים להבדיל בשכר העבודה לפי סוגיה וענפיה, כי אז היה הדבר הופך למכשול רציני בסידור העבודה

בין החברים, שישאפו להשגת יום עבודה מכניס ביותר. אמנם בקולחוז הסובייטי נהוג שכר עבודה מודרג לפי הסוגים שכן המעבר המהיר מחקלאות מפוצלת למשק קולקטיבי גדול, מהפכה כלכלית וחברתית בחיים של עשרות מיליונים איכרים בברית המועצות, הכריחו לאחוז בשוט של שכר עבודה קבלני ומדרג. הבה נקווה, כי ההתישבות הקואופרטיבית של הפועל היהודי בארץ, שבידיה האפשרות לברר היטב את החומר האנושי, שאותו היא מאגדת לחיים משותפים, לא תיזקק לשכר עבודה לפי תעריף מקצועי ועל אחת כמה וכמה לשיטת עבודה קבלנית במשקה העצמאי.

כוחה החברתי של הקבוצה, אך בו בזמן גם מקור חולשתה המשקית, הוא לעתים העזרה ההדדית, הביטוח המכסימלי במקרה של מחלה, נכות, חוסר עבודה ומות. בנידון זה נופל המושב מן הקבוצה. הארגון החדש רוצה לעלות בהרבה על המושב בשטח הביטוח ההדדי. החבר מובטח מחוסר עבודה על־ידי חלוקתה בין כל חברי המשק. בכלל זה נוקטים גם הקואופרטיבים היצרניים התעשייתיים. כמובן, אם בגלל סיבות אוביקטיביות תצטמצמנה אפשרויות העבודה ויסתמו מקורות הפרנסה של המשק כולו, ירגישו חברי הארגון כולם על בשרם את השפל הכלכלי, אך הפרט לא יראה את עצמו מקופח. גם במקרה מחלה או תאונה שמורה לחבר הארגון הזכות ליהנות מתקציב הקיום החדשי במידה שוה עם החברים העובדים. הארגון יוכל להקל על עצמו את מילוי המצוה החשובה הזאת של ביטוח חבריו למקרה מחלה או תאונה על־ידי שמירה מעולה על תשלומי מס אחיד (עזרת קופת חולים ו„מציב") ועל־ידי התקשרות בחוזה ביטוח מיוחד עם „הסנה".

הארגון בא לרשת מהקבוצה תחום נוסף, אולי החשוב ביותר, של עזרה הדדית: הטיפול בילדים וחינוכם הוא משותף והוצאותיהם חלות על הארגון כולו, כלומר, על כל חבר במידה שוה. אמנם, יוזמי הארגון, שביסודו הונחה אחריות אישית של כל אדם לקיומו, מרגישים, כי בקבלם בתחום זה את חוקת הקבוצה, הם מטשטשים אחד הקוים העיקריים המבדילים בין קומונה וקואופרטיב. התקנון מציע כמה תקנות, שצריכות כאילו בעתיד לפצות את כלל החברים בעד השויון המרחיק לכת בחינוך הילדים: המתבגרים שישארו במשק כעובדים שווי זכויות, לא יהנו במשך מספר שנים מחלוקת הרוחים ובדרך זו יכסו חלק ניכר של הוצאות חינוכם. החברים אחראים במקרה עזיבתם הם או עזיבת ילדיהם את המשק לכיסוי אחוז ניכר של הוצאות גידולם. הסעיפים הללו בתקנון ערכם הכלכלי במשך שנים רבות בהן יגדל הדור הצעיר של הארגון, הוא כאפס. גם לעתיד לבוא הוא מסופק. האומנם מקווים יוזמי הארגון, כי הרווחים השנתיים שייזקפו לחשבונו של כל חבר ישתוו להוצאות השנתיות של גידול בניהם? הן רק בתנאי זה ישנה ערובה ממשית, כי במקרה עזיבה אפשר יהיה לנכות את הוצאות גידול הבנים מחשבונו הפרטי של החבר. השקעתו של החבר בזמן היכנסו לארגון, ועל אחת כמה וכמה במכסה הזעומה הנהוגה עכשיו, לא תכסה בשום אופן הוצאות גידול ילד אחד עד גיל

העבודה. שמא יותר נכון לקיים אמנם חינוך משותף במשק קואופרטיבי, אך להטיל על כלל הארגון רק חלק מהוצאותיו וברוב ההוצאות לחייב את ההורים במידה פרופורציונלית למספר ילדיהם? כמובן, סידור כזה אינו הולם את הקומונה, אך מתאים יותר, לפי דעתי, לארגון קואופרטיבי, אשר בו מהווה המשפחה בניגוד לקבוצה גם יחידה כלכלית, המנהלת את חשבונה הפרטי.

כתוצאה הגיונית של המבנה הקואופרטיבי תעלה בחיי הארגון החדש גם שאלת חלוקת הרווח וההפסד. יתכן מאד, כי אחרי כיסוי ההוצאות המשותפות של המשק כולו, הוצאות כלליות לטובת כלל החברים (חינוך משותף, ביטוח מחלה) ותשלום תקציב קיום חדשי לחברים, יצטבר בסוף שנת המאזן גם רווח נקי.

מן הצדק הקואופרטיבי לזקוף את הרוחים לחשבונות הפרטיים של החברים באופן פרופורציונלי למספר ימי עבודתם במשק. לא מובן כלל, למה מציע התקנון להביא בחשבון בסוף כל שנה בחלוקת הרווחים את מספר ימי עבודתם מיום היוסד המשק. מנהג כזה יגרום רק לסיבוכים מיותרים. בכל הקואופרטיבים היצרניים נהוגה חלוקת רווחים שנתיים לפי מספר ימי העבודה בשנת המאזן החולפת.

התקנון מציע גם לחלק את ההפסד השנתי (גם זה יתכן בתקופת שפל ובתנאים הקשים שבהם נאבקת ההתישבות העובדת בכללה) לפי מספר ימי עבודתם של החברים. כאן, לפי דעתי, נפלה טעות חמורה. נניח, שאחד החברים עובד במשק באופן שיטתי חודש לא מלא או שהוא ביטל כמה חדשי עבודה בגלל מחלה או תאונה. יוצא, כי החבר הזה מובטח מנזקים בגלל מיעוט ימי עבודתו יותר מאותו החבר, הנושא בעול המשק כל ימות השנה. את ההפסד צריכים לחלק באופן שוה בין כל החברים, אשר המשק הוא קנינם ומפעלם המשותף. יש להדגיש, כי מתוך דאגה לקידום המשק אין משלמים לחבר את חלקו ברווח השנתי, הנזקף לחשבונו הפרטי. הרוחים נשארים במחזור המשק. אך בו בזמן במקרים חשובים, כגון עזרת הורים או הוצאה חד־פעמית אחרת, יוכל החבר לקבל מהקופה המשותפת סכום, שיכוסה בשיעורים על־ידי תקציבו החדשי או על־ידי חלקו ברוחים. התקנות הללו עשויות להגביר את התענינותו הפרטית של החבר בקידום המשק, ומבטיחות לו גם חופש ידוע בסידור חייו הפרטיים.

כבר בראשית ההתישבות העובדת בארץ נעשה נסיון של הקמת משקים קולקטיביים על יסודות קואופרטיבים. בכמה קבוצות ותיקות התנהל חשבון פרטי בין החברים לחיי קומונה מלאים. „המשק המשותף" החותר לקראת צורה חדשה של ההתישבות העובדת, יוכל בהצלחתו להוסיף שלב חשוב לפיתוחה של החקלאות העובדת.

„דרך הפועל", תל־אביב, 23 בספטמבר 1938

בריוו צו חברים

מיין ליבער אברהם!

זשענעוו, 15.8.39

דער קאָנגרעס איז שוין אין פולן ברען. דער נעכטיקער אָוונט איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון זרובבלס רעדע. זי איז אויסגעהערט געוואָרן מיט אַ גרויסן אינטע־רעס, זייער אָפט אַפּלאָדירט געוואָרן דורך השומר הצעיר און מפא״יניקעס, אפילו וועשער און יצחקי. דער קולמינאַציע־פּונקט — זיין שאַרפער אַרויסטריט קעגן טעראָריזם. דער רעכטער פליגל האָט געשטורעמט, דער לינקער — הייס אַפּלאָ־דירט און פאַרטיידיקט. די רעדע איז געווען פון אַן אַלגעמיין דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער, דורכגעפּלאָכטן מיט דרך־אגב־פּאָליטיק.

אייערנעכטן אָנגעקומען יהודה פון בעלגיע, נעכטן — קובאַ, היינט דאַרפן קומען די פּוילישע. מיר וועלן אויסנוצן דעם שבת פאַר אַן ערשטער באַראַטונג. איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט ברייט צו רעדן מיט יהודהן און קובען; איינס ווייס איך: די צוויי לעצטע בראָשורן מאַכן אויף זיי אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק. דערוויל איז מיט געלט גאָר שמאָל. איך ווייס נישט, צי וועלן מיר דורכהאַלטן ביזן סוף. איין גליק: דער קאָנגרעס איז געקירצט, דעם 30סטן וועל איך שוין מן־הסתם פאָרן אַהיים. נישטאָ דערוויל קיין שום אויסזיכט איך זאָל באַזוכן מערב־אייראָפּע און פוילן. די צוזאַמענטרעפן מיט סיעת הפועלים און השומר הצעיר נאָך נישט פאָרגעקומען.

שרייב! זיי האַרציק געגריסט.

דיין יעקב

טייערער אברהם!

זשענעוו, 16.8.39

דאָס וויכטיקסטע פון ערשטן טאָג:

א. די פּוילישע חברים האָבן גרויסע שוועריקייטן מיט פּעסער. הלוואי זאָלן זיי אָנקומען אין 3—4 טעג אַרום.

ב. אין ליטע האָט מען אונדז צוגערויבט דעם מאַנדאַט. היינט, אין קאָנ־גרעס־געריכט, וועל איך האָבן אַ קאַמף פאַר אונדזערע שטימען פון אַ ריי לענדער. מיר מוזן דערציען ביז 12 מאַנדאַטן, כדי האָבן דאָס רעכט פון אַ פראַקציע.

ג. השומר הצעיר גייט אין לעבן, מיר זאָלן אַריינגיין אין סיעת הפועלים אויף די זעלבע רעכט, וואָס זיי, מיר, נאַטירלעך, זענען קעגן. מיר פאַרלאַנגען — אַ פרייע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע דריי פאַרטייען. מיר האָבן געשיקט וועגן דעם אַ בריוו צו סיעת הפועלים.

ד. יוסף אַליין האָט פאַרעלייגט אויסנוצן די ליגע־אַרבעט פאַר שאַפן אַ

קווערשניט דורך פראַקציעס — דאָס הייסט, צוזאַמענאַרבעט אויפן יסוד פון קעגן רעוויזיאָניזם און פאַר יידישער אַרבעטער צוזאַמענאַרבעט. באַלד טרעף איך זיך מיט סענאַטאָרן, שפּעטער מיט קאַפּלאַנסקין. מען וועט זען, וואָס מען וועט קאָנען אויפטאָן. בכל אופן, אַרבעט וועט נישט פעלן. שרייב וועגן אַלעמען.

דיין יעקב

מיין טייערער אברהם!

זשענעוו, 23.8.39

האָסט זיכער דערהאַלטן מיינע פריערדיקע צוויי בריוולעך, געשיקט אויף אַליעס אַדרעס. איצט ווייטער:

א) פון פוילן זענען געקומען בלויז נתן, ישראל סמאָליאַרסקי, קענער. רינגעלבלום איז פּאַקטיש אַ גאַסט, דער פינפטער פעלט בכלל! די מאַכט האָט געשטערט קומען מיטעקן און שכנהן. דאָס איז אַ געוואַלטיקער פאַרלוסט. פאַר־מעל האָבן מיר גאַנצע 13 מאַנדאַטן.

ב) די אינערלעכע פאַרהעלטענישן אין דער פראַקציע זענען שווערע. פאַראַן מינוטן, ווען עס ווילט זיך ממש שיקן אַלץ צום טייוול.

ג) זייער שווער אָנגעקומען דאָס פאַרטיילן אין קאָמיסיעס. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר פאָרט געלאָזט די מאַשין אין גאַנג. און דאָס וויכטיקסטע: נתן — פערמאַנענץ, פּאָליטישע — ערעם, איך — אַזש אין צוויי גלייכצייטיק: בודזשעט און עליה.

ד) אין דער פערמאַנענץ־קאָמיסיע האָט זיך נתן אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פּראָ־גרעסיווע קאָאַליציע מיט ציונים א׳. דאָס איז אָבער נישט רעאַל. בלייבן וועט די ברייטע קאָאַליציע, העכסטוואַרשיינלעך.

ה) אין דער עליה־קאָמיסיע איז געקומען צו אַ סקאַנדאַל. מען האָט מיך נישט אַריינגענומען אין דער ענגער קאָמיסיע פאַר עליה ב׳. איך האָב פאַרלאָזן די זיצונג און דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע דעם פּרעזידיום.

ו) די „השומר־הצעיר״־ניקעס פירן זיך אויף ווי חזרים. אַלע מיינע פּרוּוון ברענגען צו אַ געמיינזאַמער אַרבעט, כאָטש אויף איין געביט, ווערן סאַבאָטירט. העכסטוואַרשיינלעך, פאָר איך צוריק אין אַ וואָך אַרום. בכל אופן, מוזסט מיר אָנשרייבן, וואָס הערט זיך.

גריס האַרציק אַלע אין שטוב

דיין יעקב

בריוו צו חברים

טייערער אברהם!

זשענעוו, 26.8.39

מיר לעבן אין אַ געשפּאַנטער שטימונג. אין אַ פערטל שעה אַרום דאַרפן מיר קריגן די פראַנצויזישע טראַנזיט־וויזע. מיר פאָרן קיין מאַרסייל, כדי דאָרטן אפּוואַרטן אַן אַמעריקאַנער שיף. מען האָט שוין מורא צו פאָרן, אַפילו מיט אַ פראַנ־צויזישער שיף, אָפּגערעדט וועגן אַן איטאַליענישער. ווער ווייס, ווען מיר וועלן קומען אַהיים. איך פאַרלאָז זיך אויף דיר: דו וועסט אַליען נישט לאָזן אַליין אין אַזעלכע שווערע אומרואיקע טעג.

דער לעצטער טאָג פון קאָנגרעס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער דערפאָלג. וועגן דער אַראַבער־פראַגע האָבן מיר דערגרייכט דאָס מאַקסימאַל מעגלעכע. (מען מוז גלייך צושטעלן די צ.ק.יסטן פון דער ליגע דעם בריוו מיט די רעזאָלוציעס). ביי דער בודזשעט־פראַגע האָב איך פאַרטיידיקט מיין פאָרשלאָג, בעסערן די פּאָ־זיציע פאַר אַרבעט דורך שטרייכן די פּאָזיציעס פאַר פרדסנים און בעלי־תעשיה; גערעדט וועגן אַרבעטסלאָזע. ערעם האָט באַגרינדעט די פּאָליטישע רעזאָלוציע. אלכסנדר — קעגן דעם אַרבעט־אָפּמאַך. נתן — די דערקלערונג וועגן עקזעקוטיווע (פאַר אַ פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע, קעגן צוטרוי דער איצטיקער, אָבער שלום געמאַכט מיט אָפּלייגן נייע וואַלן, כדי נישט מינערן די אַרבעטער־פאָרשטייער אין דער עקזעקוטיווע). אינצווישן אַ שטורם מצד אונדז קעגן קאַפּ־לאַנסקין, וואָס האָט אָנגעגריפן רוסלאַנד צוליב דעם געשלאָסענעם פּאַקט (דאָס באַטייט לחלוטין נישט, אַז מיר זענען די זאַך גרייט צו פאַרטיידיקן).

אין סך הכל. נישט געקוקט אויף אַ סך אָרגאַניזאַציאָנעלע פעלערן, איז די אַרבעט אונדזערע געווען פּאָליטיש אויסגעהאַלטן, אונדזער האַלטונג ווירדיק און רייף, דעם בעסטן איינדרוק געמאַכט אויף אַלעמען. און צום סוף; צוויי ערטער אין אָקציאָנס־קאָמיטעט: נתן און זרובבל, פאַרטרעטער: שכנא און ערעם. ניין! נישטאָ, וואָס צו באַדויערן אונדזער אָנטייל אין קאָנגרעס. אַפילו ווען עס זאָל קומען צום קריג.

זייט אַלע האַרציק געגריסט! פאַרגעסט נישט אָן אַליען און דאַנעלען, טאָמער בלייב איך שטעקן אין וועג.

שטענדיק אייערער

יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 5.11.40

קודם כל: וואָס מאַכט איר און חבר ניר? די גאַנצע שטאָט פרעגט נאָך אייך נאָך. מען שטעלט מיך אָפּ כסדר אין גאַס. היינט געלייענט, אַז פרידע איז שוין אין שטאָקהאָלם. אַלץ נענטער צום לאַנד, הגם נאָך גענוג ווייט.

געקומען נעכטן אין ירושלים 12.30. די זיצונג פון ועד־לאומי זיך אָנגע־הויבן פּינקטלעך 10 און געדויערט אַ גאַנצע פערטל שעה אָן שום דיסקוסיעס. איך לייג ביי די דערקלערונג, אמתער מה יפית! סקאַנדאַליעז איז די מיינונג פון ראַטענבערגן וועגן דעמאָנסטראַציעס. איר מוזט ווערן געזונט ביז זונטיק, כדי אין אַקציאָנס־קאָמיטעט פאַרטיידיקן ברייט אונדזער ליניע.

נעכטן אין ירושלים אַ פּרויען־דעמאָנסטראַציע, וווּ לאַליע האָט געשפּילט איינע פון די ערשטע פידלען. אויך אַליע האָט זיך באַטייליקט. די שטאָט איז געווען באַוואַכט, ווי אַ קאָרפּוס דייטשן וואָלט געהאַלטן זי איינעמען. 50 מעטער פון מיר האָט אויפגעריסן די באָמבע ביי „עדן", איך בין געשטאַנען אויפן באַלקאָן פון אונדזער קלוב.

אויף יעדן פאַל שיק איך דעם פּראָיעקט פון דער דעקלאַראַציע.

אייער יעקב

מיינע טייערע און נאָענטע חברים!

גבעת־ברנר, 30.11.42

זייט באַגריסט אין דעם גרויסן טאָג! גליקלעך זענען מיר, וואָס מיר האָבן דערצו דערלעבט. קיינמאָל האָבן מיר אָבער נישט געהאַט אויסצושטיין אַזאַ חרפה צוליב אַ פּאָליטישן חטא פון אַ פּאַרטיי, צו וועלכער מיר געהערן. איך טרייסט זיך מיט דער נאָענטער פאַראייניקונג, פון וועלכער, האָפנטלעך, וועט שוין ווירקלעך אויסוואַקסן דער צוקונפטיקער רעוואָלוציאָנערער פירער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. וועגן זיך וויל איך ביי דער דאָזיקער פייערלעכער געלעגנהייט פאַרזיכערן, אַז אַלע מיינע כוחות וויל איך אָפּגעבן דער באַוועגונג. דער ווילן מיינער גיט מיר געדולד ווייטער בלייבן אין דעם אָפּרו־הויז, כדי זאַמלען כוחות.

דערווייל וויל איך דערמאָנען און פאָרלייגן אַ פּאָר זאַכן:

1) דאָס פּ.ב. דאַרף תיכף פונאַנדערשיקן אַן אָפּשאַצונג פון דעם היסטאָרישן געשעעניש. פאַרגעסט נישט, אַז אונדזערע פּאַרטייען אָדער טיילן פון די פּאַרטייען האָבן ביז איצט נישט געהאַט, אַחוץ זרובבלס און בערמאַנס אַרטיקלען, קיין גענוי־פאָרמולירטע שטעלונג. זיי קענען זיך פילן פאַרלוירן צוליב דער אָפיציעלער שטעלונג פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי. מוז מען זיי העלפן זיך איבער־אָריענטירן.

2. מען מוז פאָדערן אַ דרינגענדע זיצונג פון היגן צ. ק., כדי כאָטש לאחר המעשה זיך איבעראָריענטירן. לויט מיין אָפּשאַצונג איז די היינטיקע דערקלערונג פון השומר־הצעיר זייער גוט. אפשר פאַרלייגן, אַז ביז דער פאַראייניקונג זאָלןביידע פּאַרטייען שוין האַנדלען צוזאַמען פּאָליטיש. יעדער טאָג וועט שטעלן פאַר נייע סיטואַציעס און נייע אויפגאַבן.

3. צי האָט מען שוין פונאַנדערגעשיקט די צ.ק.־ען אַן אינפאָרמאַציע וועגן דער פאַראייניקונג מיטן השומר הצעיר? מען טאָר נישט יוצא זיין מיטן אַרטיקל אין „נייוועלט״.

4. צי איז געווען אַ באַגעגעניש מיט א. ה. וועגן דער וועלט־פאַראייניקונג? אונדזער ליניע דאַרף זיין דורכויס — זאַלבעדריט.

5. צי געדענקט איר, אַז צווישן די 1.500 געקומענע משפחות געפינען זיך 5 משפחות פון אונדזער זשענעוואַלטער קיבוץ, וועלכע דאַרפן גיין אין שפיים?

6. ווייטער, קומט אָן די בעלגישע יוגנט־גרופּע. דוד רודנער פון ועדת־העליה האָט מיר דערקלערט, אַז קיין דורות קען מען זיי נישט שיקן, טראַכטן זיי וועגן קיסריה, ווייל דאָרטן זענען פאַראַן פראַנצויזיש־רעדנדיקע עולים פון דרור. איך האָב אָבער מורא, אַז די מאַטעריעלע באַדינגונגען וועלן זיין שווערע. מען מוז זיך אומבאַדינגט טרעפן מיט דוד רודנערן און הערן, וועלכע נייע פאָרשלאָגן האָבן זיי.

אייער יעקב

מיין טייערער פריינט אַבראַשאַ!

ירושלים, 2.12.44

האָסט גאָר קיין אַנונג נישט, וויפל פרייד האָט מיר פאַרשאַפט דיין בריוו. ווייסט דאָך נישט זיין בייז, וואָס די וויכטיקסטע טיילן פון בריוו האָב איך פאַר־געלייענט אויפן פלענום פון דער מועצה פאַר 500—600 מענטשן נאָך שערטאָקס רעפעראַט וועגן גיוס און קאַמף מיטן טעראָר. עס פלאָגט מיך דער געדאַנק: וויפל פון אונדזער יוגנט וועלן זיך מאָביליזירן? — שיק זיי גלייך צו אַן אָפענעם בריוו מיט דער בקשה אָפּצודרוקן אין נאָענטסטן יוגנט־נומער. איך באַטראַכט דיין גיין אין דער בריגאַדע פאַר אַ גאָר וויכטיקער שליחות. אָבער דו מוזסט קריגן רעזערווען פון אונדז. קיינמאָל איז נאָך די הסתדרות נישט געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ פעסטן ווילן צו באַקעמפן דעם טעראָר, ווי איצט. הלוואי זאָל זי נישט געבראָכן ווערן ביים ערשטן פייער־עקזאַמען!

די שווערע לאַגע פון אונדזער באַוועגונג האָט טאָפּלטע סיבות: פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע. דאַרפסט עס פאַר קיין פאַל נישט צונויפמישן, הגם, נאַטיר־לעך, איינס באַאיינפלוסט דאָס צווייטע. אַלע ווי איינער האָבן מיר אין צענטער איינגעזען די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע פאַרן פרייז, אַפילו פון שוויגן (אין איין און איינציקער פראַגע צווישן די 5—6, וואָס שטייען אויפן סדר־היום). דאָס איז דערווייל די איינציקע האָפענונג אַריבערקומען קיין אַמעריקע.ליידער, דערווייל האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס וווּנדערט מיך, וואָס דיר געפעלט נישט די דאָזיקע עלאַסטישע טאַקטיק.

אין דער הסתדרות האָב איך איין פּרינציפּ: פאַר קיין פּרייז, ביי קיין שום אומשטענדן נישט בלייבן פּנים אל פּנים מיט מפא"י אין די אָנפירנדע אינסטאַנצן אָן די איבעריקע אָפּאָזיציעס. כמעט אַלע ביי אונדז טענהן, מיט רעכט: און זיי, אונדזערע שלימזלדיקע שותּפים מעגן אונדז מפקיר זיין? ענטפער איך: דאָס איז נישט קיין מאָראַלישע פראַגע, נאָר אַ פּאָליטישע. מיר זענען צו שוואַך, כדי צו קענען טאָג־איין טאָג־אויס ברענגען דער עפנטלעכקייט אונדזער באַזונדערע שטעלונג. ביי יעדער פראַגע וועט געלינגען זייער לייכט אונדז פאַרשרייען אַלס מיטהעלפער פון מפא"י. אגב, אין ת"א זענען שוין אויך השומר הצעיר און סיעה ב׳ אַריין אין סעקרעטאַריאַט פון מועצה. עס איז זיך נוקם דער ערשטער פעלער פון אַלע אָפּאָזיציעס, אין וואָס מיר זענען אַמווייניקסטן שולדיק: אָנשטאָט אַוועקשטעלן דעם ענין פון קאָאַליציע אין הסתדרות אין צענטראַלן לאַנדעס־מאַסשטאַב, האָבן זיי דערלויבט מפא"י עס צעברעקלען אויף לאָקאַלע טייל־פראַגן. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען איינהאַלטן אין ירושלים, דערווייל, די איינהייטלעכע האַלטונג פון די דריי אָפּאָזיציעס; מיר האַלטן ביים אונטערשרייבן אַ סאָלידאַריטעט־אָפּמאַך און גרייטן אַ געמיינזאַמען מיטינג. די היגע מפא"יניקעס זענען שטאַרק בייז, פאַרוואָס גראָד אין דעם „אידילישן" ירושלים איז זיי נישט געלונגען ברעכן דעם איינהייטלעכן אָפּאָזיציע־פראָנט. דערפון איז נאָך אָבער זייער ווייט צו אַ פאַראייניקטער לינקער פאַרטיי.

מיר מאַכן איצט אַ נייע איבערמענטשלעכע פאַר אונדז אָנשטרענגונג: אַ נייע געלט־אַקציע. וועגן איר גרויס קענסטו האָבן אַ באַגריף, לויטן מאַסשטאַב, וואָס מיר האָבן איצט פעסטגעשטעלט פאַר ירושלים: 20 פּראָצענט פון חודש־געהאַלט. שטעל זיך פאָר, ביי אונדז דאָ, גיט מען מזומן אָן וועקסלען. גרויס איז דער פאַרלאַנג זען ענדלעך אַ וועכנטלעכן „קול הפועל"! אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט אין צענטער מיט אַ נאָרמאַל פונקציאָנירנדן אַפּאַראַט. אין ירושלים טוען מיר אַלץ, כדי אויפהאַלטן די אַרבעט. די שבתדיקע פאַרזאַמלונגען קומען־פאָר רעגלמעסיק. קאַלענדאַר פון איין וואָך: פאָריקע וואָך, שבת, מיטינג פון דער ליגע „וו" — באַטקאָווסקי און איך פאַר 250 מענטשן, דאָן זונטיק — פאַרזאַמלונג פון פרומיק־אַרבעטער, גערופן דורך אַלע דריי אָפּאָזיציעס, מיטוואָך — פּלענום פון מועצה מיט 500 באַזוכער, גערעדט טשערטאָק (70 בליענדע יוגנטלעכע — אַזעלכע צוהערער זענען אַ מחיה). צום גליק, לעצטע 10 טעג פיל איך זיך אַ דאַנק אַ נייער רפואה באַדייטנד בעסער. צום ערשטן מאָל נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר האָב איך אָנגעשריבן פאַרן יובל־נומער פון „נייוועלט" אַ לאַנגן אַרטיקל „די יסודות פון דער סאָוויעטישער פעדעראַציע". דערווייל דרייט זיך אַרום משה אָן אַרבעט. דאָס מוז זיך אָפּרופן אויף זיין איצטיקן אויפריכטיקן ווילן עפּעס צו טאָן אין דער פאַרטיי.

פון טעהעראַן זענען געווען טעלעגראַפישע גוטע ידיעות וועגן דערפאָלג פון

דער ליגע־דעלעגאַציע. סאָוויעטישע פאַרשטייער וועלן זיכער קומען צו דער ליגע־קאָנפערענץ. מיר דערוואַרטן מיט אומגעדולד טאַרנאָפּאָלערס צוריקקומען. מיר קומט אַ מזל־טוב! נאָך צוויי יאָר אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מיין ברודער אין פראַנקרייך לעבט. האַרציקע גרוסן פון אַליען און דאַנעלען.

איך נעם דיך אַרום
דיין יעקב פּעטערזייל

מיין טייערער פריינט!

בית־חולים בילינסון, 30.12.44

פאַריקע וואָך בין איך אָפּגעלעגן זעקס טעג; איצט בין איך דעם פינפטן טאָג אין שפיטאָל. איך בין אַהער אַוועק לויט מיין אייגענעם פאַרלאַנג. מען מוז דאָך דערגיין די סיבה פון מיינע חלשות־אָנפאַלן. בין איך היינט מרה־שחורהדיק געשטימט. איך האָב שטאַרק מורא, אַז דער פּסק־דין וועט זיין אַ האַרבער: אָפּזאָגן זיך פון יעטוועדער גרעסערער פיזישער אַרבעט. איך אַליין פיל עס שוין לעצטנס גאַנץ גוט; איך טאָר מער נישט אַרבעטן ווי אַכט שעה אַ טאָג, און דערביי רואיקע נישט־אויפרעגנדע אַרבעט. און דווקא די לעצטע וואָכן האָט מיך באַהערשט אַ געוואַלדיקער פאַרלאַנג: מאַכן אַן ענערגישן ריס, וואַרפן די אַרבעט אין קופּת־חולים און וואַרפן זיך צו פאַרווירקלעכן מיין אַלטן חלום: אויפבויען אַ פּאַרטייאיש־קאָאָפּעראַטיוון אָפּרו־ און בילדונגס־הויז. פאַרן קריג האָבן מיר צווישן זיך גערעדט וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן. עס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז עקאָנאָמיש לאָזט זיך איצט דער פּלאַן פאַרווירקלעכן. פּאַרטייאיש, ווידער, — איז דען נישט נייטיק צונויפזאַמלען אונדזער לעצט ביסל גייסטיקע כוחות, כדי פאַרשן אונדזער עבר, בילדן אונדזערע חברים און שמידן דעם גייסטיקן כלי־זין פאַרן מאָרגן? אויך אַליע איז שוין מסכים געווען צו דעם דאָזיקן געוואַגטן שריט. עס וועט אָבער בלייבן מן הסתם אַ פּוסטער חלום. און דאָס ערגסטע — איך זע נישט קיינעם צווישן אונדז, אַ יינגערן, אַ געזונטערן, וואָס זאָל זיין די זאַך פעיק צו פאַרווירקלעכן אָן מיין הילף.

די וואַלן אין ירושלים — אַ גרויסער וויסטער סקאַנדאַל. די רעוויזיאָניסטן האָבן זייט וואָכן געפירט אַ געמיינע נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע. מפא״י, ווידער, האָט געמיינט, אַז אויב זי דאַרף נישט קעמפן מיט די לינקע, האָט זי שוין אין קעשענע די אַלע שטימען פון הסתדרות. צום סוף אַ בראָך: עס פעלן 2.500 שטימען אין פאַרגלייך מיט אספּת הנבחרים! מען האָט נישט מאָביליזירט די מיטגלידער פון הסתדרות, יוצא געווען מיט איין איינציקן מיטינג אין „עדן״ (שטאַרק נישט גע־לונגען). אַ גליק, וואָס צוליב די נאַרישע שווינדלען פון „הפועל המזרחי״ האָט מען געקענט פּסלען די וואַלן. אין דער מועצה נישטאָ קיין נייעס. מפא״י פירט

אויף אייגענער האַנט. איך מיין, אַז בעת דער איצטיקער סעסיע פון ועידת־ההסתדרות, ווען מען וועט מוזן דערליידיקן דעם ענין אין צענטראַלן מאַסשטאַב, וועט מען מוזן אויך לייזן די אָרטיקע ענינים. עס איז זיך נוקם די לייזונג פון די ענינים אויף די ערטער פּאַרטיזאַניש. מיר זענען דערין נישט שולדיק, נאָר אחדות־העבודה. איצט, דוכט זיך, האָבן זיי שוין חרטה.

וועגן דעם ענין האָט מען גערעדט בעת אַ צוזאַמענטרעף מיט סיעה ב׳ אין ת״א. מען האָט גערעדט ברייט וועגן איינהייט בכלל. דאָס מאָל האָבן די אחדותניקעס עס געהערט גאָר סימפּאַטיש. האָט טאַבענקין געפּעלט צוליב זיין קראַנקייט. עס דאַרף זיין אַ המשך. איך האָב גאָרנישט קעגן אַ פּאַראייניקונג־פּראָזוך אין דער ריכטונג. אפשר אַזוי וועט מען אַ ביסל אונטערשמייסן און אונטעראיילן דעם „השומר הצעיר״. בקרוב פּאָרט אַרויס די דעלעגאַציע צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנ־גרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לאָנדאָן. פון אונדז פּאָרט יצחקי און דזשאַרזש (פון ברית פועלי א״י), ערעם חלומט, אַז עס וועט אים געלינגען שיקן הערשקאָוויטשן מיט שרהן קיין רומעניע. דאָס וואָלט געווען נישט שלעכט. מיך פייניקט שוין זינט עטלעכע חדשים אונדזער אָנטייל אין דער רעפּרעזענ־טאַנץ פון די פּוילישע יידן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער עמיגראַנטישער פּוילישער רעגירונג. איצט איז דאָך שוין כלו כל הקצין! יעדער באַזונדער איז מסכים מיט מיר, אָבער די זאַך רירט זיך פּאָרט נישט פון אָרט. איך פּאָדער שאַפן אַ נייעם קאָמיטעט פון פּוילישע יידן, וואָס זאָלן זיך פאַרבינדן מיט לובלין. מיט דער באַ־וועגונג אין בעלגיע און פראַנקרייך נישטאָ נאָך קיין דירעקטע פאַרבינדונג.

צי האָסטו געלייענט מיינע צוויי אַרטיקלען אין „ביוועלט״? אַ באַווייז, וויאַזוי מען קען אַקטואַליזירן דאָס שטודיום פון אונדזער פּאַרטיי־געשיכטע. ניר האָט באַקומען אַן אַמט אין הנהלת ועד לאומי: באַפּרייטע זעלנער. פּועלי־ציון זענען עס איצט די פאַרזאָרגער: ערעם אין הסתדרות, ניר אין ועד לאומי. זייער אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע!

היינט קומט פאָר אין ת״א אונדזער כינוס געווידמעט דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף אין הסתדרות. יאָרן איז דאָס שוין נישט געווען ביי אונדז. אַזוי דאַרף מען זיך טאַקע גרייטן צו דער נאָענטער ועידת ההסתדרות.

דיין יעקב

טייערע חברטע באַראַכאָוו!

ירושלים, 12.1.45

ערשט קומענדיק אַהיים פון שפּיטאָל האָב איך געפונען אייער האַרציקן בריוו פון 25.12. עס איז פאַר מיר אַ דערמונטערונג אין מיין איצטיקער שטימונג צוליב דעם שטרענגן פאַרבאָט פון די דאָקטוירים זיך צו פאַרנעמען מיט אַקטיווער

געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָב נישט זוכה געווען צו קענען דעם חבר באָראָכאָוו. איך בין אַריין אין דער פּאַרטיי ערשט מיט 26 יאָר צוריק, שוין נאָך זיין טויט. אין משך פון די אַלע יאָרן האָב איך שטענדיק אַ געפיל פון גייסטיקער אויפפרישונג אויב איך געפין צייט (ליידער, זי פעלט שטענדיק אויס) זיך צו פאַרטיפן אין זיינע ווערק. באַזונדערס איז פאַר מיר אַ פרייד, אויב עס געלינגט מיר זיך צו באַקענען מיט אַ מיר אומבאַקאַנטן, אָדער האַלב־פאַרגעסענעם ווערק זיינעם.

זינט יאָרן פאַרפאָלגט מיך אַ געפיל פון טיפער שולד, וואָס עס טראָגט די באַוועגונג לגבי באָראָכאָוון. ער פאַרדינט אַן אַקאַדעמישע פאָרשונג, פּונקט ווי מאַרקס, ענגעלס, לעניק. ביז היינט זענען נישט געזאַמלט אַלע זיינע ווערק, אַ טייל פון זיי האָבן נאָך נישט געזען די ליכטיקע שיין, זיינע בריוו זענען נישט געזאַמלט, קיין וויסנשאַפטלעך באַאַרבעטע ביאָגראַפיע איז נישטאָ, אייער בוך איז נאָך נישט אַרויסגעגעבן. מיינע צוויי אַרטיקלען זענען נישט מער, ווי אַן אָנדייטונג, וויפל אַקטועלן ווערט קאָן געבן די פאָרשונג פון באָראָכאָווס לעבנס־ווערק.

פון דער וויטנס פאַרפאָלג איך דעם איינזאַמען וועג פון באָראָכאָווס פריינדין, שרייבנדיק די אַרטיקלען (איך בין אויסן דעם אַרטיקל „די יסודות פון דער סאָוויעטישער פעדעראַציע, וווּ איך ציטיר אַ העכסט אינטערעסאַנטן רעפעראַט באָראָכאָווס אויף דעם פעלקער־צוזאַמענפאַר אין קיעוו), האָב איך זיך געטראַכט, ווי שווער איז אייך געווען בלייבן אַליין אין שטאָקהאָלם און ווי גרויזאַם איז געווען דאָס אומגליק.

אַט אַזוי איז געקומען די ווידמונג.

איך וועל אַ לענגערע צייט נישט קומען אין תל־אביב. נאַטירלעך, ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך אויסנוצן אייער איינלאַדונג. אויב אָבער פריער איר אָדער שושנה אָדער דוד וועט זיין אין ירושלים, וועט איר ביי מיין פרוי און ביי מיר זיין ליבע און אָנגעלייגטע געסט.

אייער יעקב פעטערזייל

מיין טייערער אברהם!

בית־הבראה „נוה הלל”, 26.1.45

דיין בריוו פון 7־טן יאַנואַר האָט מיר אַליע איבערגעשיקט; אויך דער פאַריקער איז אָנגעקומען בשלמות. מאָל דיר, מען שיקט דיר גראָד איצט אַוועק אַהיים פון דער בריגאַדע. דאָס זעלבע איז פאַר מיר דער איצטיקער געצוווּנגענער אָפּזאָג פון דער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די 15—20 שעה אַ וואָך, וואָס איך האָב דערויף געפּטרט, דאָס איז דאָך געווען מיין מאָביליזאַציע, להבדיל, אלף הבדלות. מילא, איך פאַר נישט צו דער ועידת ההסתדרות, וואָס עפנט זיך

מאָרגן, איז עס מער אַ וויטיק פאַר מיר, ווי אַ פאַרלוסט פאַר דער פּאַרטיי! אָבער וואָס טוט מען מיט דער ירושלימער גרופּע? די גאַנצע לאַסט פאַלט אויף עטלעכע געציילטע מענטשן מיט משהן בראש. דערצו נאָך אַ צרה: משה הענגט מאַטעריעל אין דער לופטן! איך האָב זיך געווענדעט צו שרייבמאַנען מיט אַ קאַטעגאָרישער פאָדערונג, אים איינאָרדענען, אומאָפּהענגיק פון אַלע אונטערהאַנדלונגען. זיי מוזן זיך רעכענען דערמיט, וואָס דו ביסט אין דער בריגאַדע, און איך — קראַנק. מען זאָגט צו, אָבער דערוויילע אָן רעזולטאַטן. דערצו, ווייסט דאָך משהס שטימונגען, ער פילט זיך איצט אָן מיין הילף איינזאַם און אָפּהענגיק, הגם ער באַמיט זיך צו טאָן דעם מאַקסימום. שרייב צו זיי אַ בריוו, מונטער אים אויף (זייער אַדרעס: אדלר 20). די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב באַוויזן אויפטאָן פאַר דעם חודש, איז צוגרייטן דעם „קול פועלי ירושלים", וואָס איך לייג ביי.

טייערער פריינט, מיינע אַלע געדאַנקען זענען קאָנצענטרירט איצט אויף איין אידעע־פיקס: וויאַזוי צונויפזאַמלען אונדזער גייסטיק פאַרמעגן און עס איבער־געבן דעם נייעם יונגן דור. איך וויל עס דערגרייכן אויף צוויי וועגן: ילקוטי פועלי־ציון (אַנטאָלאָגיע פון אונדזער ליטעראַטור און פרעסע פאַר די לעצטע 25 יאָר, זינט דער ווינער קאָנפערענץ) און דורך אויפשטעלן אַ פּערמאַנענטע פּאַרטיי־שול אין געשטאַלט פון אַזאַ מין קאָאָפּעראַטיוון אַפּרו־הויז. גראָד דערפאַר, ווייל מיר דערנענטערן זיך צו אַן אַנטשיידנדיקער תקופה: קאָן איך נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיר זענען „בעזדעטניקעס", לויט דיין באַליבטן אויסדרוק. קלאָר, עס איז נייטיק אויך אַ פיל גרעסערע אַרבעט: טעאָרעטיש דורכאַנאַליזירן די גאַנצע טעאָרעטישע ירושה אין ליכט פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע און פון אונדזערע גרויסע פעלערן, עס אַקטואַליזירן און צופּאַסן צו דער נייער צייט. מיינע צוויי אַרטיקלען אין „נייוועלט" זענען אַ פאַרזוך פון אַזאַ מין רעוויזיע, פון אַקטואַליזירטער געשיכטע־פאַרשונג פון אונדזער באַוועגונג.

די דאָקטוירים אין שפּיטאָל האָבן מיר בפירוש דערלויבט זיך פאַרנעמען בלויז מיט ליטעראַרישער אַרבעט. עס פרעגט זיך אָבער: צי וועל איך זיין דערצו פעיק נאָך דער אַרבעט אין קופּת־חולים? אַט פאַר איך איבערמאָרגן שוין אַהיים און איך ווינטש זיך, עס זאָל מיר קודם־כל קלעקן כוח כאָטש צו אַרבעטן אין ביורא. אויב אָבער מער ווי 44—48 שעה אַ וואָך קאָן איך נישט אַרבעטן, וויל איך די צייט ווידמען דער באַוועגונג. דאָס איז אָבער ביי אונדזערע באַדינגונגען מעגלעך בלויז אין דעם פאַל, ווען איך וועל זיך נעמען צו אַ ווירטשאַפטלעכער אונטערנעמונג, וועלכע וועט קאָנען דינען אויך אַלס מאַטעריעלע באַזע פאַר מיר. מעגלעך, נאַטירלעך, אַז דאָס איז אַ פוסטער חלום.

איך האָב, ליידער, קיין שום פּאַרטיי־נייעס, איך ווייס נאָר, אַז במשך דער לעצטער וואָך זענען פאָרגעקומען — אַ באַגעגעניש מיטן השומר הצעיר, די צווייטע זיצונג מיט אחדות־העבודה און צום סוף — אַ געמיינזאַמע פון אַלע דריי.

אַרעסט האָט מיר דערציילט, אַז די מערהייט פון זייער צ.ק. מיט טאַבענקינען בראש זענען פאַר אַ פאַראייניקונג. יצחקי האָט נישט באַקומען די וויזע קיין לאָנדאָן. עס זענען דערוויל אַרויסגעפאָרן: א. ראַבינאָוויטש, י. אידעלסאָן, מ. אורן. עס וואַרטן אויף אַן עראָפּלאַן מ. לוביאַניקער און דזשאַרזש.

איך נעם דיך אַרום
דיין יעקב

צי שימעק האַלט זיך אויך צוזאַמען מיט אייך?

מיין טייערער אברהם!

ירושלים, 3.3.45

אַ דאַנק פאַר דיין בריוו פון 11־טן פעברואַר און פאַר דער פאָטאָגראַפיע. איך נייטיק זיך שטאַרק אין אַ גוט וואָרט פון אַ פריינט. דיין מיינונג וועגן מיינע אַרטיקלען גיט מיר צו מוט פאָרצוזעצן מיין שריפטשטעלערישע אַרבעט אין די ווינציקע שעהן נאָך קופּת־חולים, ווען איך בין נאָך אַרבעטס־פעיק. פאַרן לעצטן חודש האָב איך אָנגעשריבן פיר אַרטיקלען: וועגן אינדוסטריעלע פאַראיינען, טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַציע, הסתדרות־אַפּאַראַט, און דעם וויכטיקסטן — אין שייכות מיטן לאָנדאָנער קאָנגרעס און דער סאָוויעטישער האַלטונג דאָרטן — וועגן דעם סינטעז צווישן קאָמוניזם און ציוניזם לויט די קוועלן פון 25—26 יאָר צוריק. דער לעצטער איז באַשטימט פאַרן „קול הפועל", וואָס דערשיינט איינמאָל אין אַ שמיטה. פאַראַן שוין אַ זיכערקייט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן מיר קריגן די לעגאַלע מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַ רעגולערן העברעישן אָרגאַן.

און דאָך קאָן איך נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ פולע וואָך גיב איך אַוועק אויף אַ טעכניש־אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, וואָס נעמט צו כמעט אַלע מיינע כוחות. דעריבער וויל איך אַרויסשטעלן מיין קאַנדידאַטור אין אַ צענטראַלן ווירטשאַפטלעכן אָדער סאָציאַלן הסתדרות־אַנשטאַלט, אויב מען וועט דורכקומען מיט מפא"י וועגן קלייבן אַלע אָן אויסנאַם צענטראַלע אַנשטאַלטן. דאָס באַדייט — פאַרלאָזן ירושלים. אָבער צו וואָס זיצן דאָ, אויב געזעלשאַפטלעך זיין טויט? דעריבער האָט מיך שטאַרק געטראָפן די ידיעה, אַז אייער שיכון־גרופּע וויל זיך באַזעצן גראָד ביי ת"א. און פאַרוואָס נישט ביי ירושלים? דו מאָל זיך דאָס בילד: דו און איך פאַרלאָזן ירושלים, — דאָס הייסט מפקיר זיין ירושלים. ווי טרויעריק זעט איצט אויס די גאַנצע אָפּאָזיציע אין ירושלים! אויסליפערן די אַרבעטערשאַפט, דעם היגן ישוב, די הויפּט־שטאָט! מיר האָבן קיין רעכט נישט! איך פאַרשפּאָר דיר צו זאָגן, ווי הויך איך שאַץ יעטוועדע ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו, הלוואי זאָל איך אייך שוין קענען העלפן, אָבער זייט אַזוי גוט און פאַרקערעוועט די האַלאַבלעס צוריק קיין ירושלים! און וועגן זיך זאָג איך נאָך אַ מאָל: איך זוך נישט קיין

באַאַמטן־קאַריערע, איך מוז אָבער פאַרווענדן מיין ביסל כוח פראָדוקטיוו, אין שליחות פון דער באַוועגונג. בלויז דער מאָטיוו באַוועגט מיך צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן ירושלים.

די נאָענטסטע וואָך קומט זיך צונויף די מועצת־ההסתדרות. די אָפּאָזיציע באַראַט זיך כסדר וועגן אַ געמיינזאַמער שטעלונג וואָס צו טאָן, אויב מפא״י וועט ווייטער איינהאַלטן איר אַליינהערשאַפט אין דיווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אין „דבר" און „עם עובד", אויב אויך אין מזכירות פון ועד הפועל וועט זי זיך נעמען אַ סך מער, ווי די 54 פּראָצענט? מיר זענען פאַר באַיקאָט, אחדות העבודה און השומר הצעיר קווענקלען זיך. לויט מיין מיינונג, פון אַזאַ געמיינזאַמען איבער־גאַנג צו שאַרפער אָפּאָזיציע קען אויסוואַקסן בלויז אַ ברכה: דאָס וועט צואיילן די קאָנסאָלידאַציע און די שאַפונג פון איין פּאַרטיי.

דערווייל האָט השומר הצעיר געמאַכט אַ שאַך־צוג: אויך ער איז שוין מיט מזל פאַר אַ פאַראייניקונג. מוזן זיך שוין די אונטערהאַנדלונגען פירן זאַלבעדריט. דאָס האַלט אָבער אָפּ די פאַראייניקונג פון אונדז מיט אחדות־העבודה. די פראָגראַ־מאַטישע געשפּרעכן דאַרפן זיך אָנהויבן נאָך דער מועצת־ההסתדרות.

פאַר צוויי וואָכן איז פאָרגעקומען ביי אונדז אַ געמיינזאַמער מיטינג, כדי אָפּצושאַצן די ועידה. גערעדט האָבן גאַנץ גוט ברזילי, אלכסנדר, בן־דורי. שפּעטער איז ביי מיר געווען אַ גלעזל טיי פאַר העכער 20 חברים פון אַלע דריי ריכטונגען. אַליע קלאָגט, אַז עס איז אַוועק די פּאַרציע צוקער פאַר אַ וואָך. די שטימונג איז געווען אַ גוטע.

די געענדערטע שטעלונג פון די סאָוויעטן לגבי דעם ציוניזם איז אַ היסטאָ־רישע ווענדונג. גראָד אין איר ליכט איז נאָך דרינגענדיקער נייטיק די פאַראיי־ניקונג.

דערמאָן באַנקאָווערן, אַז מיט 26 יאָר צוריק איז פון גדוד־עברי אין מצרים געקומען די אידעע צו גרינדן „אחדות־העבודה".

דיין יעקב

מיין טייערער פריינט!

ירושלים, 28.3.45, ערב פסח

דערהאַלטן דיין מתנה און דיין בריוו פון 9.3. מיט פריידן האָב איך געבלעטערט די באַשיידענע בלעטלעך, איבערגעלייענט פון אָנהייב ביזן סוף. מיין רעדאַקטאָריש אויג האָט מיט צופרידנהייט פעסטגעשטעלט, אַז דער סטיל איז נישט שלעכט, גרייזן פאַראַן ווייניק. אָבער דער עיקר: עס אָטעמט מיט אונדזער הייסן גייסט! די בלעטלעך וועלן נאָך פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין אונדזער אַרכיוו. איצט ווייסט שוין די גאַנצע וועלט וועגן דער היסטאָרישער געשעעניש, אין וועלכער

איר באַטייליקט זיך. אין „הארץ״ האָבן מיר שוין געלייענט וועגן ערשטע, לייכטע פאַרלוסטן: צוויי געהרגעטע און עטלעכע צענדליק פאַרוווּנדעטע. דאָס האַרץ רוט נישט. דו, שימעק, יהונתן, מנחם — נאָענט, ווי ברידער און זין. מיר קענען אייער מוט און קאַמפּס־אַנטשלאָסנקייט, אָבער עס איז שווער שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די סאַמע טייערסטע קען געשען עפּעס שלעכטס.

נאָך מיט אַ חודש צוריק האָב איך אָנגעשריבן דעם אַרטיקל אין שייכות מיטן לאָנדאָנער קאָנגרעס. עס איז געווידמעט דיר, אַלס צייכן פון אונדזער גייסטיקער פאַרבונדנקייט. לײדער, האָט ער נאָך נישט געזען די ליכטיקע שײַן, ווײַל „קול־הפּועל״ איז נישט דערשינען. מיר איז שווער דיר שרייבן וועגן היגע ענינים. אַלצדינג איז ליליפּוטן־קליין אין פאַרגלייך מיט אייערע פייער־פּרוּוון אויפן פראָנט. איר פּילט־אָן די דאַזיקע, אַ ביסל אויסגעדראָשענע ווערטער, מיט אמתן בלוטיקן אינהאַלט. איך וועל עס אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל.

איך נעם דיך שטאַרק אַרום.

דיין יעקב

מיין טייערער אברהם!

29.4.45

דעם גרעסטן טייל פון דיין לעצטן בריוו האָב איך איבערגעשריבן פאַר אונדזער פּרעסע און עס אַוועקגעשיקט קיין ת״א. עס איז אַ דערציאונג־דאָקומענט. דו מוזסט וויסן, ווי גראַנדיעז זאָלן נישט זיין די וועלט־געשעענישן, איז דאָס האַרץ צוגע־שמידט צום שמאָלינקן פראָנט־פּאַס פון אייער בריגאַדע. הגם דער קריג ענדיקט זיך, דראָען אויך נאָך נישט ווייניק געפאַרן. פּרייטיק צו נאַכטס בעת אונדזער מאַי־מסיבה אין בית־החלוצות האָבן מיר אייך דערמאָנט צום גוטן, אין ערשטער ריי — דיך. שבועות קומט־פאַר אַ טעאַרעטישע באַראַטונג, די קאָנפערענץ איז אָפּגעלייגט. אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, דאַרפסטו אָנשרייבן דיין מיינונג און עס תיכף צושיקן.

דו ווייסט גוט, איך קאָן פאַר קיין פאַל נישט אָננעמען לכתחילה פאַר גוט אַלץ, וואָס עס טוען די קאָמוניסטן. מיר קענען גוט דעם צעטל פון זייערע פעלערן. מיר מוזן זעלבשטענדיק דורכטראַכטן יעדע דערשיינונג. אָט, אין ענין אָנטייל אין קריג האָבן מיר זיכער פאַרנומען אַ ריכטיקע פּאָזיציע, אָן אַ פאַרגלייך טיפער אויפגעפאַסט, ווי די פראַנצויזישע און אַמעריקאַנער קאָמוניסטן ביז יולי 1941. וועגן דער איצטיקער טאַקטיק, בפרט אין די פעסט איינגעוואָרצלטע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער, ווי ענגלאַנד און פאַראייניקטע שטאַטן, איז זייער שווער איינשליינגען די טאַקטיק. איך בין בלויז דערפאַר: יעדן ענין געניי דורכטראַכטן, אַנאַליזירן,

דיסקוטירן, נישט איילן זיך מיט אויספירן, בפרט נאָך מיט צופעליקע און געשטיצטע אויף מאַנגלהאַפטע אינפאָרמאַציעס.

דו האָסט מיר פון מויל אַרויסגענומען מיינע טענות וועגן דעם ירושלימער פּרעזידענט. אויב דעמאָקראַטיע, פּאַרמעלע דעמאָקראַטיע לויטן נאַציאָנאַלן מער־הייט־פּרינציפּ, — דאַן איז עס חל אויך אויפן גאַנצן לאַנד. וויפל איך טראַכט נישט, געפין איך נישט אין די ראַמען פון בירגערלעכער דעמאָקראַטיע קיין אַנדער אויסוועג, ווי דער דאָזיקער קאָרעקטיוו פון פּאַריטעט.

די באַדייטונג פון לאַנדאָנער באַשלוס מינערט דער משונהדיקער פּאַקט, וואָס די סאָוויעטישע פּרעסע (אויך „איינִיקייט״), האָבן ביז היינט נאָך נישט דערמאָנט מיט קיין שום וואָרט דעם באַשלוס פון א״י. די אַראַבישע קאָמוניסטישע צייטונג אין בירות שרייבט דעם גראָבן ליגן, אַז די סאָוויעטישע דעלעגאַציע האָט גע־שטימט קעגן. גאַלאַקערס בריוו אין דעם חיפהער לינקן, אַראַבישן זשורנאַל „איתי־חאַד״ איז אויך נישט אין איינקלאַנג מיט דעם באַשלוס. דאָס איז אַ באַווייז, וויפל מען דאַרף אַקערן. אַ ווענדונג איז פּאָרט פּאַראַן. אַלע דריי קאָמוניסטישע גרופּן אין לאַנד זענען איצט קעגן ווייס־בוך, פּאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים, הגם פון ציוניזם זענען זיי, נאַטירלעך, ווייט.

מיט די דריי לינקע פּאַרטייען האַלט עס אַזוי: דאָס לעבן צווינגט זיי גיין צוזאַמען אין אַלע וויכטיקע הסתדרותישע וואַלן (אין תל־אביב איצט, אין מעטאַל און דיאַמענטן), הגם אחדות העבודה האָט אַ שטעלונג פּאַר גיין באַזונדער (אין פתח־תקוה גייען מיר איצט מיטן השומר הצעיר אין בוי, אחדות העבודה — באַזונדער). אויף דער ועידת־חקלאית גייט מען צוזאַמען אין אַלע אינערלעך־יידישע הסתדרו־תישע פּראַגן, דאַקעגן אין דער אַראַבער־פּראַגע, איז צו אונדזער וויטיק, אחדות העבודה די זעלבע מפּא״ישע יענטע; צום ערשטן מאַי אין ת״א מאַכט מען אַ גרויסן געמיינזאַמען מיטינג; דעם לעצטן דאָנערשטיק איז פּאָרגעקומען די ערשטע באַראַ־טונג פון דריי צענטראַל־קאָמיטעטן, ווו מען האָט אָנגעהויבן די דיסקוסיע אין תוך (וואָס פּאַראייניקט, וואָס טיילט פונאַנדער), דער המשך דאַרף זיין אין 10 טעג אַרום; מפּא״י דערוויל שטאַרקט זיך, אַרבעט דיסציפּלינירט, איז מאַנאַליט גייסטיק אין דער פּראַגע פון יידישער מדינה. בלויז אַ פּאַראייניקטע לינקע פּאַרטיי קאָן זיך איר אַנטקעגנשטעלן. דאָס וועט אָבער נישט זיין קיין פּאַרטיי לויט אַ קאָמוניסטישן טיפּ. דאָס וועט זיין עפּעס ענלעכס צו אַ פּאַראייניקטער פּאַרטיי אין פראַנקרייך; אויב דאָס זאָל געשען אַ דאַנק דער כסדרדיקער דערנענטערונג פון סאָציאַליסטן און קאָמו־ניסטן. דערוויל שלעפּן מיר אין ירושלים דעם יאָך. אין ועד הפּועל קערט מען זיך שוין אום.

איך נעם דיך אַרום.

דיין יעקב

בריוו צו חברים

מיין טייערער, האַרציקער פריינט!

ירושלים, 15.10.45

אָפּגעקרענקט 10 טעג. אין די שלאָפלאָזע טעג אויסגעטראָגן אַלס תשובה אויף דיין בריוו, אַ געשריבענעם אויף 10—12 זייטן — פּראָיעקט פון אַ פּועלי־ציון צענטער אין די בערג פון ירושלים. ווען עס קריגן אין אַ פּאָר טעג אַרום, צוזאַמען מיט מיינעם אַ בריוו. דערווייל איין דרינגענדע בקשה: לייען אַדורך אַ בריוו צו ד״ר בנימין טאַראַסייסקי, צום ברודער פון מיין שוואָגער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט אָבער פאַרלוירן פרוי און טאָכטער, שוועסטער, שוואָגער און קינד. באַזאָרג עס גלייך. ברענג דעם מענטשן, אויב עס איז מעגלעך, קיין בריסל צו מיין ברודער. די בריסעלער חברים זאָלן קעמפן פאַר אַ סערטיפיקאַט, אויב זיי זענען נאָך פאַראַן. אַלס דאָקטאָר־מעדיצין מוז ער קומען אויף אַ סערטיפיקאַט, אַנדערש וועט ער נישט קאָנען אַרבעטן.

איך נעם דיך אַרום.

דיין יעקב

מיין טייערער פריינט!

ירושלים, 29.10.45

אָט איצט דערהאַלטן דיין בריוו פון 25.9, „אונדזער וואָרט" פון 14.9, דעם פּראָטאָקאָל פון 15.8, דעם באַריכט פון שטוטהאָף און קראָקע. דאָס אַלץ איז פאַר מיר פון דאָס ניי אַ באַווייז, אַז וויכטיק איז דיינע און ברוכס אַרבעט. אויף וויפל איך קען דיך, איז עס, לויט מיין מיינונג, די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע שליחות אין דיין לעבן. מיט אומגעדולד דערוואַרט איך דיין באַריכט וועגן בערגען־בעלזען, וועגן באַגעגעניש מיט אונדזערע חברים פון די לאַגערן.

אַן אַנדער זאַך איז, וואָס די אויגן קריכן מיר שוין פון קאָפּ, אויסקוקנדיק דיין צוריקקומען. איך פאַרשטיי דיך אויסגעצייכנט: דו האָסט מורא צוריק אַריינפאַלן אין דער היגער בלאָטקע פון אונדזערע נישטיקע מעגלעכקייטן. דו באַגייסט אַ גרויסן אומפאַרצייַלעכן פעלער: דו באַשולדיקסט דער עיקר די פירערשאַפט. דאָס איז פאַלש. אַנו, פּרוּוו אַוועקשטעלן די פירער פון אַנדערע פּאַרטייען אין דער זעלבער לאַגע, און פאַרזוך געבן ערלעך אַן ענטפער: אין ענלעכע באַדינגונגען וועלן זיי מער לייסטן, ווי זרובבל, ערעם, דניאל, ניר, יצחקי, אַבראַמאָוויטש, טאַרנאָפּאָלער? אָט, מיט מזל הייבט שוין אָן דערשיינען „דורך הפּועל"! ווער טראָגט עס אויס? דערווייל ערעם און טאַרנאָפּאָלער, די „נייוועלט" מאַכט דניאל, לויט מיין מיינונג, אמת גוט. נעם מיך: איך גיי דאָך בוכשטעבלעך צום גרונט אין קופּת־חולים, הגם אין אַנדערע באַדינגונגען, אין די זעלבע 8 שעה אַרבעט קאָן איך נאָך נישט ווייניק לייסטן. און

וואָס וועט זיין מיט דיר ? וועסט גיין צום בוי אָדער זוכן די קאַריערע פון אַ הסתדרו־תישן פקיד אין לשכת המס, אָדער לשכת־עבודה ? אַט וועגן דעם טראַכט איך כסדר, וועגן גורל פון אונדזער פירערשאַפט, וועגן אונדז ביידע. קלאָר, אַ פאַראייניקונג פון די לינקע וואָלט געלייגט דאָס דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעם. אָבער וועגן דעם בין איך ממש פאַרצווייפלט. עס אַרבעט כלומרשט אַ פּראָגראַמאַטישע קאָמיסיע פון אַלע דריי ריכטונגען, אָבער דער טעמפּ איז לעכערלעך. סיעה ב׳ וויס עד היום נישט, אויף וועלכער וועלט זי איז: צוריק צו מפא״י, לינקע פאַרטיי, אָדער אַ פערטע פאַרטיי. השומר הצעיר גרייט זיך דערווייל צו אַ „היסטאָרישן אַקט״, זיך פאַראייניקן מיט „ליגה סוציאַליסטית״, דער טאַטע נעמט די מאַמע. עס ווערן אָוועקגעהרגעט בידים די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן פאַר אַ לינקער פּאַרטיי אין א״י. און דאָס אַלץ אין אַנבליק פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, זיג פון קאָמאינטערן אין פראַנקרייך, די מעשים טובים פון לייבאָר־רעגירונג — ווי קליינלעך, ווי פּראָפעסיאָנעל די פאַר־העלטענישן אין דער א״ידיקער אַרבעטער־באַוועגונג!

וויל איך איינס: צוזאַמען מיט דיר שאַפן ביי ירושלים דעם קולטורעלן צענטער פון אונדזער פאַרטיי, געשטיצט אויף דער באַזע פון קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט. איך שיק דיר מיינע פּלענער. האָפנטלעך, וועסטו מיך נישט אויסלאַכן. וועסט גע־פינען דעם געזונטן קערן אין תוך פון מיינע געדאַנקען. אגב, פאַראַן אויסזיכטן די פּלענער זאָלן נישט בלייבן הענגען אין דער לופטן. איך פיר אונטערהאַנדלונגען מיט מוצא־עילית וועגן שטעלן אין אונדזער רשות 70—80 דונאַם פון דעם קרן־קימת־באָדן, וואָס ליגט ביי זיי וויסט 10 יאָר. איך הער ווידער, אַז אין מוצא־תחתית האָט קרן־קימת געקויפט 150 דונאַם פאַר זעלנער. עס פעלט קענטיק אַרויס פון דעם פּלאַן די קאָלאָניזאַציע פון קיבוץ, דאַקעגן ווערט פיל רעאַלער דער שיכון, אַפּרו־הויז און קולטור־צענטער.

איך פאַרלאַנג פון דיר: א) צוריק אויפלעבן די קבוצה, וואָס דו האָסט אָרגאַ־ניזירט מיט אַ יאָר צוריק. באַוועגן זיי, זיך באַזעצן ביי ירושלים. שיקן אַן אָפיציעלע פולמאַכט מיט די געהעריקע אונטערשריפטן אויף מיין און לאַליעס נאָמען, מיר זאָלן קאָנען אָנהייבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט גוריונען. איך האָב אַ ביסל דער־וואַרעמט זינגערן. מיט זיין הילף קאָנען מיר אויפטאָן אַ סך. ב) אפשר קאָן מען פאַראינטערעסירן עפּעס אַן איניציאַטיוו־גרופּע פאַר אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו, זיי זאָלן זיך צו אונדז אָנשליסן? ווי איך הער, פאַראַן כלערליי איניציאַטיוו. באַראַט זיך מיט ברוכן, פאַראינטערעסיר נאָך אונדזערע זעלנער. אין דיינע הענט ליגט דער שליסל צום דערפאָלג פון דעם גאַנצן פּלאַן. ג) באַראַט זיך מיט די בעלגישע און פראַנצויזישע חברים, וואָס קאָנען זיי העלפן?

1. צי קאָנען זיי זיין בכוח אינוועסטירן געזעלשאַפטלעכע געלטער אין אַפּרו־הויז, דערציאונגס־אַנשטאַלט, פאַרלאַג?

2. צי זענען פֿאַראַן חברים אָדער נאָענטע, וועלכע ווילן זיך אויסבויען אַ הויז אין א״י און זענען גרייט די זאַך אונדז אָנפֿאַרטרויען. קאָנקרעט: נירן — אַלס אַדוואָקאַט, און דיך און מיך, אַלס נאמנים?

3. אפשר זענען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע ווילן אינוועסטירן דורך אונדז זייערע אָפּשפּאָרונגען אין א״י אויף אַ געזיכערטן פּראָצענט? קוק, איך בעט דיך, מיך נישט אָן אַלס משוגע. זינט עטלעכע חדשים האָט טייכמאַן באַנייט מיט דערפֿאָלג די אַרבעט פֿון „מעון הפועלים״ אין תל־אביב. עס זענען שוין געקויפֿט פֿיר פּלעצער, צוזאַמען ביז 50 דירות. איין הויז אויף רחוב נחמיה בויט זיך שוין. געלט שפּאַרט מען אונדז אין די הענט. מען האָט צו אונדז צוטרוי. איך בין אָבער קאַטעגאָריש קעגן די קליינינקע קאָאָפּעראַטיוון, ווי זרובבל 10, אָדער רחוב המלך ג׳ורג׳ 93. עס בלייבט שפּעטער דער פּאַרטיי גאָרנישט. מיר קאָנען שטאַלצירן מיט אונדזער אויפֿטו אין רמת־גן. איך חלום װעגן אַן ענלעכער אונטערנעמונג, אָבער פֿיל ברייטער, אין די בערג פֿון ירושלים.

העלף מיר, מיין טייערער! צוזאַמען וועלן מיר עס אויספֿירן. דאָס איז מיין לעצטער פֿאַרצווייפֿלטער פּאַרזוך זיך אַרויסרייסן פֿון קופּת־חולים, זיך אומקערן צו אַקטיווער פּאַרטייאישער אַרבעט. מיין בוך פֿאַר די צוויי חדשים איז געבליבן ליגן. די פֿרייע צייט נאָך קופּת־חולים האָט איינגעשלונגען צוערשט דער גרויסער יום־טוב צוליב מיין ברודערס קומען, שפּעטער — מיין קראַנקהייט.

איך נעם דיך אַרום.

דיין יעקב

מיין טייערער פריינט!

ירושלים, 1.11.45

געזעגן נעכטן ביי מיר אַ בינטל חברים, און איך האָב זיי פֿאָרגעלייענט אויסצוגן פֿון דיינע לעצטע בריוו פֿון פּראָגט. וואָסער גוואַלדיקער מהלך פּסיכיש און מאָראַליש צווישן אייך און אונדז דאָ! דו שרייבסט מיט רעכט, אַז דו ביסט געוווינט צו טאָן אַליין דאָס, צו וואָס דו רופֿסט אַנדערע. איצט קאָנען מיר זיך נישט אויסגלייכן מיט אייך, בשום אופֿן נישט. הלוואי זאָלן מיר שוין זוכה זיין הערן פֿון דיר, ווי דו וועסט אונדז פֿאָרלייענען דיין טאָגבוך.

ווי איך זע, קריגסטו ענדלעך די ביולעטינען. אין זין פֿון אינפֿאָרמאַציע גלייכן מיר זיך שוין אויס. דורך די חדשים פֿון זיצן אין ירושלים און זיך נישט באַטייליקן אין קיין שום זיצונגען אין תל־אביב, ווער איך אָפּגעריסן און פֿאַרפֿרעמדט. איך שיק דיר דעם ביולעטין פֿון דער ליגע „וו״. דו האָסט זיכער אַ חלק אין דעם אויפֿטו: איצט פּלאַנט מען אויפֿשטעלן דעם אינסטיטוט פֿאַר מעדיצינישע פֿאַרבינדונגען מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד. ערעם, טאַרנאָפּאָלער, בן־אפרים ווילן מיך דורכפֿירן אַלס סעקרעטאַר. הדסה, קופּת־חולים, אוניווערסיטעט,

ועד־לאומי, הסתדרות רפואית זענען די גרינדער. ווארשיינלעך, וועט דער אינסטיטוט זיך אויך פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער מעדיצין, סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. די חברים האַלטן, אַז דאָס קאָן ווערן פאַר מיר אַ ברייט פעלד פון אַרבעט, וואָס וועט האָבן אויך אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. איך האָב געגעבן מיין הסכמה, אָבער אויב דאָס וועט נישט געלינגען, פאַרלאַנג איך, מיך אַריינשיקן אין אַ צענטראַלן הסתדרותישן אַנשטאַלט. איך קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַלע מיינע כוחות זאָלן איינשלינגען די ריין טעכנישע אַרבעט אין קופת חולים. דער ענין פון דער פאַראייניקונג שלעפּט זיך. מיר האָבן פאַרגעלייגט פסח־צייט דורכפירן אַ טעאָרעטישע פאָרבאַראַטונג פון אַלע דריי ריכטונגען. איז עס נישט צו שטאַנד געקומען. דערווייל קומט אָן מיט גרינער גאַל דורכפירן געמיינזאַמע ליסטעס ביי אָרטיקע פאַראיין־וואַלן. אַביישפּיל האָסטו: בנין אין ירושלים. איצט, אין תל־אביב ביי מעטאַל האַלט דערביי, אַז אחדות־העבודה און השומר־הצעיר זאָלן גיין אָן אונדז. מען גיט אונדז דעם אַכטן אָרט דווקא! סימפּאַטיש?

מיין געדאַנק קערט זיך אום צו די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון ציוניזם. עס איז שרעקלעך, אַפילו די סאַמע שפּיצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווייסן לחלוטין גאָרנישט, מיט וואָס מען וועט אונדז באַגליקן! איך האָב איצט דורכגעלייענט צוויי פונדאַמענטאַלע ווערק: דעם באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע (פּיל) און פון דער חלוקה־קאָמיסיע. געוואָלט פּשוט דורכטראַכטן דעם חלוקה־פּלאַן. געשטויסן דערצו האָט מיך דער בלאָף וועגן דער קריסטלעך־יידישער מדינה (אַ טייל פון א״י—לבנון), וואָס האָט במשך צוויי טעג עלעקטריזירט דעם ישוב. און ווייל דאָס איז, ווי דיר איז באַקאַנט, משהס ליבלינג־אידעע, ווילט זיך טאַקע מיט אים די זאַך דורכדיסקוטירן, שטיצנדיק זיך אויף פאַקטן און פאַראַנענע פאָרשלאָגן. מען רעדט ביי אונדז וועגן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ אויף שבועות. אויב דאָס איז מעגלעך, וועל איך דאַן פאַרזוכן אָנשרייבן טעזן וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, צוזאַמען מיט אַלע אונדזערע.

דיין יעקב

מיין טייערער אברהם!

ירושלים, 7.11.45

עס וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט דורכשמועסן מיט דיר וועגן די געשעענישן פון דער לעצטער וואָך. דאָס איז, ליידער, אוממעגלעך. ווי געוויינלעך, בין איך אויך אין דער פראַגע, וועגן די רעאַלע ווידערשטאַנד־מעגלעכקייטן פון אַ קליין און אומגליקלעך פאָלק, געבליבן אין דער מינדערהייט; אמת, דאָך נישט איזאָלירט. לאָמיר שוין אָפּלייגן דעם שמועס אויף פיר וואָכן, ביז דיין קומען.

איך בין איצט אינגאַנצן באַהערשט פון מיין מוצא־פּלאַן. די זאַך ווערט אַלץ רעאַלער. דער ועד פון מוצא־עילית האָט אויף אַ זיצונג מיט מיר אויסגעדריקט זיין פולע הסכמה ברענגען מיין פאַרשלאַג מיט אַ רעקאָמענדאַציע, אים צו באַשטעטיקן, פאַר דער פולער פאַרזאַמלונג פון מושב. עס איז, בכן, דאָ אַ גאַנץ רעאַלע מעגלעכקייט צו קריגן 70—80 דונאַם באָדן פון קק״ל מיט אַן אויסזיכט צו קויפן נאָך 20—30 דונאַם.

דעם שבת בין איך געווען אין תל־אביב אויף אַ זיצונג פון „מעון הפועלים" (ניר, יצחקי, טייכמאַן, גרשוני און איך). די אַרבעט אין תל־אביב אַנטוויקלט זיך איבער אַלע דערוואַרטונגען. מען האַלט די וואָך ביים פאַרענדיקן אַ קניה פון 3 פּלעצער אין צפון אויף אויפשטעלן אַ בלאָק פון גאַנצע 72 דירות. מיר האָבן באַשלאָסן איבערלאָזן צוויי אויף געזעלשאַפטלעכע צוועקן. הלואי זאָל עס געלינגען! דאַן האָבן מיר אין צפון קאָנצענטרירט אין איין שטח, אין אַפּשניט פון עטלעכע מינוטן גאַנג פון איין קאָאָפּעראַטיוו צום צווייטן, פיר קאָאָפּעראַטיוון, צוזאַמען קרוב 90 דירות. דעם נאָענטסטן שבת מאַכן מיר אַ באַזוך אין מוצא, אַ דעלעגאַציע פון תל־אביב און עטלעכע חברים פון ירושלים. דער עיקר האַנדלט זיך מיר וועגן זינגערס באַזוך אויפן אָרט. זיין וואָרט איז פאַר מיר זייער וויכטיק.

פּרייטיק אָוונט שטעל איך דעם ענין אויף אַ חברים־פאַרזאַמלונג אין ירושלים. איך מוז איבערצייגן הערשקאָוויטשן, אַז איך קלייב זיך נישט באַוועלן די ירושלימער אָרגאַניזאַציע, נאָר פאַרקערט, זי אויפהייבן. מיר שטייען פאַר דער ברירה: אָדער ווייטער וועגעטירן, — הגם מיט דיין קומען וועט די וועגעטאַציע ווערן דערטרעגלעכער, — אָדער מיט אַ מאָל ווערן אַ שטיקל קראַפט! אונדזער רמת־גנער אויפטו האָט דאָך נישט אָפּגעשוואַכט די תל־אביבער אָרגאַניזאַציע. דאָ קריגן מיר עטלעכע שאַנסן: א) ווערן די טרעגער פון ביליקן פאָלקס־שיכון; ב) באַשעפטיקן ביים אויפבוי, און שפּעטער אין די אינסטיטוציעס, אַ ריי חברים, וועמענס פּאָזיציע וועט זיין ווירטשאַפטלעך אומאָפּהענגיק סיי פון פּריוואַטע בעלי־בתים, סיי פון דער הסתדרות; ג) איבערנעמען פּאַמעלעך אונטער אונדזער השפּעה אַ טעריטאָריאַלן פּונקט (מוצא עילית און, אפשר, מוצא־תחתית), וואָס האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן אַ פאַרשטאָט פון ירושלים; ד) ווערן די טרעגער פון אַ קולטור־צענטער פון דער באַוועגונג, און צום סוף: איך פלאַץ פון קנאה ביים לעזן די ידיעה, אַז דעם לעצטן פּרייטיק זענען אַרויף אויף באָדן דער 33סטער און 34סטער קיבוץ פון השומר הצעיר. אויסברייטערן און פאַרפעסטיקן מוצא־עילית — דאָס איז אַן אויפטו פון אַזאַ מין קאָלאָניזאַטאָרישער וויכטיקייט, ווי ערגעץ אַ פאַרוואָרפענער פּונקט אין די גליל־בערג. מוצא, דאָס איז דער פאָרפּאָסטן פון ירושלים. פעלט אונדז כוח און מוט אויספירן אַזאַ מין שליחות?

צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: איך פרעג נישט הערשקאָוויטשן, נאָר דיך, אָן דיין הסכמה רעזיגניר איך פון גאַנצן פּלאַן. איך שיק צו ברוכן אַ קאָפּיע פון די פּראָיעקטן. ער וועט דאָך באַפרייט שפּעטער. מוז ער איבערנעמען פון דיר די לייטונג פון דער שיכון־גרופּע צווישן די זעלנער.

דיין יעקב

מיין האַרציקער פריינט!

ירושלים, 13.11.45

היינט דערהאַלטן דיין בריוו פון 5.11, מיט צוויי טעג פריער דעם באַריכט פון בערגען־בעלזענער קאָנגרעס און דעם לעצטן נומער „אונדזער וואָרט".

איך דאַנק זייער פאַר דיין זאָרג פאַרן אומגליקלעכן ניאָמען. אויב עס וועט אים געלינגען קומען קיין בריסעל, וועט ער אַ ביסל קומען צו זיך.

במשך פון צוויי וואָכן שרייב איך צום דריטן מאָל — אַלץ וועגן דעם זעלבן ענין: מוצא. לאָך פון מיר נישט, כ'בעט דיך! אַלע מיינע געדאַנקען זענען איצט קאָנצענטרירט אויף דעם דאָזיקן פּלאַן. פון מיינע פריערדיקע צוויי בריוו (ביידע מאָל צוגעלייגט דעם געדרוקטן אויף סטענסל פּראָיעקט), ווייסטו שוין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איצט וויל איך דיר מעלדן זינגערס מיינונג, נאָך אונדזער געמיינזאַמען באַזוך אין מוצא דעם לעצטן שבת: בוי — טעכניש איז דער שטח הערלעך; עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר 200 דירות (4 אויף אַ דונאַם), קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטלעכע הילפס־ווירטשאַפט, אָפּרו־ און בילדונגס־הויז, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און דער דערציאונגס־אַנשטאַלט; ער טרעט שוין צו צו סקיצירן דעם פּלאַן און קאָסטן־פאָרשלאַג, נעמט זיך אונטער עס מאַכן מיט 25 פּראָצענט ביליקער, ווי אין „סולל בונה"; דאָס איז אַ שליסל־פּאָזיציע צו ירושלים; און צום סוף — ער פערזענלעך טרעט צו. איך גלויב, אויך פאַר דיר איז עס אַ וואָגיקע מיינונג.

מיר גייט אין לעבן, דו זאָלסט אין משך פון די לעצטע וואָכן פון דיין זיין אין אייראָפּע טאָן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן:

א) וואָס הערט זיך מיט אונדזער קבוצה „לשכון ובנין"? זי מוז ווערן דער קערן פון אונדזער ערשטער בוי־גרופּע פון 50 וווינונגען.

ב) צי קען מען אין פראַנקרייך און בעלגיע שאַפן געזעלשאַפטלעכע געלטער פאַרן אָפּרו־הויז און די קולטור־אַנשטאַלטן, און פּריוואַטע געלטער, כדי אויס־בויען פאַר די פאַראינטערעסירטע, אָדער אַריינלייגן זייערע קאַפּיטאַלן אויף היפּאָטעק־הלוואות מיט אַ געזיכערטן צינדז?

ג) אפשר קאָן מען פאַרבינדן מיט אונדזער אונטערנעמונג אויך עפּעס פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס ווערן געפּלאַנט דורך די זעלנער?

מיר האָבן דיר לעצטנס געשיקט עטלעכע פּעקלעך ביכער. פון תל־אביב שיקט מען דירעקט קיין בעלגיע. איך דערוואַרט דיך מיט אומגעדולד.

דיין יעקב

מיין טייערער אברהם!

ירושלים, 22.11.45

דיין בריוו צו לאַליען פון 24.9 האָט מיר ממש צוגעגעבן פליגלען. ובכן, איך בין נישט אַזאַ פאַנטאַזיאָר, ווי עס האָט זיך מיר געדוכט אין דער ערשטער צייט. צום ערשטן מאָל האָט מיר אידאַ שוואַרץ באַשטעטיקט מיין השערה, אַז אין מערב־אייראָפּע קאָנען מיר שאַפן פּריוואַטע געלטער פאַר דער ווירטשאַפט־לעכער אַרבעט. געדענק, אַז אויף דעם געביט האָבן מיר ביז איצט, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, קיין דורכפאַלן נישט געהאַט. איך פאַרבינד גרויסע האָפענונגען מיט די לעצטע וואָכן פון דיין זיין אין אייראָפּע. באַראָט זיך מיט דודן און זרובבלען, אויב ער איז נאָך אין מערב־אייראָפּע. שאַף אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פאַר די דאָזיקע ענינים אונטער דודס אָנפירונג. עס איז נייטיק צונויפשטעלן אַ גענויע רשימה, ווער איז גרייט, און וויפל געלט צו אינוועסטירן, און אין וואָס איז ער קאָנקרעט פאַראינטערעסירט (וווינונג, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו, און סתם קאַפּיטאַל־אינוועסטיציע מיט געזיכערטע צינדזן). איר ווייסט נישט, צי איז אַזוי גוט, וואָס דו האָסט אָפּגעדרוקט דעם פּראָיעקט אין צענדליקער עקזעמפּלאַרן און האָסט געלאָזט עס צירקולירן צווישן חברים. צי האָסט כאָטש צוגעגעבן די אויסצוגן פון מיין בריוו, אַז איצט האַנדלט זיך קאָנקרעט וועגן אַ שטח פון 100 דונאַם אין מוצא־עילית? צי האָסט זיך באַוואָרנט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי אַ רויער פּראָיעקט, אַז אַן אויספירלעכער פּראָספּעקט וועט נאָך קומען?

דו מיינסט, אַז עס איז אַזוי פּשוט צו שאַפן באָדן אין שטאָט ביי דער שכונת־עובדים אין נוה שאנן. דאָס איז אַ גרויסער טעות. הגם קרן־קימת באַטייליקט זיך מיט 450 פונט אין אַ דונאַם, מוז מען איר אַנטקעגנטראָגן 350 פונט. דעם נייעם באָדן אין שטאָט האָט קק״ל געקויפט פאַר שיכון הינטער רמת־רחל און הינטער שטעלערס וועלדל. און דער עיקר: אין די גרענעצן פון שטאָט וועט מען אונדז קיינמאָל נישט געבן 50 דונאַם פאַר אונדזערע אייגענע אינסטיטוציעס און די באַדינגונגען פון בוי זענען אַ סך שווערער. וואָס הערט זיך מיט דער מיליטערישער קבוצה לבנין ושיכון? ביי איר קאָן מען רעכענען אויף אַ סך גינסטיקערע באַדינגונגען. זי קען גליך האָבן אַרבעט ביים בויען די אייגענע

ווינונגען. אויספירן דעם גאַנצן פּלאַן — דאָס איז דאָך אַן אַרבעט אויף אַ פּאָר יאָר. לאָז איבער עמעצן, וואָס וועט קאָנצענטרירן די דאָזיקע ענינים נאָך דיין אַוועקפאָרן. אפשר, טאַקע ברוך? באַמי זיך שאַפן אַ קאָלעקטיווע פולמאַכט פאַר דיר מיט חתימות און אַדרעסן פון די אַלע זעלנער, וואָס זענען פאַראינ־טערעסירט אין דעם שיכון. מיר דאַרפן עס נישט נאָר פאַר דער סוכנות, נאָר אויך פאַר דער רעגירונג. מאָך עס טאַקע אין צוויי עקזעמפּלאַרן שיין און ריין. ווייז אָן, ווי לאַנג אין דינסט איז יעדער.

די וואָך איז אין מוצא געווען אַ דעלעגאַציע פון „מעון הפועלים" פון תל־אביב: טייכמאַן, שניאורסאָן, סענדער (אַ חבר פון פּרדס חנה, וואָס האָט גע־גרינדעט די בוי־געזעלשאַפט „ביתא"). זיי זענען שטאַרק צופרידן. איך לייג דיר ביי דעם פּראָיעקט פון אָפּמאַך מיט מוצא. אויב מפא"י פון ירושלים וועט נישט אונטערשטעלן אַ פּיסל, וועלן מיר חתמענען אָנהייב צווייטע וואָך.

איך שטעל זיך פאָר, ווי האָט אויף אייער אַלעמענס געמיט געווירקט בעווינס „מתן תורה". איצט איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר דער אויסשפּרייטונג פון אונדזערע אידעען. ווער וועט אָבער פירן די גאַנצע אַרבעט נאָך דיין אָפּפאָרן? ווער איז נאָך אַקטיוו אַחוץ ברוכן? מיט פרייד האָב איך געזען שימעקס אַר־טיקלען אין אונדזער בעלגישער צייטונג. צי האַלט ער זיך שוין פאַר אַ חבר? קאָן מען אים שוין אָנפאַרטרויען פאַרטייאישע אַרבעט?

אין צווישן האָסטו מן הסתם באַקומען נאָך צוויי בריוו מיינע. קיין בעלגיע און פראַנקרייך האָב איך געשיקט אויספירלעכע בריוו; אַלץ וועגן דעם זעלבן ענין. איך בעט אָבער דורכויס: דערוויל נישט פאַרעפנטלעכן קיין וואָרט אין אונדזער פּרעסע. עס קאָן בלויז קאַליע מאַכן.

זיי מיר האַרציק געגריסט.

דיין יעקב

טייערער חבר זרובבל!

30.10.46

ראשית כל וויל איך וויסן, צי איז צו אייך דערגאַנגען מיין אויספירלעכער בריוו, געשריבן גלייך נאָכן פאַרטיי־ראַט? זינט דעמאָלט איז שוין אַדורך אַ קנאַפּער חודש. אינערלעך אין דער פּאַרטיי זענען קיין נייעס נישט געווען. אַלע כוחות זענען געווען קאָנצענטרירט אויף די וואַלן. די קאַמפּאַניע האָט מען געפירט מיט זייער קנאַפּע געלט־מיטלען און ביי אַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער צערודערונג. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל תל־אביב: די וואַלן האָבן געקאָסט 1,300 פ. ערשט ביים סוף האָט מען באַוויזן איינבערופן די גרופּע טובין—קושניר (דאָס איז דער פאַרדינסט פון אונדז, אַלטע פּועלי־ציון), וועלכע ווילן נישט

שלום מאַכן מיט דער העגעמאָניע פון קיבוץ המאוחד איבער דער פּאַרטיי. אין ירושלים, ווידער, זענען אין טאָג פון די וואַלן געווען מאָביליזירט נישט מער ווי 45 חברים. ח׳ מוליע וועט ביילייגן די היינטיקע צייטונגען. דער וויכטיק־סטער סך־הכל איז: אין בורזשואַזן לאַגער — דער רעוויזיאָניזם בראש; אין אַרבעטער־לאַגער — מפא״י. מיר גייען מיטן השומר הצעיר גלייך אויף גלייך. דאָס איז פאַר אונדז נישט גינסטיק. השומר הצעיר האָט געירשנט טויזנטער שטימען פון עליה חדשה, וועלכע האָט שטאַרקע פּאַרלוסטן. מיר אָבער זענען נישט געוואַקסן, ווי עס האָבן זיך געניית אַ בייטל אַ סך אָפּטימיסטן צווישן אונדז. דער רעוואָלוציאָנערער פליגל, כל זמן ער האָט נישט קיין ממשותדיקן אינטערנאַציאָנאַלן אָנשפּאַר, כל זמן ער האָט נישט אויפצווייזן רעאַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג, בלייבט דערוויל אַ מינדערהייט צווישן דער אַרבעטערשאַפט. נאַטירלעך, אונדז, פּועלי־ציון, איז לייכטער פאַרשטיין און שלום מאַכן מיט אַזאַ סיטואַציע... איך האָב אָבער דעם איינדרוק, אַז אונדזערע חברים און בפרט די יוגנט, צווישן וועלכע מיר האָבן לעצטנס געהאַט דערפאָלג, לעבט איבער אַ קאַצן־יאָמער.

ווי זענען אונדזערע אויסזיכטן אויפן קאָנגרעס? איך מאַך דעם חשבון פון אונדז פּוע״צ: א״י — 2, פראַנקרייך — 1, דייטשלאַנד — 2, עסטרייך — 1, פּוילן — 2, צפון־אַמעריקע — 1, אַרגענטינע — 1, וועלט־ליסטע — אפשר 1, ס״ה 11 — 12. די וואַלן אין פראַנקרייך און בעלגיע זענען נאָך נישט פאַרענ־דיקט, פון אַרגענטינע האָבן מיר נאָך נישט די באַשטעטיקונג וועגן דעם מאַנ־דאַט. אָבער איך רעכן די דריי מאַנדאַטן פאַר זיכער לכל הדעות. די תנועה „לאחדות עבודה״: א״י — 7, פּוילן — 3, דייטשלאַנד — 2, עסטרייך — ?, בולגאַריע — 1, אונגאַרן — 1, רומעניע — 1, ס״ה 15 — 16. אמת, די ידיעות וועגן אייראָפּע זענען נאָך נישט ענדגילטיק. ביז היינט ווייסן מיר נאָך גאָרנישט, ווי וועלן מיר אַרבעטן צוזאַמען אויפן קאָנגרעס. מיר ווייסן אויך נישט, צי זענען זיי שוין גרייט דורכפירן צוזאַמען די פאַראייניקונג אין וועלט־מאַסשטאַב. די פּראָבלעמען, וואָס שטעלן זיך אויפן קאָנגרעס, זענען זייער האַרבע. דער שליסל ליגט, ווי עס דוכט זיך מיר, אין די הענט פון סילווערן. איך זע נישט קיין מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט, מפא״י וועט ווידער אויפשטעלן די קאָאַליציע, אָבער די ערשטע פליגל וועלן שוין פירן די אַלגעמיינע ציוניסטן און נישט מפא״י. עס וואָלט נישט געשאַדט, איר זאָלט זיך באַמיען אויף וועלכן עס איז אופן, און אפשר אַפילו דורך אַ דירעקטער באַגעגעניש, אויפקלערן סילווערס כוונות.

די נעכטיקע זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט געשטעלט די אָפּאָזיציע אין אַ ביסל אַן אומבאַקוועמער לאַגע. די באַטייליקונג אין דער לאָנדאָנער קאָנ־פערענץ וועט אַנטשיידן דער קאָנגרעס. אויב מען זאָל גלייבן קאַפּלאַנען, האָבן

זיי בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם קאָלאָניע־מיניסטעריום זיך געהאַלטן פּיין: אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען וועגן אָפּשטעלן אָדער פאַרלאַנגזאַמען די העפּלה, וועגן אויפלייזן פּלמ״ח; זיי האָבן נישט געשטעלט די באַפרייאונג פון די פירער אַלס פּאָליטישע פאָדערונג, אַלס זעלבסטצוועק; אמת, זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעגרענעצט שאַרף פון דעם טעראָר, אָבער נישט פון Violence. צוויי שעה האָט ער רעפערירט, איך האָב צו אים פערזענלעך דרך־ארץ, און איך קאָן זיך פּאָרט נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז עפּעס איז שטילערהייט אָפּגעמאַכט געוואָרן, וואָס זיי ווילן פאַר קיין פאַל נישט אויסזאָגן; קענטיק, זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז ביזן קאָנגרעס וועט דער אָרגאַניזירטער ישוב זיך באַהערשן און פאַר דעם דאָזיקן פּרייז וועט מען באַפרייען די אַרעסטירטע פירער. ישראל און משה האָבן אָנגעגריפן די עצם „נישט אָפיציעלע" אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן פּאַקטיש אַרומגענומען אַלע ענינים אין תוך; זיי האָבן געמיט זיך צו דערגיין, פאַרוואָס איז עפּעס אַזוי נייטיק איצט די איבערחזרונג פון דער שטעלונג וועגן טעראָר; זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַ באַזונדערע רעזאָלוציע, פון וועלכער אַ טייל (וועגן העפּלה) איז אַריין אין דער אָנגענומענער. חזן און ראָזענבלום האָבן אָנגעוויזן, אַז אין דער רעזאָלוציע, בפרט אין דער באַגריסונג צו טרומאַנען, איז פאַראַן אַ געשמוגלטע באַשטעטיקונג פון דעם חלוקה־פּלאַן. דעם גרעסטן טייל מיינע כוחות אין חודש אָקטאָבער, אַחוץ דער באַטייליקונג אין די וואַלן, האָבן צוגענומען נישט־פּאָליטישע ענינים. מיט דער גרעסטער מי, קודם כל אַ דאַנק דער איבערמענטשלעכער אַרבעט פון טייכמאַנען און בוקסן, איז געלונגען צו פאַרהיטן, אַז דער נישט אָפיציעלער באַנקראָט פון „ביתא" זאָל ברענגען צו אַ צוזאַמענברוך פון מעונות פּועלים. דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, בפרט נאָך בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע. די סכנה איז נאָך נישט אַריבער. מיינע גרעסטע חששות זענען, ליידער, מקוים געוואָרן. איך באַשולדיק זיך, פאַרוואָס צוליב מיין איבערגעטריבענער לאָיאַליטעט צו די איבעריקע חברים אין דער צענטראַלע, האָב איך נישט אויפגעהויבן אַ געוואַלד מיט אַ יאָר צוריק, בעת איך האָב גלייך זיך אַרויסגעזאָגט קעגן „ביתא" און מען האָט מיך איבערגעשטימט. איצט צאָלן מיר טייער. אין בעסטן פאַל וועלן אַלע אונדזערע פאַרדינסטן גיין אויף צו דעקן די דעפיציטן פון „ביתא". אָבער עס דראָט אַ סכנה, מיר זאָלן מוזן צולייגן, בעת מיר האָבן נישט מיט וואָס צו דעקן. אונדזער ריינער אומבאַפלעקטער נאָמען, אויף וועלכן מיר זענען אַזוי שטאָלץ געווען, איז פאַרשמוצט. דאָס דראָט צו שטערן אויך די מוצא־אונטערנעמונג, פאַר וועלכער עס איז געלונגען צו קריגן העכער 4.000 פ. צושטייער אויפן כביש, כדי העלפן באַפרייטע זעלנער אַרבעטן און זיך באַזעצן. מעונות פּועלים — דאָס איז דאָך אַ וויכטיקער טייל פון פּראַקטישן נדן, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין דער פּאַרטיי. ווי פייגלעך

ברייוו צו חברים

איז עס, אַז צוליב יצחקיס פאַנטאַזיעס האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע בטלנים און שלימזלען, אויב נישט אַפּעריסטן.

אַ סך צייט האָט פאַרנומען און פאַרנעמט ביי אונדז אונדזער בידנע קבוצה. איך, ערעם, מוליע האָבן מיט דעם נישט ווייניק צו טאָן. קיבוץ „המאוחד" האָט פאַר די אויערן אַרויסגעשלעפּט די קבוצה אין נגב. פאַקטיש זענען דערווייל פון כפר סבא אַריבער בלויז 10, די איבעריקע 20 זענען מאָביליזירט פון אונדזערע הכשרות. אונדזערע גרינע פון פראַנקרייך און בעלגיע וויל מען קיין נגב נישט שיקן און מיט רעכט. מוז מען דערווייל אויפהאַלטן כפר־סבא. די לעצטע וואָכן האָט עס אונדז געקאָסט 150 פ. מיר זענען אויך איינגעגאַנגען אויפן אַנשלוס פון אַ גרופּע געענדיקטע הכשרה פון מחנות עולים צו אונדזער קבוצה. אָן ארץ־ישראלדיק בלוט קאָן מען נישט איבערקאָכן די פראַנצויזיש־רעדנדיקע יוגנט.

אוי, חבר, זרובבל, ווי טייער צאָלן מיר פאַר אַמאָליקע פעלערן. פון דער זייט איז קאָמיש, וויפל מיר לייגן אין דעם אַריין כוח און געלט. מיר טוען עס צוליב אונדזער יוגנט־באַוועגונג אין אייראָפּע, צוליב אונדזער קיבוצישער באַוועגונג.

מיר ווייסן כלל נישט, ווער פון אונדז וועט פאָרן צום קאָנגרעס. מאַנדאַטן אויף אונדזער חלק זענען פאַראַן נאָר צוויי. אין שייכות מיט דער וועלט־קאָנ־פערענץ דאַרפן פאָרן כאָטש פינף. ווו נעמט מען דערויף געלט?

עס האָט זיך געפונען אַ קבוצה (די אַלטע און אַ פּאָר נייע), וועלכע ווילן פאַכטן די דרוקעריי אין תל־אביב אויף נישט קיין שלעכטע באַדינגונגען. חבר מוליע איז בכלל קעגן פאַרפאַכטן, אַלע איבעריקע חברים זענען אָבער קעגן פירן און אייגענעם רעזשי. צוליב דעם איז נאָך אַלץ נישט אַנטשידן, ווו וועט זיין דער לאָקאַל פון רינגעלבלום־אינסטיטוט. בלויז דאָס בוך איז שוין אויף צוויי דריטל אויסגעזעצט און האָפנטלעך וועט עס דערשיינען סוף נאָוועמבער.

איך האָב בערך איבערגעגעבן אַלץ, מיט וואָס מיר לעבן די לעצטע וואָכן.

איך האַלט פאַר אַבסאָלוט ריכטיק אייער האַלטונג לגבי די אַמעריקאַנער חברים: איינצלנע חברים קאָנען זיין יוצא דופן אין דער וועלט־באַוועגונג, אָבער נישט קיין לאַנדעס־פּאַרטייען. בפרט נאָך איצט, נאָכן חורבן אין אייראָפּע קאָנען מיר זיך נישט דערלויבן אַזאַ מין לוקסוס אין אַמעריקע.

בדרך כלל זענען מיר איצט אַלע זייער אויסגעמאַטערט, און דאָ מוז מען גלייך נעמען די פּאַרטיי אין די הענט פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל, כדי זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַפּאַטיע און קליינמוט נאָך דעם נישט שטאַרק גינסטיקן אויסגאַנג פון די וואַלן.

אַ האַרציקן גרוס די אַלע חברים, וועלכע געדענקען מיך נאָך פון די אַלטע צייטן.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

11.11.46

1. אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן: דער וועקסל פון 15.11 וועט ווערן געצאָלט אַ דאַנק דער איבערווייזונג פון גאָלדמאַנען. געגנוי וועגן די אָפּעראַציעס וועט אייך שרייבן ח׳ מוליע. מיר איז וויכטיק דער עיקר: די סכנה פון אַ קאַטאַסטראָפע איז אַריבער. מעשה נסים. „מעונות פועלים" האַלט זיך נאָך אויף די פיס. דריי געביידעס ווערן אויסגעפּאַרטיקט במשך עטלעכע וואָכן. אויף דער גרעסטער (46 דירות), ווערט די אַרבעט פאַרגעזעצט. און צו באַ־וווּנדערן אונדזער חוצפּה: מען האָט אָנגעהויבן בויען צוויי נייע הייזער (ט׳ אין תל־אביב, י׳ אין רמת גן) דורך פּריוואַטע קבלנים. בלויז אַזוי אַרום האָפן מיר אַרויסקריכן פון דעם שוועון קלאַפּ פון יצחקיס פּראָטעזשע. צי וועט עס באמת געלינגען, וועט נאָך ווייזן די צוקונפט.

2. פאַרגעקומען אַ זיצונג פון צ. ק. געווידמעט די וואַלן. אַ גאַנצע סקאַלע פון אָפּשאַצונגען. יצחקי טענהט וועגן נצחון, אַנדערע וועגן מפּלה. אַ פאַקט, אַז צווישן אַ סך חברים איז פאַראַן אַן אַנטוישונג. די, וואָס האָבן גערעגנט „שאַפּקאַמי זאַקידאַיעם", פילן זיך אָפּגענאַרט. קלאָר, אַז ביי אַ שטיקל בעסערן אַפּאַראַט האָבן מיר געקאָנט האָבן לכל הפּחות נאָך 3—4 טויזנט שטימען. אמת איז אויך, אַז השומר הצעיר האָט „קאַרעגירט" די וואַלן אין זיינע קיבוצים. דער פאַקט איז אָבער: מיר זענען אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע קאָן נישט רעכענען באַלד קריגן די העגעמאָניע. די אַרבעטער־שאַפט אין דער מערהייט זוכט תכלית און איז מיד פון געראַנגל. מען שטימט פאַר מפא״י, ווייל מען האָפט פון איר, אַז זי וועט פאַרט עפּעס אַרויסבאַקומען. טויזנטער שטימען פון עליה חדשה זענען געפאַלן אויפן השומר־הצעיר. מיר האָבן דערהאַלטן אונדזערע שטימען פון פאַר צוויי יאָר נישט אַלס סיעה ב׳, נאָר אַלס רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. דאָס איז אַ דערגרייכונג. אָבער ווייט נישט אַלע חברים פון אחדות העבודה זענען מסכים צו ווערן אַן אָפּאָזיציע. למשל, אין ירושלים האָט עס זייער קלאָר פאָרמולירט אויף אַ פאַרזאַמלונג ליפּאָוו, דער חבר אין מזכירות המועצה פון דער תנועה. אינטערעסאַנט איז געווען דעם זקנס מיינונג: די אַרבעטערשאַפט איז גרייט צו סאָציאַלער דיפערענ־ציאַציע, אָבער נישט צו פאַרטייאישער; ער רוקט ווידער אַרויס דעם לאָזונג פון אגף עבודה אויפן קאָנגרעס. ער שטרעבט בפירוש צו קאָאַליציע, אָבער נישט צו אָפּאָזיציע. נאַטירלעך, דאָ איז זייער אַ סך נישט דערזאָגט: אַן אַרבעטער־פראַקציע מיט דיסציפּלין? אויב יאָ, מוזן מיר זיך אונטערוואַרפן אין פראַגן פון באַטייליקן זיך אין לאַנדאַנער קאָנפערענץ, איינגיין אויף חלוקה וכדומה. אַ סך חברים האָבן שאַרף קריטיקירט, אַז אונדזער אַגיטאַציע האָט זיך קאָנ־

צענטרירט בלויז אַרום די פראַגן פון מאבק און ווייניק באַטאָנט די אַלגעמיין־פּאָליטישע לאַגע, די אַראַבער־פּראַגע, די סכנה פון רעוויזיאָניזם. דער אמת איז: די רעדנער פון אחדות העבודה און אונדזערע רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן, הגם די אויספירן זענען די זעלבע. לײדער, ווי געוויינלעך ביי אונדז: די זיצונג האָט נישט אָנגענומען קיין שום רעזאָלוציע. די טעכניק פון אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז ממש פרימיטיוו.

3. דעם שבת האָבן מיר גערופן אַ באַראַטונג פון די פּועלי־ציון וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ. איך האָב געעפנט: געגעבן אַן איבערבליק איבער דעם צושטאַנד אין די לענדער, אָנגעוויזן, אַז מען מוז דרינגענד דורכפירן די פאַר־אייניקונג אין דער וועלט, און צום סוף מוזן מיר פאָדערן דורכויס אַן איינ־היטלעכע פאַראייניקטע פראַקציע אויפן קאָנגרעס; אין קעגנפאַל וועלן מיר אויפשטעלן צוזאַמען מיט די היגע פּוע״צ־דעלעגאַטן די פראַקציע פון וועלט־פאַרבאַנד. די דיסקוסיע (באַטייליקט זיך 16 חברים) האָט זיך מער באַשעפטיקט מיטן צושטאַנד דאָ. די גאַנצע פאַרביטערונג צוליב דער אָרגאַניזאַטאָרישער צעפאַרנקייט און אידעישן תוהו ובוהו איז געקומען צום אויסדרוק. דערפון האָבן עטלעכע (ריוואָ, ביטערמאַן, האס) געמאַכט אַן אויספיר: אָפּהאַלטן די וועלט־פאַראייניקונג, די גרויסע מערהייט האָט אָבער דורכויס געפאָדערט די פאַראייניקונג, זעענדיק דערין דעם שטויס צו קריסטאַליזירונג פון דער באַ־וועגונג. די פאַראייניקטע פראַקציע אויפן קאָנגרעס וועט פאַרברענען די בריק אויף צוריק צו מפא״י. מיר מוזן באַשולדיקן זיך צוליב אונדזער קנאַפּער אַקטי־וויטעט. אַנדערע האָבן אָנגעוויזן אויף דעם ריס צווישן די יצחקיסטן און אונדזער אַמאָליקער מערהייט. די באַראַטונג איז נאָך נישט פאַרענדיקט. זי איז זייער סימפּאַטאַמאַטיש. אויב נאָכן קאָנגרעס זאָל נישט קומען די וועלט־פאַראייניקונג, אויב דאָ זאָלן אונדזערע כוחות נישט ווערן צעמענטירט, כדי באַאיינפלוסן די פאַרטיי, דאַן האָבן מיר פאַרשפּילט אַ גרויסן שאַנס. כאַראַק־טעריסטיש אָבער, אַז אַפילו די אַממיינסטן פאַרביטערטע האָבן נישט פאַרגע־לייגט דעם וועג אויף צוריק.

4. איר האָט טענות נישט ווייניק וועגן דער פירונג פון סעקרעטאַריאַט. איך בעט אייך געדענקען, אַז איך פיר נישט די לויפנדע קאָרעספּאָנדענץ. בכל אופן וויל איך אַ פּאָר זאַכן ריכטיק שטעלן: א) מיר האָבן געפאָדערט פון די לענדער, וועלכע אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קאָנען אַרויסשטעלן אייגענע ליסטעס, אומבאַדינגט עס טאָן. וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז שוועדן איז נישט בכוח? פון וואַנען זאָלן מיר וויסן, אַז אין בראַזיל און מעקסיקע קאָנען מיר אַרויסשטעלן אייגענע ליסטעס? קיין שום רעגולערע פאַרבינדונג מיט זיי איז נישטאָ, פון אייער בריוו האָבן מיר עס נישט געזען. קיין אורוגוויי און קאַנאַדע

האָבן מיר טעלעגראַפירט און געשריבן, אַנגעוויזן אַז דורך אַ הסכם קאָן מען נישט איבערוווייזן שטימען צו אַ וועלט־ליסטע, געפאָדערט גיין צו די וואַלן. ב) די קאָרעספּאָנדענצן פון אַלטערן וועגן אייער אַרבעט זענען געדרוקט אין „נייוועלט”. מיר האָבן געמיינט, אַז ענלעכעס וועט אָנקומען פון בראַזיל און פּאַראַייניקטע שטאַטן. ג) אלכסנדרס ראַל אין „לאחדות העבודה” איז ווייט נישט אָנטשיידנד. זאָל אייך דעריבער נישט וווּנדערן, וואָס עס פעלן ידיעות פון דער וועלט־באַוועגונג. פאַראַן ערגערע זאַכן: אונדזערע חברים זענען אויפֿגעבראַכט צוליב דעם נעבעכדיקן אויסזען פון 7טן נאָוועמבער־נומער. ד) דאָס פאַרגעניגן צו פירן די אונטערהאַנדלונגען וועגן דער וועלט־ליסטע פאַרגין איך קיינעם נישט. ביזן לעצטן טערמין האָבן מיר געמוזט וואַרטן. ממילא אַזוי שפעט געמאָלדן אין דער וועלט.

5. דעם נומער פון דער אַרגענטינער אויסגאַבע האָב איך אין האַנט נישט געהאַלטן. אָבער פאַרוואָס שיקן זיי נישט דורך פּאָסט עטלעכע עקזעמפּלאַרן?! דער קאַסע־באַריכט איז באַשטימט בלויז פאַרן פּ. ב. און נישט פאַר די לענדער. עס פאַרן אַרויס כמעט אַלע חברים: ערעם — אַלס מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, דעלעגאַטן — ניר און יצחקי (אַבראַמאָוויטש האָט זיך אָפּגעזאָגט צוליב זיין שטעלונג צו חלוקה), צו דער וועלט־קאָנפערענץ — דניאל, מוליע, גרשוני, אַבראַמאָוויטש, טאַרנאָפּאָלער (אויפן חשבון פון דער ליגע „ווי”), קושניר (אויף זיין פּריוואַטן חשבון). איך האָב זיך אויסגערופן צו בלייבן סיי צוליב דעם, וואָס איך קאָן נישט פאָרן, נישט וויסנדיק, צי איז דאָס אויף אַ חודש, צי אויף אַ יאָר, און דער עיקר, ווייל איך וויל נישט אָפּלאָזן די אַלע ענינים, וואָס זענען מיר טייער. קומט אָבער אויס אַ משונהדיקע סיטואַציע: חברים ווילן מיר צוואַרפן אין קאָפּ אויך „נייוועלט” און דעם אָנטייל אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן: אויב מען וועט מיר נישט איבערלאָזן כאָטש נאָך איין חבר, קער איך זיך גלייך אום אין קופּת חולים. איך געדענק, אַז אין 1929 יאָר זענען אויסגעבראָכן די אומרוען פּונקט בעת דעם קאָנגרעס. איך בין פיזיש און גייסטיק נישט בכוח איבערנעמען אַזאַ לאַסט און אַזאַ אחריות. ווי איז אייער מיינונג?

6. מיר האָבן באַשלאָסן איבערלאָזן, ביז אייער קומען, די דרוקעריי אין ר״ג. מיר ווילן אָבער שאַפן אַ הלוואה 250 פּ., כדי דרינגענד רעמאָנטירן די מאַשינען און ראַטעווען זיי פון אַ ברוך.

7. די פאַראייניקונג פון דער גרופּע מחנות־עולים מיט מצודת־בורוכוב איז שוין אַ פאַקט. צבי בן־דעת פון חפצי־בה איז געקומען אינסטרואירן ביידע פּונקטן: נגב און כפר־סבא. פאַרן נגב דאַרפן מיר פינאַנסיעל נישט זאָרגן; אַנדערש איז מיט כפר־סבא. מיר מוזן איצט שאַפן אַ הלוואה פון 300 פּ. אפשר

וועט געלינגען פאַרן קאָנגרעס אייך כאָטש אַ ביסל זיך אָפּרוען. מיך באַאומ־רואיקט אייער קאָפּ־שווינדל. ח׳ מוליע האָט געשיקט מיין בריוו נאָכן פריערדיקן פאַרטיי־ראַט, מיט קנאַפּע צוויי חדשים צוריק, קיין סאַן־פּאַולאָ. האָט מען אים אייך איבערגעשיקט? דעם נאָענטסטן פרייטיק־שבת האָבן מיר ווידער אַ סעסיע פון פאַרטיי־ראַט. איך וועל אייך גלייך באַריכטן.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

18.11.46

די אויסשניטן פון „דבר" גיבן איבער ריכטיק דעם תמצית פון פאַרטיי־ראַט. ממילא וועט מיין דערגאַנצונג זיין קורץ.

1. ערעם האָט פאַרזוכט פאָרמולירן פון דאָס ניי, אויפן יסוד פון דער וואַל־פּלאַטפאָרם, די ריכטליניעס פון דער פּאָליטיק. דער עיקר איז געגאַנגען וועגן פאַרפיקסירן דעם ריס מיט דער ענגלישער אָדער ענגליש־אַמעריקאַנער אָריענ־טאַציע, וועגן וואָס אידעלסאָן אַליין האָט גערעדט אין זיין רעפעראַט. אידעלסאָן איז אָבער ווייט נישט די תנועה, בפרט איז פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן אים און טאַבענקינען. טאַבענקין קאָן נאָך אַלץ נישט פועלן ביי זיך דעם ענדגיל־טיקן ריס מיטן ענגלישן מאַנדאַט. יצחקי האָט זיך באַגנוגנט מיט פעסטשטעלן, ex presidio, אַז די פאָדערונג פון אינטערנאַציאָנאַלער אויפזיכט איז אויסן אַריינברענגען אויך דעם ראַטנפאַרבאַנד אַלס פאַקטאָר ביים דעצידירן דעם גורל פון לאַנד. ער האָט אויפן פלענום, אין נאָמען פון דער פערמאַנענץ־קאָמיסיע פאַרטיידיקט די שטעלונג פון דער מערהייט קעגן ערעמען. אידעלסאָן האָט זיך צעקאָכט און האָט פאַרגעלייגט אַראָפּנעמען ערעמס פאָרשלאָג. וכך הווה: מיט 48 שטימען קעגן 16 איז ער אַראָפּ.

2) אַלע אַן אויסנאַם כמעט זענען געווען איניק, אַז עס איז נישטאָ קיין רייד וועגן אויפשטעלן אַן אַרבעטער־פליגל מיט צוואַנג־דיסציפּלין. דאָס איז אַ גרוי־סער פּראָגרעס. די חברים פון דער תנועה האָבן איינגעזען, אַז עס איז נישטאָ קיין וועגן אַנצונעמען מערהייט־באַשלוסן אין אַזעלכע קאַרדינאַלע פראַגן, ווי, למשל, חלוקה. פון אונדזער זייט, נאַטירלעך, איז קיינער נישט קעגן אַן איינ־הייטלעכן פראַנט געבויט אויף קאָאָרדינאַציע און עווענטועלער פשרה.

3) וועגן אַנטייל אין דער עקזעקוטיווע בין איך, דוכט זיך, דער איינציקער, וואָס איז אַרויס קעגן דעם, כל זמן עס איז נישטאָ קיין געמיינזאַמע פּאָליטישע פּלאַטפאָרם. איך בין נישט מסכים מיט נירן, אַז מען קאָן מאַכן אַן אַנאַלאָגיע מיט דער לייטונג פון ועד־לאומי, ווו עס איז בפירוש נישטאָ קיין פּראָגראַמאַ־

טישע קאַליציע. די חברים פון דער תנועה, מיט טאַבענקינען בראש, קאָנען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן, ווי קאָנען מיר בלייבן דערווייטערט פון דער אָנפירונג מיט קאָלאָניזאַציע און עליה, ווו אונדזער באַוועגונג האָט אַזאַ וויכטיקן אָרט אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ערעם האָט פאַרגעלייגט אַ פאָרמולירונג, וואָס האָט באַדייט, אַז מיר גייען אין עקזעקוטיווע בלויז בתנאי, אַז מען גיט דאָס זעלבע רעכט אויך דעם השומר הצעיר. ווידער געקומען צו אַן אָפּשטימונג, ווו די מער־הייט באַקומען עטלעכע און פערציק שטימען, און ערעמס פאָרשלאָג — 24. און ווידער — יצחקי גייט מיט דער מערהייט; דאַקעגן פאַר ערעמס פאָרשלאָג שטימט אויך די תל־אביבער אָפּאָזיציע, (טובין, בן־ירוחם, איטקין און אַנדערע), וועלכע דערנענטערן זיך לעצטנס שטאַרק צו אונדז.

4) אויך די חברים פון דער תנועה פאַרשטייען די נויטווענדיקייט פון אַ געאייניקטער וועלט־פראַקציע אויפן קאָנגרעס. דעריבער רעדט די רעזאָ־לוציע וועגן אַ געאייניקטער פראַקציע מיט די פאָרשטייער פון די שוועסטער־פאַרטייען. אָבער די חברים פון דער תנועה וואָגן נאָך אַלץ נישט צו מאַכן דעם לעצטן אויספיר: די וועלט־פאַראייניקונג. אויף דער זיצונג פון דער פאָליטי־שער קאָמיסיע האָט אידעלסאָן גערעדט וועגן דעם, ווי וועגן אַן אומפאַרמייד־לעכער זאַך. ביאַלאָפּאָלסקי און טאַבענקין אויפן פאַרטיי־ראָט האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז זיי פאַרלאָזן פרייוויליק דעם רעכטן וועלט־פאַר־באַנד. קענטיק, זיי וואַרטן, מען זאָל זיי אויסשליסן; אַליין וואָגן זיי נישט צו רייסן. ממילא איז אין דער רעזאָלוציע נישטאָ קיין וואָרט וועגן דער וועלט־פאַר־אייניקונג. אין דער דיסקוסיע האָב איך וועגן דעם אויספירלעך גערעדט. לויט מיין מיינונג, וועט ערב דעם קאָנגרעס מוזן קומען פון אונדז אַ שטאַרקער דרוק, כדי נישט דולדן לענגער אַזאַ מין נישט נאָרמאַלן צושטאַנד. עס שטעלט זיך פאַלגנדיקע פראַגע: וועט די געאייניקטע פראַקציע זיין געבויט אויף אָבליגאַ־טאָרישער דיסציפּלין? די תנועה וועט האָבן אַ מערהייט פון 5—6 דעלעגאַטן. אונדז לוינט אונטערוואַרפן זיך דער דיסציפּלין, אַז עס קומט תיכף ומיד די פאַראייניקונג. אויב אָבער עס דאַרף אויך אויף ווייטער בלייבן דער ביז איצטי־קער צושטאַנד, דאַן קאָן זיין אַ פראַקציע בלויז אויפן יסוד פון צונויפרעדן זיך. מיר דאַרפן אויך געדענקען, אַז אין די פראַגן פון אַ פאַרשטייערשאַפט אין די אינסטאַנצן קאָנען מיר ליידן אַלס פאַראייניקטע פראַקציע. איך בין דאָס גרייט אָננעמען באהבה, אויב מיר וועלן אַרויפשטייגן צו אַ העכערן שטאַפּל פון וועלט־פאַראייניקונג. מיר האָבן געהאַט אַ ביסל אומאַנגענעמלעכקייטן מיט די יצחקיסטן. אַבראַמאָוויטש זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש צו פאָרן סיי אויפן קאָנגרעס, סיי אויף דער וועלט־קאָנפערענץ. האָבן זיי זיך איינגעשפּאַרט, איך זאָל פאַרטרעטן בן־אפרימען. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן, אַז טאַרנאָפּאָלער. די דעלעגאַציע צו דער ו.ק. איז בכן: ערעם, ניר, יצחק, מוליע, גרשוני, טאַרנאָפּאָלער. אלכסנדר וועט

פאַרן בלויז אין דעם פאַל, אויב עמעצער פון די דריי: לעוו, אַבראַמאָוויטש, יוסף וועט איבערנעמען די רעדאַקיצע פון „גייוועלט״.

איך פאַרענדיקט איצט אייער אַרבעט אין אַמעריקע. עס דערוואַרט אייך גאָרנישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט אין באַזעל. איך גרייט צו אַ מעמאָראַנדום צו דער וו. ק. וועגן אַלע אַרבעטן, וואָס דאָס פּ. ב. פירט אָן אין א״י. דאָס דאַרף זיין אַ יסוד פאַר אויפשטעלן אַן אַרבעטס-פּלאַן פון דער וועלט-באַוועגונג פאַר א״י. אייער גוואַלדיקע דערפאַרונג און די קענטעניש פון די פאַרהעלטעענישן אין אַלע לענדער פון דער וועלט-באַוועגונג וועט זיין גאָר וויכטיק ביים אויסאַר־בעטן די דאָזיקע פּלענער.

זייט האַרציק געגריסט.

די וויזע פאַר פרידען איז פאַראַן.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

6.1.47

1. צוליב אַ טעות אין אַדרעס (אונדזער פּאָסט-קעסטל איז 4159), איז אייער בריוו פון 1.1 ערשט נעכטן אָנגעקומען.

2. ח׳ מוליע האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט צוגעזאָגט מיר שיקן דעם נוסח פון דער קבלה פאַרן אַרבעטער-קאָמיטעט. די 500 פּ. ליגן אין באַנק, ווייל די רעגירונג דערלויבט נישט צוריקשיקן. די צווייטע וואָך וועל איך מן הסתם דאָס געלט אַרויסקריגן. בין איך אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. איך האָב מורא צו שרייבן צום אַרב. קאָמ. טאָמער פאַל איך אַריין מיט אַן איבעריקן וואָרט. גיט מיר אַן עצה טעלעגראַפיש, ווי צו האַנדלען.

3. אָנגעקומען 30 פּעקלעך ביכער פון אַרגענטינע פאַר דער ביבליאָטעק. וויפל איז דער באַטרעף און וועמען דאַרף די ביבליאָטעק באַצאָלן: צי אונדז?

4. אויף אייער אַדרעס זענען אָנגעקומען אייערע ביכער. מען פאָדערט דורכויס אַן אימפּאָרט-דערלויבעניש. בערל דערליידיקט עס. וואָס טאָן מיט די ביכער?

5. פינקעלשטיין איז אַפּגעפלויגן דעם 27סטן פרי. זיין באַזוך איז איין גרויסער דערפאָלג. ער איז געוואָרן אַן אייגענער. גרויס איז זיין איינפלוס ביים צונויפ־שמעלצן די צוויי טיילן פון דער פּאַרטיי דורכן אַרויסרופן דרך-ארץ צו דער וועלט-באַוועגונג. איצט מוזן מיר דרינגען, אַז אַדאָלף זאָל אונדז אויך באַזוכן.

6. עס דערגייען צו מיר קלאַנגען, אַז דוד קערט זיך אום. ווי אַזוי ווערט זשע אָרגאַניזירט די אַרבעט פון איראָפּעיִשן ביוראָ? ווער וועט שטיין בראש? ווי זענען די אויסזיכטן פאַר דער דורכפירונג פון דער פאַראייניקונג, וועלכע איז כאילו פּרינציפּיעל שוין באַשלאָסן?

7. היינט צו טאָג פעלן אין לאַנד: איר, ערעם, ניר, גרשוני, אידעלסאָן, טאַבענקין, ציזלינג. זייער און זייער שלעכט! די פּאַרטיי איז דערשיטערט צוליב דער קאָנגרעס־העצע. סוף חודש רופן מיר אַ פּאַרטיי־ראַט, כדי רעזומירן די קאָנגרעס־טאַקטיק. יהודה האָט דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן די פּאָליטישע קאָמיסיע. מיט אים גייט די אָפּאָזיציע־גרופּע אין תל־אביב, וועלכע כאַפּט זיך אָן בכל און יעדער מעגלעכקייט צו מורמלען קעגן דעם צ. ק. און דערצו דער מאַנגל פון אַפּאַראַט און די שרעקלעכע געלט־דחקות. און דאָ רעדט מען וועגן אַ טאָג־צייטונג! אָבער ווי מאַכט מען דאָס?

8. די באַשלוסן קעגן די טעראָריסטן זענען אינספּירירט אין אַ גרויסער מאָס דורך אונדז. איצט דאַרף מען דערוואַרטן, ווי אַזוי וועלן זיך אַפּוויקלען די געשעענישן. עס קאָן ווערן בלוטיק ערנסט!

9. איך מאָל מיר, ווי וויכטיק איז אייער נסיעה איבער די לאַגערן. ווי איך הער, פּלאַצט דאָס מענטשלעכע געדולד פון די פּליטים. אייער השפּעה דאַרף זיי צוגעבן כוח און עקשנות. אגב, וואָס מאַכט פרידע נאָך איר פּאַרקילונג? בלייבט זי ווירקלעך אין די לאַגערן אויף אַ יאָר צייט?

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

9.1.47

1) נאָך 28 יאָר פּאַרטיי־דינסט האָט די באַוועגונג אָנפאַרטרויט מיר אַ זייער וויכטיקן אַמט. איך בין גרייט דערפילן מיין פליכט מיט מיינע אַלע כוחות. עס שווימען אָבער אויף ביי מיר אַ גאַנצע ריי פראַגן: א) צי זאָל איך געזעצלעך פאַרלאָזן ירושלים? דורך די גאַנצע 7 חדשים פון מיין אַרבעט אין תל־אביב האָב איך נישט קיין צימער, נאָר בלויז אַ שלאָף־געלעגנהייט. מילא, כל־זמן איך בין געווען אין ת״א 3—4 טעג אַ וואָך, איז עס נאָך געווען צו דערליידן. די לעצטע חדשים, ווען איך בין געצוווּנגען דאָ צו פאַרברענגען 5—6 טעג אַ וואָך, פאַל איך ממש פון די פיס. איך בין אינערלעך קעגן פאַרלאָזן ירושלים, ווייל איך שאַץ זייער שטאַרק די וויכטיקייט פון האַלטן זיך אין דער דאָזיקער שטאָט. לעצטנס פיל איך זיך גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיט דער זידלונג אין מוצא און וואָלט געוואָלט דאָרט שוין אויסלעבן מיינע יאָרן. און דערצו אַ גאַנץ פּראָזאַישע פראַגע: ווי ווערט מען פּטור פון מיינע שכנים אויף זרובבל 10? ב) צי זאָל איך פאַרלאָזן געזעצלעך קופּת־חולים? זיי וועלן דאָך נישט פאַרלענגערן מיין אורלויב אין דער אומענדלעכקייט. קאָן די באַוועגונג מיר זיכערן כאָטש דעם מינימום פון אַ הסתדרות־אָנגעשטעלטן? ג) כדי מיין אַרבעט זאָל זיין ווירקלעך פּראָדוקטיוו, ד. ה. אַרומנעמען סיי דעם פ. ב., סיי דעם רינגעלבלום־אינסטי־

טוט און אַלס צולאַג מעונות פועלים, מוז איך האָבן אַ מיטאַרבעטער. שטייט ווידער די פראַגע וועגן פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. איך ווייס נישט ווי וויל מען אויפ־בויען אַ נאַרמאַלן בודזשעט פון פ. ב.

2) צו מיין שטוינונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ח׳ מוליע האָט נישט פאַר־טיילט אויף דער וו. ק. מיין מעמאָראַנדום וועגן דער פּראַקטישער פּאַלעסטינע־אַרבעט פון דער וועלט־באַוועגונג. עס איז פאַרפאַסט געוואָרן די זעלטענע געלעגנהייט אַרומרעדן קאָנקרעטע אַרבעטס־פּלענער און וועגן זיי באַשליסן. דערווייל איז ממש אַ טראַגי־קאָמישע לאַגע: שטייט אַ ליידיקע פאַרמויערטע דירה אויף נחמיה 15, וואָס קאָסט אונדז יעדן חודש היפשע פונטן; דאַקעגן ליגט די שיינע ביכער־מתנה אין די קאַסטנס און דער ריגנגעלבלום־אינסטיטוט שוועבט נאָך אַלץ אין לופטן.

ח׳ חיימס באַזוך איז אַ גרויסער אויפטו. ער באַצויבערט די חברים, רופט אַרויס דרך ארץ צו דער באַוועגונג און אַלע אינסטיטוציעס. אַ וואָך צייט בין איך פון אים נישט אָפּגעטרעטן: 4 טעג אין ת״א און אומגעגנט, 3 אין ירושלים און אומגעגנט. נעכטן איז ער אַרויסגעפאָרן מיט בן־אפרימען קיין צפון. פרייטיק־שבת וועט ער זיין אין חיפה. זונטיק נעמט אים אין די הענט אורי. פון מיינע שמועסן מיט אים הייבט זיך אָן צו וועבן אַ פאַנטאַסטישער פּלאַן: אויפבויען אַן אינוועסטיציע־געזעלשאַפט דרום־אמעריקע—א״י, לויטן בײַשפּיל פון דער באַנק דרום־אַפריקע—א״י. איך בעט אייך, נישט באַטראַכטן מיך פאַר משוגע. חיים איז אַזוי באַשעפטיקט, אַז עס איז נישטאָ קיין רייד וועגן שרייבן אַרטיקלען. איר מוזט אונטעריאָגן שווייצערן און דעם באַריכט זיינעם אויסרעדאַגירן.

מיט אומגעדולד דערוואַרט איך דאָס צוריקקומען פון די חברים. איך בין זייער פאַרמאַטערט. אַ יאָר צייט נישט גערוט.

אייער יעקב

האַרציקע גרוסן פאַר פרידען. צוליב חיימען זע איך איצטער עפּטער בערלען מיט תמרן און קוועל־אָן פון יונגן פאַרפאַלק.

טייערער חבר זרובבל!

27.1.47

דערהאַלטן דעם בריוו פון 1־טן. קיין שווייץ געשיקט 7 בריוו. דאָס איז דער דריטער בריוו קיין פּאַריז.

1) מה אומר ומה אדבר? פון פינקעלשטיינען האָב איך נישט געקאָנט פאָדערן קיין אַרטיקל; ער איז צעפּיצלט געוואָרן אויף צענדליקער זאַכן. בלויז מיר דאַרף מען פאַרדאַנקען, וואָס איך האָב דאָך איינגעשטעלט אַ סדר אין זיין אַנגעשטרענגטער אַרבעט. דערצו איז ער עטלעכע טעג געווען פאַרקילט און

האָט זיך שלעכט געפילט. איך פרעג דאָך: ווי אַזוי קאָן אַ גאַנצע פּלעיאַדע אונדזערע בעסטע מענטשן פּועלן ביי זיך נישט אָנשרייבן קיין ערנסטע אָפּשאַצונג נישט פון קאָנגרעס, נישט פון וועלט־קאָנפערענץ? אָט לאָז איך איצט אַרויס אַ ביולעטין אָן אַ וואָרט וועגן אַזעלכע צוויי געשעענישן. פריער פאַר אַלץ, פאַר די זיצונגען פון פ. ב. און אוודאי פאַר די נסיעות איבער איירָאָפּע האָט מען געדאַרפט עס דערליידיקן. דניאל איז די ערשטע וואָך נישט געזונט און אין „נייוועלט" איז ווידער נישטאָ קיין פּיפּס וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ.

2) צי דאַרף איך פאַרשטיין, אַז איר פאָרט נישט אין די לאַגערן? אָדער אפשר וואַרט איר נאָך אַלץ אויף דער וויזע און דערווייל כאַפּט איר זיך אַריבער קיין בעלגיע און האָלאַנד?

3) איר דערמאָנט וועגן מיין אַרבעט אין איירָאָפּע. איצט בין איך שוין גאָר צעטומלט! הייסט עס, איך דאַרף זיך גרייטן צו דער נסיעה? און וואָס איז מיט מיין אַמט, צו וועלכן איר האָט מיך באַשטימט?

4) ח׳ מוליע שרייבט מיר וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט די נייע חברים; עס בלייבט אַ מאָדנער ביי־טעם. די כוונה איז דאָך קלאָר: מען וויל צעברעקלען אונדזער וועלט־פאַרבאַנד, הגם דערווייל איילט מען זיך נישט דורכפירן די פאַראייניקונג אין פוילן און לאַגערן. שוין זשע איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט גאָרנישט?

5) פון עסטרייך דערהאַלטן אַ פאַרצווייפלטן רוף נאָך הילף. זיי זענען אַנטוישט, וואָס די וועלט־קאָנפערענץ האָט נישט געפונען קיין צייט צו באַטראַכטן זייער ביטערע לאַגע. וואָס קאָן איך פון דאַנען אויסהעלפן? אפשר פאַרנוצן אַ טייל געלט אויף פּעקלעך פון דער סומע קרוב 500 פ. פון אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איך וועל מן הסתם קריגן די נאָענטסטע טעג?

6) דורך פּתח־תקוה דערגאַנגען צו מיר קלאַנגען, אַז דוד דעמיסיאָנירט און קערט זיך אום. ווער נעמט איבער דערווייל די לייטונג פון איירָאָפּעישן ביוראָ? צי האָט איר באַשלאָסן, אַז נחום זאָל אַרויספאָרן קיין מערב־איירָאָפּע? ליאָלעס מוטער איז זייער שווער קראַנק שוין 8 וואָכן, דערווייל אָבער פעלן פראַנצויזישע טראַנזיט־וויזעס פאַר איר גאַנצער אונרא־גרופּע.

דערווייל איז דאָ אויפגעשוווּמען דער פּראָיעקט פון אַ טאָג־צייטונג. די פאַרביטערונג אין דער פּאַרטיי קעגן די העצערישע באַריכטן פון קאָנגרעס אין „דבר" און „משמר" איז גורם דערצו. בכלל איז שוין די העכסטע צייט, איר זאָלט זיך אומקערן. מען מוז, כדי אויפמונטערן די פּאַרטיי, האָבן אייער הילף.

אייער יעקב

בריוו צו חברים

טייערער חבר זרובבל!

2.2.47

איך שרייב אייך היינט פרי, פונקט מיט דעם זעלבן געפיל, ווי שבת דעם 24.6.46. עוצר איז נאָך נישט דערקלערט, אָבער אַ ליאַדע שעה, אין בעסטן פאַל — אַ ליאַדע טאָג, דאַרף מען דערוואַרטן די איינפירונג פון קריג־צושטאַנד. ווידער דער געדאַנק: ווען וועלן מיר זיך זען? ווידער דער פאַרלאַנג: בלייבט אין אויסלאַנד, איידער אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

1. היינט אָדער מאָרגן וועט מען אויפהענגען גרונערן. דער מענטש האָט דערקלערט: „מיין לעבן געהערט מיין קאָמאַנדיר". אצ"ל האָט באַשלאָסן אויס־געדעכנט מפקיר זיין דאָס לעבן פון דעם דאַזיקן מוטיקן יונגנמאַן. לויט זייער באַפעל האָט ער מבטל געמאַכט זיין אונטערשריפט אויף דער אַפּעלאַציע־ביטע. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט די צוויי געכאַפּטע ענגלענדער נאָך לאַנגער פאַרמיטלונג און השתדלותן פון די פאַרשטייער פון רעאַקציאָנער־בירגערלעכע און קלערי־קאַלע קרייזן. עס זענען פיינפולע טעג, ווען אַלע וואַרטן אויף דער דעציזיע פון דער פאַשיסטישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי עס שטאַרקט זיך זייער מאַכט איבערן ישוב.

די רעגירונג, ווידער, וויל אויך אַרויסווייזן איר שטאַרקע האַנט. איצט טענהן זיי: איר האָט געפּועלט צו באַפרייען די געכאַפּטע, טאָ זייט־זשע אַזוי גוט און מעלדעט, מיט וועמען האָט איר אונטערהאַנדלט. אויב נישט, מוזן מיר האַנדלען שטרענג. זיי דראָען מיט איינפירן דעם מיליטערישן צושטאַנד אומ־אָפּהענגיק דערפון, צי וועט אַפילו קומען פריער אַ נייער אַקט פון די טעראָ־ריסטן. דער קריג־צושטאַנד וועט, אין דער ערשטער ריי, זיין חל אויף פאָלגנדע געביטן: תל־אביב און אומגעגנט, נתניה, ראשון לציון און רחובות, צפת און ראש־פינה. עס וועלן קומען: אַרעסטן פון מענער פון 16 ביז 30, מאַסנהאַפּטע אַרעסטן פון דער פירערשאַפט, לאַנגטאָגיקער עוצר, איבעררייס פון טראַנספּאָרט, פּאָסט און טעלעגראַף און נאָך אַזעלכע פאַרגעניגנס.

אין דער אָנפירונג פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס ווערט אַלץ מער רייף דאָס באַוווסטזיין, אַז עס איז שוין אוממעגלעך אויסמיידן דעם דירעקטן צוזאַ־מענשטויס מיט די טעראָריסטן. מיר פאָדערן קאַטעגאָריש דורכפירן אין לעבן די באַשלוסן פון ועד לאומי (אונדזער איניציאַטיוו), וועלכע זענען אויסן צו שיצן דעם ישוב פון די טעראָריסטן: אָפּשטעלן די געלט־אויספּרעסונג, דעם רויב פון אויטאָמאָבילן, די פאַרברעכנס אין די שולן. אויך דאָס שטייט אויף דער גרענעץ פון בירגער־קריג. ווייל, העכסטוואַרשיינלעך, איז עס אוממעגלעך דורכצו־פירן אין לעבן אָן דראָאונג, און, עווענטועל, אָן באַנוצונג פון געווער. אַנדערע גייען נאָך ווייטער: זיי פאָדערן דירעקט שטערן די אַקציעס פון טעראָריסטן, וואָס

פאַרלאַנגט אַנגרייפן זייערע באַזעס. פאַראַן אַ שטילע אַנדייטונג, אַז דערביי וועט מען מוזן קאָאָפּערירן מיט דער מאַכט. איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי אַנגעגליט איז די אַטמאָספער. די אַנטשיידונג איז נאָך נישטאָ.

מיין מיינונג: ביי אַזאַ לאַגע דאַרפן נישט די אָממיינסטן באַקאַנטע פירנדיקע חברים זיך אומקערן.

2. איך לייג ביי דעם באַריכט פון פּאַרטיי־ראַט לויטן „דבר”. די אָפּאָזיציאָנעלע מיינונג איז געווען רעפּרעזענטירט דורך גאַטהעלפן, דראַבקינען און בן־ירוחמען. זיי האָבן מודה געווען, אַז די קאָנגרעס־דעלעגאַציע האָט געהאַנדלט אין הסכם מיט דער ליניע פון דער פּאַרטיי, אָבער זיי זענען מערער אויף דער דאָזיקער ליניע. די אַרגומענטן אין תוך — פון דעם „משמר”־באַגאַזש. וויצמאַן־סימבאָל פון קאָנגרעס, סילווער־פאַרקערפּערונג פון רעאַקציע. מיר האָבן געהאַלפן דעם אויפשטייג פון רעאַקציע. אין דער דיסקוסיע האָט זיך אויסגעצייכנט שלמה לוריא (אַ ברכה פאַר אונדז אַזאַ נאָכוווקס). זייער גוט האָט געענטפערט בן־דורי. מען מוז באַטאָנען, אַז דראַבקין און גאַטהעלף האָבן פאַרענדיקט מיטן פּזמון וועגן איחוד כולל, לכל הפחות, טיילווייזע פאַראייניקונג. אין דער אָפּשטימונג האָט מען איינשטימיק באַשטעטיקט די קאָנגרעס־טאַקטיק ביי 3 אָפּגעהאַלטענע.

אַ באַזונדערן פלאַץ האָט פאַרנומען לעוויטעס דריי־שעהדיקער רעפעראַט וועגן אייראָפּע. מען האָט אים געהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. דער שלום־קאַפּיטל וועגן איחוד עולמי האָט באַוויזן, אַז ער איילט זיך נישט מיט דער פאַראייניקונג. נאָך לעווס קורצן אַריינפיר האָט מען באַשלאָסן צוטרעטן צו אַרויסגעבן אַ טאָג־צייטונג. מען וויל שאַפן אין לאַנד אַ 15 טויזנט, אין אויסלאַנד — נאָך אַזוי פיל. אַ שווערע, אָבער אַ נייטיקע לאַסט געגומען אויף זיך, טאַרנאָפּאָלער האָט באַריכטעט, אַנשטאָט אלכסנדר, וועלכער איז נישט געקומען, אַפילו נישט האַלטנדיק פאַר נייטיק צושיקן וועמען עס איז אָנזאָגן קורץ וועגן דער 11טער וועלט־קאָנפערענץ. מען האָט אים געהערט זייער אויפמערקזאַם, אָבער די טעמע האָט פאַרדינט אַ מער אויסשעפנדן און דורכגעטראַכטן רעפעראַט.

אין די שפּיצן פון דער פּאַרטיי האָט דער קאָנגרעס געבראַכט צו אַ פּאָליטישער דערנעענטערונג און קאָנסאָלידירונג, צו אַ ווילן פירן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע און פּאַרטייאישע עקזיסטענץ, דערנענטערן די וועלט־פאַראייניקונג.

די תל־אביבער אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע איז אַ געפאַר, אויב זי נעמט דראַבקינען און גאָטהעלפן פאַר אירע אידעאָלאָגן.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַגע איז, ווי ביז איצט, זייער שלעכט, צוליב געלט־מאַנגל, אין דער ערשטער ריי.

3. איך לייג ביי דעם קאַסע־באַריכט פאַר צוויי חדשים. פון ח׳ מוליעס

ב ר י ו ו צ ו ח ב ר י ם

בריוו זע איך ווידער, אַז נישט די וועלט־קאָנפערענץ, נישט דאָס פאַרבאַנד־ביוראָ האָבן נישט באַטראַכט און נישט דערליידיקט קיין שום פּראַקטישע ענינים, ממילא אויך די בודזשעט־פּראַגע. מיר איז זייער קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן; עס האָט דאָך נישט קיין זין אויפעסן דאָס ביסל געלט פון דרום־אַמעריקע. קומט מיר אויס זיך צוריקקערן אין קופּת־חולים.

אין פאַל פון קריג־צושטאַנד, שרייבט לויטן אַדרעס: חנה צ׳רניאַק. בשביל יעקב, ירושלים.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים. 3.2.47

נעכטן 12 ביינאַכט מיט אַ ספּעציעלער טאַקסי אָנגעקומען אַהיים. נישט וויסנדיק, וואָס עס וועט ברענגען דער הייַנטיקער פרימאָרגן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך פונאַנדערטיילן אין דריי חלקים: תל־אביב, צפון, ירושלים. מיר רעכענען זיך מיט דער עווענטואַליטעט, אַז דאָס לאַנד וועט ווערן צעשניטן אין עטלעכע אָפּגעזונדערטע טיילן, ווו עס וועט זיין אַ פאַרשידענער רעזשים. מען רעכנט, אַז פון ירושלים וועט נאָך זיין אַ פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. חוץ דעם דאַרפן אַהערקומען בערל און שאַוווסקי (ערשט היינט האָט ער געזאָלט אָנקומען אין לאַנד). זאַלבעדריט דאַרפן מיר בילדן די רעפּרעזענטאַנץ כלפּי די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. נעכטן איז ביי מיר געווען די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע זיצונג אין מיין לעבן. איך האָב געוווסט, אַז מען שטימט אָפּ נישט גלאַט אַ שטעלונג. פאַר די אויגן זענען מיר געשטאַנען טויזנטער יונגע דעמבעס, מיין זון אַריינגערעכנט. איך האָב אייך שוין נעכטן געשריבן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער ישוב קאָן לענגער נישט דולדן, ער זאָל שטיין אויף די קני פאַר דער קאָמענדאַנטור פון אצ״ל, כדי זי זאָל דערלויבן גרונערן אונטערשרייבן. דאָס איז דאָך סימבאָליש: נישט די אַגענץ, נישט ועד־לאומי דעצידירן שוין מער נישט וועגן דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. די סכעמע איז אַן איינפאַכע. געהאַנגען גרונערן, רעוואַנזש פון אצ״ל, קריג־צושטאַנד. דאָס איז הונדערטפּראָצענטיק זיכער. היינט האָב איך געהערט, אַז עס איז נישט אינגאַנצן זיכער, אַז אויף יעדן פאַל וועט ווערן איינגעפירט קריג־צושטאַנד, אפילו ווען דערוויל זאָלן די טעראָריסטן זיצן שטיל. בכל אופן, אַזוי וויל מען גלויבן. פאַרשטייט איר דאָך שוין, ווי אַזוי עס פירט אַרויס פון די כלים די אויסגערעכנטע פּראָוואָקאַציע פון אצ״ל. מפא״י און השומר־הצעיר פאָדערן דעריבער: עס געגוגן שוין נישט די באַשלוסן פון ועד־לאומי וועגן שיצן

דעם יידישן ישוב פון טעראָר: מען מוז נישט דערלאָזן צו קיין שום מעשים זייערע, געווענדעט קעגן דער רעגירונג. מיט וואָס עס שמעקט, דאַרף איך נישט דערקלערן.

מיר האָבן נעכטן נאָך אַ ליידנשאַפטלעכער דעבאַטע רעזומירט אונדזער שטעלונג. מיר וועלן זיך באַמיען מיט אַלע כוחות איבערצייגן, אַז די עצם אויספירונג פון די באַשלוסן פון ועד־לאומי וועגן שיצן דעם יידישן ישוב איז עלול ברענגען צו אַ בלוט פאַרגיסונג. וועלן מיר אָבער בלייבן אין דער מינדערהייט, וואַרפן מיר זיך אונטער דער דיסציפּלין. טאָמער אָבער עס דערגייט צו קאָאָפּעראַציע מיט דער מאַכט, וועלן מיר נישט מיטמאַכן. די דאָזיקע וואָרענונג אונדזערע גיבן מיר איבער, ווען מען דאַרף. ברען־שטאָף זאַמלט זיך פון אַלע זייטן. צווישן די אַראַבער פירט זיך אַ פיבערהאַפטע העצע. לעצטע וואָך זענען אין רחובות פאָרגעקומען פאַלן פון פאַרגוואַלדיקונגען און מאָרד, אויסגעפירט דורך אַראַבישע באַנדעס. דאָס זענען נישט גלאַט קרימינעלע פאַרברעכנס. אין מגדל צדק קאָן אַ ליאַדע טאָג אויסברעכן אַ צוזאַמענשטויס צווישן יידישע און אַראַבישע אַרבעטער, אַחוץ די 92 פאַראַנענע אין דער שטיין־ און קאַלך־אונטערנעמונג. אין פתח־תקוה קאָן ווידער אַ ליאַדע טאָג זיך באַנייען דער סיכסוך מיט די רעוויזיאָניסטן אַרום דעם אַרבעט־פּלאַץ אין די וועבערייען, וואָס די רעגירונג האַלט ביים עפענען אויף דער פאָדערונג פון די פאַבריקאַנטן. אין דעם דאָזיקן קנויל פון אינטערעסן און אינטריגעס, וואָס קאָן יעדע מינוט אָנהייבן צו שפּייַען מיט פייער און בלוט, דאַרף ווירקן אונדזער פאַרטיי.

נעכטן האָב איך אייך באַריכטעט וועגן דעם קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס, וואָס איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין אונדזער פאַרטיי־ראַט. איך ווייס נישט, צי געפינט איר זיך אין די לאַגערן. דאָס איז זיכער אויסערסט וויכטיק. פון דער צווייטער זייט, דוכט זיך מיר, איז נייטיק איצט אַ פעסטע רעפּרעזענטאַנץ פון דער א״ידיקער פאַרטיי (איר, יצחק, ישראל, אהרן) און אַ טעטיק אייראָפּעיש ביוראָ. וואָס איז מיט דודן? איך וועל זיך באַמיען פון דאַנען אויפהאַלטן די פאַרבינדונג, כל זמן איך וועל קאָנען, אָבער מען מוז זיך רעכענען מיט דער עווענטואַליטעט, אַז אַלע פעדעם וועלן מוזן אַריבערגיין קיין פּאַריז. עס וואָלט אפשר גוט געווען שוין איצט, אויפן סמך פון מיינע לעצטע בריוו, אַרויסשיקן איבער דער וועלט אַן אינפאָרמאַציע. עס מוז דאָך דויערן אַ טאָג־צוויי, אײדער איך וועל דאָ איינאָרדענען אַ שטיקל ביוראָ. און ווער ווייס, צי די פּאָסט וועט פונקציאָנירן.

אייער יעקב

בריוו צו חברים

ליבער חבר שלמה! (שווייצער)

ירושלים, 3.2.47

איך בין נישט זיכער, צי זרובבל געפינט זיך אין פּאַריז. איך מוז אָבער שוין איצט אויפשטעלן דורך פּאַריז אַ פֿאַרבינדונג מיט דער וועלט־באַוועגונג. גיב איך אייך דאָס רעכט עפענען אַלע מיינע בריוו, כל זמן זרובבל איז מחוץ דער שטאָט. איך בעט אייך מאַכן קאָפּיעס בלויז פון די פּאָליטישע און פּאַר־טייאישע אינפאָרמאַציעס (ריין אינערלעכע ענינים פון פּ. ב. לאָזט אַרויס) און צושטעלן עס קודם כל די פּאַרשטייער פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי (ישראל, יצחק, אהרן), אויב זיי געפינען זיך אין פּאַריז. די אינפאָרמאַציע איז אַ פּאַרטרוילעכע, אין דער פּרעסע טאָר מען עס נישט געבן. וויטערדיקע קאָפּיעס שיקט אין די צענטראַל־קאָמיטעטן אין די לענדער. הגם איך רעכן, אַז איר באַזיצט אונדזערע אַדרעסן לשם פּאַרגלייך.

וואָס הערט זיך מיטן באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ? שיקט אונדז וואָס שנעלער, אָבער אַ קאָפּיע לאָזט איבער ביי זיך. גאַנץ מעגלעך, אַז מיר פון דאַנען וועלן שוין נישט קענען פונאַנדערשיקן. וועט איר עס מוזן טאָן. עס קומען אָן ביטערע שווערע צייטן. איך גלויב, מיר וועלן דאָ אויספירן אונדזער פליכט ביזן סוף. עס איז אַ טרייסט גראָד איצט דאָס געפיל, אַז אין דער ברייטער וועלט האָבן מיר אַ רעזערוו הינטער אונדז.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

תל־אביב, 7.2.47

פון בערלין האָב איך געהערט, אַז איר זענט שוין אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. איך מאָל מיר, וואָסער גוואַלדיקן איינדרוק וועט איר מאַכן אויף דעם לאַגער־ישוב, וואָס נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין דערמוטיקונג און אויפ־קלערונג. פון דער צווייטער זייט, לויט מיין מיינונג, מוזט איר פאַרקירצן דעם באַזוך. אין אַזאַ גורל־שעה מוזט איר זיין אין פּאַריז און נעמען אין אייערע הענט די פירונג פון אונדזער וועלט־באַוועגונג. אפילו ווען איך וועל קאָנען אויפהאַלטן דעם אינפאָרמאַציע־דינסט פון ירושלים, איז נייטיק גראָד איצט אַ פעסטע און ענערגישע האַנט פון דער פרייער וועלט־שטאָט פּאַריז, פאַר אייראָפּע און אַמעריקע. חוץ דעם איז נייטיק אויפשטעלן, בפרט אין מאָמענט פון קריג־צושטאַנד, אַ רעפּרעזענטאַנץ פון דער ארץ־ישראלדיקער פּאַרטיי.

אייערנעכטן בין איך געווען אויפן פּלענום פון ועד־לאומי. די רעדנער קענען מיך נישט פון היינט. אָבער, בנאמנות, נישט די רעדעס זענען געווען דער עיקר דאָס מאָל, אגב, דאָס אינטערעסאַנטסטע איז געווען פון הרב הערצאָג, וועל־

כער האָט געמאַכט אַ געלונגענעם פאַרגלייך מיט אירלאַנד. אויף מיר האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די איינשטימיקייט פון דעם באַשלוס אָפּצוּוואַרפן דעם אולטימאַטום. אַ גאַנצער ישוב גייט אויף קידוש השם. דאָס הייסט נישט, אַז די געפאַר פון קוויסלינגיזם איז נישטאָ. אָבער די גרויסע מערהייט פון ישוב איז פול מיט שנאה צו דער פרעמדער אָקופּאַציע־מאַכט און וויל מיט איר נישט קאָאָפּערירן.

נעכטן געווען אַ זיצונג פון צ. ק. די לעצטע, וואַרשיינלעך, אויף אַ לאַנגע צייט. פון בערלס אינפאָרמאַציע וועגן דעם קריג־צושטאַנד: זיין עיקרדיקער ציל ווירטשאַפטלעך חרוב מאַכן דעם ישוב, אויפלייזן סוכנות און ועד־לאומי, אַרעסטן, זוכן געווער, עוצר, אין בעסטן פאַל, אויף 14—16 שעה אין מעת־לעת, שלוס פון פרעסע. די אויסברייטערונג פון דעם, וואָס איז נישט פאַרעפנטלעכט: אַלס ערשטע תשובה פון ישוב — שטרייק פון שטייער־צאָלער, נישט צאָלן די קאָנטריבוציע אויף אויסהאַלטן דאָס מיליטער. דאַקעגן אויסנוצן יעטוועדע מעג־לעכקייט, כדי אויפהאַלטן די ווירטשאַפט און די סאָציאַלע הילף. איך האָב צווישן אַנדערן געזאָגט: אויב די לאַנדאַנער געשפּרעכן ענדיקן זיך מיט אַ פול־שטענדיקן דורכפאַל און אין לאַנד איז קריג־צושטאַנד, מוז די אַגענץ, בלית־ברירה, גיין אויפן וועג פון קאַמף. אין אַזאַ צייט מוזן מיר פאַרלאַנגען — אַ ליטונג פון נאַציאָנאַלער אחדות, אַריינגעמען אונדז און השומר הצעיר אין דער עקזעקוטיווע. עס האָט מיך אונטערגעהאַלטן בלויז בן־דורי, הגם אויך ער נישט מיטן פולן האַרצן. די שטימונג איז: זאָלן זיי זיך ווענדן צו אונדז אין אַן עת צרה! מען האָט באַשלאָסן: פונאַנדערטיילן די פירנדע כוחות אויף דריי טיילן, שאַפן במשך צוויי־דריי טעג כאַטש 1.500 פונט. בדרך־כלל, דריקט דאָס געפיל, אַז די פאַרטיי איז לחלוטין נישט צוגעגרייט פינאַנציעל און אָרגאַני־זאַטאָריש.

זייט מיר געזונט, טייערער חבר!

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

תל־אביב, 18.2.47

איך האָף, אַז דער דאָזיקער בריוו וועט אייך שוין זיכער טרעפן צוריק אין פאַריז. אַלע פריערדיקע וועט איר אָפּנעמען צוזאַמען מיט די ביולעטינען ביים ח׳ שווייצער. ווען פאָרט איר אַרויס צוריק? מען רעדט דאָ, אַז אין 2 וואָכן אַרום וועט זיין די זיצונג פון ועד־הפועל הציוני, אָבער מען ווייסט נאָך נישט ווו: אין א״י צי אין אויסלאַנד.

מיר געניסן פון אַן אַטעם־פויזע. דער קריג־צושטאַנד איז נאָך נישט פּראָקלאַמירט אָפיציעל. אָבער מען טאָר זיך נישט נאַרן. מיר לעבן אויף אַ ווולקאַן. גענעראַל באַרקער האָט איבערגעלאָזט לעצטגעלט: באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל אויף 3 טעראָריסטן. לויט אָנווייזונג פון אצ״ל, האַנדלען זיי פונקט ווי גרונער: שרייבן נישט אונטער די ביטע וועגן באַגנעדיקונג אָדער וועגן אַפּעלאַציע. קומט אויס, אַז ווידער איז די לאַגע פון ישוב אָפּהענגיק פון דער קאָמענדאַטור פון אצ״ל. אצ״ל דראָט ווידער מיט כאַפּן ענגלענדער אַלס ערובניקעס.

די לאַגע אין ישוב איז נישט פויגלדיק. די איינשטימיקע באַשלוסן פון ועד־לאומי קעגן די טעראָריסטן, איז נישט לייכט אויסצופירן. ראשית כל טעכניש: מען שטייט כסדר אויף דער גרענעץ פון בלוטפאַרגיסונג, אָדער פון אַ צוזאַמענשטויס מיט דער רעגירונג. איך מיין, אַז איר זייט זיך משער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און איצט גאָר אַ נייע שטערונג: די בירגערלעכע קרייזן ווילן בפירוש סאַבאָטירן. דאָ ווירקן צוויי מאָטיוון צוזאַמען: פשוטער פחד פאַר די טעראָריסטן און דער קלאַסן־אינטערעס, נישט מפקיר זיין זייערע פאַרבינדעטע אין קאַמף קעגן דער הסתדרות. ווערט איצט קעגנשטאַנדלאָז דער פריער־דיקער ויכוח, צי זאָל מען אויסברייטערן דעם קאַמף מיט די טעראָריסטן, אויב אין די פאַלן, ווען דאָס האָט נישט די דירעקטע שייכות צו דער גוואַלד־הערשאַפט איבערן ישוב. ווייזט אויס, אַז אין לאָנדאָן האָט די אַגענץ דאָך איניציאירט דעם חלוקה־פּלאַן, אַפילו צוגעשטעלט מאַפּעס. נאַטירלעך, נישט אָפי־ציעל. דאָך איז שווער צו זיין זיכער, צי איז ווירקלעך אַזוי געשען.

צי איז אייך באַקאַנט, אַז אין בעלגיע זאָל פאָרקומען די פאַראייניקונג אויף אַנדערע באַדינגונגען, ווי די, וואָס איר האָט באַשלאָסן פאַרן אָפּפאָר פון ניר און גרשוני. דהיינו, ביידע טיילן בלייבן פאַרבונדן מיט זייערע וועלט־צענטרען. דאַקעגן ווערט גאָרנישט אָפּגעמאַכט וועגן דעם סטאַטוס פון דער פּאַרטיי אַלס גאַנצע? ניר איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דער ענדערונג פון באַשלוס נאָך זייער אָפּפאָר. איר, אין אייער לעצטן בריוו שרייבט אויסדריקלעך, אַז איר האָט אָפּגעוואָרפן אַן ענלעכן פאָרשלאַג וועגן איטאַליע. ווי שיקט זיך עס אָננעמען דאָס זעלבע בנוגע בעלגיע? מיר האָבן געפאָדערט טעלעגראַפיש פון בעלגיע און פראַנקרייך פּרטים וועגן דער פאַראייניקונג און געפאָדערט אָפּוואַרטן ביז אונדזער הסכמה. ווי ציזלינג דערציילט, זאָל שוין האַלטן גאָר נאָענט וועגן דער פאַראייניקונג פון באָראָכאָוו־יוגנט מיט דרור אין בעלגיע און מיט אַ גרופּע הבונים אין פראַנקרייך. פרעגט זיך: אויף וועלכע באַדינ־גונגען? ציזלינג דערציילט, אַז אין אונגאַרן עקזיסטירט שוין אַ פּאַרטיי „לאחדות עבודה״—פּועלי־ציון. ווי האַלט איצט אין דייטשלאַנד נאָך דעם, ווי מפא״י

האָט שוין אָפיציעל פאַרוואַנדלט די הסתדרות ציונית אחידה אין איר פאַרטיי? פון עסטרייך הערן מיר, אַז פועלי־ציון־צ. ס. פון איין זייט, וואַרפט אָפּ דעם אולטימאַטום פון איחוד וועגן פאַראייניקונג מיט התאחדות און זאָגט זיך אָפּ אויפנעמען די שליחים פון מפא״י, וועלכע קומען שפּאַלטן; פון דער צווייטער, אָבער, באַשליסן אויפהאַלטן די פאַרבינדונג מיט בײדע פּאַרטייען אין א״י; פּראַקטיש באַדייט עס: נישט פאַראייניקן זיך מיט אונדז.

איצט מערקן זיך סימנים פון קריזיס אין בוי צוליב דער פּאָליטישער לאַגע. די היפּאָטעקן־באַנק האָט אָפּגעשטעלט די קרעדיטן, ווייל קאַפּיטאַליסטן קויפן נישט אירע אָבליגאַציעס. דאָס זעלבע אין „ביצור״. ביי אונדז אין מעונות פּועלים האַלטן מיר ביי אָפּשטעלן אין דער מיט דעם בוי פון צוויי הייזער. דאָס איז טאַקע צרות רבים, אָבער אונדז טרעפט עס גאָר שמערצלעך. מיר האָבן געהאַט אַן אויסזיכט צו דעקן דעם דעפיציט פון „ביתא״ ערשט נאָך אָפּוויקלען אַלע אונדזערע געשעפטן. איצט הענגט ווידער איבער אונדזערע קעפּ אַ געפאַר.

דניאל איז געווען קראַנק אַ היפּשע צייט. דער באַריכט פון וו. ק. אין „אַרבעטער־וואָרט״ געפעלט אים נישט, אָבער קיין אַנדערן שרייבט ער נישט. פון שלמהן נאָך נישט דערהאַלטן דעם פּראָטאָקאָל. עס איז זייער שמערצלעך: די וועלט־קאָנפערענץ, וואָס האָט געקאָסט אַ מאַיאָנטעק, איז גענצלעך צעטרענצלט געוואָרן, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דער עפנטלעכקייט, אַפילו וועגן דער אייגענער פּאַרטייאישער עפנטלעכקייט. די רעזאָלוציעס זענען אויך נישט צו־געגרייט.

זייט מיר האַרציק געגריסט!

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 16.3.47

מיט אַ האַלבער שעה פריער האָט מען אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז פון מאָרגן 12 בייטאָג ווערט בטל דער קריג־צושטאַנד. עס איז אָבער נישט קלאָר, צי ווערט אויך בטל דער עוצר אין ירושלים פון 6 ביז 6. אויף ווי לאַנג איז די אָטעם־פויזע? ווער ווייס. אייער דעפּעשע פון 14טן, ווי אויך דער בריוו דורך גרינבוימען, דערהאַלטן (דעם ביולעטין — נישט; זעט צושיקן ביידע נומערן). ווי גוט באמת, וואָס איר זייט געווען אין אַזאַ צייט דאָרט, כדי קענען גלייך אויפמונטערן און פּאָליטיש ווירקן. מיר האָבן זיך געמיט אויפהאַלטן די פאַרבינדונג מיט אונדזערע באַשיידענע כוחות.

און איצט, וועגן אַ פּאָר ענינים:

א) צוויי טעג דויערן שוין די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע. פון אונדז

איז ביז איצט נישט געקומען קיין שום ווענדונג. מען האָט געזאָלט פאָדערן אונדז צו לאָזן אַלס באָאָבאַכטער. מען האָט געדאַרפט וועגן דעם זיך צונויפרעדן מיט השומר הצעיר. וואָס איז געוואָרן, ווייס איך נישט. ווי שיקט זיך דאָס, מיר זאָלן זיך נישט טרעפן מיט סילווערן, שערטאָקן? וועגן דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן זיי נאָך נישט באַשלאָסן. מען וואָלט געדאַרפט כאָטש פאָדערן די זאַך. איך מיין, אַז ביז די זאַך וועט נישט ווערן אַנטשיידן, מוזט איר דאָך אָפּוואַרטן. טאָמער קומט פאַר די זיצונג אין פּאַריז?

2) פון אידעלסאָנס אַ בריוו צום צ. ק. זעען מיר, אַז פּאַקטיש פּירט ער שוין אָן אַ פּאַראַלעל פּ. ב. אין נאָמען פון דער היגער פּאַרטיי. האַלט ער אויף אַ פאַרבינדונג מיט אייך? עס איז דרינגענדיק נייטיק וויסן קודם כל, וואָס איז אונדזער שטעלונג בנוגע דעם ווייטערדיקן גאַנג פון פאַראייניקונג. איילט־צו די תשובות אויפן רעפערענדום פון יצחקי, מוליע, בערמאַן. גיט אָן אייער מיינונג (אין בריוו און טעלעגראַמע דערמאָנט איר עס נישט). שערמאַן האָט טעלעגראַפירט: פ א ר ערשטער מיינונג (ערעם). דעמאָלט וועט אונדז קלאָרער ווערן, ווי צו האַנדלען.

ג) קרן ביטוח לפועלי בנין איז גרייט אונדז געבן פאַרן באַראַכאָוו־הויז 24 טויזנט פונט. אין דער געגנט פון ככר דיזנגוף קאָן מען קויפן אַ פּלאַץ פאַר ביז 15 טויזנט. מען וואָלט געקאָנט פאַרדינען דערביי און שאַפן אַזוי אַרום די מעגלעכקייט גלייך צו שטעלן זיך בויען. ווי האַלט איר פון אַזאַ פּלאַן? כ׳האָב זיך לעצטנס אינטערעסירט — מען קאָן לייכט שאַפן אַ שותף, וואָס זאָל אויס־בויען אַ קינאָ־זאַל (אַלס טייל פון הויז) פאַר אַ קאָנצעסיע אויף אַ צאָל יאָרן. דאָס פאַראַנענע הויז ברנר 14 מוז מען צעוואַרפן, עס איז אַ שטער. ווי איז אייער מיינונג?

ד) דאָס בוך איז דערשינען, אָבער צוליב קריג־צושטאַנד געבליבן שטעקן אין ת״א. איך אַרבעט אינטענסיוו איבערן צווייטן באַנד און האָב אָנגעהויבן דעם אַקטועלסטן „פון באַלפור ביז בעווין״.

ה) דערווייל זענען מיר געבליבן אָן געלט. ניר האָט דערווייל אויסגעצאָלט בערלען 20 פונט.

אייער יעקב

טייערער חבר מוליע!

תל־אביב, 25.3.47

אַנשטאָט אַן אויספירלעכן בריוו שיק איך דעם ערשטן ביולעטין פאַר די מיטגלידער פון פּ.ב. אין אויסלאַנד. אַזוי אַרום האָף איך מאַכן נאָך ענגער די פאַרבינדונג מיט אַלע פּ.ב. מיטגלידער.

איך האָב פּאַקטיש נישט וואָס צוצוגעבן. דאָס אָפּשלעפּן די וועלט־פּאַראייני־קונג פּאַראַליזירט אונדזער פּאָליטישע אַקטיוויטעט. די בעסטע אילוסטראַציע איז אונדזער פּאַסיוויטעט ערב דעם פּלענום פון דער עקזעקוטיווע. מיר אין פּ.ב. האָבן געהאַט באַשלאָסן אונטערנעמען שריט נאָך מיט אַ חודש צוריק און צוליב דער צעקראָכנקייט פון דער פּאַרטיי האָבן מיר גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל אין א״י קענען מיר דאָך נישט דערשיינען סעפּאַראַט. פאַרוואָס האָט איר און אַדאָלף נישט געענטפערט אויפן רעפערענדום וועגן וועלט־פּאַראייניקונג? איר מוזט דורכויס כאָטש איצט טעלעגראַפירן אייער מיינונג.

דער פעסטער באַשלוס, איך זאָל אַרויספאָרן אין יוני שמעקט מיר ווייניק. איך בין שטאַרק פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, וואָס איך פיר.

אייערע בריוו האָבן מיר אַלע צוזאַמען געלייענט. אַן אויסצוג האָב איך געגעבן אין „נייוועלט". די קאָרעספּאָנדענץ פון דער וועלט־באַוועגונג שטראָמט. די פירונג פון סעקרעטאַריאַט איז שוין גענוג אַחוץ מיינע צוגאָב־עסקים: מעונות און ילקוטים. שוין נאָכן קריגצושטאַנד האָבן מיר באַקומען די ערשטע היפּאָטעק־הלוואה פאַר דער מעונות־פּועלים ט׳ (רח׳ יהודה הלוי). איצט פעלט נאָך היפּאָ־טעקן־הלוואה פאַר י׳ און צווייטע היפּאָטעק פאַר ח׳, ט׳, י׳. חוץ דעם שטייען אויף דער ריי אָביעקטן, וואָס מיר האָבן נאָך נישט אָנגעהויבן בויען.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

4.7.47

היינט אָוונט קומט פאַר דער פּלענום פון ועד לאומי און איצט באַראַט זיך די פאַרוואַלטונג. ביז פאַרמיטאָג איז נאָך געווען אומבאַקאַנט, צי מפא״י האָט זיך ענדגילטיק אַנטשלאָסן ברענגען דעם פאַרשלאָג וועגן אויסברייטערן דעם קאַמף מיט די טעראָריסטן. קיינער וואָגט נישט פאַרלייגן אָננעמען דעם אולטי־מאַטום פון דער רעגירונג. די שטימונג איז זייער אַ געשפּאַנטע. מען רעכנט זיך מיט דער עווענטואַליטעט, אַז מאַנטיק וועלן ווערן אויפגעלייזט די יידישע אַגענץ און ועד לאומי. מען אַרבעט אויס פּלענער, ווי אַזוי ווייטער פירן די טעטיקייט. גוט, וואָס ח׳ ניר איז שוין אָנגעקומען, הגם בערל פירט אויס זיין אַמט אין ועד לאומי בשלמות. וועט אָבער נירס אָנוועזנהייט זייער צונוץ קומען, בפרט ווען עס שטייט פאַר די פאַרטיילונג פון דער לייטונג אויף דריי אויטאָנאָמישע טיילן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד.

פון נירן הער איך, אַז יצחקי זיצט נאָך אַלץ אין פּאַריז, וואַרטנדיק אויף דער וויזע. גם זו לטובה! קאָן דאָך זיכער אָנהייבן פונקציאָנירן דער אייראָפּעישער סעקרעטאַריאַט אויף אַלע געביטן: פּאָליטיש, זשורנאַליסטיש, אָרגאַניזאַטאָריש.

וואָס הערט זיך מיטן באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ? ווען טאַקע גיין אין ניוועץ אַזאַ מין קאָנפערענץ, וואָס האָט חוץ אַלעמען, ווי איך הער, אויך אָפּגעקאָסט אַ מטמון מיט געלט? איך דערמאָן נאָך אַ מאָל: ווערט אָפּגעשניטן תל־אביב פון דער וועלט, שרייבט איר אויפן אַדרעס פון מיין שוויגער.

אייער יעקב

טייערער זרובבל, משה און אַדאָלף!

תל־אביב, 1.11.47

הגם איך ווייס נישט צי מיין בריוו וועט אייך נאָך טרעפן אין ציריך, שרייב איך אונטער דעם שטאַרקן רושם פון דעם קאָמיסיע־באַריכט. עס איז געקומען די צייט פונאַנדערצוּוויקלען די דיסקוסיע אין אונדזער גאַנצער באַוועגונג און זי סומירן. ווי אַזוי? עס איז אוממעגלעך צו רופן אַ וועלט־קאָנפערענץ, מוז מען אָנקומען צו אַנדערע מיטלען: א) רעפערענדום צווישן די צענטראַל־קאָמיטעטן לויט דער צאָל שטימען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ. ב) רעפערענדום צווישן די מיטגלידער פון פּ. ב. נאַטירלעך, די צענטראַל־קאָמי־טעטן דאַרפן רופן פריער קאָנפערענצן אָדער פּאַרטיי־ראַטן. עס איז אויסגע־שלאָסן, מיר זאָלן בלייבן פּאַראַליזירט אין אַזאַ מין אַנטשיידנדיקער צייט פאַרן ציוניזם.

איך וועל גלייכצייטיק פאָרלייגן עפּענען אַ דיסקוסיע אין דער ארץ־ישראל־דיקער פּאַרטיי. מיר דוכט זיך, אַז די דיסקוסיע קאָן זיך פירן עפנטלעך, אויף די שפּאַלטן פון אונדזער פּרעסע. אַזאַ גורל־פראַגע פאַרדינט אַן עפנטלעכע באַהאַנד־לונג. מיר האָבן זיך נישט צו שעמען מיט חלוקי־דעות. מיר דאַרפן פאַרלייגן פירן די דיסקוסיע אין דער פאַראייניקטער וועלט־באַוועגונג, אויב אַזאַ פאַראיי־ניקונג איז ווירקלעך נאָענט און אַקטועל. מיר קאָנען אָבער נישט וואַרטן. מיר וועלן נישט זיין ווערט די ערד זאָל אונדז טראָגן, אויב מיר וועלן זיצן שטיל אין אַזאַ צייט. אויב מיר האָבן אַ וואָג אין יידישן לעבן, אויב מיר האָבן וועלכע עס איז השפעה אויף דער דרויסנדיקער וועלט, מוז מען דאָס וואַרפן אויף דער וואָגשאָל פון דער געשיכטע. מאָרגן־איבערמאָרגן וועט זיין די זיצונג פון פּ. ב. וויל איך טעלעגראַפיש קריגן אויך אייער מיינונג.

2. די קאַרלסבאַדער קאָנפערענץ און אונדזער באַראַטונג וועט בכלל נישט ווערן פאַרצייכנט אין אונדזער פּרעסע. עס שאַפט זיך אַ הערלעכע טראַדיציע, ענלעך צו דער מעשה רעזאָלוציעס פון דער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ. אַ דאַנק משהן כאָטש פאַרן בריוו פון ציריך פון 28.8. עס זענען דרינגענד נייטיק באַריכטן און אָפּשאַצונגען פון דער ציריכער סעסיע.

3. ווייסט איר עפּעס וועגן דער ישוב־דעלעגאַציע? ווער איז אַריין פון אונדז אין ביירוט (מיטגליד און פאָרטרעטער). צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז אויף דעם וועג זאָל זרובבל קומען קיין אַמעריקע?

זייט מיר האַרציק געגריסט.

אייער יעקב

מיין טייערער שמעון!

חיפה, 2.3.48

די מינוט דערהאַלטן דיין אַרטיקל און גלייך איבערגעשיקט דער רעדאַקציע. ער איז זייער גוט. כדאי אָנשרייבן אויך וועגן די אַראַבישע פּקידים. וואָס שייך דעם רעפּאָרטאַזש לייג איך פאָר: קלייב אויס אַ פראַגמענט און שיק אים צו מיר פאַר „עתים". אין צייטונג וועט מען דאָך לענגערע זאַכן נישט דרוקן. דאַקעגן, אויב עס וועט דערשיינען דער פראַגמענט, קען מען אויף דעם סמך שפּעטער אונטערהאַנדלען מיט ספרית־הפּועלים.

אַליע איז געווען מיט מיר אַ חודש און גלייך נאָכן מוראדיקן אויפרייס געלאָפן צוריק צוליב דער מוטער. צום גליק איז פון איר משפּחה קיינער נישט געשעדיקט, הגם ביי ביידע שוועגערינס זענען די דירות שטאַרק צעשעדיקט. דאַניאל געפינט זיך איצט אין נוה־אילן ביי מעלה־החמשה. מעגלעך, אַז מען וועט אים צוריק איבערשיקן קיין דן. אַליע און איך ווערן אויפגעפרעסן פון זאָרג. מיט מיר איז איצט ווידער אַ מעשה: מעגלעך, אַז איך וועל מוזן פאָרן קיין דרום־אַמעריקע.

זייט מיר ביידע האַרציק געגריסט.

אייער יעקב

מיינע טייערע שמעון און שרה!

ת"א, 15.3.48

דאַנעלע איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין לינקער האַנט און פוס. ער דאַרף אַרויסגיין פון שפּיטאָל די וואָך. עס איז געשען אַ גרויסער נס. צו זיין צוואַנציקסטן געבוירנטאָג, וואָס פאַלט אויס גראָד היינט, האָט דער גורל געבראַכט אַליען און מיר אַ גוטע מתנה. די האַנט פאָדערט שפּעטער אַ לענגערע באַהאַנדלונג. פּרטים וועגן דער וווּנד אויפן פוס ווייס איך נישט. מילא, צו נסים איז נישטאָ קיין שיער. דאַנערשטיק, במשך איין שעה צייט, ביז עס זענען געקומען די פּרטים וועגן דעם אויפרייס ביי דער סוכנות, האָב איך זיך שוין אויסגעמאָלן אַליען באַגראָבן אין אונדזער דירה.

די וואָך פאָר איך ענדלעך, נאָך דריי מיט אַ האַלבן חדשים, אַהיים. גיטעלען

האָב איך שוין לאַנג נישט געזען, האָפנטלעך, איז איר קיין שלעכטס נישט געשען.

שמעון, דיין אַרטיקל איז דאָך געדרוקט בכבוד גדול. זעץ פאָר! אפשר פאַרזוכן אונטערהאַנדלען מיט ספרית־הפועלים וועגן אַרויסגעבן דאָס בוך? אין „עתים" וועט מען דאָך קיין גרעסערע זאַך אין המשכים נישט דרוקן.

אייער יעקב

מיין טייערער שמעוני!

דו האָסט זיכער געטראָפן, אַז דער אויפרוף קעגן טעראָר איז מיין שטיקל אַרבעט. ער וועט ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער היגער פרעסע ערשט מיטוואָך. (מיר האָפן אויף נאָך אַ סך חתימות). עס וועט דיך איבערראַשן, אַז איין פּאַרטיי וועט גלאַנצן מיט אָפּוועזנהייט אויף דעם אויפרוף — א ו נ ד ז ע ר ע. פּונקט אַזוי האָט דער צ. ק. באַשלאָסן מיט אַ מערהייט קעגן באַטייליקן זיך אין אַ בראָשור קעגן טעראָר, וואָס איך גרייט צו. די מאָטיוון: באַטייליקונג פון רבנים און דער נאָמען „לא תרצח!", ביים אויפרוף — דער פּאַסוס וועגן „לא תרצח"!

מיט שווערער מי געלינגט מיר אויפבויען די ערשטע אין ישוב אַנטי־טעראָר־קאָנצענטראַציע, וואָס פירט צו מאָראַלישער איזאָלאַציע פון טעראָריזם, קומט אונדזער צ. ק. און דרייט פיינשמעקעריש מיט דער נאָז: צו פּאַציפיסטיש דער לאָזונג; די באַטייליקונג פון רבנים, וואָס פאַראורטיילן דעם טעראָר און זאָגן זיך אַרויס פאַר יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג — קאָמפּראָמיטירט. איך בין געענצלעך צעבראָכן. עס גייט אין גיוועץ מיין אַרבעט, וואָס צילט אַרויס־רוקן אונדזער קליינע פּאַרטיי אַלס דעם אַקטיוון צעמענטיר־כוח פון אַ ברייטן פראָנט קעגן דעם טעראָריזם און פאַר יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג.

דיין יעקב

מיין טייערער שמעוני!

8.6.48

היינט אין דער פרי האָט מען באָמבאַרדירט תל־אביב אויף דעם וועג, מיט וועלכן איך גיי אין ביוראָ. מען לעבט מיט נסים. דער גרעסטער נס: מיינע אין ירושלים לעבן און זענען געזונט. הלוואי זאָלן מיר קענען פאַרענדיקן דעם קריג מיט דער קלענסטער צאָל קרבנות צווישן אונדזערע נאָענטע און טייערע. דערווייל ווערט אַלץ גרעסער דער קרייז פריינט און באַקאַנטע, וואָס זענען שוין שווער געטראָפן. מוז מען דערווייל פאַרזעצן, כל זמן מען איז נאָך פעיק צו אַרבעטן.

זיי וויסן, אַז איך האָב דעמיסיאָנירט פון די קאָמיסיעס, וואָס פאַרנעמען זיךביים צ. ק. מיט פערסאָנעלע ענינים. עס האָט מיר געפּלאַצט דאָס געדולד צוליב דער באַציאונג צו אונדזערע אַלטע טוער. אַן אַנדערע זאַך איז, אַז די קאָמיסיע האָט בכלל קנאַפּ וואָס אויפגעטאָן. בכל אופן, דאָס באַדייט נישט, אַז מיר האָבן בכלל רעזיגנירט. מיר לאָזן נישט אָפּ די זאַך.

דיך בעט איך, מיר אינפאָרמירן, וועלכע קאַנדידאַטן האָט אַרויסגערוקט די חיפהער אָרגאַניזאַציע און צו וועלכע אַמטן. האָט מען גענומען אין אַכט דיין קאַנדידאַטור און צו וועלכן אַמט?

דיין גרייטקייט צו פאָרן קיין אויסלאַנד האָט אונדז אין פּ. ב. שטאַרק דערפרייט. איך וויל בלויז וויסן: צי וועט שרה אויך מיטפאָרן? אויף ווי לאַנג ביסטו גרייט צו פאָרן? דו וועסט אונדז שטאַרק צונוצקומען אין בײדע פאַלן: אויב עס וועט צו שטאַנד קומען די וועלט־פאַראייניקונג, אָדער נישט. איך קאָן אָבער דערוויַיל גאָרנישט זאָגן, וווהין וועסטו פאָרן. דאָס וועלן מיר, מן הסתם, קענען באַשטימען ערשט נאָך זרבבל׳ס צוריקקומען. נאַטירלעך, אויב עס וועט זיין אַן אויסזיכט צו קריגן אַן ערנסטן רעגירונגס־אַמט, וועט מען מוזן די זאַך אָפּוועגן: וואָס איז בילכער?

הערציקע גרוסן פאַר שרהן.

אייער יעקב

מיין טייערער חבר מוליע!

וואַרשע, 8.1.49

ענדלעך, נאָך צוויי חדשים, דערוואַרט זיך אויף אַ דיפּלאָמאַטישער פּאָסט, כדי זיך אַראָפּרעדן פון הארצן. איך באַוואָרן זיך אָבער, אַז די אינפאָרמאַציעס זענען פאַרטרוילעכע.

1) עליה. פון ריין טעכניש־אַדמיניסטראַטיוון שטאַנדפּונקט איז דאָס פאַרמאַכן דעם פּאַלעסטינע־אַמט נישט קיין אומגליק. אונדזער אָפּטיילונג, בראש מיטן ח׳ ישראל, אַרבעט נישט שלעכט: די יידן, וואָס האָבן פּעסער, פאָרן צו ביסלעך אַוועק, אָרגאַניזירט אין גרופּן צו עטלעכע צענדליק מענטשן. מען שאַפט ווייטער ד״... וויזעס, מען שאַפט אַזעלכע, וואָס פריער זענען זיי נישט געווען... מעשה שטן, הייבט מען אָבער אָן אין געוויסע הויכע פענצטער דרייען מיט דער נאָז: הלמאי די געזאַנדשאַפט איז אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט.

דער טשוואַק פון דער עליה זענען דאָך פּעסער. מיר האָבן אַרויסגעגעבן שוין אַרום 2.500 פּראָמעסעס. ווי מען זאָגט פון אָפיציעלע קוועלן, גיט מען אַרויס קוים 10% דערפון פּעסער. על פי רוב — עלטערע מענטשן איבער 50 יאָר, הגם עס טרעפן זיך אויסנאַמען. מען באַריקזיכטיקט ברוכן פון פאַמיליעס און מען זאָגט גלאַט אָפּ מאַן, ווייב און קינדער.

ביז איבער דעם פאַראייניקונג־קאָנגרעס האָט מען אַפילו נישט געקענט אָנהייבן פון דאָס ניי געשפּרעכן. איצט האָט ב. געהאַט שוין די ערשטע באַגעגענישן. אונדזער פאָדערונג איז: בולגאַרישע לייזונג אָדער חודשלעכע קאָנטינגענטן. די ערשטע שמועסן זענען אַדורך אין אַ שווערער שטימונג. קלאָר אָבער, אַז דערוויל ווערט דער ענין געפירט לויט אַ ליניע, וואָס איז נאָך נישט באַטראַכט געוואָרן פון דאָס ניי אין פאַרטיי־ און מלוכה־אינסטאַנצן. אונדזערע שמועסן צילן דערצו, די ליניע פעסטשטעלן. מיר טאָרן נישט שלום מאַכן פאַר קיין פאַל מיט דער איצטיקער סיטואַציע: זי איז אַ חוזק פון דעם געוואַלטיקן עליה־דראַנג, זי קאָמפּראָמיטירט אונדזער פאַרטיי, וואָס האָט אין איר פירונג די געזאַנדשאַפט.

מיר טאָרן בשום אופן די זאַך נישט פאַרשוויגן. ווען זיך אויסלאָזן אַ בוידעם פון אונדזערע באַמיאונגען, דאַרף מען אַרויסגיין אין דער עפנטלעכקייט. די עיקר־דיקע שולד פאַלט אויף די יידישע קאָמוניסטן. מוזן זיי דאָס דערפילן אין ארץ־ישראל, אין אַמעריקע, אין מערב־אייראָפּע, אין וועלט־קאָנגרעס, אין דזשאָינט. די פּלאַטאָנישע סימפּאַטיע צו מדינת־ישראל מוז ווערן געשטעמפּלט אַלס די ערגסטע, געפערלעכסטע צביעות. אָפּשטעלן די עליה — די ערגסטע שעדיקעריי. איך בין העכסט צופרידן, וואָס מיר האָבן אָפּגעוואָרפן דעם וואַל־בלאָק מיט מק״י.

2) די אָרגאַניזאַציע פון דעם צ.ק. פון פּוילישע יידן. שטילערהייט איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין צ.ק.: אויס פּאַריטעט צווישן יידישע פּ.פּ.ר. און די ציוניסטישע פּאַרטייען. דורך צוקאָאָפּטירן פאָרשטייער פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס האָט שוין די פּ.פּ.ר.־פראַקציע 29, די אַנדערע ריכטונגען — 23. (דערפון פּ״צ — 11, השומר הצעיר — 1). זיי האָבן געהאַנדלט קלוג: אין איצטיקן מאָמענט באַקומען אַ קליינע מערהייט, זאָגן צו איבערלאָזן אַדאַלפן אויף זיין אָמט.

די העגעמאָניע געפינט זיך אין זייערע הענט. דאָ ווערט ווייניק העלפן דער הסכם, אַז פּרינציפּיעלע ענינים וועלן ווערן אַנטשיידן אויף צווישן־פּאַרטייאישע באַראַטונגען. מילא, דאָס איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן. איך האַלט אָבער, אַז די ציוניסטישע פּאַרטייען בראש מיט אונדזערע חברים האָבן נישט געטאָרט אָפּטיילן די רעאָרגאַניזאַציע פון דעם עליה־פּראָבלעם. לויט מיין מיינונג האָט די שטעלונג געדאַרפט זיין: די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין סטאַדיום פון עוואַקואַציע, אָבער נישט ליקווידאַציע. זי קען אַראָפּגיין פּריוויליק פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, אויף וויפל איר מיטגלידערשאַפט און די יידישע מאַסע, וואָס איז איר באַזע, באַקומט דאָס רעכט זיך צו עוואַקואירן. דאָס דאַרף זיין, לויט מיין מיינונג, די אָפיציעלע שטעלונג פון אונדזער באַוועגונג.

3) די פאַראייניקונג איז געבליבן אויף אַ טויטן פונקט צוליב די אָרגאַני־

זאַציאָנעלע חילוקי־דעות. דער השומר־הצעיר איז לויט דער אָפּשאַצונג פון צ.ק. אין זיינע ביידע טיילן אַ קליינע גרופּע — קוים 15%—20. דאַקעגן הש.הצ. שטרייכט כסדר אונטער, אַז עס פאַראייניקן זיך צוויי פּאַרטייען. טאָר מען נישט דעמאָנסטרירן, אַז ער ווערט איינגעשלונגען. הקיצור: אַפילו אויף אַ דריטל אין צ.ק. איז הש.הצ. נישט געווען מסכים. קוים האָב איך געפונען אַן אויסוועג: אין צ. ק. איין דריטל, אין פּאַרטיי־ראַט באַקומען זיי 25 פון 65 און אַלס צולאָג דעם פּאָרזיצער. דוכט זיך, שוין דערליידיקט, איז אַ נייער מכשול: דער פּרעזי־דיום. אונדזער ווילן: אַדאָלף — פּאָרזיצער, צעדערבוים — וויצעפּאָרזיצער, סטעפּאַן — סעקרעטאַר. מיט אַ קלאָרער פעסטשטעלונג, אַז אַלע דריי בילדן די אָנפיר־קאָלעגיע פון דער פּאַרטיי. דאַקעגן הש.הצ. פאָדערט קאַטעגאָריש: צוויי גענעראַל־סעקרעטאַרן. זיי פאַררופן זיך אויפן ביישפּיל פון אחה"ע—פ"צ אין לאַנד, ווען מיר האָבן באַקומען איין סעקרעטאַר פון צוויי, הגם מיר זענען געווען בלויז אַ העלפט. דעם אמת גערעדט, רעדט צו מיין האַרצן דער דאָזיקער אַרגומענט. עס האַנדלט זיך אָבער נישט וועגן דער אַמביציע פון ס., נאָר פון אַלע אַמאָליקע פּ.צ.—צ.ס., וואָס זעען אין דעם פאַרשלאָג אַ דעגראַדאַציע. איצט איז אויפגעשווומען אַ נייער פאַרשלאָג: אַ פּאָליט־ביוראָ מיט אַ פּאָרזיצער פון השומר הצעיר. אפשר וועט מען היינט ענדיקן. דערווייל איז אָבער דער בזיון גרויס: געדונגען דעם זאַל אויף 16.1, מען מוז אָבער אָפּלייגן. דאָס טראַגישע איז: אַזוי אַמפּערט מען זיך שטייענדיק אין בעסטן פאַל ערב עוואַקואַציע אָדער, חלילה, ערב ליקווידאַציע. אויב מען וועט נישט דורכקומען, מוז דאָס פּאָליט־ביוראָ געבן מיר, יולעקן און ישראלן די פולע מאַכט צו ענדיקן.

4) מיין אייגנטלעכע אַרבעט — אויפן פּרעסע־געביט — גייט נישט שלעכט. איך האָב אָבער נישט קיין געהילף, ווער איך דערטרונקען אָפּטמאָל אין קליי־ניקייטן. לעצטע וואָכן בין איך דעפּרימירט: נישט עליה, נישט פאַראייניקונג. שאַפט זיך אַ געפיל פון פיקטיוו לעבן גראָד דעמאָלט, ווען איר פיבערט אין וואַל־קאַמף. אגב, ווי איז צונויפגעשטעלט די קאַנדידאַטן־ליסטע? איז עס צוגע־גאַנגען גלאַטיק? וואָס טוען איצט פּאַרטייאיש יוסף, גרשוני, לעוו? זענען כאָטש אַלע געזונט? דער טויט פון מיין שוואָגער ד"ר אשכולי איז געווען פאַר מיר און אַליען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ. די ווייטקייט וואַרפט אַן אַ שרעק. מיר וווינען כסדר אין „בריסטאָל". דאָס שטאַרקט דאָס געפיל פון צייטווייליקייט.

5) דער צ.ק. פון די יידן האָט אונדז ביז היינט נישט אויפגענומען. פאַראַן אָבער געוויסע סימנים פון אַן ענדערונג: די רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן" האָט מיך אויפגענומען און שפּעטער אַרויסגעגעבן דעם שיינעם א"י־נומער. דאָס קינדער־הויז אין אָטוואָצק האָט אונדז איינגעלאַדן צום חנוכה־אָוונט. אַ געשעעניש אין היגן אָרעמען יידישן לעבן איז געווען דער חנוכה־אָוונט אין דער געזאַנגשאַפט: געווען ביז 100 איינגעלאַדענע פון וואַרשע און לאָדזש, געקומען אויך די שפּיצן

פון צ.ק. פון די יידן. די יידן זענען געווען טיף גערירט און דאַנקבאַר, איך מיין, נאַטירלעך, די ציוניסטן, וואָס האָבן זיכער געזען כאַטש סימבאָליש זיך געפינען אויף ארץ־ישראלדיקער ערד. מיר זענען אָבער אָפּגעשניטן פון די יידן אין שלעזיע און לאָדזש. אין לאָדזש האָט אונדז אויפגענומען בלויז דער שרייבער־פאַראיין, אין חודש אָקטאָבער. טויזנטער יידן וואָלטן אונדז מקבל פנים געווען, ווען מען גיט זיי בלויז אַ מעגלעכקייט דערצו. איך באַקום „ניוועלט", דערהאַלטן דעם געזעגענונגס־ביולעטין (זייער גוט, וואָס איר האָט אים אַרויסגעגעבן).

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

וואַרשע, 24.3.49

נעמט אָן מיין טיפן דאַנק פאַר אייער בריוו פון 11.3, פונקט ווי פאַר אייערע צוויי טעלעפאָנישע געשפּרעכן פון פּאַריז. עס דערקוויקט מיך אין מיין אָפּגעריסנקייט פון מיינע בעסטע פריינד.

אַליע און איך לעבן איבער די פריידיקע ידיעה וועגן מאַיען און שמעונען (עס ווילט זיך פשוט זאָגן: מאַיעלען און שמעונען). איך ווייס גאָרנישט, צי איז אייך באַקאַנט, ווי טיף זיי זענען אונדז איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי שטאַרק מיר האָבן זיי ליב, ווי שטאָלץ מיר זענען מיט יעדן פון זיי באַזונדער, אַ פּשיטא, מיט זיי צוזאַמען. צי איז דען געמאָלט אַ שענערער מוסטער פון אונדזער יונגן דור?

אייער דערפאָלג אין דעם קאַמפּיין האָט מיך שטאַרק דערפרייט. אין די אַלטע פּולווער־טאַשן איז נאָך פאַראַן אַ שטאַרקער קרעפטיקער פּולווער. אָבער וואָס הערט זיך מכוח דער באַוועגונג? לאָזט זיך פון איר נאָך עפּעס מאַכן?

לעצטע וואָך לעבן מיר דאָ מיט אַ גאַנץ פאַרנעפּלט געפיל. מיר ווייסן נישט, אויף וועלכער וועלט מיר זענען. די אינסטאַנץ, וואָס האָט אונדז אַהער געשיקט, שוויגט.

די אַרבעט פון דער געזאַנדשאַפט גייט מיט פולן טעמפּ. דערווייל פאָרן יעדן חודש אַרויס 500—450 נפשות בערך. מיין אָפּטיילונג אַרבעט. עס פירן זיך אונטערהאַנדלונגען מכוח אַ האַנדלס־אָפּמאַך. אַלע ציוניסטישע צייטונגען דערשיינען נאָרמאַל. די פאַרטייען אַרבעטן אין אַ באַשיידענעם פאַרנעם.

אַליע, ליידער, האָט זיך כמעט גאָרנישט דערהאָלט. דאָס האַרץ איז נישט אין אָרדענונג. איך האָב אויך פון צייט צו צייט אַ געהעכערטן בלוטדרוק, אָבער דער ווינטער האָט גוט משפיע געווען. ועל כולם: די בענקשאַפט צו דניאלן דריקט שווער אויפן האַרצן.

איך נעם אייך שטאַרק אַרום.

אייער יעקב

מיינע טייערע שמעון, שרה און גיטעלע!

װאַרשע, 3.10.49 — יום־כיפור

אין אַזאַ טאָג, װען מען װערט צעפּרעסן פון בענקשאַפט צום לאַנד, און צו די נאָענטע און טײַערע, װיל איך אױסקױפן מײַן זינד פון שװײַגן לגבי אײַך.

מיר האָבן גערעכנט, אַז אַן ערך איצט װעלן מיר זיך שױן לאָזן אױף צוריק אַהײם. אָבער די גרױסע זכיה, צו װעלכער מיר האָבן דערלעבט, פאַרפליכטעט אױספירן די שליחות ביזן סוף. עס האָט זיך אָנגעהױבן דער געראַנגל פאַר דער נשמה פון יעדן ייד. דאָ איז אַנדערש װי אין בולגאַריע און טשעכאָסלאָװאַקיע. עס גײט אַ שאַרפע קעגן־אַגיטאַציע, עס װערט געפירט אַ גרױל־פּראָפּאַגאַנדע, עס װערט אָנגעװענדט אַ דרוק כדי אָפּהאַלטן יידן פון עליה. אין קאָן שטײען, צװישן אַנדערע, העכער פיר טױזנט חברים. באַטראַכט איך עס פאַרן װיכטיקסטן אױפטו פון מײַן לעבן צו שטײַער צו דער דאָזיקער עליה.

פערזענלעך האָבן מיר געהאַפּט זיך אַ ביסל שטעלן אױף די פיס, איז עס ריכטיק לגבי מיר. דער קלימאַט־ענדערונג איז צו גוטן פאַר מײַן בלוטדרוק. איך בין גאַנץ אַרבעטפעיק און אַרבעט מיטן פולן דאַמף, װי מײַן שטײגער איז. לײדער, מיט אַליען איז ערגער. דורך דעם יאָר האָט זי אַ סך געקרענקט. אױך איצט לײדט זי פון אַ שװערן הוסט שױן באַלד דרײַ חדשים. אַלע פאַרזוכן צו שטעלן אַ דיאַגנאָז זענען נישט געלונגען. אַ גליק, װאָס די לעצטע בראָנכאָסקאָפּיאַ האָט באַזײַטיקט די מורא פאַר אַן אומגליק.

איך האָב זיך שטאַרק געפרײט מיט שמעונס נסיעה קײן אַמעריקע. שױן צײַט געװען, ער זאָל זיך אַ ביסל אָפּפרישן.

װי לאַנג האָט געדױערט די שליחות און אין װאָס האָט זי זיך אױסגע־דריקט? און װאָס טוסטו איצט? צי נאָך אַלץ בײַ די מעסטונגען?

װאָס איז מיט שרהלען? װי איז איר געזונט־צושטאַנד? און אונדזער כלה־מױד גיטעלע? דוכט זיך, זי האַלט שױן בײַם פאַרענדיקן די שװעסטער־שול.

אַדורך אַ יאָר. איך לעב אין שרעק, אַז איך װעל דאָס לאַנד נישט דער־קענען, אַז איך װעל פאַרפרעמדט װערן פון דער פּאַרטײ. איך מאָל מיר, װי חיפה האָט זיך געענדערט, און די פּאַרטײ? װאָס טוט דאָס הײפל אונדזערע װעטעראַנען? װאָס הערט זיך בײַ זײ פּערזענלעך און װאָסער אָרט פאַרנעמען זײ אין דער פּאַרטײ?

עס איז זײער נײטיק, חיפהער אָרגאַניזאַציע זאָל באַאַצײטנס אַ טראַכט טאָן װעגן אױפנעמען אַ פאָר הונדערט פּױלישע חברים. דאָס איז דער װיכטיקסטער מפ״ם רעזערװ, צװישן זײ נישט װײניק אַלטע פּועלי־ציון.

איך נעם אײַך אַרום און װינטש אײַך אַלעמען אין מײַן נאָמען אַ גליקלעך יאָר.

אײַער יעקב

בריוו צו חברים

מיין טייערער חבר זרובבל!

גדרה, בית־מרגוע לאכרים ומורים, 30.10.52

גלייך דעם זעלבן אָוונט, ווען איך האָב באַקומען „אסופות” פון אייך, האָב איך דורכגעלייענט אייער לייטאַרטיקל. צומאָרגנס האָב איך זיך אַזוי שלעכט געפילט בעת דער זיצונג, אַז איך האָב נישט באַוויזן אויסצודריקן מיין טיפע אָנערקענונג צוליב דעם ברייט־פּאַרמאָסטענעם פּראָגראַם, וואָס דערהייבט דעם ארכיון אויף דער הויך פון אַ פאָרשונג־אינסטיטוט. איצט האָב איך שוין דורכגעלייענט כמעט דאָס גאַנצע ביכל. דער מאַטעריאַל איז צוגעקליבן גלענצנד, כדי געבן טאַקע אַ באַגריף וועגן אַלוועלטלעכן צענטער פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר דוכט זיך אָבער, אַז מען דאַרף זיך דערלויבן (זאָל זיין אויף פּערזענלעכער אחריות פון מחבר), אויך קריטישע באַמערקונגען. — איך בין אויסן דעם צווייטן פּעריאָד פון „צוקונפט”, וועגן זיין ערשטן קאָסמאָפּאָליטישן פּעריאָד איז געשריבן גאַנץ קלאָר און דייטלעך. אָבער נאָך מער פרייד האָבן מיר פאַרשאַפט אייערע אַרטיקלען אין „נייוועלט”, „על המשמר” און „דבר”. דער עיקר טאַקע, דער שאַרפער אַרטיקל וועגן דער ליגע. עס פרייט מיך שטאַרק דער באַנייטער שטראָם פון אייער פּובליציסטיק. זייט זשע ממשיך! — איך בין אַנטלאָפן פון ירושלים, כדי איבעררייסן די קייט פון אַסטמאַטישע אָנפאַלן. אַ ביסל איז מיר שוין געוואָרן דאָ גרינגער, אָבער איך בין נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך. אָט אַזוי ראַנגל איך זיך פאַר דער מעגלעכקייט ווייטער אַרבעטן און לייסטן אויך פאַר דער באַוועגונג.

איך נעם דיך אַרום.

אייער יעקב

מיין טייערער!

ירושלים, 14.3.53

אייגנטלעך, האָב איך גענוג מאַטעריאַלן פאַר דער תקופה 1910—1923 פון דער רוסישער, פּוילישער און ארץ־ישראלדיקער פּרעסע; קען איך זיך באַגיין אָן דער ליטווישער פּרעסע; זי איז מיר געווען נייטיק, כדי מיט איין אָדער צוויי אַרטיקלען מאַכן פולער דאָס בילד פון אונדזער געראַנגל פאַר דער אָנערקענונג דורכן קאָמאינטערן.

אָבער אויף אָן אַנדער אַרטיקל קען איך נישט מוותר זיין — אויף דיינעם אַן אַרטיקל. ביז היינט האָב איך נישט געפונען דיינעם אַן אַרטיקל וועגן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער גלאַט אַ פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאָליטיק. דאָ מוזסטו מיר אומבאַדינגט העלפן זוכן אין אונדזער ליטווישער

פרעסע, אָדער אין „נייוועלט". איך קוק אַדורך בלויז „דרך הפועל", כדי איינ־שפּאָרן זיך די איבערזעצונגס־אַרבעט. איך גיב דיר צוויי וואָכן צייט.

האָפנטלעך, וועסטו געפינען כאָטש איין דיינעם אַן אַרטיקל און אים איבערזעצן. שיק אים אַרויס אַהער ערשט אין צוויי וואָכן אַרום.

אַ שאָד, וואָס עס איז אוממעגלעך זיך טרעפן און דורכרעדן געגוי וועגן די אָנגעווייטיקסטע פראַגן.

דיין יעקב

טייערער חבר זרובבל!

16.5.53

פון ה׳ מוליעס בריוו ווייס איך, אַז נאָכן 1טן מאַי פילט איר זיך נישט גוט. איך האָב געוווסט, אַז מיט דעם וועט זיך ענדיקן. איר האָט נישט געטאָרט מיטגיין אין צוג, אויב איר זייט שוין געקומען. האָפנטלעך, איצט פילט איר זיך שוין בעסער. און וואָס מאַכט מאַיעלע?

הגם די וואָך איז מיר נישט גוט געוואָרן אין ביורא, זעץ איך פאָר די אַרבעט. דער כתב־יד איז שוין כמעט פאַרטיק. שמעון האָלט שוין אין האַנט מינדסטנס 80 פּראָצענט. אָבער ביי מיר איז רייף געוואָרן דער פאָרשלאָג, עס אַרויסגעבן אין צוויי טיילן (יעדער 15—16 דרוקבויגנס). איך האָב נישט קיין האָרץ אַרויסצוואַרפן מאַטעריאַל, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט זען די ליכטיקע שיין. אין בוך קען עס אַ סך ביישטראָגן צו דער פולקייט און אַלזייטיקייט פון בילד. איך וואַרט אויף אַ זיצונג פון דער רעדאַקציע, כדי ברענגען די זאַך צו דער אָנטשיידונג. און איצט אַ ביטע צו אייך פערזענלעך:

אויב אין ארכיון איז פאַראַן אַ קאָמפּלעט „אַרבעטער־צייטונג" פאַרן יאָר 1922, קלייבט אויס אַ 2—3 אַרטיקלען וועגן אַרבעטס־פּלאַן. אָסאָווסקי וועט עס איבערשרייבן און איך וועל איבערזעצן.

פון גאָלדמאַנען האָב איך באַקומען אַ בריוו, ווו ער זאָגט־צו זיין פולע אונטערשטיצונג ביים אַרויסגעבן באַראַכאָוון אין יידיש. די זאַך וויל איך אויך אַדורכרעדן ביי דער נאָענטסטער זיצונג.

דעם טעקסט פון „אַרבעטס־פּלאַן" האָב איך. איך דאַרף קריטישע אַרטיקלען נאָך די אונטערהאַנדלונגען אין דאַנציג.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

2.6.53

אַ יישר־כוח צוליב דעם גלענצנדן ענטפער גרינבוימען. וויפל פאַלשע פאַר־שטעלונגען בלאָנדזשען אַרום אין די קעפּ פון די מענטשן, וועלכע זענען דאָך

נישט אונדזערע שונאים! ווי נייטיק איז אַרויסברענגען אונדזערע אידעישע ווערטן, כדי פאַרמיידן אַזעלכע פאַרקריפּלונגען, ווי גרינבוימס.

ווי איר זעט, זעץ איך פאָר די אַרבעט. איך בעט אייך זייער, קוקט אַדורך די מאַטעריאַלן פון ערשטן טייל און באַזאָרגט עס אַבראַמאָוויטשן. איך וויל דעם נאָענטסטן אָדער צווייטן שבת האָבן אַ לענגערע זיצונג פון דער רעדאַקציע, כדי אַנטשיידן אַלע פראַגן. דעמאָלט וועט די דרוקעריי קאָנען אַרבעטן אומגע־שטערט. צי האָט זיך געפונען דער יאָרגאַנג „אַרבעטער־צייטונג" פון 1922? בעט איך, קלייבט אויס די אַרטיקלען וועגן „אַרב.־פּלאַן".

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

23.6.53

יוספן און שמעונען שיק איך די מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב באַאַרבעט אין זין פון אונדזערע באַשלוסן. מיר גייט אין לעבן, נישט אויפהאַלטן דאָס זעצן און קאָנען טאָקע גלייך דרוקן. עס איז מיר זייער שווער צו אַרבעטן, אָבער איך פאַרבייס די ליפּן. ערשט נאָכן באַאַרבעטן אייער אַרטיקל וועגן שטאָקהאָלם, זע איך, ווי גערעכט איז געווען יוסף. אָבער מיר טוט לייד, וואָס באַראַכאָווס רייד פאַרנעמען אַזאַ קנאַפּן אָרט. האָט ער דען ווירקלעך אַזוי ווייניק גערעדט ביי אַזאַ היסטאָרישער געלעגנהייט?

דער צוגעשיקטער מאַטעריאַל שטאַרקט דאָס בוך. די דאָקומענטן וויל איך געבן בשלמות, די אַרטיקלען געקירצט. פאַראַן שטעלעס, וואָס זענען צאַפּלדיק אַקטועל, אָבער עס מוז דויערן, איידער איך וועל עס באַאַרבעטן.

נאָכן דורכקוקן די מאַטעריאַלן, שיקט עס אַבראַמאָוויטשן. עס איז כדאַי איבערשיקן צו יוספן און אַבראַמאָוויטשן די קאָפּיעס פון די אויסגעקליבענע דורך אייך מאַטעריאַלן, זיי זאָלן זיך באַצייטנס אַרויסזאָגן.

אייער יעקב

מיין טייערער זרובבל!

20.7.53

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב ענדלעך ביי זיך אַלע מאַטעריאַלן פון ערשטן טייל, אַחוץ די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב איבערגעשריבן נאָך דער רעדאַקציע־זיצונג. איך האָב דערויף געפּטרט צענדליקער שעהן. ווי איך געדענק, האָב איך עס געשיקט צו אייך אָדער אויף ברנר 14 מיט דער אָנווייזונג: פריער ווייזן יוספן, שפּעטער איבערגעבן שמעונען. זוך איך די אבידה. טעלעפאָנירט צו שמעונען, פרעגט איבער. ביי ערעמען געזוכט — נישטאָ. יוסף האָט עס

כלל נישט אָנגעקוקט. אָסאָווסקי ווייס נישט, וואָס צו זאָגן. וויל איך מאַכן נאָך אַ רעוויזיע ביי אַבראַמאָוויטשן אין שטוב. איך בין איצט ווירקלעך נישט בכוח מאַכן עס פון דאָס ניי.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 29.8.53

מיט אַ טיפן פאַרגעניגן האָב איך איבערגעלייענט דאָס בלעטל זכרונות וועגן קאַראָלענקאָ. דאָס ערשטע מאָל לייען איך פון אייך אין עברית אַזאַ מין אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג. זע איך פון דערפון, מיט וואָס פאַראַ אינטערעס וועט זיך לייענען די גאַנצע אויטאָביאָגראַפיע. די לעצטע פּאָר וואָכן זענען ביי מיר געווען נישט קיין גוטע. אַ וואָך אָפּגעלעגן אין בעט און נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך די פּלוצעמדיקע בלוטדרוק־ירידות און עליות.

איך שיק דעם לעצטן מאַטעריאַל צום צווייטן טייל. עס פעלן נאָך די באַמערקונגען און דער קאַפּיטל וועגן קאַמף מיט יעווסעקציע מחוץ דעם שטח פון פּאַלעסטיניזם. לעצטנס האָב איך ספקות, צי פּאַסט אַזאַ מין אַרטיקל אין די ראַמען פון דעם דאָזיקן בוך. די ידיעה פון אַרגענטינע, אַז דער יידישער ילקוט איז אַריין נאָך אַ יאָר צייט אין דרוק, האָט מיך אַ ביסל אויפגעמונטערט. צום נייעם יאָר ווינטש איך אייך און פרידען געזונט און אַ ביסל נחת פון די קינדער און אייניקלעך.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 5.12.53

אַ יישר־כוח פאַרן אויסגעצייכנטן אַרטיקל וועגן זשיטלאָווסקין. אויב איך האָב געפונען דאָרט אַזויפיל נייעס, טאָ וואָס זאָל זשע זאָגן דער יונגער דור „שלא ידע את יוסף"? אגב, פאַרוואָס זאָל דער ארכיון עבודה נישט איניציאירן די אויסגאַבע פון אַן אויסוואַל פון זשיטלאָווסקיס שריפטן? אַחוץ אַלעמען האָט דער אַרטיקל דערמאָנט מיר אַזוי לעבעדיק מיינע יוגנט־יאָרן, ווען איר האָט מיך באַשטימט פאַרן סעקרעטאַר פון זשיטלאָווסקי־קאָמיטעט. מיט דער דרוקעריי האָב איך שוין פאַרענדיקט. דער פּראָספּעקט מאַכט זיך. דער איינציקער אָפּהאַלט: די כתב־ידן, וואָס שטעקן נאָך אין אונדזער דרוקעריי.

אייער יעקב

בריוו צו חברים

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 13.1.54

דוכט זיך, אַז מאָרגן (בכל אופן, די נאָענטסטע טעג) פאַלט אויס אייער 68סטער געבוירנטאָג. עס איז אייער און אונדזער גליק, וואָס איר באַגעגנט די דאָזיקע דאַטע פּיזיש און גייסטיק פריש און אַרבעטס-פעיק. לאָמיר זשע האָבן די זכיה נאָך לאַנגע יאָרן געניסן פון אייער אַרבעט! און איר זאָלט געניסן פון נחת, אַז דאָס לעבן, נישט געקוקט אויפן מוראדיקן פאָלקס-אומגליק, און ספּעציעל דעם בראָך פון אונדזער באַוועגונג, האָט געבראַכט היסטאָרישע רעזולטאַטן.

דער עסיי וועגן כאַזאַנאָוויטשן — אויסגעצייכנט. און וויפל נייעס, אַפילו מיר, אַ פּשיטא פאַרן ברייטן לעזער-עולם!

וואָס איז געבליבן אויף דער זיצונג וועגן באָראָכאָווס שריפטן? די אויס-פירונג איז אָפּהענגיק פון אייך, אויב איר וועט עס נעמען אין אייערע הענט. איך בעט אייך: לאָזט שוין איבערשרייבן אייער אַרטיקל וועגן אויפלייזן די רוסישע פּאַרטיי, וועל איך עס איבערזעצן.

דאָס בוך רוקט זיך פאָרויס: אויסגעזעצט און געשטעלט 7 בויגנס. בקרוב הייבט מען אָן דרוקן. הלוואי די חברים זאָלן העלפן שאַפן אַבאָנענטן, אַז נישט בלייבט מען שטעקן צוליב געלט-מאַנגל.

איך גריס האַרציק דאָס גאַנצע הויז זרובבל: פרידען, קינדער, אייניקלעך.

אייער יעקב

מיין טייערער זרובבל!

ירושלים, 14.2.54, האַלב אַכט פרי

ערשט נעכטן באַזוכט מוליען אין שפּיטאָל. ער איז געזעסן אין גאָרטן אַרומגערינגלט מיט צענדליקער חברים, ווי אַ רבי צווישן חסידים. ווען ער איז שפּעטער פאַרשוווּנדן אין דער טיר, האָב איך דערפילט, אַז קיינמאָל איז ער נישט געווען מיר אַזוי טייער. און היינט אין אייער אַרטיקל, וועלכן איך האָב ערשט איצט מיט טרערן איבערגעלייענט, האָב איך באַקומען דעם פולן אויסדרוק פון אַלעמען, וואָס איך טראַכט וועגן מוליען און וואָס איך פיל אין באַציאונג צו אים.

זייט געבענטשט!

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 20.3.54

אַט שיק איך אייך פון די ערשטע פּראָבע־עקזעמפּלאַרן. די אותיות אויפן רוקן פון באַנד וועלן ווערן געענדערט. די הילע דרוקט זיך. אַ באַרג איז מיר אַראָפּ פון די פּלייצעס. שוין לאַנג האָב איך נישט געאַרבעט אַזוי אָנגעשטרענגט ווי די לעצטע צען וואָכן, און די מאַשין האָט מיך געהאַלטן אין קלעם.

גרויס איז מיין דאַנק פאַר אייער הילף. די מאַטעריאַלן, וואָס איר האָט אויסגעקליבן, האָבן דערהויבן דאָס בוך אויף דער געהעריקער הויך. און איך פאַרשפּאַר שוין צו זאָגן, אַז אייער אָנטייל אין בוך גופא שפּיגלט אָפּ אייער ראָל אין דער באַוועגונג. איצט דאַרט מיר דער קאָפּ, ווי אָרגאַניזירט מען די פאַרשפּרייטונג. אונדזערע חברים האָבן מיך געגעזעגנט אָנטוישט. מוז מען זיכערן די פאַרשפּרייטונג דורך ספרית־הפועלים, הקבוץ המאוחד און „ספרי". דאָס איז נישט נאָר אַ פינאַנציעלע פראַגע, ווי צו דעקן 1000 פונט התחייבותן און שאַפן אַ התחלה פאַרן צווייטן טייל. דאָס איז אויך אַן ענטפער אויף דער פראַגע: למי אני עמל?

איצט וויל איך שוין גרייטן דעם צווייטן טייל. קלינגט זיך צונויף מיט יוספן און אַבראַמאָוויטשן, מיר זאָלן האָבן אַ רעדאַקציע־זיצונג שבת, 24.3, פאַר מיטאָג, אָדער נאָך מיטאָג, ביי אייך אין דער היים (אויב עס איז נישט שווער). פאָדערט פון אַבראַמאָוויטשן צושטעלן דעם תיק, ווו עס זענען אויסגעלייגט די פאַראַנענע מאַטעריאַלן לויטן געהעריקן סדר. הגם דאָס איז געווען ביי אייך, וואָלט איך געוואָלט, איר זאָלט עס זען נאָך אַ מאָל. זייט מיר מודיע, צי די זיצונג קומט פאַר. אייערע ברכות צו מיין זיידעשאַפט אָנגענומען מיט שמחה. איר זייט פולקאָם גערעכט: עס האָט זיך געעפנט אַ קוואַל פאַר גאַר נייע געפילן און איבערלעבונגען.

ערשט נעכטן — אין דעם ערשטן פרייען אָוונט פאַר די לעצטע 3 חדשים — איבערגעלייענט רואיק אייערע דריי אַרטיקלען: וועגן פּאָלטאַווע און נירן. געהאַט אַ גרויסן געניוס. אַלץ מער ווילט זיך שוין זען די אַלע אַרטיקלען אין בוך־פאָרם. הגם איך וויל אַזוי שטאַרק דאָס זען אַלס אונדזער אויסגאַבע, מאַך איך עס דאָך אָפּהענגיק פון דער פאַרשפּרייטונג. דער גורל פון איצטיקן ילקוט דאַרף באַשטימען אויך, ווי זאָלט איר אַרויסגעבן אייער בוך.

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 23.3.54

נאָך אַ מאָל דערמאָן איך מיין ביטע: באַשטימען דעם נאָענטסטן שבת, 24.3 פאַר מיטאָג אָדער נאָך מיטאָג, אַ רעדאַקציע־זיצונג וועגן צווייטן טייל

בריוו צו חברים

איך וויל דורכויס, איר זאָלט זיך באַטייליקן פאַר אייער אָפּפאַר. קלינגט זיך צונויף מיט יוספֿן און אַבראַמאָוויטשן. בעט אַבראַמאָוויטשן איבערשיקן אויך באַצייטנס דעם תּיק מאַטעריאַלן. איך וועל צו אייך קלינגען פּריוואַט גלייך נאָך מיין קומען.

אייער יעקב

מיין זייער טייערער זרובבל!

ירושלים, 11.5.1954

אַ שוידער נעמט אַרום ביים געדאַנק, אַז איר מוזט אויסטראָגן דעם מוראדיקן קלאַפּ, וואָס מיר אַלע האָבן באַקומען, איינער אַליין ווייט פון אונדז. מיר טוליען זיך איינער צום צווייטן, זוכנדיק דערביי כאָטש אַ ביסל טרייסט.

ווי בליץ־שנעל זענען זיי אַוועק! יוסף האָט קענטיק בכלל נישט געליטן. ער האָט נישט דערלויבט אָנזאָגן פעליען, אַז ער פילט זיך נישט גוט. 2—3 שעה פאַרן טויט האָט ער מיר אַרויסגעשיקט אַ בריוו, אַז ער האָט געזאָלט פאָרן קיין „ארזה", אָבער ער פילט זיך שוין בעסער. קיין שום פאַרגעפיל פון דעם נאָענטן טויט. יצחק האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, אַריינגייענדיק אין קלאָזעט גאַנץ פרי, ער איז דאָרט אָפּגעלעגן אפשר אַ שעה, 7 פרי האָט אים געטראָפן פאַיע, 9 פרי איז ער שוין געווען טויט. בייביידע, אַלזאָ, אַ מיתה בנשיקה. אָבער ווי געשפּענסטיק איז עס פאַר דער משפחה און פאַר די נאָענטע.

אָ, מיר זענען שוין מומחים אויף אָרגאַניזירן לוויות: מיט נעקראָלאָגן געשריבן דורך דניאלן און רפאלן וועגן יוספֿן, דורך דניאלן און נירן וועגן יצחקן; מיט קלעפּסידרעס אין די גאַסן, מיט רויטע קאַטאַפאַלקן, באַצירט מיט בלומען און קרענץ. עס האָבן זיך געזאַמלט אויף ברענער 14, פיל, פיל הונדערטער מענטשן. קיינמאָל האָב איך נישט געזען אַזויפיל מענער וויינען, ווי ביי די דאָזיקע לוויות. אין חברת החשמל האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל הונדערטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. ערשט פון דעם הספד פון דעם דירעקטאָר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז יוסף האָט פאַרנומען אַ שליסל־פּאָזיציע אין זיין אַרבעטס־פּלאַץ. דאָס זעלבע אין הויף פון ועד־הפועל, ווו מערעמינסקי האָט מספּיד געווען לעוון. מען קאָן זאָגן, אַז די לוויה פון יצחקן האָט געטראָגן אַ מער אָפיציעלן כאַראַקטער: געקומען שפּרינצאַק, מ. יערי; טאַבענקין געווען אויף ביידע. נמיר און אַנדערע חברים פון ועדה מרכזת זענען געווען אויף ביידע לוויות. שטעלט אייך פאָר: אַפילו אַדאָלף האָט זיך באַוויזן. גרינבוים איז געקומען באַגלייטן יצחקן. דאָס זענען געווען גרויסע געזעלשאַפטלעכע לוויות, ווי די נפטרים האָבן עס פאַרדינט. צו וואָס באַשרייב איך די דאָזיקע אין תוך וויניק

וויכטיקע פּרטים? כדי כאָטש מיט עפּעס אָפּוועגדן דעם געדאַנק פון אונדזער גרויס אומגליק.

ווי לעבט מען ווייטער אָן יוספן און אָן יצחקן? פאַר אייך איז נישט קיין סוד, אַז זינט מיין צוריקקומען פון פוילן פאַרפאָלגט מיך דער געדאַנק, אַז דער הייפל מענטשן, וואָס פאַרקערפּערט דעם געדאַנק און די טראַדיציע פון פּועלי־ציון, איז נישט אויף לאַנג. וויפל מאָל, זיצנדיק אויף אַ זיצונג אין אונדזער מיט, האָב איך זיך געפרעגט: ווער וועט בלייבן אין 5 יאָר אַרום און וויפל אין 10 יאָר אַרום? מיט ווייטיק האָב איך שלום געמאַכט, אַז דער גורל פון אונדזער מוליען איז געחתמעט. אגב, מען האָט אים קוים געצווּונגען אָפּצוהאַלטן פון קומען צו די לוויות. בדרך כלל האָט ער אויפגענומען די ידיעות העלדיש. זיין געדאַנק איז געווענדעט אין איין ריכטונג: וואָס טוט מען ווייטער? אָבער ווער האָט זיך געריכט, אַז דער אומפאַרמיידלעכער ביאָלאָגישער פּראָצעס וועט אָנהייבן זיין שניט מיט אַזאַ אומברחמנותדיקן פאַרמעסט;

טייערער זרובבל, איך וויל האָפן, אַז אייער שטאַרקער אָרגאַניזם און כאַראַקטער וועלןביישטיין דעם פּיינפולן נסיון. די ידיעה וועגן אייער ערשטן גלענצנדן דערפאָלג אין סידניי זאָגט מיר, אַז די אַרבעט וועט אייך געבן די פולע באַפרידיקונג און אין איר וועט איר זוכן אַ טרייסט. אָבער איך קוק שוין אויס אייער צוריקקער.

איך אַליין האָב באַשלאָסן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַוועקגיין פון קופּת־חולים כאָטש אויף אַ יאָר כדי אין גאַנצן ווידמען זיך די ילקוטים. איצט ווילן מיר צוגרייטן צוויי ביכער פון יוספן און יצחקן, אויסקלייבן דאָס וויכ־טיקסטע פון זייער ירושה און עס פאַרעפנטלעכן אין עברית און יידיש (לעווס אין אַרגענטינע, יוספס אין פראַנקרייך). איך וויל אויך ווערן מער טעטיק אין דער פּאַרטיי.

דערווייל אָבער איז אין מיין היים אַ שפּיטאָל: מיין שוויגער ליגט ביי מיר נאָך אַן אָפּעראַציע. לאַנגע וואָכן האָב איך קיין איין שורה נישט געשריבן. איצט וועט עס נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז יעדער פון אונדז מוז אין די לעצטע יאָרן, וואָס זענען אים געבליבן, געבן דעם מאַקסימום פון זיך. ווען איך טראַכט, אַז יוסף איז אָפּגעזעסן 20 יאָר אין חברת החשמל, אַז לעוו — 13 יאָר אין בנק הפועלים, דאַן כאַפּט אַרום אַזאַ ווייטיק צוליב די דאָזיקע געפּטרטע יאָרן זייערע, ווען זיי האָבן געקאָנט אַזוי פיל שאַפן.

איך נעם אייך שטאַרק אַרום.

אייער יעקב

בריוו צו חברים

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 14.8.54

איך באַגריס אייך פון פולן האַרצן צו אייער צוריקקומען. עס פרייט מיך, וואָס איר האָט באַוויזן דורכמאַכן מיט אַזאַ גוואַלטיקן דערפאָלג אַזאַ שווערע אונטערנעמונג. איר קומט אין אַ גאָר שווערער צייט. צרות אויפן פּוד! ווילט זיך מיר וואָס פריער זען אייך, כדי זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן און אַרומרעדן אונדזערע געמיינזאַמע אַרבעטן.

פאַרגעסט זשע נישט אָנקלינגען צו מיר גלייך בעת אייער ערשטן באַזוך אין ירושלים.

אַ האַרציקן גרוס פרידען און דעם גאַנצן שבט זרובבל.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 14.10.54

איך וויל אָפּהאַלטן אונדזער רעדאַקציע־זיצונג מיטוואָך דעם 24סטן, ווען איך קום סיי ווי סיי צו דער זיצונג פון המועצה לתרבות וחינוך. איך לייג פאָר: אָדער 1 נאָכמיטאָג ביי אייך אין ביורא, אָדער 6 פאַרנאַכט ביי אייך אין שטוב. קלינגט זיך צונויף מיטן ח׳ אַבראַמאָוויטש און גיט מיר גלייך צו וויסן. אַבראַמאָוויטש האָט מיר צוגעשיקט פון קרית־ענבים זיינע באַמערקונגען, וואָס פּסלען כמעט דעם גאַנצן צוגאָב־מאַטעריאַל. איך ענטפער אים היינט אויספירלעך און בעט אים גלייך איבערשיקן אייך אונדזערע ביידנס בריוו. האָפנדיק, וועט איר מיך אונטערהאַלטן.

אַ יישר־כוח אייך פאַר דער איניציאַטיוו פון מיין באַזוך ביי מוליען. איך בין פול מיט באַוווּנדערונג פאַר זיין גייסטיקער קראַפט און מוטיקער האַלטונג. איך וואָלט זיך נישט מוחל געווען ביזן סוף פון מיין לעבן, ווען איך קום נישט אויף זיין רוף. צי דאָס איז אמת, אַז איר פאָרט ווידער אַרויס? אויף לאַנג? גראָד איצט זענט איר אַריין מיט אייער אַלטן ברען אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, מיר איז אַ שאָד אייער אָפּרייסן זיך, אַפילו אויף אַ פּאָר וואָכן — און וואָס וועט זיין מיטן פּ. ב.־סעקרעטאַריאַט?

אייער יעקב

טייערער חבר אַבראַמאָוויטש!

ירושלים, 14.10.54

איך דאַנק פאַר די גענויע באַמערקונגען וואָס איר האָט מיר דאָס מאָל צוגעשיקט בליץ־שנעל און איך ענטפער ביי דער ערשטער פרייער שעה:

1. סיי אין בוך „מבלפור עד בווין", סיי אין ערשטן באַנד פון דעם איצטיקן „ילקוט" האָב איך זיך געפּירט צו ברענגען אָפיציעלע ענגלישע און ציוניסטישע, און אין צווייטן בוך — קאָמוניסטישע דאָקומענטן, כדי אַזוי אַרום אויפקלערן דעם פאַקטישן באַדן, אויף וועלכן עס האָט זיך געפּירט אונדזער פּובליציסטישע אַרבעט. ביי די ילקוטים רעכן איך אויס אויף אַן אינטעליגענטן לעזער, וואָס קאָן אַנטקעגנשטעלן אונדזער פּובליציסטיק די מאַטעריאַלן, וועלכע זי האָט גאָר אַנדערש אָפּגעשאַצט, ווי די אָפיציעלע מחברים. און אויך איצט האַנדל איך לויט דער זעלבער שיטה: א) היטלערס „מיין קאַמף" אַלס פאַן פאַרן צווייטן קאַפּיטל וועגן נצחון־מאַרש פון פאַשיזם; ב) בולטע ביישפּילן פון דער אומגע־לומפּערטער און אומגליקלעכער טעאָריע פון סאָציאַל־פאַשיזם אין קעגנזאַץ צו אונדזער אָפּשאַצונג; ג) דימיטראָווס רעדע וועגן אייגהייטלעכן פראָנט, כדי אונ־טערצושטרייכן די ריכטיקייט פון אונדזער שטעלונג, מיט וועלכער מיר האָבן גישט געוואָגט ביזן 7טן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן; ד) סטאַלינס רעדעס, בפרט די לעצטע פון 1946, ווען ער באַשטעטיקט, אַז פון אָנהייב אָן איז די צווייטע וועלט־מלחמה געווען אַן אַנטיפאַשיסטישע — קעגן דער אָפיציעלער קאָמאינטערן־שטעלונג ביז 27.6.41. איך האַלט, אַז די דאָזיקע אויסצוגן פון אָפיציעלע דאָקו־מענטן באַקרעפטיקן באַדייטנד די ריכטיקייט פון אונדזערע שטעלונגען.

2. דער צווייטער באַנד קאָן נישט זיין געווידמעט אויסשליסלעך די באַ־ציאונגען צום קאָמאינטערן, ווייל זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן גענצלעך אין 1925 מיט די אונטערהאַנדלונגען מיטן פּראָפאינטערן אין א"י, באַנייט געוואָרן ערשט 1936 מיט דער פאַרבינדונג פון אַנטיפאַ מיטן וועלט־אַנטיפאַ און שלום־באַוועגונג. אָבער מיר, אַלס אידעאישער טייל פון דער קאָמבאַוועגונג, האָבן פּאַראַלעל זיך אַנטוויקלט, צי אין קעגנזאַץ צו אירע שטעלונגען, צי אַמאָל בהסכם; דעריבער זענען דאָ קאַפּיטלען וועגן אייגהייטלעכן פּראָלעטאַרישן פראָנט און פאָלקס־פראָנט, וועגן פאַשיזם, וועגן מינכען־תקופה. אָבער לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, שטאָלץ מוזן מיר זיין באַזונדער אויף אונדזער שטאַנדהאַפטיקייט בעת דעם וועלט־קריג. דאָ האָבן מיר אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ווייל איך טאַקע דעם קאַפּיטל באַדייטנד אויסברייטערן, און טאַקע אונטערשטרייכן, למשל, אונדזער פּראָטעסט קעגן אויסשליסן די ליטווישע פאַרטיי.

3. יוסף שרייבט וועגן שטעלונג פון פּ.פּ.ס. צו פּילסודסקיס רעזשים (היינט אין פּוילן רופט מען — פאַשיסטישן, איך באַצייכן — האַלב־פאַשיסטישן). וואָסער אַנאַלאָגיע צו מדינת ישראל? אגב, וועגן פּילסודסקיס פּוילן קומען דאָך עטלעכע אַרטיקלען. אייער חשש וועגן אַן אַנאַלאָגיע איז אומבאַגרינדעט.

4. דאָס בוך ענדיקט זיך מיטן יאָר 1947, אָבער שפּעטער קומט דער קאַ־פּיטל: לקח העבר. פריער זענען געווען באַשטימט אייער אַרטיקל פון 1946

(ערב פאַראייניקונג מיט אחדות־העבודה) און נירס ערב דער חיפהער קאָנפערענץ 1957. דעם לעררייכן קאַפּיטל האָב איך באַשלאָסן אויסצובררייטערן דורך צוגעבן יוספס רעדע אויף אונדזער כינוס פון אָנהייב 1951, אויסצוג פון אונדזער פּלאַט־פאָרם און טאַקע די פאַרשלאָגן פון ערעמען פון סוף 1951, ווו עס איז אַזוי פּינקט־לעך פאַרויסגעזאָגט סנהס ביטערער סוף. דאָס וועט זיין בעסער, ווי נאָכאַמאָל אַרטיקלען.

4. צום אויסצוג פון טאַרעזעס רעדע דאַרף מען טאַקע ברענגען אייער באַמערקונג, אַז די שטעלונג איז געוואָרן „פאַרבעסערט".

איך וויל אָפּהאַלטן אונדזער רעדאַקציע־זיצונג מיטוואָך דעם 24.10. איך קום דעמאָלט צו דער מועצת החנוך פון דער הסתדרות. קלינגט זיך צונויף מיטן חבר זרובבל און שיקט אים גלייך איבער אונדזערעביידנס בריוו.

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 14.11.54

היינט האָב איך איבערגעלעבט אַ סך. ח׳ בענעק האָט מיר געבראַכט אַ בוך פון אַרגענטינע. מיט געמישטע געפילן האָב איך געבלעטערט דאָס בוך. אַ טיפער טרויער, וואָס יוסף האָט נישט זוכה געווען צו זען זיין פאַרטיק ווערק, און אַ פרייד, אַז אונדזער ביידנס פראַצע האָט געבראַכט אַזאַ שיינע פרוכט. עס קומט אַ טיפער דאַנק די אַרגענטינער חברים. איך וועל זיי שרייבן.

איצט שטייט אַ שווערע אויפגאַבע צו לייזן: ווי ברענגט מען אַהער די צוגעזאָגטע 500 עקזעמפּלאַרן? איך ברעך זיך שוין דעם קאָפּ.

בעט זייער שמעונען צואיילן זיין אַרבעט. ביז היינט האָב איך נישט די איבערזעצונג פון אייער אַרטיקל. היינט וועט איר געפינען אייערע דריי אַרטיקלען, איבערגעזעצט מיט מיין איינפאַכער עברית, אָבער יענער אַרטיקל מוז זיין שטאַרק אויך אין פאָרם, דעריבער האָב איך עס געגעבן שמעונען איבערזעצן.

איך וועל, וואַרשיינלעך, דאָנערשטיק נישט זיין אויף דער זיצונג, ווייל איך מוז צוגרייטן זיך צום אַרויספאָר פרייטיק אין גבעת־ברנר, און פאָרן צוויי טעג נאָכאַנאַנד אַהין און אַהער — איז פאַר מיר שעדלעך.

אויב איר וועט שרייבן אין גבעת־ברנר, וועט איר מיר פאַרשאַפן אַ סך הנאה.

אייער יעקב

מיין טייערער!

ירושלים, 16.11.54

כל זמן איך וועל לעבן, וועל איך באַטראַכטן פאַר מיין אויפגאַבע די עיקר־דיקע און די וויכטיקסטע — איבערגעבן אונדזערע ווערטן דעם נייעם דור. איז גוט, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט דיין אַרבעט וועגן ליטע. עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווו עס אויסנוצן, אַחוץ אין „ספר ליטא" — דיין שריפטשטעלערישע אַרבעט איז דיין וויכטיקסטע אַרבעט. גראָד לעצטנס געהאַט הנאה פון „אילת", „אַ ביסל פריידן", „אַ גרוס פון משמר הנגב". און אַ דריט בוך דערציילונגען — זיכער אַן אויפטו. איז געקומען די צייט זיך געזעגענען מיט וויניקער וויכטיקע אַרבעטן, אַפילו קופת־חולים. פּאָליטיש ווײַסטו דאַרפן זיין טעטיק אין עיריה און עווענטועל אין מועצה. דאָס וועט זיין איבערגענוג. אַחוץ דעם — אַ חבר אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע און אַ רעפּערענט דערצו.

אין די נאָענטסטע טעג גייט אַריין דער צווייטער טייל פון „ילקוט" אין דרוק (350 זייטן) — שנייד־אויס די נאָטיצן וועגן יידישן זאַמלבוך, אויב אַזעלכע זענען דערשינען אין אַרגענטינער פּרעסע, און שיק מיר צו, אויך ביי מיר איז נישטאָ דאָס בוך. דעם עקזעמפּלאַר וואָס בענעק האָט געבראַכט, האָב איך גלייך אַוועקגעשיקט פּעליען. — אַליע ליידט צוליב גרויסע ענדערונגען אין חוט־השדרה. איך האַלט זיך אַ דאַנק דער כישוף־רפואה „הידרין". דער דערפאַלג אין מעטאַל־פּאַראַיין איז איבערראַשנדיק. דאָס איז דער רעזולטאַט פון גוטער אַרבעט.

דיין יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 4.12.54

מיר איז אַ ביסל קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, זוך איך ממש אַ געלעגנהייט צו שרייבן איך וועגן אַ פּאָר ענינים:

1. פּעליע האָט מיר איירנעכטן דערציילט, אַז מוליע האָט שוין קוים דערקענט אַסאַווסקין, און אַז ער באַקומט כסדר איינשפּריצונגען אויף צו לינדערן זיינע ליידן. שטייט מיר כסדר אין זכרון אייער „בלעטערפאַל". אַט וויל איך פאַרזוכן אָנשרייבן אַ קורצן אַריינפּיר צום „ילקוט", געווידמעט יוספן און יצחקן. די האַנט הייבט זיך נישט, באַלד וועט מען דאָך מוזן שרייבן וועגן דריי.

2. אַ יישר־כוח שמעונען פאַר דערמאָנען 20 יאָר „נייוועלט". מילא, צו אַ יובל־נומער האָבן מיר נישט געהאַט קיין צייט און קאָפּ. אונדזערע ילקוטים זענען גוטע פאַרערונג סיי פאַר „נייוועלט", סיי פאַר „דרך הפועל". אָבער אפשר זאָל מען איינאָרדענען אַן עפנטלעכע פייערונג אָדער אַ חברים־צוזאַמענטרעף?

3. די פראַבע־נומערן פון „למרחב" נישט דערהאַלטן. לאָמיר האָפן, אַז די ציַיטונג וועט האָבן אריכת־ימים, און אַז מיר וועלן זיין גוט פאַרגעשטעלט אין פובליציסטישן טייל. כדאי ברענגען רעגולערע אויסצוגן אָדער אפשר גאַנצע אַרטיקלען פון אונדזער אויסלענדישער פרעסע.

4. וואָס הערט זיך מכּוח באַראַכאָוו־פייערונגען? הגם נאָך מיט דריי וואָכן צוריק האָט מען דאָ באַשלאָסן עס איינצואָרדענען, בין איך נאָך אַלץ נישט זיכער, צי די זאַך קומט צושטאַנד. די אַרבעט אַרום ילקוט און מיינע מיחושים, לעצטנס ווידער זיך אָפּגערופן, רייסן מיך אָפּ פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. דער באַריכט וועגן דער זיצונג פון קאָמיטעט פאַרן באַראַכאָוו־הויז האָט מיר פאַרשאַפט נחת. מיט 37 יאָר צוריק האָט דער רוסלענדישער צ. ק. באַשלאָסן אויפבויען אַ פּאַלאַץ אויף זיין נאָמען און אַזוי שפּעט ווערט עס רעאַליזירט.

5. איך האָב שוין געמאַכט די ערשטע קאָרעקטע פון 100 געשטעלטע זייטן. אויב ערעם וועט אַרויסקריגן פּאַפּיר ביים ועד הפועל, וועט מען גאָר בקרוב דרוקן. איך וויל דאָס מאָל ברענגען צוויי קלישעס: א) דעם שער־בלאַט פון אַנטיפאַ־מעמאָראַנדום אין צוויי שפּראַכן, ב) דעם שער־בלאַט פון „הלוחם", אונדזער בלאַט פאַר די יידישע זעלנער און דעם בריטישן מיליטער. זייט איר דערצו מסכּים?

מיט אַ פּאָר שורות דערמאָן איך אונדזער אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, פון די געפאַלענע — גרשון ראָטהאַלץ און חיים ראָסנער, געדענקט איר נאָך נעמען?

6. דעם ח' שעבּטער פון אַרגענטינע האָב איך נישט געפונען אין מכון למדריכי חוץ־לארץ, זיין נאָמען איז בכלל נישט באַקאַנט. דערווייל הער איך, אַז צו אייך האָט עמעצער געבראַכט 5 ביכער. שיקט מיר איינס, דאָס איבעריקע פאַרטיילט די פּ. ב. מיטגלידער. אָבער וואָס וועט זיין וויַיטער? אָן דער פאַר־שפּרייטונג אין ארץ־ישראל פאַרלירט אין מיינע אויגן דאָס בוך מער ווי אַ העלפט פון זיין ווערט. זאָל מען זיי שיקן פּריוואַטע אַדרעסן? איך האָב שטאַרק מורא, אַז דעמאָלט וועלן מיר קיין סך געלט נישט איינקאַסירן.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

14.12.54

נעכטן פאַרענדיקט מיט ערעמען און נירן וועגן מיין אַראָפּגיין פון דער אַרבעט פון 15.1.55. מען וועט דערלאַנגען אַ ביטע אין נאָמען פון רינגעלבלום־אינסטיטוט וועגן אויסבאָרגן מיך אויף אַ יאָר. מיט מיין היגן מנהל שוין פאַר־ענדיקט. בעת דעם געשפּרעך האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ ילקוט צום

50 יאָריקן יובל פון דער באַוועגונג. ערעם האָט ווידער אַרויסגערוקט אַ פאָר־שלאָג וועגן אַ באַראַכאָוו־כרעסטאָמאַטיע אין יידיש. מוז אונדזער פ. ב. דאָס אַנטשיידן.

זיי האָבן אויך פאַרגעלייגט צוקאָאָפּטירן צו דער רעדאַקציע פון די ילקוטים דניאלן. איך בין דערצו מסכים זייער גערן בתנאי, ער זאָל זיינע רעדאַקטאָר־פליכטן דערפילן אַזוי געוויסנהאַפט, ווי איר און אַבראַמאָוויטש. זיי האָבן פאָר־געלייגט געבן אַחוץ די קלישעס פון „אַנטיפאַ" און „הלוחם" אויך פאָטאָגראַ־פיעס. האָב איך פאָרגעלייגט געבן די פאָטאָגראַפיע פון דער פאַריזער וועלט־קאָנפערענץ (הענגט ביי נירן אין קאַבינעט) און אַן אויפנאַמע פון אַן אָוונט אין ירושלים לכבוד שפּאַניע מיטן אָנטייל פון שפּאַנישן קאָנסול אין יאָר 1938. זענט איר דערצו מסכים? האָט איר נאָך אַנדערע פאָרשלאָגן? איך וואָרט אויף אַ תשובה אויף לעצטנס באַרירטע פראַגן.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 27.12.54

אין „למרחב" — גאָר פיין. ערשט היינט געוועזן אין ביוראָ נאָך אַ 6־טאָגיקער קראַנקהייט. און דאָ הער איך, אַז אויך איר זייט קראַנק, און דער דאָקטאָר האָט אייך שטרענג אָנגעזאָגט ליגן אַ וואָך אין בעט. אַ שאָד, באמת, וואָס מאָרגן וועל איך נישט קאָנען זיין בעת דער פייערונג אין פּתח־תקוה. איך ווינטש אייך אַ רפואה שלימה! דער ענין פּאַפּיר איז אַזוי גוט, ווי דערלידיקט. דאָס זעצן וועט מען ענדיקן די צווייטע וואָך. און בקרוב וועט מען אָנהייבן דרוקן. האָט איר באַוויזן דורכקוקן דאָס געדענק־וואָרט און עס איבערגעבן שמעונען, ער זאָל אויסרעדאַגירן און וואָס שנעלער שיקן מיר? און ווי איז אייער מיינונג וועגן די קלישעס? ניר האָט מיר שוין געבראַכט די פאָטאָגראַפיע פון 6, מיט דעם וועט זיך עפענען דאָס בוך. מיין סעקרעטאַרין שרייבט שוין איבער די העברעישע זאַכן פון יוספן. און אויב אָסאָווסקי שרייבט ווייטער די יידישע, האָט די פּראַקטישע אַרבעט זיך שוין אָנגעהויבן.

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 29.12.54

איך שיק אייך דעם אָפּצוג פון דער צווייטער קאָרעקטע. האָט אַ ביסל הנאה, אַז די זאַך ווערט רעאַליזירט. דאָס זעצן ווערט פאַרענדיקט אין 3—4 טעג אַרום. מיין היגע סעקרעטאַרין שרייבט כסדר איבער יוספס העברעישע זאַכן. שטעלט אייך פאָר, דוד האָט געפונען אַ פולן קאָמפּלעט אויסשניטן פון „דרך הפועל",

„לאחדות העבודה" און „דבר". איך לאָז כמעט אַלץ איבערשרייבן. יוסף האָט אַליין די אַרטיקלען נאָך אַ מאָל רעדאַגירט. אַן ענלעכער קאָמפּלעט איז פאַראַן אין „גייוועלט". געבעטן ערעמען דערמאָנען שמעונען וועגן דעם געדענק־וואָרט. טאָמער זעט איר אים, דערמאָנט אויך.

איך פריי זיך שטאַרק, וואָס אייערע קינדער וועלן זיך באַזעצן אין ירושלים, נישט נאָר צוליב דער בעסערער צוזאַמענאַרבעט מיט שמעונען.

וואָס וועט זיין דער סוף מיטן פּ. ב.? וועלן מיר שווייגן און יוצא זיין מיט פירן עס אין אונדזער אייגענעם נאָמען?

איך לייג פאַר אומבאַדינגט רופן אַן אָפיציעלע זיצונג, אויב מען קאָן נישט דורכקומען היימיש.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 24.1.55

ווי אָנגענעם איז דאָס, פון האַלב אַכט פרי אין אַ פראָסטן מאָנטיק מאַכן קאָרעקטעס, ממש אַ מחיה!

ביז סוף וואָך וועט ווערן פאַרענדיקט אויך די דריטע קאָרעקטע. פרייטיק, שפּעטסטנס זונטיק, הייבט מען אָן דרוקן אָן שום איבעררייס.

דאָנערשטיק קומט פאַר די פּאָליטישע קאָמיסיע. וויל איך אויסנוצן מיין נסיעה אויך צוליב אונדזער רעדאַקציע־זיצונג: איך מוז אַרומרעדן אַ גאַנצע ריי פראַגן. איך לייג פאַר מיטוואָך 8 אָוונט, אָדער דאָנערשטיק 4—5 נ. מ. טעלעפאָנירט, ביטע, צו אַבראַמאָוויטשן און דניאלן און באַשטימט די פּאַסיקע דאַטע. אויב עס איז מיטוואָך, מוז מען מיר טעלעפאָנירן. אויב דאָנערשטיק, איז עס, נאַטירלעך, איבעריק.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 25.1.55

איצט האָט איר שוין דאָס פולע בילד פונעם בוך. עס וועט נאָך צוקומען דער אינהאַלט. אַזוי ווי זונטיק דאַרף איך קומען צו דער זיצונג פון פאַראייניקטן פּ. ב. וועל איך נישט זיין איבערמאָרגן. איך טאָר זיך נישט פאַרגינען די אָפּטע ענדערונגען פון מיין קאַפּריזנעם בלוטדרוק. בעט איך דעריבער אָפּלייגן די זיצונג פון אונדזער רעדאַקציע אויף זונטיק נאָך מיטאָג. טאָמער קומען פאָר עפּעס ענדערונגען, לאָזט טעלעגראַפירן. זייער אומגערן בין איך מוותר אויף דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע. דער פאָרשלאָג וועגן אייער אַריינ־

טריט אין פּרעזידיום פון שלום־קאָמיטעט אונטערשטיץ איך מיט פולן הארצן. איך שאַץ זייער הויך דעם אָנטייל אייערן אין די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפּע־רענצן. עס קומט אונדז. עס איז דאָך נישט קיין צופאַל, וואָס מפ״ם האָט אונדז דערוויטערט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

איצט, בעת דער קאָרעקטע, לייען איך און לייען די דאָקומענטן פון אונ־דזערע אַרויסטריטן אין 1936 און בין שטאָלץ דערויף.

ווי פאַרבינדט מען זיך מיט אייערע קינדער דאָ? דער טעלעפאָן, דער אַדרעס?

אייער יעקב

מיין טייערער שמעון!

ירושלים, 31.1.55

איצט איז מיין ריי צו טרינקען פון דעם בעכער גאַל צוליב די ביכער. מען האָט ביי מיר היינט נישט געוואָלט פאַר קיין פאַל אָננעמען די ביטע וועגן באַפרייען דעם קאָסטן ביכער פון צאָל־אַמט. איך האָב דיר בשעתו געשריבן, אַז יורקעוויטש מוז באַשטעטיקן אַ דערקלערונג, אַז דער קאָסטן איז אַ מתנה און ער באַפולמעכטיקט עמעצן אים אַרויסנעמען. אויב ער האָט אַזאַ פולמאַכט נישט אויסגעשטעלט פאַר דיר, אפשר איז עס געמאַכט אויפן נאָמען פון „תיור וטיול״? אויב נישט, מוז מען אַזאַ פולמאַכט ברענגען פון אים אַזש פון בוענאָס־איירעס. פאָלג מיר אַ גאַנג! בכל אופן, טאָמער איז אַזאַ פולמאַכט, על פי נס פאַראַן, מוז דער באַפולמעכטיקטער מיך באַפולמעכטיקן צו האַנדלען אין זיין נאָמען. איך האַלט זיך אָפּ פון אַליאַרמירן די חברים אין בוענאָס־איירעס, וואַרט־דיק אויף דיין תשובה.

מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף דיין תשובה.

דיין יעקב

מיין טייערער שמעון!

ירושלים, 4.2.55

1) עס קען אַזוי ווייטער נישט גיין. אין אַ העלן פרימאָרגן וועסטו זיך אַליין כאַפּן, אַז דו האָסט מיסגעברויכט מיט דיינע כוחות איבער יעדער מאָס. אָט זענען מיינע פאָרשלאָגן: א) דו פאָדערסט אַריבערפירן דיך פון דער פעלד־אַרבעט, לכל־הפחות אויף דער אַ צייט, צו ביוראָ־אַרבעט — נעם אַ צייגעניש פון דאָקטאָר; ב) דו רעזיגנירסט פון דיינע וויניקער וויכטיקע הסתדרותישע אַמטן, ווי סעקרעטאַר פון אָרטיקן וועד מפקח אין קופּת־חולים, פון צרכן וכדומה; ג) אויף אַ פּאָר חדשים הערסטו אויף שרייבן אַרטיקלען; ד) און דער עיקר —

דו לאָזסט זיך אָוועקשיקן אויף אַ וואָך אין שפּיטאָל צום אונטערזוכן גענוי און גרינטלעך.

וועגן זיך קאָן איך רואיק זאָגן, אַז דורך ענדערן מיין לעבנס־שטייגער האָב איך אין אַ היפּשער מאָס אויפגעהאַלטן מיין אַרבעטס־פעיקייט.

2) איך וועל אַליין קומען קיין חיפה. אָבער נישט פריער, ווי נאָכן פּאַרטיי־ראָט. די נאָענטסטע וואָך טאָר איך נישט איבערלאָזן די דרוקעריי, אַפילו אויף אַ טאָג. פון 22 דרוק־בויגנס זענען שוין 14 אָפּגעדרוקט.

מיט גרוסן

דיין יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 5.2.55

1. היינט ענדיקט מען דרוקן דאָס בוך. אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט מען עס שוין קאָנען אַרויסלאָזן אויפן מאַרק. הלוואי די פאַרשפּרייטונג זאָל זיין ווי געהעריק. דאָס איז איצט דער שוואַכסטער פּונקט אין אונדזער אַרבעט.

2. אָנגעשריבן דעם אַרטיקל וועגן מוליען און גיב עס איבער אין אייערע הענט, כחומר ביד היוצר. עס וואָלט נוצלעך געווען עס לאָזן איבערשרייבן אויף דער מאַשין, איידער מען שיקט אין דער דרוקעריי.

3. אָנגעשריבן אַ באַגריסונג־נאָטיץ פאַר האָפערן און אַוועקגעשיקט אין „נייוועלט". אויך אומבאַקאַנטע זעלנער פאַרדינען אַ גוט וואָרט, און נישט דווקא בעת דער לוויה.

4. אָנגעשריבן דעם קאָמוניקאַט וועגן דער נייער אַרבעט. רעדאַגירט, ביטע, אויס און לאָזט פונאַנדערשיקן אין אַלע אויסלענדישע פּאַרטייען אַחוץ אין „נייוועלט".

5. אין עטלעכע טעג אַרום שטעל איך צו דער רעדאַקציע יוספס העברעיש געשריבענע אַרטיקלען — ביז 100 זייטן, אַ דריטל פון בוך.

אייער יעקב

פאַראַן ידיעות פון ערעמען און נירן? פון איין זייט פרייט מיך שטאַרק אייער אָפּט דערשיינען אויף דער פּאַרטיי־בימה, פון דער צווייטער אָבער, ציטער איך פאַר אייער געזונט: כאַפּט נישט איבער די מאָס. דער באַזוך ביי אייערע קינדער האָט פאַרשאַפן אַליען און מיר אַ סך פרייד און נחת.

עיקר שכחתי:

1. אין דער בראָשור וועגן האַלענדערסקי איז פאַראַן מוליעס אַ לענגערער אַרטיקל. צוזאַמען מיטן אַרטיקל פון „פּועלי־ציון־אַלמאַנאַך" מוז עס אַריינגיין

אין געדענק־בוך. עס איז אומגלויבלעך, אַז די בראָשור זאָל זיך נישט געפינען אין רינגעלבלום־אינסטיטוט. אין ערגסטן פאַל, וועל איך עס צושיקן, הגם מיט האַרצקלאַפּעניש, ווייל עס איז אַ גאַנצע זאַמלונג פון בראָשורן.

2. איך שיק אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס, לויט מיין מיינונג, דאַרף אַריינגיין אין בוך. מען דאַרף באַצייטנס זאָרגן וועגן אַ הילע. אויב עס וועט אַנטהאַלטן אַן ערך הונדערט זייטן, דאַרף מען מאַכן אַן איינבונד, לכל הפחות, פון קאַרטאָן.

י. פּ.

מיין טייערער זרובבל!

ירושלים, 8.2.55

פאַרענדיקט מיט מזל דאָס דרוקן. איצט ליגט אויף מיר דער יאָך פון אָרגאַניזירן די פאַרשפּרייטונג. און פאַר אַלעמען — אַרויסראַטעווען דעם קאָסטן ביכער. איך האָב געשריבן צום ח' קדם פון „תיור וטיול" און געבעטן: אפשר קאָנען זיי אַרויסנעמען דעם קאָסטן, באַצאָלנדיק דעם צאָל? אונדז לוינט עס, איידער צאָלן לאַגער־געלט קנאַפּע 2 חדשים. אויב דאָס איז אוממעגלעך, זאָלן זיי באַזאָרגן אַריינשטעלן דעם קאָסטן אין אַ „באנדיד", קאָסט עס כאָטש ביליקער. קיין תשובה האָב איך נישט. זוכט אים אויס טעלעפאָניש און פועלט, עס זאָל ווערן דערליידיקט. איך האָב געשריבן וועגן דעם זעלבן צו שמעונין, איז ער שרעקלעך נערוועז און שעמט זיך ווייזן אין פאַרט צוליב דער נאַרישער מעשה מיט אַ פרעמדן קאָסטן. איך האָב געשריבן צו שמחה סנה און געבעטן אַ פולמאַכט פון יורקעוויטשן, באַשטעטיקט אין אונדזער געזעלשאַפט. מעשה שטן, קומט יורקעוויטש אַהיים ערשט אָנהייב מערץ. איך האָב געשריבן צו גאָלדמאַנען און סנה אויך וועגן דער יידישער אויסגאַבע פון יוספס און יצחקס כתבים, דאָס איז אָבער נישט קיין אָפיציעלע ווענדונג, וואָס דאַרף קומען פון אייך. מיר מוזן באַצייטנס אויפקלערן. צי לוינט פּטרן צייט און כוח אויף צוגרייטן די יידישע כתב־ידן, ווייל אין ערגסטן פאַל, וויל איך צוגרייטן אויך אַ ילקוט וועגן דער יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד, כאָטש אַרויסגעבן וועט מען עס קאָנען ערשט אין 1956. מיין אַרטיקל וועגן מוליען און די נאָטיץ וועגן די כתבים האָט איר זיכער דערהאַלטן.

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 16.2.55

1. צי האָט איר באַמערקט, אַז אין דער דעקלאַראַציע פון פאַרטיי־ראַט פעלט איין „קלייניקייט": דער פּאַסוס וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אַראַבישע אַרבעטער אין דער הסתדרות? גלילי האָט עס אַליין אָנגעשריבן;

אויף דער שלוס־זיצונג איז קיינער קעגן דעם נישט אַרויסגעטרעטן. נעכטן 6 פּאַרנאַכט האָב איך דורכן טעלעפּרינטער דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט און פאַרלאַנגט געבן אַ תּיקון־טעות אויף דעם זעלבן אָרט. אָבער היינט האָב איך דעם תּיקון־טעות נישט געפונען. די זאַך ווערט ערנסט. איך פאַרלאַנג אייער באַלדיקע אינטערווענץ. זאָל מען צולאָזן אַ בכיוונדיקע האַנדלונג? איך ראַנגל זיך מיט דעם דאָזיקן פאַרדאַכט. גיכער אַ טעות ביים איבערשרייבן אָדער שטעלן. בכל־אופן, דער תּיקון־טעות מוז קומען. האַנדלט, חבר זרובבל, שנעל און ענערגיש.

2. נעכטן האָט מיך באַזוכט משה לעבעדיקער פון אַרגענטינע, דער פאַר־זיצער פון אונדזער פאַרלאַג „אונדזער וואָרט". ער איז שוין דאָ אַ וואָך. איך האָב נישט באַוויזן אויפצוקלערן, ווי אַזוי ער האָט זיך נישט באַוויזן פאַרשטענ־דיקן מיט אייך. באַלד — איצט פּרי — וועל איך אים נעמען אויף אַ שפּאַציר איבער ירושלים, הגם איך פיל זיך נישט גוט: יעדעס מאָל נאָכן קומען קיין ירושלים לייד איך צוליב שטייגן פון בלוטדרוק.

3. איך בין אומרואיק צוליב שמעונס געזונט־צושטאַנד. דערוואַרט אַ תּשובה אויף מיינע קאַרטלעך צו שׂרהן און צום מנהל פון קופּת־חולים. האָט איר טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל „הכרמל"?

4. ביים איינבינדער איז אָן אָפּהאַלט, צוליב פעלן פון לייוונט. איך פאָדער, נאַטירלעך, עס זאָל זיין פּונקט דאָס זעלבע, ווי ביים ערשטן באַנד.

מעגלעך, אַז „למרחב" וועט זיך נעמען פאַרשפּרייטן ביידע ביכער צוזאַמען. נאָך אַ שמועס מיט דוד סווערדלאָוו און נחמן טענענבוים, געשיקט זיי נעכטן אַ שריפטלעכן פאַרשלאַג. טעלעפאָנירט צו נחמנען, ער זאָל צואיילן די פּאָזיטיווע תּשובה.

אייער יעקב

טייערע שמעון, שׂרה און גיטעלע!

ירושלים, 16.2.55

געבענטשט זאָל זיין דער גורל, אַז אונדזער שרעק איז געווען איבעריק און אומזיסט. אָבער, דאָס איז אַ „פּאָויעסטקע", דאָס איז אמת. גראָד אַ וואָך פאַר דער קראַנקהייט האָב איך פאַרגעלייגט שמעונען אַ ריי „רעפאָרמען" אין זיין אַרבעט און לעבנס־שטייגער. דערויף וועט זיך שטיין דער פאַראייניקטער פראָנט — שׂרהלע, גיטעלע און איך. ווען קאָן מען זיך ריכטן, אַז שמעון זאָל פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, און וווהין וועט ער פאָרן אויף אָפּרו?

— נעמט אָן אונדזערע האַרציקע גרוסן — פון אַליען און פון מיר.

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 25.2.55

ענדלעך קומט אונדז אַ מזל־טוב — דערשינען דאָס פינפטע בוך פון אונדזער סעריע. „אויב גאָט וועט געבן געזונט און לעבן", וועלן צוקומען היי־יאָר נאָך פיר: מוליע, יוסף, יצחק, צווייטער באַנד אין אַרגענטינע. הלוואי זאָל מען עס דערלעבן! איך לייג פאַר אונטערשרייבן די אַלע ביכער פאַר די חברים פון קיבוץ. זאָל עס זיין אונדזער מתנה צו זייער גרויסן יום־טוב. איך קום נישט, לײַדער. געהאַט אַ שלעכטע נאַכט. וועל איך זיך פרייען פון דער ווייטנס. צי וואָלט עס געווען איך שווער פאַרטיילן פערזענלעך די ביכער? אָנגעלערנט דורך דער דערפאַרונג, האָב איך מורא עס אָנפאַרטרויען עמעצן. זונטיק שיק איך פאַר די איבעריקע מיטגלידער פון פ. ב. און רעדאַקציעס. איך שיק איך די ערשטע עקזעמפּלאַרן, מיט 10 מינוט צוריק באַקומען פון דער דרוקעריי.

איך לייג ביי דעם קאַסע־באַריכט פאַר אָנדערהאַלבן יאָר.

אייער יעקב

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 10.3.55

איך וועל, לײַדער, נישט קומען צו דער זיצונג, הגם ווילן ווילט זיך מיר גאָר שטאַרק. יעדעס צוריקקומען קיין ירושלים רופט אַרויס אַ שאָק, אַן אויפֿשטייג פון בלוטדרוק. איצט נעם איך מיין רפואה צוויי מאָל אַ טאָג, בלויז אַ דאַנק דעם קען איך אַרבעטן.

ענטפערט מיר, ביטע, גלייך: צי מלך ראַוויטש וואָלט מסכים געווען קומען קיין ירושלים אויף אַ קאַציזנע־אָוונט און מיט אים דניאל? די פירמע קאָן זיין: שוחרי בית־קצנלסון בקבוץ לוחמי הגיטאות. איך מיין, אַז אונטער דער פאַרטיי־פירמע וועט ער נישט מסכים זיין אַרויסטרעטן. און וויפל דאַרף מען אים צאָלן האָנאָראַר? מאָרגן נעם איך זיך זוכן צפורה בלאָך. ווי זענען אויפגענומען געוואָרן אונדזערעביידע ביכער אויף דעם צוזאַמענקום? שבת וועלן אונדז באַזוכן אייערע קינדער זאַלבעפערט. מיטוואָך, דעם 16.7, פאָרן מיר ביידע אין בית־רמז. דאָרטן וועלן מיר זיך צוזאַמען מיט שמעונין. פון אים האָב איך דערהאַלטן אַ קאַרטל, וואָס זאָגט עדות, אַז ער האַלט נאָך היפש ווייט פון אמתן געזונט ווערן.

אייער יעקב

בריוו צו חברים

מיין טייערער חבר זרובבל!

זכרון־יעקב. 20.3.55

איך שעם זיך צו דערציילן וועגן אַ נאַרישן „קווי־פּראָ־קוואָ". ווען איך האָב געפונען די פּרוי, וועלכע איך האָב יאָרנלאַנג געהאַלטן פאַר צפורה בלאָך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז עמעץ אַן אַנדערע (אויך אַן עובדת סוציאַ־לית). אין צווישן בין איך אַוועקגעפאָרן. האָפנטלעך, וועט עס נישט זיין צו שפּעט אויסצונוצן די ידיעות, אויב איך וועל זיי שאַפן אַנהייב אַפּריל. ווען גייט אַריין דאָס בוך אין זאַץ? געווען מיט שמעונען אַ פּאָר טעג. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים פיל פריער, ווי ער האָט געמעגט, לויט מיין מיינונג. ער בונטעוועט זיך, וויל נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער מוז ראַדיקאַל ענדערן זיין אַרבעט און לעבנסשטייגער. מיין אַרבעט האָט זיך ווידער אַ רוק געטאָן. איך האָב שוין קרוב 200 זייטן טעקסט, אויך אַ טייל ביבליאָגראַפיע. איך רעכן האָבן פאַרטיק דאָס בוך צום זאַץ אין יוני.

האָט איר אָפּגעמאַכט ענדגילטיק מיט טורקאָוון וועגן לעווס בוך?

דאָ איז פּרעכטיק. זענט איר שוין דאָ געווען?

טייערער מיינער!

ירושלים, 12.5.55

לאָמיר זיך זאָגן „מזל־טוב"! עס איז אַ טרייסט און אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַזוי פיל יאָרן האַרץ־ווייטיק.

עס לאָזט מיר נישט אָפּ די זאָרג: וואָס מאַכסטו? צי איז פאַראַן אַ בעסע־רונג? ביסטו לעצטנס געווען ביים דאָקטאָר? צי איז דאָך נישט כדאַי איבער־רייסן די אַרבעט אויף אַ פּאָר וואָכן, כדי גרינטלעך זיך אויסרוען, אפשר אַפילו ווידער אַרויספאָרן?

איך בעט דיך, אויב עס איז דיר נישט שווער: מאַך אַ ביבליאָגראַפיע פון יוספס אַרטיקלען אין דעם קאָמפּלעט פון דער ליטווישער פּרעסע. יוסף האָט געהייסן זיינער צייט איבערשרייבן בלויז דריי אַרטיקלען. האָט ער דען מער נישט געשריבן? געדענק אָבער פאָלגנדעס: נאָך יוספס אָפּפאָר פון ליטע האָט יוסף פרידמאַן אָנגעהויבן חתמענען „יוסף". זיינער צייט בין איך „אַריינגעפאַלן", איבערזעצט פאַרן „ילקוט" פרידמאַנס אַרטיקל, נאָר אַ דאַנק יוספס ריכטיק־שטעלונג, אַרויסגענומען פון בוך. איך נעם דיך אַרום.

דיין יעקב

האַרציקע גרוסן פאַר דיינע טייערע ווייבער.

טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, 12.6.55

איך בין צופרידן, וואָס איך קאָן אייך צושטעלן די רעשט מאַטעריאַלן פאַר יוספס בוך. עס פעלן נאָך: „די יידאַרבעט פון דער קאָמפּאַרטיי אין פוילן״. דערמיט ווערט פאַרענדיקט דער הויפּטטייל פון בוך — איבער 900 זייטן. איך וועל בעטן שמעונען דורך די 2—3 וואָכן פאַרענדיקן די סטיליסטישע רעדאַקציע.

זייער נישט גערן שייד איך זיך מיט דער אַרבעט, וואָס איז מיר אַזוי נאָענט, אַפילו אויף דער קורצער צייט.

אָסאָווסקי האָט שוין אָפּגעדרוקט דעם צירקוליאַר צו די חברים. איצט דאַרף מען אָפּהיטן, ער זאָל עס טאַקע פונאַנדערשיקן. איך האָב אָפּגערעדט וועגן 300 אַדרעסן אין לאַנד. מען דאַרף אויך שיקן אַ געוויסע צאָל קיין אויסלאַנד.

איך באַמי זיך פאָרן מיטוואָך. אַליע וויל דורכויס, איך זאָל פליען מיט מאַהלערן, האָב איך נאָך נישט די וויזע.

קלינגט, ביטע, גלייך צו קאַפּיטן: צי האָט ער שוין אַרויסגעשיקט די באַ־שטעטיקונג פאַרן קאָנסולאַט? איך מוז עס האָבן ביז היינט אָוונט.

קלינגט אויך צו „עמיתור״, משה גוזמאַן, טל. 4276. זיי מוזן מיר היינט צוריקשיקן דעם פּאַס מיטן בילעט. אויב איך וועל מאָרגן קריגן די וויזע, וויל איך פאָרן דורכויס מיטוואָך. אין דעם פאַל וועל איך טעלעגראַפירן, איר זאָלט צונויפרופן אויף דינסטיק אָוונט אַ זיצונג. די גאַנצע אייִלעניש איז מיר שרעקלעך דערווידער.

אייער יעקב

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, שבועות תשי״ד

אָט האַלטן מיר שוין נאָך די שלושים. די אזכרה אין תל־אביב איז געווען ווירקלעך אימפּאָזאַנט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז איך האָב פּערזענלעך גע־קענט די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דעם פאַרזאַמלטן עולם, וואָס האָט פאַר־פולט דעם „אהל״־זאַל אונטן און אַ טייל פון דער גאַלעריע.

אייער בריוו, וואָס האָט אַזוי פולקאָם אויסגעדריקט אונדזערע אַלעמענס געפילן, האָב איך פאַרגעלייענט פּאַיען און פעליען; ער האָט אויף זיי געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. פּאַיע איז פיזיש גוואַלדיק אָפּגעשוואַכט, קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס. פעליע אַרבעט שוין זינט 2 וואָכן. אַ גליק פאַר זיי ביידן, וואָס זיי האָבן די זין, און פּאַיע דערצו נאָך — אייניקלעך. דאָס וועט זיי אויפ־האַלטן ביים לעבן.

היינט פאַר איך צום פערטן מאָל צו מוליען קיין מוצא. אונדזער אַלטיטשקער מאַטערט זיך, האָט ווייטיקן. אין אַ וואָך אַרום דאַרף ער שוין קומען קיין תל־אביב, אָבער דער געדאַנק זיינער אַרבעט כסדר נישט וועגן זיך, נאָר וועגן דער באַוועגונג. דאָס איז צו באַוווּנדערן.

איך בין זייער באַזאָרגט וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי. די באַציאונגען זענען גוואַלדיק אָנגעשטרענגטע, ממש ערב אַ שפּאַלטונג. דער דירעקטער שטויס דערצו איז די אויסגאַבע פון חטיבה־צייטונג „למרחב״. דער ערשטער נומער מאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. איך פאַרשטיי בשום אופן נישט, פאַרוואָס דאַרף מען איצט צושפּיצן די באַציאונגען. אמת, מיר קאָנען נישט אָננעמען יעריס נייע תורה ווי זי שטייט און גייט. נאָר אָט האָב איך איבערגעלייענט דאָרמאַנס קריטיק פון יעריס ביכל, און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרדייען זיין אַרויס־טריט קעגן דער „קאַנאָניזאַציע״ פון באָראָכאָוון. אין אַזעלכע גרונטזעצלעכע ענינים פון אידעאָלאָגיע קאָנען מיר זיך נישט אידענטיפיצירן, נישט מיטן השומר הצעיר און נישט מיט אחדות־העבודה. די פּועלי־ציוניסטישע קעפּ שטאַרבן טאַקע אויס, אָבער כל זמן זיי לעבן, מוזן זיי טראַכטן זעלבשטענדיק. אָבער דער עיקר: די ברייטע גאַס וועט נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דווקא איצט אַ שפּאַלטונג ביי מפּ״ם. טרייסט מיך משה: דאָס איז נישט מער, ווי צווינגען דעם השומר־הצעיר צו אַ רונדן טיש, ער זאָל איינגיין אויף פּאַריטעט. אָבער איך לעב אין שרעק, אַז אָט אַזוי — נישט מיר, נישט דיר — וועט די געפער־לעכע שפּיל זיך ענדיקן מיט אַ שפּאַלטונג, און מפּ״ם וועט האָבן דעם גורל פון אונדז: די איבערחזרונג פון אונדזערע שפּאַלטונגען מיט די יצחקיסטן, נאָר אויף אַ העכערן און מער אחריותפולן שטאַפּל פון דער געשיכטע.

אייערע גרויסע דערפאָלגן אין אויסטראַליע זענען אַ פּרעכטיקע פאַרענ־דיקונג פון אייער רייזע אַרום דעם יידישן ערד־קוגל. אדרבא, זאָל עמעצער פון דער מפּ״ם־גרופּע אָנשרייבן וועגן דעם פאַר „על המשמר״ און „נייוועלט״; כל זמן איך זיץ אין קופּת־חולים, איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט איך זאָל אויסברייי־טערן מיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג. נאָך ערגער: זינט צוויי חדשים האָב איך גאָרנישט געטאָן פאַרן צווייטן טייל פון בוך. כל זמן די שוויגער געפינט זיך ביי מיר אין שטוב, מוז איך העלפן אָליען זי צו פלעגן. דאָך האָף איך, אַז ביז סוף יאָר וועל איך דאָך אַרויסגעבן דעם ערשטן טייל. די שטערונג איז דער עיקר אַ פינאַנציעלע: דער פאַרקויף פון ערשטן טייל גייט נישט אַזוי גוט, ווי איך האָב געהאָפט, — איז נישטאָ מיט וואָס צוצוטרעטן צום צווייטן טייל, ביז די חובות פון ערשטן וועלן זיין געדעקט.

זייט מיר האַרציק געגריסט.

אייער יעקב פ.

פעטערזייל־בוך

מיין טייערער חבר זרובבל!

ירושלים, ערב פסח תשי״ד

צוליב דעם איינבינדערס שולד שיק איך ערשט איצט דאָס בוך. פון די ביכער זענען ביי מיר פאַראַן 600. די איבעריקע פאַרקויפט, אָדער אַזוי גוט ווי פאַרקויפט. האָפנטלעך, וועט די ערשטע אויסגאַבע בקרוב ווערן פאַרקויפט. הערט איר אָפּקלאַנגען וועגן בוך?

צי האָט איר איינגעלאַדן ראָזנבערגן דורכקוקן די צייטונגען פון 1930—1939, וואָס זענען פאַראַן אין ארכיון־עבודה? צי לאָזט איר איבער דעם שליסל יוספן, ער זאָל קאָנען אויסקלייבן, וואָס געבן אָסאַווסקין צום איבערשרייבן? עס וואָלט געווען אַ שאָד אָפּשטופּן די אַרבעט ביז אייער צוריקקומען.

מיטן דערפאָלג פון אייער רייזע בין איך באַזאָרגט. איך ווינטש אייך אָבער געזונט, איר זאָלט קאָנען פאַרטראָגן די גרויסע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג, וואָס עס פאַרלאַנגט אַזאַ רייזע.

האָבן מיר אַ נייע צרה: אָליעס מוטער האָט מען אָפּערירט, און שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נייטיקערהייט.

„אסופות״, ווי איך זע, האָט איר באַוויזן אַרויסלאָזן ביז אייער אָפּפאָרן. און וואָס הערט זיך מכוח אייער בוך?

אייער יעקב

קרן קימת לישראל
חורשה
ע"ש
יעקב פטרזייל ז"ל

אינהאַלט

זייט

פון די אַרויסגעבער 5

I פּעטערזייל — זיין לעבן (אָפּשאַצונגען און זכרונות)

אֵליאָ / זיין לעבנס־וועג 9

י. זרבבל / אויף פּעטערזייל איז אַוועק 43

נ. ניר / דער ריינער מענטש און חבר 51

ד"ר רפאל מאהלר / יעקב פטרזייל 57

ע. א. סימון / יעקב פטרזייל 62

יאָסל חריף / אַן פּעטערזיילן 64

ל. שמעוני / געפאַלן אין מיטן דער אַרבעט 67

חיים וואַרזאַגער / יעקב פּעטערזייל, ווי איך געדענק אים 73

רחל הערמאַן / יוגנט־זכרונות 77

רבקה גורפיין / על יעקב — צרור זכרונות 81

מנשה טשרניקר / למותו של חבר דגול 84

מנוס גולדברג / בחוג משפחתו 86

ד"ר יוסף קרוק / יעקב פּעטערזייל — דער היסטאָריקער און דער מענטש 88

גבריאל שטרן / לוחם ההבנה היהודית־ערבית 94

גרשון חנוביץ / שנות חברות עם יעקב פטרזייל 96

אהרן כהן / ידידות מעל למחיצה 100

א. ווערבער / באַגעגענישן מיט י. פּעטערזייל 109

ישראל ברזילי / המאמין בתום לבב 113

ישראל גור / חבר למופת 117

חיים פינקלשטיין / אַ בוים איז אויסגעריסן געוואָרן 118

משה ערעם / דאָס פלאַמיקע האַרץ פון דער באַוועגונג 123

II פון זיין פעדער (אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען)

צו דער 11טער יאָרצייט פון בער באָראָכאָוו 135
קרים, בירָאבּידזשאַן און פּאַלעסטינע 139
דער וועלט־קאָנגרעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל 147
פאַלשע נביאות אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט 152
דער שידוך פון „אחדות־העבודה" מיט „הפועל־הצעיר" 157
די ירידה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע 162
דער בלאָק פון אָפּאָרטוניזם און אַרבעטער־פּאַראַט 166
דער באַריכט פון דער ענגלישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע 170
דער נייער שאַנד־דאָקומענט פון מאַקדאָנאַלדס רעגירונג 174
דער וועג פון חניפה און פעטיציעס 180
דער מאַקדאָנאַלד־בריוו אין דער טעאָריע און אין דער פּראַקטיק . . . 184
דער ציוניסטישער פּאַשיזם 191
די צעירי־ציוניסטישע רעטער פונעם בירגערלעכן ציוניזם 195
די יידישע ווירקלעכקייט אינעם ראַטנפאַרבאַנד 202
די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט 210
תנועת הפועלים על פרשת דרכים 214
לקח בירו־בידז'ן 218
היסודות החברתיים של החקלאות הסובייטית 221
שנה להצהרת בירו־בידז'ן 225
הקומאינטרן על כף תקופה חדשה 228
אונטער דער שוץ־מויער פון שקלים 234
קעגן דעם אַטענטאַט אויף אונדזער וואַל־רעכט 237
פ. ק. פ. מאָבּיליזירט 241
שמעון איזביצער צו זיין ערשטער יאָרצייט 244
רעוויזיאָניסטישע שאַקאַלן 247
באָראָכאָווס שלום־פּראָגראַם 249
חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי 258
די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן 260
במבחן ההיסטוריה 265
תכנית הפדרציה של מוריסון 269
ההעפלה — סמל מלחמתו של העם היהודי 272

ההתישבות העובדת בצבת 276
נתנגד להפיכת ארצנו לשדה קרב! 279
יש לפתוח את שערי ההסתדרות הכללית בפני הפועלים הערבים . . . 280
להבראת המצב הכלכלי 281
דו־לאומיות כיצד? 285
קהילה חילונית על שום מה? 287
ארץ ישראל במערכת הדמים 290
על „מציב" ודרכו 293
בשבילי ההגירה היהודית 296
ארץ־ישראל לא תיבנה מאבדן ספרד! 299
הישוב היהודי בארצות־הברית 301
לקראת צורה חדשה בהתישבות העובדת 303

III בריוו צו חברים 311

זכרונות און מאָנאָגראַפיעס

דערשינען אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג

י. זרבבל	עלי חיים
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ספר זרבבל	צו זיין 75סטן געבוירנטאָג
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
מוליע (שמואל עדלמאַן)	זאַמלונג צו זיין אָנדענק
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)